STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07200

DRAY ESEYEN

J. Wolf

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. וואָלף

דרײַ עסײען

ח. וואָלף

דריי עסייען

אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס
בוענאָס-איירעס, 1969 (ה׳תשכ״ט)

כאַראַקטער און אַנשויונג

קאַפּיטל 1

די וועלט און די דענקער

I

די וועלט האָט אַן אמת, נישט מער ווי איין איינציקן אמת, נאָר מיר ווייסן אים נישט. אויב די וועלט עקסיסטירט, האָט זי אַ רעאַליטעט, אַ רעאַליטעט אַן אָביעקטיווע, אַן אינזיכיקע, אַזאַ וואָס קערט אינגאַנצן צו איר זיין און גאָרנישט צום מענטשנס דענקען, אָבער מיר ווייסן נישט די דאָזיקע רעאַליטעט. ווען עס וואָלט מעגלעך געווען זיך צו דערוויסן, אויף אַן אַבסאָלוט־זיכערן אופן, די רעאַליטעט פון דער וועלט, וואָלט מער נישט געווען ווי איין פילאָסאָפישע שיטה, איין וועלט־טעאָריע, אַ טעאָריע וועלכע וואָלט, ווי אַלע טעאָריעס פון זיכערע זאַכן און דערשיינונגען, באַשריבן דעם איינציק־ריכטיקן אופן פון דער וועלטס זיין און איר פונקציע. ווייסן מיר אָבער נישט די דאָזיקע איינציקע רעאַליטעט פון דער וועלט און עס איז אוממעגלעך זי זיך צו דערוויסן. די וועלט איז צו פאַרבאָרגן און צו מיסטעריעז, אַז מיר זאָלן זי קענען זען דורך און דורך און אַלץ אין איר זאָל זיין פאַר אונדז קלאָר און אָפּגעדעקט. די וועלט איז פאַר אונדז נאָך אַלץ אַ סוד און אַ רעטעניש און ביז איצט איז נאָך נישט געלונגען אַרויסצוברענגען אַזאַ מין וועלט־טעאָריע וועלכע זאָל אַלעמען צופרידנשטעלן, זאָל אַלעמען איבערצייגן און קריגן די אויפריכטיקע הסכמה פון אַלע דענקענדיקע מוחות. ביז איצט איז עס נאָך, ווי עס איז געווען אין די אָנהייב צייטן פון פילאָסאָפישן געדאַנק, אַז דאָס וואָס איז פאַר איין דענקער דאָס לעצטע וואָרט פון אמת, ריכטיקייט און זיכערקייט, איז פאַר אַ צווייטן דענקער אַ טעות גמור און פאַלש ביז אין גרונט.

די פאַרשידנקייט און קעגנזעצלעכקייט פון די שטאַנדפונקטן, דאָס איז דער גרונטשטריך פון דער פילאָסאָפיע, דאָס איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט איר. אויב עס וועט אַ מאָל קומען אַ טאָג ווען עס וועט אַרויסגעבראַכט ווערן אַ וועלט־טעאָריע וועלכע וועט צווינגען אַלע מענטשן זי אָנצונעמען און קיין אַנדער וועלט־

טעאָריע וועט נישט זיין, דעמאָלט וועט האָבן געקומען דער סוף פון דער פילאָ־סאָפיע און עס וועט עקסיסטירן בלויז וויסנשאַפט. די פילאָסאָפיע וועט זיך האָבן אויפגעלייזט אין דער וועלט־וויסנשאַפט און עס וועט פאַר איר מער קיין פלאַץ נישט זיין.

אַ וויסנשאַפט קען זיין בלויז איינע. קיין צוויי וויסנשאַפטן וועגן איין און דער זעלבער זאַך, קענען נישט זיין. צוויי וויסנשאַפטן פאַר אַ מאָל וואָלטן גע־מיינט קיין איינע אויך נישט. אין דעם אָפּגעשלאָסענעם ווינקל אין וועלכן די וויסנשאַפט אָפּערירט — אין אונדזער רוים, אין אונדזער צייט און מיט אונדזע־רע איינגעשטעלטע דערקענטעניש־מיטלען — מוזן די זאַכן פאַרקומען נאָר אויף איין באַשטימטן אופן. און אָט דעם איין באַשטימטן אופן זוכט די וויסנשאַפט אַרויסצובריינגען און טעאָרעטיש צו שילדערן, דאָס הייסט, זי זוכט צו מאַכן די איינציקע אמתע טעאָריע פון דער איינציק אמתער פראַקטיק. אויב מ׳זאָל אָננעמען, אַז אַפילו אינערהאַלב אָט דעם באַגרענעצטן פאַרש־קרייז פון דער וויסנשאַפט, איז אויך נישט פאַראַן קיין איין פעסטגעשטעלטער אופן פון זאַכן און דערשיינונגען, נאָר אַז זאַכן און דערשיינונגען זיינען און קומען פאָר, אויך דאָ, אויף פאַרשידענערליי און קעגנזעצלעכע אופנים, וואָלט מען מיט דעם אָפּ־געפרעגט די מעגלעכקייט פון וויסנשאַפט בכלל, און דאָס קען מען נישט. מיר ווייסן אויף זיכער, אַז, לכל הפּחות, אין אונדזער אָפּגעגרענעצטן זע־קרייז, עק־סיסטירן די זאַכן און פּראָצעסן אויף אַ באַשטימטן פעסטגעזעצטן אופן. און אָט דעם איין באַשטימטן פעסטגעזעצטן אופן זוכט די וויסנשאַפט צו דערפאָרשן.

פון איין פראַקטיק קען זיין נאָר איין טעאָריע. אויב פון איין פראַקטיק זיינען פאַראַן אַ סך טעאָריעס, איז אָדער בלויז איין טעאָריע אמת, אָדער קיין איינע איז אויך נישט אמת, מחמת די אמתע טעאָריע איז נאָך נישט אַרויסגעבראַכט גע־וואָרן. אָבער אַז איין ווירקלעכקייט קען נישט האָבן מער ווי איין אמתע טעאָריע, דאָס איז זיכער אמת.

די וויסנשאַפטן בכלל האָבן נאָך נישט דערגרייכט צו יענער מדרגה פון פולקאָמענהייט, אַז זיי זאָלן באַשטיין פון דורכויס־איינציק אמתע טעאָריעס, דאָס מיינט, אַז יעדער געגעבענער וויסנשאַפט זאָל שוין האָבן געלונגען אויסצוגעפי־נען די איינציק־אמתע ווירקלעכקייט פון דעם געביט וועלכן זי פאַרשט־נאָך. עס זיינען דאָ וויסנשאַפטן וועלכע געפינען זיך נאָך אין צושטאַנד פון פאַר־מאַציע און עס גייט אַן וועגן זיי אַ דערפאָרשונגס־טעטיקייט. זיי זיינען וויסנ־שאַפטן אין צושטאַנד פון ווערן; זיי האַלטן זיך נאָך אין אויסקריסטאַליזירן, דאָס הייסט, מען זוכט נאָך אין זיי די איינציק אמתע טעאָריע פאַר דער איינציק־אמתער פראַקטיק. מאַכן טעאָריעס איז אַ נייטיקער אַרבעטס־מעטאָד אין דעם באַשטרעב אויסצוגעפינען דעם איינציק וויסנשאַפטלעכן אמת. דורך מאַכן אַ וויסנשאַפטלעכע טעאָריע פּרוּווט מען אין דער פאַנטאַזיע זיך פאָרשטעלן, אַז די געזוכטע ווירקלעכקייט איז אַזוי און אַזוי. נאָך דעם זוכט מען דורך פאַקטן

אויסצוגעפינען צי איז עס טאַקע אַזוי ווי מ'האָט זיך פאַרגעשטעלט אַז זי איז. באַשטעטיקן עס די פאַקטן, איז אַ סימן, אַז די פאַרגעשטעלטע טעאָריע איז געווען אַ ריכטיקע, לייקענען עס די פאַקטן, איז אַ סימן אַז די פאַרגעשטעלטע טעאָריע איז געווען אַ פאַלשע. באַשטעטיקן עס נישט און לייקענען עס נישט אָפּ די פאַקטן, בלייבט די פראַגע אָפן. בשום אופן אָבער מיינט נישט מאַכן אַ וויסנשאַפטלעכע טעאָריע, פרעטענדירן אַז שוין דערמיט אַליין וואָס אַזאַ טעאָריע איז געמאַכט, איז זי אמת. אַ וויסנשאַפטלעכע טעאָריע איז נישט מער ווי אַן אַרבעטס־מיטל. פאַראַן וויסנשאַפטסלייט וואָס ווענדן אָן דעם אינדוקטיוון פאַרש־מעטאָד און האַלטן זיך דורכויס ביים ראַנד פון פאַקטן; אַנדערע, פאַרקערט, ווענדן אָן דעם דעדוקטיוון מעטאָד און ריכטן זייערע עקספערימענטן לויט אַ פון פאַרויס געמאַכטער השערה. פאַרביידע אָבער האָט דאָס לעצטע וואָרט — דער פאַקט, די ווירקלעכקייט ווי זי איז. און די טעאָריע, מעג זי קומען פאַר די פאַקטן אָדער נאָך די פאַקטן, האָט זי אַ ווערט נאָר דעמאָלט ווען זי דעקט די פאַקטן, ווען זי פאַלט צוזאַמען מיט זיי, ווען זי אַנטשפּרעכט די ווירקלעכקייט. טוט זי דאָס נישט, פּאַסט נישט די טעאָריע צו די פאַקטן, האָט זי קיין שום ווערט נישט. דער טעאָריע צוליב טעאָריע, האָט, אין דער וויסנשאַפט, קיין שום זינען נישט. דער וויסנשאַפט אינטערעסירט נאָר און בלויז די אָביעקטיווע ווירקלעכקייט פון די זאַכן וועלכע זי פאַרשט נאָך און זוכט אונטער. דער סוביעקטיווער ווערט פון וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס האָט פאַר איר לחלוטין קיין שום אינטערעס נישט און קיין שום באַדייטונג נישט. זי זוכט דעם אמת פון די זאַכן ווי ער איז און נישט ווי דער מענטש דענקט אים. אָט דער אמת, ווייסט זי, קען זיין נאָר איינער, און אים, דעם דאָזיקן איינציקן אמת, זוכט זי אויסצוגעפינען. אַלע היפּאָטעטישע „אמתן" אינטערעסירן איר נאָר אין צושטאַנד ווען זיי זיינען זוכעניש, אָבער ווען זיי זיינען אַרויס פון דעם דאָזיקן צושטאַנד און זיי ווערן אויסגעפּרווט אויף דער ווירקלעכקייט און זיי פּאַסן נישט צו איר, ווערן זיי פולשטענדיק אַנט־ווערטיקט.

ריכטיקע וויסנשאַפט, בכן, קען זיין בלויז איינע. אַ סך וויסנשאַפטן קאָנען נישט זיין. אַ סך מעדיצינישע וויסנשאַפטן, למשל, אַ סך כעמיעס, אַ סך פיזיקס, אַ סך מאַטעמאַטיקס, וואָלטן מער קיין וויסנשאַפט בכלל נישט געווען. אין דער וויסנשאַפט קען זיין אַ רייד פון אַן אמתן פּרינציפּ אָדער אַ פאַלשן; פון אַ ריכ־טיקער טעאָריע אָדער פון אַן אומריכטיקער, אָבער קיין סך אמתע טעאָריעס און קיין סך אמתע פּרינציפּן, קענען נישט זיין, וואָרעם כדי עס זאָלן קענען זיין אַ סך אמתע טעאָריעס און אַ סך אמתע פּרינציפּן, וואָלטן באַדאַרפט זיין אַ סך אמתע ווירקלעכקייטן, וועלכע זאָלן אָפּשפּיגלען און אַנטשפּרעכן די סך אמתע טעאָריעס און פּרינציפּן, און אַזוי איז עס נישט. די ווירקלעכקייט איז בלויז איינע, בכן קען אַ טעאָריע וואָס שפּיגלט אָפּ די ווירקלעכקייט אויך זיין נאָר איינע, און די דאָזיקע איינציק־ריכטיקע טעאָריע פון דער איינציק־ריכטיקער

רעאַליטעט, איז דער איינציקער אמת פון דער ווויסנשאַפט, וועלכער דערלאָזט נישט קיין צווייטן אמת.

גאַנץ אַנדערש איז עס אין דער פילאָסאָפיע. אין דער פילאָסאָפיע האָט אין און די זעלבע פראַגע באַקומען די פאַרשידנסטע ענטפערס. די פילאָסאָפיע באַשטייט פון ווידערשפּרעכלעכע טעאָריעס און זיך אַפּלייקענענדיקע אמתן. און די דאָזיקע אַלע היפּוכדיקע טעאָריעס און אמתן האָבן אַ ווערט, זיי אַלע אינטערעסירן אונדז, זיי אַלע זיינען וויכטיק. פרעגט זיך: פאַר וואָס? ווי באַלד אַן אמת איז פאַראַן בלויז איינער, ווי באַלד דיווירקלעכקייט פון דער וועלט איז איין איינציקע — פאַר וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַזוי פיל טעאָריעס וועגן דעם איין איינציקן וועלט-אמת און וועלט-ווירקלעכקייט? און פאַר וואָס זיינען די אַרויסברענגערס און אָנהענגערס פון די פאַרשידענע קעגזעצלעכע פילאָסאָפישע שיטות געווען אַזוי פולקאָם זיכער איבערצייגט, אַז נאָר זייער שיטה איז די איינציק-ריכטיקע און אַלע אַנדערע זיינען פאַלש?

דער ענטפער איז: — דאָרט ווו מ׳קען נישט וויסן אויף זיכער דעם איינציקן אָביעקטיוון אמת, דאָרט האָט זיך יעדער זיין סוביעקטיוון אמת.

נישט וועגן דער וועלט און נישט וועגן דעם מענטשנס גייסט איז נאָך ביז איצט געלונגען אַרויסצוברענגען אַזאַ שיטה וואָס זאָל צווינגען אַלע דענקערס זי צו אָנערקענען אַלס די איינציק-ריכטיקע טעאָריע פון דער איינציק-ריכטיקער וועלט- און מענטש-ווירקלעכקייט. די גרונט-פראַגן פון דער פילאָסאָפיע זיינען אומגעלייזט, דאָס הייסט, יעדע פילאָסאָפישע שול גיט אויף זיי אַ אייגן-גרונט פאַרשידענעם ענטפער, ווי יעדע צווייטע שול. אויפן געביט פון דערקענען דעם איינציקן וועלט-אמת הערשט היינט דער זעלבער טיפער אַנטאַגאָניזם און ראַדיקאַלע מיינונגס-פאַרשידנקייט, ווי מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק. נישט קוקנדיק אויף דעם אומגעהייערן פּראָגרעס פון די וויסנשאַפטן, שטייט נאָך די פילאָסאָפישע לייזונג פון דער וועלט- און מענטש-פראַגן מיט דער זעלבער אָפנקייט ווי אין באַגינען פון דער פילאָסאָפיע. דערפון איר דורכוויסיקער סוביעקטיוויזם. ווען מ׳קען נישט וויסן ווי אַזוי די וועלט איז, מוז גילטן דאָס וואָס יעדער דענקט וועגן איר. ווען עס וואָלט מעגלעך געווען דורכצוקוקן די וועלט דורך און דורך ביזן לעצטן אַבסאָלוט, וואָלט דער סוביעקטיוויזם פון די פילאָסאָפן זיך געמוזט בייגן פאַרן אָביעקטיוון אמת פון דער וועלט און זיי וואָלטן געמוזט אָננעמען די איינציקע וועלט-טעאָריע וועלכע וואָלט אָפּגעשפּיגלט די איינציקע וועלט-ווירקלעכקייט. „גאָט״, ווען די וועלט איז באַוווּסט ביזן אַבסאָלוט, האָט וועגן דער וועלט נאָר איין איינציק-אמתע טעאָריע, דאָס הייסט, נאָר איין פילאָסאָפישע שיטה. די פילאָסאָפן זיינען אָבער נישט קיין געטער, נאָר מענטשן, און מענטשן זעען נישט און קענען נישט זען די וועלט דורך און דורך, דערפאַר מאַכט זיך יעדער פילאָסאָף אַזאַ טעאָריע פון דער וועלט וואָס איז צוגעפּאַסט צו זיין גייסט.

אויפן פעלד פון דער פילאָסאָפיע קען מען נישט ברענגען קיין עקספערי־מענטאַלע, אַלגעמיין־גילטיקע באַווייזן, ווי אויפן פעלד פון דער וויסנשאַפט. מיטן אוניווערז קען מען נישט עקספּערימענטירן. קיין איינעם פון די פילאָסאָפישע פּראָבלעמען קען מען נישט באַהאַנדלען לאַבאָראַטאָריש. די פילאָסאָפיע איז אַ טעאָרעטיש־שפּעקולאַטיווע דיסציפּלין. די אויסערלעכקייט איז פאַר דער פילאָסאָפישער אָנשויונג אומגעהייער עלאַסטיש. זי לאָזט פון זיך מאַכן וואָס מ׳וויל נאָר. זי לאָזט זיך קנעטן און איבערקנעטן, מאָדעלירן און איבערמאָדע־לירן, טייטשן און אויסטייטשן און מאַכן פון זיך וואָס איינעמס האַרץ גלוסט. איינע און די זעלבע פילאָסאָפישע „פאַקטן״ קענען געטייטשט ווערן אי אַזוי אי פאַרקערט, אי אויף אַ דריטן אופן, אָפּהענגיק דערפון וואָס פאַר אַ זינען מ׳לייגט אַריין אין זיי. פון די זעלבע באַקאַנטע פאַקטן וועגן דער וועלט, דרינגט יעדער פילאָסאָף אַרויס נאָר זיין שיטה. יעדער פילאָסאָף פורעמט אויס די וועלט לויט זיין גייסט, ער באַשאַפט די וועלט בצלמו ובדמותו. די וועלט זעט אויס אונטער די פאַרשיידענע פילאָסאָפישע סיסטעמען ווי אַן עקראַן אויף וועלכן עס ווערן געוויזן פאַרשידענע פילם־בילדער. יעדער פילאָסאָף לאָזט אַרויסשטראַלן פון זיך אויפן עקראַן פון דער וועלט־ווירקלעכקייט זיין פּערזענלעך וועלט־בילד און זאָגט, אַז די ווירקלעכקייט איז אַזעלכע ווי זי זעט אויס ווען זי איז באַלויכטן פון זיין אינערלעכער אָנשויונג. די זייטיקע, וואָס זעען זיך בייטן די וועלט־בילדער פון די פילאָסאָפן, גיבן זיך חשבון, אַז די וועלט־בילדער וואָס עס ווייזן די פילאָסאָפן, זיינען נישט קיין באַשטאַנדטייל פון דער וועלט־ווירקלעכקייט, נאָר זיינען פּראָיעקציעס פון די פילאָסאָפן־נשמות אויפן ווייסן ליילעך פון דער וועלטס זיין. אַן אַנדער פילאָסאָפן־נשמה, דאָס הייסט, אַן אַנדער פּראָיעקציע אויפן פאָן פון דער וועלטס־רעאַליטעט — אַן אַנדער וועלט־בילד.

און די וועלט אין זיך? — די וועלט אין זיך איז אַ רעטעניש וואָס „גאָט״ האָט געפרעגט די פילאָסאָפן. יעדער פילאָסאָף גיט אויף דער רעטעניש אַן אַנדער ענטפער. ווער עס האָט געטראָפן און צי האָט בכלל עמעצער געטראָפן, דאָס „וויל גאָט נישט אויסזאָגן״, און מיר ווייסן עס נישט. יעדער פילאָסאָף איז איבערצייגט, אַז בלויז ער האָט געגעבן דעם ריכטיקן ענטפער. די דאָזיקע אי־בערצייגונג נעמט זיך פון זיין אינערלעכער זיכערקייט, אַז אַזוי איז עס. האָט איינער אַזאַ אינערלעכע זיכערקייט, קריגט ער שוין נאָך דעם אויך אויסערלעכע זיכערקייט; האָט ער נישט אַזאַ אינערלעכע זיכערקייט, קריגט ער נישט קיין אויסערלעכע זיכערקייט אויך נישט. די לייכטסטע זאַך אין דער וועלט איז צו געפינען באַווייזן פאַר עפּעס אין וואָס מ׳איז אויף אַן אינטימען אופן איבער־צייגט, און די שווערסטע זאַך איז צו געפינען באַווייזן פאַר עפּעס אין וועל־כעס מ׳האָט נישט פון פאַרויס קיין אינטימע זיכערקייט און איבערצייגונג. זי, די אינטימע איבערצייגונג, איז דער אַלף און דער תו פון יעדער פילאָסאָפיע; זי איז דער אויסגאַנגס־פּונקט פון יעדן געדאַנק־סיסטעם. יעדער פילאָסאָפירן

הייבט זיך אָן מיט איר; האָט מען זי האָט מען אַלץ; האָט מען זי נישט, האָט מען גאָרנישט. אויף צו זיין אַ פילאָסאָף, מוז מען פריִער פון אַלץ האָבן אַ וועלכע עס איז אינטימע איבערצייגונג מכוח דער וועלט, און נאָך דעם הייבט מען אָן בויען אַ פילאָסאָפישן סיסטעם, ד״ה, מען הייבט אָן ברענגען „ריין־שכלדיקע״ באַווייזן וואָס באַשטעטיקן דאָס אין וואָס מ׳איז אינטים איבערצייגט; מ׳הייבט אָן זיך אַליין אַריינטייטשן אין דער אויסערלעכקייט אַריין; מ׳הייבט אָן אָנגיסן די וועלט מיט אייגענעם אינהאַלט.

יעדער פילאָסאָף זעט די וועלט צוגעפּאַסט צו זיין אינדיווידועלן גייסט. יעדן ערשטן פילאָסאָפס גייסט איז אַנדערש קאָנסטרויִרט ווי יעדן צווייטן פילאָסאָפס גייסט. עס זיינען נישט פאַראַן קיין צוויי אַבסאָלוט־גלייכע פילאָסאָפן וועמענס גייסט עס זאָל זיין צווישן זיך פולקאָם אידענטיש, און וועלכע זאָלן, בכן, ביידע אויפנעמען אויף אַ פולשטענדיק גלייכן אופן אויסערלעכע זאַכן און דערשיי־נונגען. יעדער פילאָסאָף זעט די וועלט מער אָדער ווייניקער פאַרשידן ווי עס זעט די זעלבע וועלט אַ צווייטער פילאָסאָף. אויב די אינדיווידועלע פאַרשיידנ־קייט צווישן צוויי פילאָסאָפן איז אַ גרויסע, איז דער אונטערשייד אין דעם אופן ווי אַזוי זיי באַנעמען די וועלט אויך אַ גרויסער. אויב דער אונטערשייד איז אַ קלענערער, איז דער אונטערשייד אין זייערע וועלט־אַנשויונגען אויך אַ קלענערער. אָפּהענגיק דערפון ווי אַזוי עס איז דער אויפנעם־אופן פונעם סובי־יעקט, אַזוי דערשיינט פאַר אים דער אָביעקט.

דאָס איינציק־זיכערע וואָס מ׳קען זיך דערוויסן פון די פילע פילאָסאָפישע סיסטעמען איז די פּסיכאָלאָגיע פון די פילאָסאָפן. יעדער פילאָסאָפישער סיס־טעם איז אינספּירירט פון אַן אַנדער סוביעקטיוון בליק אויף דער וועלט. יעדער פילאָסאָף שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַנדער גייסטיקן געבוי: אַן אַנדער כאַראַקטער, אַן אַנדער אינטעלעקט, אַנדערע געפילן, אַנדערע נייגונגען, און דאָס אַלץ קומט צום אויסדרוק אין זיין פילאָסאָפיע. אַ פילאָסאָפישער סיסטעם איז אַן אויטאָ־כאַראַקטעריסטיק פון אַ פילאָסאָף געגעבן דורך זיין וועלט־בליק.

בכן, אויב די פאַרשיידענע פילאָסאָפישע טעאָריעס האָבן נישט קיין אָביעק־טיוון ווערט, האָבן זיי אָבער יאָ אַ סוביעקטיוון ווערט; אויב זיי שפּיגלען נישט אָפּ די איינציקע רעאַליטעט פון דער וועלט, שפּיגלען זיי אָבער יאָ אָפּ די איינ־ציקע רעאַליטעט פון יעדער פילאָסאָפס נשמה. ווען איין און די זעלבע אומבאַ־קאַנטע ווירקלעכע וועלט ווערט דורך פאַרשידענע פילאָסאָפן געזען אויף פאַר־שידענע אופנים, מוז עס זיין נאָר דערפאַר וואָס די „ראיה״ פון יעדן ערשטן פילאָסאָף איז פאַרשידן ווי די „ראיה״ פון יעדן צווייטן פילאָסאָף. ווען אַלע פילאָסאָפן וואָלטן זיך געווען גלייך, ווען אַלע פילאָסאָפן וואָלטן געהאַט דעם זעלבן גייסט, וואָלטן אַלע געמוזט זען די זעלבע אומזעבאַרע וועלט אויפן זעלבן אופן.

II

דער מענטשלעכער גייסט איז אומגעהייער דיפערענצירט. נישט די אינטע־לעקטועלע און נישט די עמאָטיווע אייגנשאַפטן זיינען די זעלביקע ביי אַלע מענטשלעכע אינדיווידן, נאָר זיי זיינען אויף אַ זייער וואַריִ־רטן אופן צעטיילט צווישן זייערע איינצל־טרעגערס. אַבסטראַקט מעג מען ריידן וויפל מ'וויל וועגן אַ „מענטשלעכן גייסט", קאָנקרעט, אָבער, איז פאַראַן נישט קיין מענטשלעכער גייסט, נאָר אַ גייסט פון איינצל־מענטשן. דאָס וואָס מ'רופט מענטשלעכער גייסט מיינט דער גייסט פון אַלע איינצל־מענטשן, וועלכער האָט אין זיך אַ סך געמיינזאַמעס, אָבער אויך אַ סך פאַרשידנס.

יעדער הילט אַרום די וועלט מיט זיין פערזענלעכן גייסט און נאָר דורך זיין פערזענלעכן גייסט זעט ער זי. אַראָפּרייסן די פערזענלעכע הילע פון דער וועלט און זען זי אַן אַנטבלויזטע פון דעם אייגענעם איך, זען די וועלט אָן זיך, הייסט עס, איז אוממעגלעך, ווייל דאָס וואָלט געמיינט אויפהערן צו עקסיסטירן ווי אַ פערזאָן, אויפהערן צו עקסיסטירן ווי אַ מענטש מיט אַ באַשטימטן כאַראַקטער, נאָר פאַרוואַנדלען זיך אין אַ דענקענדיקער אַבסטראַקציע, פאַרוואַנדלען זיך אין הוילן שכל, וואָס דאָס קען נישט זיין. אויב עס זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געמיינט אַז זיי זיינען „ריינע ראַציאָנאַליסטן", אַז זיי דערקענען די וועלט מיט „ריינעם געדאַנק", איינגאַנצן אָן אינדיווידועלן גייסט, האָבן זיי זיך אָפּגענאַרט, וואָרעם ערשט דער דאָזיקער „ריינער ראַציאָנאַליזם" איז אַ פּראָדוקט פון אַ זייער בולטער און אויסגעשפּראָכענער אינדיווידואַל פּסיכיק. „ריינער געדאַנק" אָן אינדיווידועלן גייסט איז אַן אוממעגלעכקייט. קיינער קען נישט זען די זאַכן אַזוי ווי ער וואָלט זיי געזען ווען ער וואָלט נישט געווען ער, נאָר ווען ער וואָלט געווען אַן אַנדערער, אָדער ווען ער וואָלט בכלל קיין באַשטימטער איך נישט געווען. קיינער קען נישט אַריבערקריכן איבער זיך; קיינער קען נישט דענקען אויסער זיך; קיינער קען נישט אַריבערקוקן צו דער וועלט איבערן אייגענעם גייסט אַריבער. אַזאַ מין אַריבערקוקן איבער זיך, קען נאָר זיין אַ פיקציע, דאָס הייסט, מען קען דערווידערן אין זיך אַ שוואַכערע, ווייניק מערקבאַרע נייגונג פון אייגענעם גייסט, לטובת אַ שטאַרקערער מער מערקבאַרער נייגונג. מ'האָט דעמאָלט דעם איינדרוק, אַז מ'האָט זיך אַליין באַהערשט לטובת אַן אָביעקטיוון אמת. אין דער אמתן אָבער האָט מען זיך אַליין באַהערשט לטובת זיך אַליין; מ'האָט באַהערשט אַ שוואַכערן סוביעקטיוון אמת, לטובת אַ שטאַרקערן סוביעקטיוון אמת; מען איז נישט געווען ווייניקער סוביעקטיוו, כדי צו זיין מער סוביעקטיוו; מען האָט געלאָזט איין שטרעמונג פון אייגענעם איך, אַ פלאַכערע שטרעמונג, זיך אונטערגעבן אַ צווייטער שטרעמונג פונעם איך, אַ טיפערע שטרעמונג. אויף די מער אויבנויפיקע שטרעמונגען פון אייגענעם גייסט, איז מען מער באַוווסט ווי אויף די טיפערע. דערפאַר באַקומט זיך אין אַזאַ פאַל פון אינטעלעקטועלער אויסקריסטאַליזירונג דער איינדרוק פון געדאַנקלעכער

אָביעקטיווקייט. די נטיה וואָס מען האָט געלאָזט באַהערשן, זעט מען קלאָר און בולט, די נטיה וואָס האָט באַהערשט, זעט מען נישט אַזוי קלאָר, מיינט מען דעריבער, אַז מען איז געווען אָביעקטיוו. אין דער ווירקלעכקייט אָבער איז עס נישט אַזוי. אין דער ווירקלעכקייט זיינען מיר אין יעדן טעאָרעטישן אורטייל אונדזערן, ד״ה אין יעדן אורטייל וואָס וואַקסט אַרויס פון אונדזער אייגענער באַטראַכטונג און האָט נישט קיין פּאַקטישן באַווייז אים צו באַשטעטיקן אָדער אָפּצופרעגן — סוביעקטיוו. די סוביעקטיווקייט קען זיין פּאַר אונדז מער באַוווסט, אָדער ווייניקער באַוווסט, מער אָפן, אָדער ווייניקער אָפן. סוביעקטיוו, אָבער, זיינען מיר שטענדיק.

אונדזער פילאָסאָפיע, דאָס זיינען מיר; „אַזעלכע מענטשן ווי מיר זיינען — האָט געזאָגט פיכטע — אַזאַ פילאָסאָפיע האָבן מיר״. אונדזער פילאָסאָפיע איז די אינטעלעקטועלע פאָרעם פון אונדזער גייסט. קיין שום מענטש קען נישט נעמען די ערשטע בעסטע פילאָסאָפיע און זאָגן אַז זי איז זיינע, ווייל דאָס וואָלט געווען אַ ליגן. יעדער מוז זיך צוזוכן זיין פילאָסאָפיע. אַ פילאָסאָפיע איז נישט קיין פרעמד קינד וואָס מ׳אַדאָפּטירט פריוויליק, נאָר אַ פילאָסאָפיע איז אַן אייגן לייבלעך קינד, אַן אייגענער יוצא ירך. מ׳דערקענט זיך אין דעם; מ׳הערט אין דעם די אייגענע שטים; מ׳דערזעט אין דעם די אייגענע שטריכן. די געדאַנקלעכע פאָרעם פון אַן אָנשויונג נעמט מען פון דרויסן; דעם אינהאַלט אָבער מוז מען אַליין אַריינטון. אָנשויונגען וואָס פּאַסן נישט צום אייגענעם אינהאַלט, די נעמט מען נישט.

אַז ווי זאָל דען אונדזער שכל נעמען באַווייזן פּאַר אַ פילאָסאָפישן אמת, אויב נישט אין זיך? דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשער באַוועגט זיך אין אַ ספערע פון אָביעקטיוון דערקענען די זאַכן. אים העלפט די אויסוויקלונג פון די פרוון צו ריכטן זיין געדאַנק, דאָס מיינט, אַז ער האָט אַן אויסערלעכן פונקט לויט וועלכן זיך צו ריכטן. זיין וויסן ווערט אַלע מאָל באַרייכערט מיט נייע פאַקטן וועגן די נאָכגעפאָרשטע קעגנשטאַנדן און לויט דעם קען ער מאַכן זיינע אויספירן. אין דער פילאָסאָפיע זיינען די זעלבע אָביעקטיווע פאַקטן וועגן דער וועלטס זיין, באַוווסט צו אַלע פילאָסאָפן גלייך און דאָך זיינען, אין דער זעלבער צייט און אויפן סמך פון די זעלבע פאַקטן, פאַראַן די פאַרשיידנסטע, עקסטרעם־קעגנזעצלעכע ריכטונגען. דאָס מיינט, אַז דאָס אָביעקטיווע וועלט־וויסן באַדייט אין דער פילאָסאָפיע גאָר נישט. דער עיקר אין דער פילאָסאָפיע איז די אינערלעכע באַלייכטונג פון די פאַקטן, די סוביעקטיווע אינטערפּרעטאַציע און באַוווּרטונג פון דעם אָביעקטיוון וויסן. דער פילאָסאָפישער דענקער איז אין גאַנצן אָפּהענגיק פון זיך אַליין, ער איז אין גאַנצן אין זיך אַליין. זיין טראַכטן וועגן דער וועלט גייט דורך זיין איך; זיין פאַרטיפן זיך אין די ענינים פון דער וועלט, גייט דורך זיין איך. מיט איין וואָרט ער איז דורך און דורך אַרומגעהילט מיט זיין אינדיווידועלן גייסט און ער קען אויסער אים און אַריבער אים קיין איין איינציקן בליק נישט

וואָרפן. וויפל אים זאָל זיך נישט אויסוויזן אַז ער איז אָביעקטיוו, איז ער עס פאָרט נישט. פון דער אייגענער טבע קען מען נישט אַרויסקריכן און מיט אַ נישט־אייגענעם מוח קען מען נישט דענקען. מיר זיינען אַזוי אינטים באַהעפט מיט זיך און אַזוי אינטים פאַרבונדן מיט זיך, אַז וויפל עס זאָל זיך אונדז נישט אויסוויזן אַז מיר דערווייטערן זיך פון זיך, דערנענטערן מיר זיך גאָר צו זיך. וויפל מיר זאָלן נישט מיינען אַז מיר פאַרלאָזן זיך, דרינגען מיר גאָר אַריין טי־פער אין זיך. וויפל עס זאָל זיך אונדז נישט אויסדאַכטן אַז מיר צעשיידן זיך מיט זיך, אַלץ שטאַרקער באַהעפטן מיר זיך גאָר מיט זיך.

מיר קענען נישט זען די וועלט אויף קיין אַנדער אופן ווי נאָר דורך די ברילן פון אונדזער אינדיווידועלן גייסט. און היות ווי יעדנס „ברילן" זיינען פאַרשיידן, איז יעדנס וועלט פאַרשיידן.

קיין פאַרטיפן זיך אין דער וועלט, איז גאָר אין גאַנצן נישטאָ. יעדער פאַר־טיפן זיך אין דער וועלט, איז גאָר אין דער אמתן אַ פאַרטיפן זיך אין זיך אַליין; יעדער אַריינטראַכטן זיך אינעם זיין, איז אַן אַריינטראַכטן זיך אין זיך אַליין. די וועלט איז נאָר די קאָנוועקס אויף וועלכער מ'העפט־אויס דאָס בילד פון אייגענעם גייסט. אַ פילאָסאָפישע שיטה, איז די באַשרייבונג פון אַ פילאָזאָפס נשמה אויף דער ווייסער פאָן פון דער וועלט; פילאָסאָפיע איז אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע דורכגעלאָזט דורך דער פריזמע פון וועלט־באַטראַכטונג. פילאָסאָפישע אַרגומענטן זיינען פאַרמאַסקירטע אינדיווידואַל־פסיכאָלאָגישע נייגונגען און אייגנשאַפטן. אַנשטאָט יעדער דענקער זאָל זאָגן: איך זע די וועלט אַזוי און אַזוי, זאָגט ער: די וועלט איז אַזוי און אַזוי.

די געדאַנקען און איינפאַלן וואָס קומען יעדן דענקער אין קאָפּ אַריין און וועלכע זיינען לויט אים „אַלגעמיין־גילטיקע" באַווייזן פון דער „ריינער לאָגיק" נאָר פאַר זיין פילאָסאָפיע, זיינען אין דער אמתן גאָר פּראָדוקטן פון זיין אינדי־ווידועלער פסיכישער תכונה. יעדן דענקער קענען נישט קומען אין קאָפּ אַריין די און אַנדערע און דריטע און צענטע געדאַנקען, נאָר עס מוזן אים קומען אין קאָפּ אַריין נאָר דווקא די דאָזיקע געדאַנקען וואָס זיינען אים געקומען — זיינע געדאַנקען, מחמת זיי, זיינע געדאַנקען, זיינען אים אונטערגעזאָגט געוואָרן פון זיין מענטאַליטעט. און כדי צו האָבן אַנדערע געדאַנקען, וואָלט ער באַדאַרפט האָבן אַן אַ נ ד ע ר מ ע נ ט אַ ל י ט ע ט, דאָס הייסט, ער וואָלט באַדאַרפט זיין נישט ער, נאָר עמעצער אַנדערש, ד"ה אַן אַנדער „ער". געדאַנקען אַנטשטייען נישט אין אונדז אָפּגעריסן פון אונדזער פסיכיש וועזן, נאָר זיי אַנטשטייען אין טיפסטן און אינטימסטן צוזאַמענהאַנג מיט אונדז. געדאַנקען קומען אונדז נישט אַריין אין קאָפּ אַריין פון דרויסן, נאָר זיי קומען אַרויס פון אונדז. אויף יעדנס אינדיווידועלן פסיכישן שטאַם וואַקסן באַזונדערע פרוכט. ראובנס געדאַנקען זיי־נען ראובנס און שמעונס — שמעונס געדאַנקען. ראובנען קענען נישט קומען אין קאָפּ־אַריין שמעונס געדאַנקען און שמעונען ראובנס געדאַנקען. יעדן פאַלן־איין

נאָר זײַנע אײַנפאַלן און יעדער איז קלוג אויף זײַן אופן. ווען געדאַנקען וואָלטן געווען אַ נייטראַלע זאַך, ד״ה, ווען יעדער ערשטער מענטש וואָלט געקענט טראַכטן די געדאַנקען וואָס יעדער צווייטער מענטש, וואָלט די אומגעהײַערע פאַרשיידנ־קײט פון די מענטשלעכע אידייען, קאָנצעפּטן, אַנשויונגען און פילאָסאָפיעס, נישט געהאַט קיין שום סיבה און קיין שום באַרעכטיקונג. עס וואָלט באַדאַרפט פאָרקומען אַ כסדרדיקער בײַט פון פילאָסאָפיעס און אַנשויונגען, ווי עס קומט פאָר אַ בײַט פון מטבעות: — דו גיסט מיר דײַן פילאָסאָפיע און איך גיב דיר מײַן פילאָסאָפיע. אַזוי איז עס נישט. יעדער קען בלויז האָבן אײן פילאָסאָפיע — זײַנע. אַ פילאָסאָפיע איז אַ זאַך פון שטרענגן פּערזענלעכן געברויך. מיט קיין פילאָסאָפיע בײַט מען זיך נישט, אַ פילאָסאָפיע קען מען נישט לײַען און נישט באָרגן. אַ פילאָסאָפיע האָט מען אַזוי אַן אײגענע, ווי מ׳האָט אַן אײגענעם קאָפּ. און אויב מערערע מענטשן האָבן אַן ענלעכע פילאָסאָפיע, איז עס אַ באַווײַז אַז זיי האָבן אויך ענלעכע קעפּ. ווען זייערע קעפּ וואָלטן געווען פאַרשיידן, וואָלטן זייערע פילאָסאָפיעס אויך געווען פאַרשיידן.

III

אַ דענקער — דאָס איז זײַן אידעע; אַ פילאָסאָפישער סיסטעם — דאָס איז דער פילאָסאָף גופא; געדאַנק און דענקער זײַנען אײנס; אַ דענקער איז די פּער־זאָניפיקאַציע פון זײַן געדאַנק. דענקער זײַנען נישט פרײַ אין זײער דענקען, דאָס הייסט, אַז אַ דענקער קען דענקען אין אַלע מעגלעכע ריכטונגען, נאָר דענקערס זײַנען געבונדן אין זײער דענקען, זיי מוזן דענקען נאָר וואָס עס דענקט זיך זיי. יעדער דענקער איז פעיִק צו דענקען נאָר אויף זײַן באַשטימטן אופן און נישט מער. אַלע אַנדערע דענק־אופנים וואָס זײַנען פרעמד אָדער קעגנזעצלעך זײַן דענק־אופן, איז ער נישט ביכולת צו דענקען. דענקערס זײַנען שקלאַפן פון זײ־ערע געדאַנקען. נישט זיי הערשן איבער זייערע געדאַנקען, נאָר זיי זײַנען אונ־טערטעניק זייערע געדאַנקען. נישט די פילאָסאָפן באַשאַפן זייערע סיסטעמען, נאָר די סיסטעמען ווערן באַשאַפן צוזאַמען מיט די פילאָסאָפן. ווערט געבוירן אַ פילאָסאָף, ווערט געבוירן אַ סיסטעם. „גאָט״ וואָס קנעט־אויס און פורעמט־אויס די פילאָסאָפן־נשמות, ער איז דער אײגנטלעכער באַשאַפער פון די פילאָסאָפי־שע סיסטעמען; אַזאַ נשמה פון אַ פילאָסאָף ער האָט אויסגעפורעמט און אויסגע־קנאָטן — אַזאַ פילאָסאָפיע האָט ער פאַרפאַסט. אַ פילאָסאָף איז דער אָראַקול פון זיך אַליין; אַ פילאָסאָף איז דער איבערזעצער פון זיך אַליין, דער אַרויסברענגער פון זיך אַליין. ער הערט זיך צו צו זײַן אינערלעכער שטים און רעדט נאָך וואָס ער הערט אין זיך. נישט ער קען מאַכן זײַן גײַסט באַריידעוודיק ווען ער שווײַגט און נישט ער קען אים מאַכן שטום, ווען ער רעדט; נישט ער קען אים מאַכן ריידן אויף אַ שטײַגער וואָס ער רעדט נישט און נישט ער קען אים פאַרווערן

צו ריידן אויף אַ שטייגער וואָס ער רעדט יאָ. פּונקט ווי קיינער קען זיך נישט מאַכן פאַר קיין דענקער, ווען ער איז עס נישט, אַזוי קען זיך קיינער נישט מאַכן פאַר אויס דענקער, ווען ער איז עס יאָ. יעדער איז דאָס וואָס ער איז און אַזוי ווי ער איז. דער וואָס האָט צו זאָגן „אַן אייגן וואָרט" און אַרויסצושטעלן אַן אייגענעם געדאַנק, דער מוז עס נויטווענדיקערווייז און אומפאַרמיידלעך זאָגן און אַרויסשטעלן; ער מוז זיך אַנטלאָסטן. דערפאַר שאַפן אייגנאַרטיקע גייסטער ספּאָנטאַן. זיי דאַרפן נישט זוכן קיין געדאַנקען און זיי דאַרפן זיך נישט באַטראַכטן וואָס צו זאָגן, ווייל זייער געדאַנק ליגט שטענדיק מוכן ומזומן אין זייער גייסט און זיי דאַרפן אים נאָר אַרויסברענגען פון זיך. זיי קענען האָבן טעכנישע שוועריקייטן, דאָס הייסט, שוועריקייטן פון אויסגעפינען די פּאַסיקע ווערטער און די פּאַסיקע שפּראַך ביים פאָרמולירן זייער געדאַנק. אָבער דאָס דענקען גופא קומט זיי נישט אָן שווער, פאַרקערט, עס דענקט זיך אַליין אין זיי, זייער געדאַנק אַנטשטייט אויטאָמאַטיש. דערפאַר אַז מ'קען איין מאָל דעם אופן דענקען און אויסדריקן זיך פון אַ דענקער, איז שוין ניט שווער צו דערקענען אַלע איבעריקע ווערק זיינע, וואָרעם מ'ווייס שוין זיין געדאַנקענגאַנג און זיין בליק אויף זאַכן. און מ'ווייס אויך אַז אַ געדאַנקענגאַנג און בליק אויף זאַכן פון אַ דענקער ענדערט זיך נישט, קען זיך נישט ענדערן. אַ ענדערונג אינעם געדאַנקענגאַנג פון אַ אויטענטישן דענקער, וואָלט געמיינט אַ שינוי אין זיין סאַמע עצם גייסט, וואָלט געמיינט אַז ער הערט אויף צו זיין ער, נאָר ער ווערט אַן אַנדערער.

וואָלט שפּינאָזאַ געקענט ווערן אויס פּאַנטעיסט? וואָלט העגעל געקענט ווערן אויס דיאַלעקטיקער? וואָלט בערגסאָן געקענט ווערן אויס אינטואיציאָניסט? ניין, דאָס איז אוממעגלעך! יעדער עכטער דענקער איז אויף אַזאַ אינטימען אופן באַהעפט מיט זיין סיסטעם, אַז יעדע ענדערונג אין סיסטעם, וואָלט געמיינט אַן איבערבאַשאַפונג פון דענקער. דער שפּינאָזיזם איז אויף אַ נויטווענדיקן אופן געווען איינגעוויקלט אינעם אינדיווידואַל-גייסט פונעם דענקער שפּינאָזאַ; דער העגעליאַניזם אינעם אינדיווידואַל-גייסט פון דענקער העגעל, און דער בערגסאָניזם אינעם אינדיווידואַל-גייסט פון דענקער בערגסאָן. אינעם גייסט פון יעדן פון זיי האָט די וועלט געהאַט אַן אַנדער פאָרעם. יעדער פון זיי איז געבוירן געוואָרן מיט אַן אַנדער וועלט-בילד אין זיך; יעדנס „אינערלעך אויג" איז געווען קאָנסטרויִרט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן און לויט דעם האָבן זיי געזען די וועלט. אויב שפּינאָזאַ האָט געזען אַז גאָט און וועלט איז איינס, אויב ער האָט געזען די וועלט אָנגעפּירט ווערן פון אייביק אומצעשטערבאַרע געזעצן, ווו אַלץ איז געקניפּט און געבונדן און געקייטלט און שטעלט מיט זיך פאָר אַן אומאויפליזבאַרע איינהייט, איז עס נישט געווען פרייווויליק געזען אַזוי, נאָר נויטווענדיק געזען. אַזוי האָט דער דענקער שפּינאָזאַ געמוזט זען די וועלט, ווייל אַזאַ גייסט האָט ער געהאַט, און וואָלט ער געוואָלט זען אַנדערש, וואָלט ער עס געקענט טון נאָר נאָך דעם ווי „גאָט זיין באַשאַפער" וואָלט אים איבערבאַשאַפן און אַן אַנדער

גייסט אַריינגעטון אין אים. פון אַלע דעטערמיניזמען אין דער וועלט, איז דער פסיכאָלאָגיש־לאָגיש־פילאָסאָפישער דעטערמיניזם דער ערשטער. אַזאַ פסיכאָלאָגיע, אַזאַ לאָגיק און אַזאַ פילאָסאָפיע. אין גייסט פון פילאָסאָף שפינאָזאַ האָט געהאַלטן אין איין אָנרייפן, אין איין אויפקומען, אין איין אָנוואַקסן דאָס פאַנטעיסטישע וועלט־בילד, וועלכעס ער האָט פאַר אונדז אויסגעמאָלט. ער האָט דאָס דאָזיקע וועלט־בילד נישט אויספאַנטאַזירט, ער האָט עס נישט אויסגעטראַכט, נאָר ער האָט דאָס אָבסערווירט אין זיך און געמאָלן. וואָלט ער געוואָלט אויסמאָלן אַן אַנדער וועלט־בילד, וואָלט ער נישט געקענט, ווייל קיין אַנדער וועלט־בילד איז נישט געווען אין אים. אין אים איז געווען בלויז דאָס איינציקע וועלט־בילד וואָס ער האָט אונדז געוויזן. „די עטיק", דאָס איז דער וועלטס פאָרטרעט ווי שפינאָזאַ האָט אים געזען רעפלעקטירט אין זיין גייסט. דער פילאָסאָף טוט נאָר קאָפּירן דעם וועלט־מאָדעל וואָס ער זעט אין זיך. דער מאָדעל מוז דאָרט זיין. אויב דער מאָדעל איז דאָרט נישטאָ, האָט דער פילאָסאָף נישט וואָס צו קאָפּירן. דאָס כלומרשטע לאַנגע נאָכדענקען און פאַרטיפן זיך, דאָס נאָכטראַכטן און איבערטראַכטן פון פילאָסאָפן וועגן שווערע וועלט־פּראָבלעמען, וועלכעס מאַכט, אין פלוג, דעם איינדרוק פון אָנפירן אַן אָביעקטיווע געדאַנקלעכע טעטיקייט, איז, אין דער אמתן, נישט עפּעס אַנדערש ווי נאָר זעלבסט־אַריינבליק.

אויב העגעל האָט געזען אין דער וועלט נאָר ווידערשפּרוכן און סתירות, וואָס קומען זיך צונויף אין נייע העכערע סינטעזן, אַזוי אין דענקען און אַזוי אין זיין, איז דאָס געווען נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט אַזוי געמוזט זען די וועלט. זיין גייסט איז געווען געבויט אויף אַזאַ אופן — צו זען נאָר די בילדונג פון קעגנזאַצן און זייער צונויפגיסונג אין העכערע שטופן זיין און געדאַנק. יעדער דענקער האָט זיין פערזענלעכע וויזיע פון דער וועלט, וועלכע איז ביי אים בלוט און פלייש און פון וועלכער מ'קען אים בשום אופן נישט אָפּטיילן. בערגסאָנס וועלט־וויזיע איז דאָס כסדרדיקע וועלט־ווערן, דאָס שאַפן זיך פון דאָס ניי, דאָס כסדרדיקע אויפקומען, די כסדרדיקע יצירה. זיין דעגראַדירן שכל און הויכשטעלן אינסטינקט, זיין עלאַן וויטאַל, זיין אינטויציע, זיין אינדעטערמיניזם אאַז"וו, וואָס אַלץ וויזט זייער בולט דעם אייגנאַרטיקן געבוי פונעם פילאָסאָפס גייסט. אָפּט מאָל דאַרף מען, לייענענדיק בערגסאָנען — נישט ווייניקער ווי לייענענדיק העגעלן — שטעלן דעם אייגענעם גייסט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, אַז נישט איז נישט מעגלעך אים נאָכצוגיין. בעת דער חשובער פילאָסאָף וויל אונדז דערוייזן אַז אין דער וועלט האַלט אַלץ אין איין אַנטשטיין פון דאָס ניי, טראַכטן מיר ביי זיך, אַז אפשר איז ער גערעכט לגבי דער גאַנצער וועלט, נאָר לגבי זיך אַליין בשום אופן נישט. וואָרעם ס'איז שטענדיק און אַלע מאָל און אומעטום עקזאַקט דער זעלבער בערגסאָן. פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה, איז אַלץ ווי פון איין פורעם געגאָסן; יעדער נייער בערגסאָנישער

געדאַנק איז ענלעך צום פּרי׳ערדיקן ווי צוויי טראָפּן וואַסער. יעדער נײַ בילד, יעדע נײַע מעטאַפֿאָרע, יעדע נײַע אילוסטראַציע, פֿאַרמאָגט אַ מערקווירדיקע אומנייע, סטערעאָטיפּישע ענלעכקייט צו דער פּרי׳ערדיקער. אויב מיר זײַנען נאָר עטוואָס באַקאַנט מיטן פֿילאָסאָפֿס סטיל דענקען און סטיל זאָגן, וועלן מיר אים פֿאַרלויפֿן דעם וועג און וועלן, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, באַלד דערקענען זײַן ענלעכקייט צו זיך, ווען ער אַרגומענטירט אַז... ס׳איז נישטאָ קיין ענלעכקייט צו זיך.

די זעלבסטטרייהייט, אַבסאָלוטע אינטעגראַליטעט און סעקווענץ פֿון מענטש־לעכן אינדיווידואַל־גייסט, גייט אַריבער איבער זיך אַלייך. מ׳דערזעט נישט ווי אַזוי מ׳איז, דעמאָלט ווען מ׳דאַרף עס נישט דערזען, ווען מ׳איז געמאַכט עס נישט צו דערזען! מ׳זעט נישט ווי אַזוי דער אייגענער גייסט איז פּרעפֿאָרמירט און דעטערמינירט צו זען אַז ס׳איז נישטאָ קיין פּרעפֿאָרמיזם און דעטערמיניזם...

יעדער איינער פֿון די גרויסע דענקערס פֿון אַלע צײַטן, וואָלט אַרויסגע־בראַכט, אין תוך, די זעלבע געדאַנקען וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט, אין וואָס פֿאַר אַן אַנדער צײַט ער זאָל נישט געוווּן לעבן. פּלאַטאָן וואָלט, אין תוך, שטענ־דיק געווען פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס — שטענדיק אַריסטאָטעלעס און קאַנט שטענדיק קאַנט און אַזוי ווייטער און ווייטער. עס וואָלטן זיך, נאַטירלעך, געענ־דערט פּרטים און באַגרינדונגען. די גרונטגעדאַנקען וואָלטן אָבער שטענדיק געבליבן די זעלבע. אַ מאַטעריאַליסט פֿון אַלטערטום, וואָלט אויך אין דער מאָדערנער צײַט געווען אַ מאַטעריאַליסט, און אַ אידעאַליסט פֿון אַלטערטום, וואָלט אויך אין דער מאָדערנער צײַט געווען אַ אידעאַליסט. דער אונטערשייד וואָלט בלויז געווען אויף אַזוי פֿיל אויף וויפֿל עס איז בכלל דאָ אַן אונטערשייד צווישן דעם אַנטיקן מאַטעריאַליזם און דעם מאָדערנעם מאַטעריאַליזם, און דעם אַנטיקן אידעאַליזם און דעם מאָדערנעם אידעאַליזם. די באַגרינדונגען און די דימענסיעס פֿון דעם מאָדערנעם פֿילאָסאָפֿישן געדאַנק, זײַנען, זעלבסטפֿאַר־שטענדלעך, אַ סך ברייטערע און טיפֿערע, אַ סך מער דורכגעאַרבעטע און אַ סך מער דורכגעטראַכטע ווי די פֿון אַמאָל. די עצם פֿילאָסאָפֿיע, אָבער, איז איצט די זעלבע וואָס דעמאָלט. מאַטעריע איז מאַטעריע און גייסט איז גייסט, פֿאַרן מאָדערנעם מאַטעריאַליסט פּונקט ווי פֿאַרן אַלטערטימלעכן און פֿאַרן מאָדערנעם אידעאַליסט פּונקט ווי פֿאַרן אַלטערטימלעכן. די וויסנשאַפֿטלעכע וועלט־קענטע־נישן פֿון די ערשטע האָבן אַזוי נישט געענדערט זייערע רעספּעקטיווע בליקן, ווי דאָס האָבן נישט געטון די פּרימיטיווע וועלט־קענטענישן פֿון די לעצטע. דאָס העכערע וויסן פֿאַרפֿיינערט בלויז די פֿאָרמען פֿון די פֿילאָסאָפֿישע געדאַנקען און ברייטערט אויס זייערע האָריזאָנטן. די געדאַנקען אין עצם בלײַבן די זעלבע. די געדאַנקען אין עצם קומען אַרויס פֿון די דענקערס און נישט זיי קומען אַרײַן אין זיי אַרײַן.

IV

אַ פילאָסאָפיע לערנט מען זיך נישט אויס אין די ביכער, נאָר אין זיך אַליין. האָט איינער אַן אייגענע פילאָסאָפיע, האָט ער זי און קיינער וועט זי ביי אים נישט צונעמען און ער וועט מער קיין אַנדערע נישט האָבן; האָט איינער נישט קיין אייגענע פילאָסאָפיע, וועט ער אַזאַ אין ערגעץ נישט קריגן. לערערס קענען נאָר העלפן קלאָר ווערן אין דער אייגענער פילאָסאָפיע, זיי קענען נאָר העלפן זיך פונאַנדערקלייבן אין זיך אַליין. אָבער אַז אינעווייניק איז גאָרנישטאָ, קענען לערערס אַהינצו גאָרנישט אַריינטון. נישט אַלע דענקערס פון דער וועלט, קענען איינעם אויסלערנען צו האָבן אַן אייגענעם געדאַנק, פונקט ווי אַלע דענקערס פון דער וועלט קענען ביי קיינעם זיין געדאַנק נישט צונעמען. פאַר איינעם וואָס האָט אַן אייגענע פילאָסאָפיע, טויגן אַלע אַנדערע פילאָסאָפיעס נאָר זיי אָפּצופרעגן און צו דערווידערן, דאָס הייסט, צו דערווייזן און באַשטעטיקן נאָר די אייגענע.

אַ פילאָסאָף איז מען נישט מיטן „מוח", נאָר מיטן „האַרצן"; אַ פילאָסאָפיע האָט מען נישט אין „קאָפּ", נאָר אין „בלוט".

אַ פילאָסאָפיע איז אַ זאַך אויפן גאַנצן לעבן. מיט אַזאַ פילאָסאָפיע ווי מ'ווערט געבוירן, מיט אַזאַ פילאָסאָפיע שטאַרבט מען. דער וואָס בייט זיינע פילאָסאָפיעס, דער האָט קיין איינע נישט. דער וואָס איז מסכים מיט אַ סך מיינונגען, דער האָט קיין אײן מיינונג נישט.

פונקט ווי מ'קען קיינעם נישט אַרויסנעמען פון זיין אייגענער הויט; פונקט ווי מ'קען קיינעם נישט אויסלערנען צו האָבן אַן אַנדער כאַראַקטער, ווי דעם וואָס ער האָט, אַזוי קען מען קיינעם נישט אויסלערנען צו האָבן אַן אַנדער פילאָסאָפיע ווי די וואָס ער האָט. יעדן איינעמס פילאָסאָפיע איז אַזוי זיינע, ווי עס איז זיינע זיין פערזענלעכקייט. עס טרעפט אַ מאָל אַז מענטשן זיינען געצוווּנגען אָנצונעמען אָדער נעמען אַן על פי טעות, פרעמדע פילאָסאָפיעס, אַזעלכע וואָס פּאַסן נישט צו זייער מאָס. פון אַזעלכע פרעמדע פילאָסאָפיעס מוז מען פריער אָדער שפּעטער לויז ווערן. וואָרעם פונקט ווי מ'קען נישט טראָגן קיין מלבושים וואָס זיינען נישט לויט דער מאָס פון אייגענעם קערפּער, אַזוי קען מען נישט טראָגן קיין אידייען וואָס זיינען נישט לויט דער מאָס פון אייגענעם גייסט. וועלן דעם גייסט צופּאַסן צו אַן אַרויפגעצוווּנגענער אידייע, איז דאָס זעלבע וואָס וועלן דעם קערפּער צופּאַסן צו אַ פרעמדמאָסיקן מלבוש.

יעדער פילאָסאָף איז אַן אויטאָמאַט פון זיין פילאָסאָפיע. זיין פילאָסאָפיע רייפט אין אים אָן, ווי עס רייפט אָן אַ געגעבענער סאָרט פרוכט אויף אַ געגעבענעם סאָרט בוים. פונקט ווי אַ באַשטימטער סאָרט בוים קען נישט אַרויסברענגען קיין אַנדער סאָרט פרוכט אויסער זיינע, אַזוי קען אַ באַשטימטער טיפּ דענקער נישט אַרויסגעבן קיין אַנדערע געדאַנקען ווי נאָר די וואָס וואַקסן אין זיין גייסט. געדאַנקען פאַנגט מען נישט אין דער לופטן. געדאַנקען קומען אַרויס פון אונדז אַרויס, און אַזוי ווי מיר זיינען, אַזוי זיינע אונדזערע געדאַנקען. קיי־

נער קען נישט אויסטראַכטן פאַר זיך קיין אַנדער פילאָסאָפיע, ווי די וואָס עס טראַכט זיך אויס. קיינער קען נישט דענקען אַנדערש ווי עס דענקט זיך. אַלע געדאַנקען, אַרגומענטן און באַטראַכטונגען, וואָס שטעלן צונויף אונדזער וועלט־אַנשויונג, שטראָמען אַרויס פון די אומבאַוווסטע טיפענישן פון אונדזער גייסט אויפן אייבערפלאַך פון אונדזער באַוווסטזיין, צי מיר ווילן עס יאָ, אָדער מיר ווילן עס נישט. אין דער ספערע פון אונדזער באַוווסטזיין ווערט נאָר אונדזער דענק־פּראָצעס פאַרענדיקט. די בעסטע געדאַנקען אונדזערע קומען צו אונדז אומגעריכט. זיי רייסן אַרויף פון דעם טיפן אינערן פון אונדזער גייסט גאָר אינ־גאַנצן אומדערוואַרט און אומגעבעטן. וואָס ספּאָנטאַנער עס איז אונדזער דענ־קען, אַלץ מער זעלבסטגעטריי איז ער. ווען מיר דענקען מיט אַ ציל, קען אונדז דער ציל אַ מאָל אַראָפּפירן פון אונדזער אייגענער ליניע און מאַכן, אַז מיר זאָלן דענקען נישט אויפריכטיק, ד״ה, נישט אין אָנקלאַנג מיט אונדז אַליין. ווען מיר דענקען אָבער ספּאָנטאַן, ד״ה, ווען מיר זיינען נישט פאַראינטערעסירט צו ריכטן אונדזער געדאַנק צו אַ באַשטימטן פּונקט, נאָר מיר לאָזן אונדזער גייסט ער זאָל ריכטן אונדזער דענקען, דעמאָלט מוזן מיר זיין דורכויס זעלבסטגעטריי און זעלבסטערלעך. אָבער אַפילו ווען מיר דענקען יאָ פאַראינטערעסירט און אָפּ־זיכטלעך, קענען מיר אויך פון זיך אַליין נישט אַרויסקריכן, נאָר מיר מוזן שטענ־דיק דענקען אין די ראַמען פון אונדזער אינטימען פּסיכישן צוזאַמענשטעל. דענקען און אַרגומענטירן אַבסאָלוט קעגן זיך, איז אוממעגלעך. אונדזער גייסט וועט אונדז נישט אונטערזאָגן קיין אַרגומענטן און קיין ראיות פאַר עפּעס וואָס איז אין פולער סתירה צו אים אַליין. ער וועט בלייבן שטום און אומשעפעריש. דענקען אַבסאָלוט קעגן זיך, וואָלט געמיינט צוריקווענדן די ריכטונג פון אונדזער גייסט; וואָלט געמיינט אַז איין מענטש קען דענקען מיט אַ צווייטנס מענטאַלי־טעט; וואָלט געמיינט, אַז איין מענטש קען זיין אַ צווייטער מענטש, דאָס הייסט אַז עס איז בכלל קיין אינדיווידועלער גייסט נישטאָ, אַזוי איז עס נישט. מיר דענקען שטענדיק נאָר אין אָנקלאַנג מיט זיך אַליין. אונדזערע געדאַנקען זיינען אַ פּראָדוקט פון אונדזער טיפּ אינטעלעקט און אונדזער טיפּ כּאַראַקטער. אונדזע־רע געדאַנקען — דאָס זיינען מיר.

V

מיטן פאַרטיפן זיך אין די פאַרשיידענע פילאָסאָפישע סיסטעמען, קריגט מען נישט קיין בעסערע דערקענטעניש פון דער וועלט, נאָר מען קריגט אַ בע־סערע דערקענטעניש פון דעם גייסט פון די פילאָסאָפן. דער זיכערער ווערט פון די פילאָסאָפישע סיסטעמען איז אין דעם, וואָס זיי ווייזן אונדז ווי אַזוי פאַר־שיידענע טיפן מענטשלעכער גייסט האָבן זיך פאַרגעשטעלט די וועלט. יעדע

פילאָסאָפישע שיטה ווייזט אונדז, אַז אַזוי האָט זיך די וועלט אויסגעדאַכט צו אַ דענקער און אַז ער האָט די דאָזיקע אויסדאַכטונג אָנגענומען פאַר וואָר.

עס זיינען נישט געשאַפן געוואָרן אַלע מאָל קיין אַבסאָלוט נייע פילאָסאָפישע שיטות, וועלכע זיינען לחלוטין נישט ענלעך געווען אויף די פריִערדיקע, נאָר עס זיינען געשאַפן געוואָרן אַ באַשטימטע צאָל פילאָסאָפישע שיטות, אַנטשפּרעכנד דער צאָל פאַרשיידענע כאַראַקטערן און אינטעלעקטן פון די פילאָסאָפן, וועלכע האָבן זיך אַלע מאָל מער באַרייכערט און פאַרטיפט. עס זיינען שטענדיק געבליבן די אַלטע פילאָסאָפישע שיטות מיט נייע אַרגומענטן. די אַנטוויקלונג פון דער פילאָסאָפיע שטעלט מיט זיך פאַר אַן אויסגעברייטערטן קרייז־לויף און נישט קיין געשטרעקטע ליניע פאָרויס. יעדער נייער פילאָסאָף איז שטענדיק געווען ענלעך צו איינעם וואָס איז געווען פאַר אים און וועמענס שטאַנדפּונקט ער האָט דערגאַנצט און אויסגעברייטערט. יעדע פילאָסאָפישע שיטה האָט געהאַט ווי אַן אָנהענגער יענע אַלע פּערזאָנען וועמענס אינטעלעקט און כאַראַקטער עס זיינען ענלעך געווען צום שאַפער.

קיין מאָל האָבן זיך די דענקערס נישט געביטן מיט זייערע טעאָריעס. קיין ראַציאָנאַליסט איז קיין מאָל נישט געוואָרן קיין עמפּיריקער און קיין עמפּיריקער איז נישט געוואָרן קיין ראַציאָנאַליסט; קיין סקעפּטיקער איז נישט געוואָרן קיין דאָגמאַטיקער און קיין דאָגמאַטיקער איז נישט געוואָרן קיין סקעפּטיקער; האָט איינער געזאָגט, אַז גאָט און וועלט איז איינס — גאָט איז אימאַנענט, האָט דער צווייטער געזאָגט, אַז גאָט איז אויסער און איבער דער וועלט — גאָט איז טראַנסצענדענט; האָט איינער דערבליקט אין דער וועלט שכל, האָט דער צווייטער דערבליקט שכללאָזיקייט; האָט איינער געזען אין דער וועלט דאָס צוועקמעסיקע, האָט דער צווייטער געזען דאָס קויזאַל־נויטווענדיקע; האָט איינער געזען אין דער וועלט אָרדענונג, האָט דער צווייטער געזען אומאָרדענונג אאַז״וו. דער וועג פון דער פילאָסאָפיע לויפט פון שטענדיק אָן איבער דיאַמעטראַלע קעגנזאַצן און סתירות — קעגנזאַצן און סתירות צווישן וועלכע עס איז נישט מעגלעך קיין שלום און קיין אויסגלייך, ווייל יעדער דענקער איז אַ וועלט פאַר זיך, און דאָס אונטערהאַלטן יענעם, מיינט זיך פאַרניכטן.

צווישן מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם — צווישן די דאָזיקע צוויי עקסטרעמע בליקן אויף דער וועלט, האָט זיך פון אָנהייב אָן ביז אויף היינטיקן טאָג באַוועגט דער פילאָסאָפישער געדאַנק פון דער מענטשהייט. יעדער דענקער האָט, מער אָדער ווייניקער, געקערט אָדער צו איין לאַגער אָדער צום צווייטן.

די פראַגע מאַטעריאַליזם צי אידעאַליזם, פונקט, און נאָך מער, ווי אַלע פאַרשיידנקייטן פון די פילאָסאָפישע שיטות, זיינען נישט קיין פאַרשיידנקייטן אינעם זיין פון דער וועלט, נאָר אינעם זיין פון די מענטשן. דער אידעאַליסט איז אַן אידעאַליסט דערפאַר וואָס ער האָט דעם אידעאַליזם אין זיך, און דער מאַטעריאַליסט איז אַ מאַטעריאַליסט דערפאַר וואָס ער האָט דעם מאַטעריאַליזם

איז זיך. די לאָגישע אַרגומענטן קומען לאַחר המעשה, דאָס הייסט נאָך דעם ווי יעדער איז דאָס וואָר ער איז. דעם מאַטעריאַליסט צייגן איבער די אַרגומענטן פון מאַטעריאַליזם, און דעם אידעאַליסט — די אַרגומענטן פון אידעאַליזם. פריִער איז מען און נאָך דעם אַרגומענטירט מען און נישט פריִער אַרגומענטירט מען און נאָך דעם איז מען.

דער מאַטעריאַליסט וואַרפט פאַר דעם אידעאַליסט, אַז זיינע מעטאַפיזישע שפּעקולאַציעס און אַבסטראַקטע חקירות זיינען נישט מער ווי הויך־פליִענדיקע פאַנטאַזיעס און פילאָסאָפישע אילוזיעס, וועלכע זיינען מיט גאָרנישט דערוויזן און באַגרינדעט און האָבן נישט קיין שום באָדן הינטער זיך, און דער אידעאַליסט וואַרפט פאַר דעם מאַטעריאַליסט אַז זיין פילאָסאָפיע איז שמאָל, באַגרענעצט, פלאַך, המונמעסיק, זי גרייכט נישט וויט, זי הייבט זיך נישט אויף אין דערהויך און לאָזט זיך נישט אַראָפּ אין דער טיף. דער מאַטעריאַליסט זעט נישט ווייטער ווי דאָס וואָס עס טוט זיך אים אונטער דער נאָז, ער איז נישט פעיִק צו מאַכן קיין פאַראַלגעמיינערונגען און קיין ברייטע אויספירן. יעדער צד ברענגט ראַיות אויף ראַיות אַז מיט אים איז דער אמת און ער איז גערעכט. די ראַיות פון יעדן צד צייגן בלויז איבער די אייגענע אָנהענגערס. פאַר די אָנהענגערס פון צווייטן צד, זיינען די ראַיות לחלוטין קיין ראַיות נישט. אַזוי איז עס געווען מיט פינף און צוואַנציק יאָרהונדערטער צוריק, ווען דער רעאַלער וויסן וועגן דער וועלט האָט זיך נאָך געפונען אויף אַ נידעריקער שטופע, און אַזוי איז עס היינט, ווען דער רעאַלער וויסן געפינט זיך אויף אַ הויכער שטופע. נישט דער דעמאָלטיקער נידעריקער מצב פון די וויסנשאַפטן האָט געשטערט אַ מאַטעריאַליסטישע אָנשויונג פון דער וועלט און נישט דער היינטיקער מצב פון די וויסנשאַפטן שטערט אידעאַליסטישע אָנשויונגען פון דער וועלט. מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם זיינען געווען פאַר די וויסנשאַפטן, און זיי זיינען דאָ איצט נאָך די וויסנשאַפטן. זיי זיינען, הייסט עס, נישט אָפּהענגיק פון די וויסנשאַפטן, זיי זיינען איבער די וויסנשאַפטן. נישט העכער וויסן איז מחייב איין פילאָסאָפיע און נישט נידעריקער וויסן איז מחייב אַ צווייטע. ביי יעדן גראַד וויסן, קען מען האָבן וואָס פאַראַ פילאָסאָפיע מ׳וויל. נישט דאָס וויסן באַשטימט די פילאָסאָפיע, נאָר די פילאָסאָפיע באַשטימט דאָס וויסן. מ׳דענקט נישט דאָס וואָס מ׳ווייס, נאָר מ׳ווייס דאָס וואָס מ׳דענקט. דאָס דענקען גיט אינהאַלט דעם וויסן און נישט דער וויסן פון דענקען. איין און דער זעלבער וויסן, ווערט פון פאַרשיידענע דענקערס פאַרשיידן אויסגעטייטשט. יעדער לייגט אַריין אינעם וויסן די אָנשויונג וואָס איז אים אייגן, די „אָנשויונג פון זיין האַרץ". געווען דענקערס וואָס זייער גרויס וויסן האָט זיי „דערוויזן" די ריכטיקייט פון מאַטעריאַליזם און געווען דענקערס וואָס זייער גרויס וויסן האָט זיי „דערוויזן" די ריכטיקייט פון אידעאַליזם, און געווען אויך אַזעלכע וואָס דער זעלבער וויסן האָט זיי פון אָנהייב „דערוויזן" מאַטעריאַליזם און נאָך דעם אידעאַליזם. (קיין פאַרקערטער פאַל איז נישט באַקאַנט).

דער אמת איז: נישט דער מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָף איז מאַטעריאַליסט דערפאַר, וואָס ער האָט געקריגן וועלכע עס איז זיכערע אָביעקטיווע באַווייזן אַז די וועלט איז מאַטעריע און נישט דער אידעאַליסטישער פילאָסאָף איז אידעאַליסט דערפאַר וואָס ער האָט געקריגן וועלכע עס איז זיכערע באַווייזן אַז די וועלט איז אידייע; דער ערשטער ווי דער צווייטער זיינען דאָס וואָס זיי זיינען פון זיך אַרויס און נישט אין זיך אַריין. זיי מאַכן די וועלט פאַר מאַטעריע אָדער אידייע און נישט די וועלט מאַכט זיי. דער מאַטעריאַליסט זעט דעם מאַטעריאַליסטישן אַספּעקט פון דער וועלט, ווייל ער איז אַ מאַטעריאַליסט, דאָס הייסט, ווייל דער אינטימער צוזאַמענשטעל פון זיין גייסט איז געיִיגנט און צוגעפּאַסט צום דאַזיקן וועלט־באַנעם. פּונקט אַזוי זעט דער אידעאַליסט דעם אידעאַליסטישן אַספּעקט פון דער וועלט, ווייל ער איז אַ אידעאַליסט, דאָס הייסט, ווייל דער אינטימער צוזאַמענשטעל פון זיין גייסט איז געיִיגנט און צוגעפּאַסט צום דאַזיקן וועלט־באַנעם. דאָס זעלבע אויך וועגן אַלע פילאָסאָפישע שיטות. אַלע פילאָסאָפיעס זיינען נישט מער ווי סוביעקטיווע אויסטייטשונגען פון דער וועלט; אַריינטייטשונגען אין איר. נישט די וועלט איז פאַרן מאַטעריאַליסט איינע און פאַרן אידעאַליסט אַן אַנדערע. די וועלט איז עקזאַקט די זעלבע פאַר ביידע, נישט מער דער מאַטעריאַליסט קוקט אויף דער וועלט מיט אַ מאַטעריאַליסטישן גייסט און דער אידעאַליסט מיט אַן אידעאַליסטישן גייסט. דער אינדיווידועלער גייסט פון דענקער איז עס וואָס ווייזט איינעם די וועלט ווי מאַטעריע און דעם צווייטן ווי אידייע. אַלץ איז אָפּהענגיק פון אינדיווידועלן גייסט. עס איז דאָ נישט מער ווי אַנאָנימע וועלט אין זיך און אינדיווידועלער גייסט.

אויב איינעמס גייסט איז באַפליגלט מיט ברייטע אָדלער־פליגלען און עס ציט אים צו מעטאַפיזישע הויכענישן, וועט אים דערפון גאָרנישט אָפּהאַלטן. ער וועט אַלץ איינס פליִען, צי מען וועט אים יאָ אָדער נישט פּענטען מיט „אומ־אָפּפרעגבאַרע מאַטעריאַליסטישע אַרגומענטן" און זאַכלעך־פּראַקטישע באַווייזן. ער וועט מיט זיין „שאַרפן, שפּיציקן קאָפּ" דורכבורעכן די „ענגע ווענט פון דער מאַטעריע" און וועט סוף כל סוף פאַרפליִען אין די אומענדלעכע רוימען פון גייסט. פאַרקערט, וועט דער דענקער מיטן מאַטעריאַליסטישן גייסט, שטענדיק בלייבן „מיט ביידע פיס אויף דער ערד" און קיין צען טויזנט שלאָגנדיקע אידעאַליסטישע ראיות וועלן אים אויף קיין צענטימעטער נישט אויפהייבן פון דעם „האַרטן" באָדן אויף וועלכן ער געפינט זיך.

אין אידעאַליסט ווערט די וועלט כסדר געשאַפן ווי אַ אידייע און גייסט. דער דאַזיקער אופן פון זען די וועלט, פליסט אַרויס פון די טיפענישן פון זיין פּסיכישער תכונה. צו זען די וועלט ווי אידייע און גייסט, איז די אינטימע פונקציע פון זיין נשמה. וויפל ער זאָל זיך נישט באַמיִען צו זען די וועלט אַנ־דערש, וועט ער דאָך שטענדיק זען די וועלט אַזוי ווי ער זעט זי. מיט זיין גאַנץ וועזן פילט ער אַז די וועלט איז אידייע און גייסט, אַז אויסער אידייע און

גייסט, איז אַלץ שיין און דמיון. דעם פאַקט פון דער מאַטעריעלער וועלט לייקנט ער נישט אָפּ, ער דעגראַדירט אים נאָר. ער זאָגט, אַז דער דאָזיקער פאַקט איז אַ פאַרפירערישער און מ׳קען אים לחלוטין נישט טרויען. די עמפּיריק און די וועלט וואָס די עמפּיריק ווייזט, דאָס אַלץ איז שלייער אויף דער אמתער וועזנהייט און אמתער דערקענטעניש פון דער וועלט. די אמתע וועלט, קען מען זען נאָר מיטן „אינערלעכן אויג", מיטן העכערן שכל, מיטן דיאַלעקטישן שכל, מיט דער אינטויציע און אַזוי ווייטער.

דאָס זעלבע איז מיטן מאַטעריאַליסט. אויך ער זעט די וועלט מאַטעריאַליסטיש דערפאַר וואָס ער איז אַ מאַטעריאַליסט. מאַטעריאַליזם איז פּונקט אַזוי אַ פילאָסאָפישע שיטה ווי אידעאַליזם. פון אויבן אויף קען זיך אויסווייזן, אַז מאַטעריאַליזם איז קיין פילאָסאָפיע נישט, אַז אומדענקענדיקע, אומפילאָסאָפישע מענטשן זייען מאַטעריאַליסטן. איז עס אָבער נישט אַזוי. מענטשן אָן פילאָסאָפיע, אָן וויסן און אָן געדאַנק, זיינען גיכער „אידעאַליסטן", אײדער מאַטעריאַליסטן. אַזוי איז עס היסטאָריש און אַזוי איז עס פּסיכאָלאָגיש. די פּרימיטיווע וועלט־אויפפאַסונג פון דער מענטשהייט איז געווען אַ אידעאַליסטיש־ספּיריטואַליסטישע און נישט קיין מעכאַניסטיש־מאַטעריאַליסטישע. דער אוממיטלבאַרער אינערלעכער איינדרוק וועגן דער וועלט, פירט שטענדיק מער צום „אידעאַליזם" אײדער צום מאַטעריאַליזם. דער אומדענקענדיקער מענטש איז בטבע מער „אידעאַליסט" אײדער מאַטעריאַליסט. פּונקט ווי דער אידעאַליסטישער פילאָסאָף, אַזוי טרויעט ער אויך נישט זיינע חושים און זיין פּראָסט־פּשוטן שכל־הישר, נאָר טרויעט זיין „אינערלעכן איינדרוק" וועגן דער וועלט, וועלכער זאָגט אים אונטער, אַז די וועלט איז „גייסט". פון ספּיריטיזם־מיסטיציזם ביז דעם פילאָסאָפישן אידעאַליזם, איז איין שפּאַן וועגס. עס הערשט אַ אינטים־פּסיכאָלאָגישע קרובהשאַפט צווישן זיי ביידע.

כדי צו זיין אַ מאַטעריאַליסט, מוז מען באַזיצן אַ מאַטעריאַליסטישע פּסיכיק, מוז מען מאַטעריאַליזירן די וועלט פון זיך אַרויס. דאָס דענקען אַז די וועלט איז מאַטעריע און ענערגיע, אַז דאָס וועלט־ געשען איז אַ גרויסער מעכאַנישער פּראָצעס, אַז די וועלט איז מאַטעריע און באַוועגונג, אַז גייסט איז אַ פונקציע פון דער מאַטעריע אאַ"וו, וואַקסט פּונקט אַזוי אַרויס פון די סוביעקטיווע אייגנשאַפטן פון דעם וואָס דענקט אַזוי, ווי עס וואַקסט אַרויס פון די סוביעקטיווע אייגנשאַפטן דאָס דענקען אַז די וועלט איז אידייע און גייסט. פּונקט אַזוי ווי דער אידעאַליסט פאַרקוקט דעם מאַטעריעלן אַספּעקט פון דער וועלט, מחמת זיין „גייסטיקע אויג" ווייזט אים נאָר דעם גייסטיקן אַספּעקט, אַזוי פאַרקוקט דער מאַטעריאַליסט דעם אידעאַלן אַספּעקט פון דער וועלט, מחמת זיין „פיזיש אויג" ווייזט אים נאָר דעם מאַטעריעלן אַספּעקט פון דער וועלט. דעם מאַטעריאַליסטס זען די וועלט מיט די אויגן פון דער עמפּיריק, איז פּונקט אַזוי אַ פּועל־יוצא פון זיין פּערזענלעכער מענטאַלער סטרוקטור, ווי דעם אידעאַליסטס זען די וועלט מיט די „אויגן פון

גייסט". דער מאַטעריאַליסטישער דענקער איז נישט ווייניקער סוביעקטיוו מיט זיין מאַטעריאַליזם, ווי דער אידעאַליסטישער דענקער מיט זיין אידעאַליזם. דער ערשטער זעט די וועלט דורך זיין מאַטעריאַליסטישער מענטאַליטעט און ער זאָגט אַז די וועלט איז מאַטעריע; דער צווייטער זעט די וועלט דורך זיין אידעאַליסטישער מענטאַליטעט און זאָגט די וועלט איז אידייע. — אינדיווידועלע מענטאַליטעטן מער ווי דאָס איז אין דער פילאָסאָפיע גאָר נישטאָ. פונקט ווי דער אידעאַליסט איז באַהערשט פון אַ אידעאַליסטישער וועלט-וויזיע, וועלכע וואַקסט-אָן און אַנשטייט פערמאַמענט אין אים און וועלכע שפּראָצט-אַרויס פון די טיפסטע און אינטימסטע ספערן פון זיין גייסט, אַזוי איז דער מאַטעריאַליסט באַהערשט פון אַ מאַטעריאַליסטישער וועלט-וויזיע, וועלכע וואַקסט-אָן און אַנטשטייט פערמאַמענט און אומאויפהערלעך אין אים און שפּראָצט אַרויס פון די טיפסטע און אינטימסטע ספערן פון זיין גייסט. דער מאַטעריאַליסט איז פונקט אַזוי אַן אויסגעשפּראָכענער פסיכאָלאָגישער טיפּ ווי דער אידעאַליסט. צו קוקן אויף זאַכן מאַטעריאַליסטיש, מוז מען פונקט אַזוי באַזיצן אַ מאַטעריאַליסטישע נשמה, ווי מ'מוז באַזיצן אַ אידעאַליסטישע נשמה כדי צו קוקן אויף זאַכן אידעאַליסטיש.

VI

מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם זיינען צוויי טיף-פאַרשיידענע אופנים פון אוממיטלבאַרן אינטויִרן די וועלט און נישט פון פאַרשטיין זי.

אין דער מאָדערנער צייט האָט עס אָפט געטראָפן אַז פאַרשערס און דענקערס וואָס האָבן אָנגעהויבן ווי מאַטעריאַליסטן האָבן פאַרענדיקט ווי אידעאַליסטן. אין דער יוגנט זיינען זיי געווען איבערגעצייגט אין אַ מאַטעריאַליסטישמאָניסטישער אַנשויונג און אויף דער עלטער זיינען זיי געוואָרן איבערגעצייגט אין אַ אידעאַליסטיש-דואַליסטישער אַנשויונג. אַזאַ אַנשויערישער מעטאַמאָרפאָז קען זיין אַ פּועל-יוצא נאָר פון אַ ריין-אינערלעכער ענדערונג אין דענקערס נשמה. פון אָנהייב לעבט אַזאַ דענקער אונטערן איינדרוק פון אַן אוממיטלבאַרער מאַטעריאַליסטישער וועלט-אַריינפילונג. זיין וויסן און זיינע קענטעגישן ווערן באַלויכטן — פון אים אַרויס און אויף אַ גאַנץ ספּאָנטאַנעם אומבאַוווסטזיניקן אופן — מיט אַ מאַטעריאַליסטיש ליכט. אַלע פאַקטן און עקספּערימענטן וואָס קענען געטייטשט ווערן אי מעכענאַסטיש, אי אידעאַליסטיש, ווערן געטייטשט לויטן ערשטן אופן, מחמת דער דענקער איז באַהערשט פון אַ מאַטעריאַליסטיש וועלט-געפיל. זיין שכל איז מאַטעריאַליזירט און ער איז ניט פּעיִק אויפצונעמען קיין שום אידעאַליסטישן באַוויז. ווען דער זעלבער דענקער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ אידעאַליסט, דאָס הייסט, עס קומט פאָר אַן אומוואַנדלונג אין זיין אוממיטלבאַרן פילן די וועלט, בייט זיך אויך זיין שכל און זיין דענק-אופן און אין דער זעלביקער מאָס ווי ער איז פריִער נישט פּעיִק געווען אויפצונעמען קיין אידעאַליסטישע באַווייזן

און אַרגומענטן, ווערט ער איצט אומפּעיִק אויפצובעמען מאַטעריאַליסטישע באַוויזן און אַרגומענטן. פונקט ווי פריִער האָט ער אָנגעגאָסן אַלע אָביעקטיווע ראיות מיט זיין אינערלעך־זיכערער מאַטעריאַליסטישער איבערצייגונג, אַזוי גיסט ער איצט אָן די זעלביקע ראיות מיט זיין אינערלעך־זיכערער אידעאַליסטישער איבערצייגונג. דער געדאַנקלעכער שטאָף איז איצט דער זעלבער וואָס פריִער. נישט מער, די זעלבע זאַכן דערשיינען איצט אין אַ ניי ליכט. די סיבה פון דער ענדערונג איז נישט קיין נייע פאַקטן און ניי וויסן וואָס איז צוגעקומען דעם דענקער. דער וויסן איז איצט דער זעלבער וואָס אַמאָל. עס האָט זיך בלויז געביטן די אינטערפּרעטאַציע פון וויסן, די אינערלעכע באַלייכטונג פון וויסן. צו באַרעכטיקן זיין נייע אָריענטאַציע און זיין נייעם וועלט־בליק גיט דער דענקער נישט אָן קיין נייע אַנטדעקונגען און נייע עקספּערימענטן, וואָס האָבן אים באַוויגן צו ענדערן זיין פריִערדיקן בליק, נאָר ער גיט אָן אַז די פריִערדיקע פאַקטן זעט ער איצט אַנדערש.

פון וואַנען זשע אַזאַ בייט פון מיינונגען? — דער בייט פון די מיינונגען נעמט זיך דאָ פון דעם בייט פון די פילאָסאָפישע געפילן. אין דער יוגנט זיינען די דאָזיקע דענקערס באַהערשט געווען לגבי דער וועלט פון איין סאָרט געפילן, און אויף דער עלטער זיינען זיי באַהערשט געוואָרן פון אַן אַנדער סאָרט געפילן. מיט דער נשמה פון דער יוגנט האָבן זיי געפילט די וועלט אַנדערש ווי זיי האָבן זי געפילט מיט דער נשמה פון דער עלטער. אויף דער עלטער נייטיקט מען זיך מער דערין, אַז די וועלט זאָל זיין גייסט, איידער אין דער יוגנט. דאָס געפיל פון דער עלטער איז מער נוטה צו אידעאַליזירן די וועלט ווי דאָס געפיל פון דער יוגנט. און אַזוי ווי מ׳פילט די וועלט, אַזוי דענקט מען זי. אַ מאָדערנער פאָרשער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז „אַ גאַנצע וואָך איז ער אַ מעכאַניסט, נאָר זונטיק נאָך מיטיק ווערט ער אַ וויטאַליסט“...

פון דעסט וועגן איז דאָס, וואָס אַזעלכע פילאָסאָפישע פאַרוואַנדלונגען זיינען פאָרגעקומען נאָר אין דער מאָדערנער צייט — אין דער תקופה פון די וויסנשאַפטן און נישט אין קיין שום אַנדער תקופה, אַ באַווייז, אַז זיי זיינען מער אַ פועל־יוצא פון צייט־ווירקונג, איידער אַ נאָרמאַלע דערשיינונג אין פּראָצעס פון פילאָסאָפישן דענקען. אין דער תקופה פון די וויסנשאַפטן האָט עס געקענט פּאַסירן, אַז די יעניקע וועלכע זיינען בטבע געווען גענייגט צו אַן אידעאַליסטישע וועלט־אָנשויונג, זאָלן דאָך, אונטערן דראַנג פון די וויסנשאַפטן, אָננעמען צייטווייליק און אין טעות צו זיך אַליין, אַ מאַטעריאַליסטישע וועלט־אָנשויונג. די דאָזיקע האָבן אָבער דעם „טעות“ אין וועלכן די צייט האָט זיי אַריינגעפירט — פאַרריכט, און האָבן צום סוף פון זייער לעבן אָנגענומען די יעניקע פילאָסאָפיע וואָס איז זיי געווען מער געאייגנט. עס איז, הייסט עס, דאָ נישט פאָרגעקומען קיין בייט פון פילאָסאָפיעס, נאָר אַ רעקטיפיקאַציע, אַן אויסגלייך מיט זיך אַליין. נישט־מאַטעריאַליסטן זיינען געוואָרן אידעאַליסטן, נאָר אידעאַליסטן זיינען געוואָרן אי־

דעאַליסטן. דער יוגנטלעכער מאַטעריאַליזם פון די דאָזיקע אידעאַליסטן, איז גע־ווען אַ פאַרבאַלנדזשעטער, ס'איז געווען „מאָדע־מאַטעריאַליזם" און נישט קיין אָרגאַנישער מאַטעריאַליזם. אָרגאַנישע מאַטעריאַליסטן זיינען געבליבן אַזעלכע אויפן גאַנצן לעבן.

VII

דער הויפּט כאַראַקטער־שטריך פונעם עכטן מאַטעריאַליסט, שיינט אונדז, איז זיין אומדערשראָקנקייט. ער האָט נישט מורא צו קוקן דער וועלט גלייך אין די אויגן אַריין. ער גייט אָנשויען די וועלט מיט קאַלטבלוטיקייט. די טרויעריקעווירקלעכקייט פון דער וועלט באַאומרויִקט אים נישט. ער גייט צו מאַכן זיינע וועלט־באַטראַכטונגען מיט רעזיגנאַציע און האָט נישט מורא פאַרן רעזולטאַט פון נאַקעטן וועלט־אמת. ער זעגלט שטענדיק פּאַזע ברעג פונעם באַוויז און לאָזט זיך קיין מאָל נישט אַוועק אינעם אָפענעם אָקעאַן פון אַבסטראַקטער חקירה. ער האָט בעסער ליב צו שטיין אויף אַ פעסטן באָדן, מעג ער זיין אַ האַרטער און אַ שטייניקער, איידער זיך צו בויען שלעסער אין דער לופטן. דאָס וועלט־בילד וואָס מיר זעען — זאָגט דער מאַטעריאַליסט — איז גרוי און טרויעריק. עס פאַרשפּרעכט אונדז גאָר נישט און זאָגט אונדז גאָר נישט צו. עס הערשט דערין דאָס קאַלטבלוטיקע געזעץ פון קויזאַלער וויקלונג, פון נויטווענדיקייט און נאָכ־פאָלגונג. עס איז אַ גראַנדיעזער שטראָם וואָס פליִצט און שטראָמט איבער ציִיטן און אייביקייטן, אָן אַן עק און אָן אַ סוף. און אויך דער מענטש איז נישט מער ווי אַ רינגעלע אין דער קייט פון אייביקן וועלט־געשען. ריידן וועגן אַ ציל און אַ צוועק פון דער וועלט, האָט קיין זינען נישט, ווייל דער מענטש זוכט אין דער וועלט זיין זינען און זיין צוועק, און דאָס איז אין דער וועלט לחלוטין נישטאָ. די וועלט האָט זיך איר אייגענעם זינען. דער וועלטס זינען איז דאָס נויטווענ־דיקע און קויזאַלע. די וועלט גייט זיך איר אייגענעם וועג, לויט אירע אייגענע געזעצן פון סיבה און נאָכפאָלגונג און ווייס נישט פון קיין אַנדערע צילן און צוועקן. קיין אָפּגעריסנקייטן, קיין צופעליקייטן, קיין אומרעגלמעסיקייטן, זיינען אין וועלט־געשען נישט פאַראַן. דער וועלטס שכל איז איר אייזערנער געזעץ, דער וועלטס לאָגיק איז איר נויטווענדיקער פאָרויסלויף.

דער אידעאַליסט, אינקעגנטייל, סובלימירט די וועלט; ער הילט זי אַרום מיט זיין אייגענעם פּאַטאָס. ער זעט אין דער וועלט שכל און זינען און באַ־וווסטזיין. די וועלט איז פאַר אים לעבן, געדאַנק און גייסט. ער זעט אומעטום ציל און צוועק. אַלץ האָט אַ פאַר וואָס און אַ באַרעכטיקונג. אַלץ ווייס פון וואַנען עס קומט און וווהין עס גייט. אַלץ איז פאָרויסגעפּלאַנט און פאָרויסגעזען, אַלץ איז געמאַכט ציל־באַוווסט. דער וועלט־פּראָצעס איז אַ גרויסער באַוווסטזיין־פּראָ־צעס. עס עקזיסטירט בלויז געדאַנק און אידייע וואָס האַלט זיך אין איין פאַר־

ווירקלעכן. אַלץ איז אַ מאָמענט אינעם זעלבסט־פֿאַרווירקלעכנדיקן וועלט־גערדאַנק.

דער אידעאַליסטישער דענקער איז אַ נאַטור־ענטוזיאַסט. ער איז באַוועלטיקט פֿון אַ ספּאָנטאַנער התפּעלות לגבי דעם וועלט־לעבן. אידעאַליזם איז אַ פּראָדוקט פֿון אַ וועלט־באַלעבונג געפֿיל. דאָס דאָזיקע געפֿיל איז דאָס סאַמע וועזנטלעכע אינעם גייסט פֿון אידעאַליסט און ער איז פֿאַראַן אין גאָר זיין פֿילן און דענקען. דער אידעאַליסט פֿילט מיט זיין גאַנץ וועזן אַז דער תּוך פֿון דער וועלט איז געדאַנק און גייסט. ס׳איז ביי אים נישט קיין שכלדיקער שלוס, נאָר אַן אוממיטלבאַרע געוויסהייט פֿון געפֿיל. וועגן דעם איז פֿאַר אים נישט שייך צו ראַציאָנירן און דיסקוטירן. דאָס איז פֿון פֿאָרויס און פֿון זיך אַליין זיכער, דאָס איז פֿאַר און איבער שכל. די גאַנצע שכלדיקע פֿונקציע וואָרצלט אין דער דאָזיקער זיכערקייט און געוויסהייט און אַלע ראַיות און באַווייזן און אַרגומענטן וואָס טויכן־אויף אין אידעאַליסטס גייסט, קומען נאָר באַשטעטיקן די אַפּריאָרי זיכערקייט פֿונעם דאָזיקן אמת.

VIII

דאָס נאָכדענקען צי מ׳זאָל אָננעמען אַ פֿילאָסאָפֿיע צי נישט, איז נישט קיין אַנדער זאַך ווי נאָר דאָס אויספּרוּוון צי זי פּאַסט צום אייגענעם גייסט אָדער נישט. פּאַסט אַ פֿילאָסאָפֿיע צום אייגענעם גייסט, ווייזט זי אונדז אויס קלוג, ציִגט זי אונדז איבער און מיר נעמען זי אָן. פּאַסט אַ פֿילאָסאָפֿיע נישט צום אייגענעם גייסט, ווייזט זי אונדז אויס נאַריש, ציִגט אונדז נישט איבער און מיר נעמען זי נישט אָן. הייסן הייסט עס כּלומרשט, אַז מ׳דענקט נאָך וועגן איר, מ׳באַטראַכט זיך, מ׳ אַרגומענטירט און מ׳ברענגט פֿאַר זיך אַליין ראַיות פֿאַר אָדער קעגן, מ׳זוכט זיך אַליין צו איבערצייגן אין דער ריכטיקייט אָדער פֿאַלשקייט אירער. אַזוי הייסט עס כּלומרשט. אין דער אמתן אָבער איז עס פּונקט פֿאַרקערט: נישט מ׳נעמט אָן אַ פֿילאָסאָפֿיע ווייל ראַיות צייגן איבער אין איר, און מ׳וואַרפֿט זי אָפּ, ווייל ראַיות צייגן נישט איבער, נאָר פֿאַרקערט, ווייל זי פּאַסט אונדז, זיינען די ראַיות איבערצייגנדיק און ווייל זי פּאַסט אונדז נישט, זיינען די ראַיות נישט איבערצייגנדיק. דער עיקר איז די פֿאַרוואַנדשאַפֿט פֿון דער געגעבענער פֿילאָסאָפֿיע מיט אונדזער גייסט. הערשט אַ פֿאַרוואַנדשאַפֿט מיט אונדזער גייסט, וועלן, ערשטנס, אונדז קומען אויפֿן געדאַנק נאָר פּאָזיטיווע אַרגומענטן און נישט קיין נעגאַטיווע, און צווייטנס, וועלן האָבן איבערצייגונגס־קראַפֿט נאָר פּאָזיטיווע אַרגומענטן און נישט קיין נעגאַטיווע, די נעגאַטיווע וועלן זיין מאַכטלאָז און בלאַס. הערשט אַ גייסטיקע פֿרעמדקייט, וועט דער ראַציאָנעלער פּראָצעס גיין אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג. דעם אינדיווידו וועלן

קומען אויפֿן געדאַנק נאָר נעגאַטיווע אַרגומענטן און נאָר די נעגאַטיווע אַרגו־מענטן וועלן האָבן איבערצייגונגס־קראַפֿט.

איינע און די זעלבע אַרגעמונטן פֿאַר און קעגן אַ באַשטימטער אָנשויונג, וועלן אַ טייל מענטשן איבערצייגן אַז די אָנשויונג איז ריכטיק און אַ צווייטן טייל, אַז די אָנשויונג איז פֿאַלש. פֿאַר די ערשטע וועלן אַלע פּאָזיטיווע אַרגו־מענטן זיין קראַפֿטפֿול און איבערצייגנדיק און די נעגאַטיווע — פּוסט און קראַפֿטלאָז. שפּעקולאַטיווע באַוויזן האָבן נישט קיין אַלגעמיין־גילטיקן ווערט, נאָר זיי ווערן באַווערטיקט פֿון די מענטשן וואָס נעמען זי אויף. פֿאַלן צונויף די באַוויזן מיטן גייסט פֿון די אויפֿנעמערס, האָבן זיי אַ ווערט; זיינען זיי קעגן גייסט פֿון די אויפֿנעמערס, זיינען זיי ווערטלאָז.

און וואָס מיינט זוכן אַן אידייע? — זוכן אַן אידייע מיינט זוכן זיך אַליין. ווען מיר געפֿינען זיך אין אַ צושטאַנד פֿון צווייפֿל, ווען אונדזער גייסט איז באַהערשט פֿון ספֿקות און מיר ווייסן נישט אויף וועלכן וועג מיר זאָלן זיך פֿאַרנעמען, וואָס פֿאַר אַ אידעע מיר זאָלן זיך אויסקלייבן, צו וועלכער פֿילאָסאָ־פֿיע מיר זאָלן זיך נייגן — קומט פֿאַר אַ באַלאַנסירונג פֿון אונדזערע נשמה־אייגנשאַפֿטן; מיר עקוויליברירן איבער זיך אַליין: אָט ווייזט זיך אונדז אויס, אַז דער אמת איז אין איין ריכטונג און אָט אין אַ צווייטער; אָט נייגן מיר זיך רעכטס און אָט לינקס, אָט שוועבן מיר אַרויף און אָט אַראָפּ, אָט זיינען מיר איבערצייגט אַז דער אמת איז מיט איין פֿילאָסאָפֿישער שול און אָט מיט אַ צווייטער. אַזאַ צושטאַנד פֿון בלאָנדזשעניש און זוכעניש, איז נישט קיין אַנדער זאַך ווי נאָר אַ ראַנגלעניש פֿון אונדזערע פֿילע סוביעקטיוויטעטן; אַ קאָנפֿליקט צווישן די פֿאַרשיידענע, אָפֿט קעגנזעצלעכע טענדענצן פֿון אונדזער גייסט. פּונקט ווי אין יעדן קאַמף איז גובר דער שטאַרקער, אַזוי איז אויך דאָ — נעמט יענע נשמה־אייגנשאַפֿט וועלכע איז שטאַרקער אין אונדז, די איבערהאַנט איבער די אַנדערע און זי באַשטימט די געדאַנק־ריכטונג אונדזערע. פֿאַראַן אינדיווידן מיט גאַנצע כאַראַקטערן, מיט איינהייטלעכע נשמות. די דאָזיקע ווייסן נישט פֿון קיין ספֿקות און פֿון קיין בלאָנדזשענישן, פֿון קיין אינערלעכע קאַמפֿן און געראַנגלען; זיי דאַרפֿן נישט זוכן קיין פֿילאָסאָפֿיעס און קיין קרעדאָס, ווייל זיי קומען זיי אַליין אַנטקעגן; זיי טראָגן זייער וועלט־אָנשויונג זייער בולט אויסגעקריצט אין זיך. מחמת דעם, בייטן זיי קיין מאָל נישט זייער וועלט־אָנשויונג, זיי רעווידירן נישט זייערע שטאַנדפּונקטן און קאָנטראָלירן נישט זייי־ערע אידעען. פֿון זייער יוגנט אָן געהערן זיי צו אַ באַשטימטער ריכטונג פֿון געדאַנק און די דאָזיקע ריכטונג האַלטן זיי אָן זייער גאַנץ לעבן. זיי ווייסן באַלד ווער זיי זיינען און וואָס זיי ווילן.

פֿאַראַן אינדיווידן וואָס ליידן יאָ פֿון אַ געוויסער אינערלעכער צעריסנקייט, אָבער דאָך מיט אַן איבערגעוויכט פֿון אַ באַשטימטן סאָרט נשמה־אייגנשאַפֿט. ביי די דאָזיקע נעמט עס צייט און עס קאָסט זיי מי ביז זיי געפֿינען זיך אַליין

אויס; ביז זיי קומען צו זיך; ביז זיי דערקענען זיך אַליין, דאָס הייסט, ביז די טענדענץ און שטרעמונג פון זייער נשמה וואָס איז שטאַרקער פון די אַנדערע, אימפּאָנירט זיך איבער יענע און הייבט אָן באַהערשן זייער געדאַנק און טאַט.

פאַראַן אָבער אויך אַזעלכע אינדיווידן וועמענס כאַראַקטער איז צוזאַמענגעשטעלט, אין אַ גלייכער פּראָפּאָרץ, פון פאַרשיידענע קעגנזעצלעכע כוחות און אייגנשאַפטן .די דאָזיקע געפינען זיך דאָס גאַנצע לעבן זייערס אין אַ אינערלעכער אומרו. זייער געדאַנק איז שטענדיק פול מיט סתירות און ווידערשפּרוכן. זיי זיינען אייביקע צווייפלערס, אייביקע זוכערס, אייביקע בלאָנדזשערס; זיי ווייזט זיך גאָרנישט אויס קלוג, זיי זיינען אין גאָרנישט זיכער און אין גאָרנישט איבערצייגט, מחמת אַ מאָל גיט זיך זייער נשמה אַ נייג אין איין זייט וואָגשאָל און זיי דענקען איינס, און אַ מאָל גיט זיך זייער נשמה אַ נייג אין דער צווייטער זייט וואָגשאָל און זיי דענקען עפּעס אַנדערש. זיי קענען זיך קיין מאָל נישט אַנטשליסן פאַר אַ וועלכן עס איז אמת; זיינען באַהערשט פון אַ שטענדיקער אומגעוויסהייט און ליידן פון אַ שטענדיקער גייסטיקער צעריסנקייט. זיי ווייסן נישט וואָס זיי ווילן, מחמת זייער ווילן איז נישט איינהייטלעך: אַ מאָל ווילן זיי דאָס, אַ מאָל יענץ און אַ מאָל גאָר עפּעס אַנדערש, אָדער זיי ווילן קיין זאַך נישט גענוג, אַז עס זאָל דעפיניטיוו באַאיינפלוסן און ריכטן זייער געדאַנק. זיי ווייסן נישט ווער זיי זיינען, ווייל זייער זיין איז פילהייטלעך און קעגנזעצלעך; זייער פּערזאָן איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַ סך קאָנטראַסטירנדיקע פּערזאָנעלעך; זייער איך איז אַ קאָנגלאָמעראַט פון אַ סך סתירותדיקע איכעלעך, וואָס אַ מאָל דאָמינירט איינס, אַ מאָל אַ צווייטס און אַ מאָל אַ דריטס. דאָ האָבן מיר אַ דערשיינונג, וואָס איז זייער ענלעך צום באַרימטן משל פון בורידיאַנס איזל, ווען צוליבן גלייכגעוויכט פון די אימפּולסן קען נישט קומען קיין שום אַנטשלוס. מענטשן מיט אַזעלכע קעגנזעצלעך-גלייכגעוויכטיקע נשמות, זיי זיינען עס די טיפּישע איבערלויפערס. אַ איבערלויפער איז אַ מענטש וועמענס געפילן, אָדער וועמענס געפיללאָזיקייט, געפינען זיך אין אַזאַ גלייכגעוויכט אין די פאַרשיידנסטע ריכטונגען, אַז קיין איין ריכטונג איז נישט מכריע. פאַר אַזעלכע זיינען אַלע „פּראָס" און אַלע „קאָנטראַס", גלייך איבערצייגנדיק, אָדער גלייך נישט-איבערצייגנדיק.

אויב איינער דענקט זיכער און קלאָר, איז עס דערפאַר וואָס ער איז אַ זיכערע און קלאָרע פּערזענלעכקייט, און אויב איינער דענקט מטושטש און אומקלאָר, איז עס דערפאַר וואָס ער איז אַ מטושטשע און אומקלאָרע פּערזענלעכקייט. זיכערקייט, קלאָרקייט און גאַנצקייט פון דענקען, נעמט זיך נישט פון קיין סך אויסערלעכע ראיות וואָס מ'האָט פאַר אַן אָנשויונג, נאָר פון אינערלעכער גאַנצקייט און פעסטקייט. דער מענטש וואָס געניסט פון אינערלעכער האַרמאָניע און סאָלידקייט, דער איז אַ גאַנצער מענטש און אַ גאַנצער דענקער. אים פעלן קיין מאָל נישט קיין באַווייזן צו באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון זיינע

בליקן און מיינונגען. פאַרקערט, ער האָט זיי איבערגעגעבן; זיי שטראָמען אויף אים פון אַלע זייטן; זיי אינוואַדירן אים. אינקעגנטייל דער צווייפלער, דער וואָס ליידט פון אינערלעכער צעריסנקייט, אים פעלן שטענדיק ראיות און באַווייזן פאַר וואָס עס איז, און וויפל ראיות און באַווייזן מ׳זאָל אים נישט צושטעלן, זיינען זיי אַלץ נישט גענוגנדיק אים אין עפּעס איבערצוצייגן. דער ערשטער גיסט אָן די ראיות מיט זיין אייגענער, מיט זיין אינערלעכער קראַפט און אַלץ איז פאַר אים באַווייז פאַר זיין אמת; דער צווייטער ליידיקט אויס די ראיות פון זייער קראַפט, ער אַנטווערטיקט זיי, ער דעגראַדירט זיי, ער איז זיי מבטל און זיי באַווייזן פאַר אים גאָרנישט.

אַ פילאָסאָפישן אמת נעמט מען נישט אַריין פון דרויסן אין זיך אַריין, נאָר מען ברענגט אים אַרויס פון זיך אין דרויסן אַרויס. האָט מען אַן אמת אין זיך, איז זייער לייכט צו געפינען פאַר אים באַשטעטיקונגען אין דער אויסערלעכער וועלט; האָט מען קיין אמת נישט אין זיך, וועלן אים קיינע שום אויסערלעכע באַווייזן נישט אַריינטון.

IX

קיינער נעמט נישט אָן קיין פילאָסאָפיע דערפאַר וואָס זאַכלעכע באַווייזן ציינגן אים איבער אין איר, ווי מ׳מיינט געוויינטלעך, נאָר דאָס אויסגעפינען אַז באַווייזן זיינען זאַכלעך און איבערצייגנדיק, באַווייזט, אַז די געגעבענע פילאָ־סאָפיע איז נאָענט און אייגן דעם געגעבענעם מענטשן, ווען נישט, וואָלט ער די באַווייזן נישט אויסגעפונען אַלס זאַכלעך און איבערצייגנדיק. נישט פריִער קו־מען די באַווייזן און נאָך דעם די פילאָסאָפיע, נאָר פריִער קומט די פילאָסאָפישע און נאָך דעם די באַווייזן. יעדער נעמט אָן די פילאָסאָפיע וועלכע איז אים נאָענט, וועלכע איז אים צום הארצן, און די באַווייזן קומען נאָך דעם. אַ פילאָסאָפיע איז נישט קיין פּראָדוקט פון קיין באַווייזן, נאָר באַווייזן פון אַ פילאָסאָפיע. צום ערשטן געפינט מען אויס אַ צוגעפּאַסטע פילאָסאָפיע און נאָך דעם האָט מען זאַכלעכע באַווייזן וועלכע באַשטעטיקן זי. דער עיקר איז די צוגעפּאַסטקייט פון דער פילאָסאָפיע. אַ פילאָסאָפיע נעמט מען אָן דערפאַר וואָס מען פילט זיך מיט איר אינערלעך פאַרוואַנדט, אינערלעך פאַרבונדן, דערפאַר וואָס עס הערשט אַ פאַראַלעליזם צווישן דעם גייסט פון דער פילאָסאָפיע און דעם אייגענעם גייסט. אין אַ פילאָסאָפיע „פאַרליבט" מען זיך, ווי אין אַ פרוי, דאָס הייסט, מען ווערט פאַרכאַפּט פון אַ אינערלעך געפיל וואָס ציט־צו, מאַכט־נאָענט, פאַרבינדט. די „ליבעס־אַרגומענטן" און „ליבעס־באַגרינדונגען" קומען שוין לאַחר המעשה. נאָך דעם ווי מען איז שטאַרק פאַרליבט און אָפּהענגיק פון דער העפטיקייט פונעם דאָזיקן געפיל, באַקומען „לאָגישע" וואָג די אַרגומענטן וואָס מען שטעלט אַרויס, כדי שכלדיק צו דערקלערן און באַגרינדן די ליבע. די עצם דערשיינונג פון

דערפילן זיך צוגעצויגן און באַהעפט צו אַ באַשטימטער פילאָסאָפיע, איז פונקט אַזוי אומלאָגיש און אומראַציאָנעל ווי דערפילן זיך פאַרליבט. פונקט אָבער ווי די ליבע, כאָטש זי איז אומלאָגיש, איז זי יאָ פסיכאָלאָגיש, דאָס הייסט, אַז עס זיינען זיכער פאַראַן פסיכישע סיבות וואָס ווירקן, אַז אָט דעם געגעבענעם מאַן, מיט זיין אינדיווידועלן געשמאַק און טעמפעראַמענט, זאָל געפעלן אָט די פרוי, מיט איר באַשטימטן אויסזען און כאַראַקטער, אַזוי איז אויך אין דער פילאָסאָפיע. כאָטש ס׳איז נישט פאַראַן קיין לאָגישער פאַר וואָס איין דענקער געפעלט איין פילאָסאָפיע און אַ צווייטן אַן אַנדער פילאָסאָפיע, איז אָבער יאָ פאַראַן אַ פסיכאָלאָגישער פאַר וואָס אַ געגעבענעם דענקער, מיט זיין אינדיווידועלן געשמאַק און גייסט, געפעלט אַ געגעבענע אַנשויונג: — מחמת עפּעס אַזעלכעס איז זיכער פאַראַן אין דער אַנשויונג, וואָס אַנטשפּרעכט ספּעציעל די אינערלעכע קאָנסטרוקציע און מהות פון זיין גייסט. פונקט ווי יעדע אמתע ליבע שטיצט זיך אויף אַ אינדיווידועל־פסיכישער אַפיניטעט צווישן אַ געגעבענעם מאַן און פרוי, אַזוי איז דאָס אויך מיט יעדער באמת אייגענער וועלט־אַנשויונג — שטיצט זי זיך אויף אַ אינדיווידועל־פסיכישער אַפיניטעט צווישן אַ געגעבענעם דענקער און אַ געגעבענער אַנשויונג.

און פונקט ווי אין דער ליבע איז פאַראַן אַ ליבע פון ערשטן בליק און אַ ליבע וואָס אַנטוויקלט זיך לאַנגזאַם, אַזוי איז דאָס אויך אין דער פילאָסאָפיע. פאַראַן פאַלן, וואָס מ׳נעמט אָן אַ פילאָסאָפיע נאָך דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט איר, זי פאַרכאַפּט גלייך פון ערשטן בליק, נאָכן ערשטן מאָל אויסהערן זי, פילט מען זיך צו איר צוגעצויגט און באַהעפט מיט איר אויף שטענדיק. דאָס איז דעמאָלט ווען ס׳איז פאַראַן אַלזייטיקער און פולשטענדיקער צוזאַמענפאַל צווישן דעם אייגענעם גייסט און דעם גייסט פון דער פילאָסאָפיע. דעמאָלט קומט פאַר אַ פולע דעקונג און אַריינפּאַסונג פון דעם דענקערס גייסט אין דער פילאָסאָפיע וואָס פאַנגט אים; עס זיינען נישט פאַראַן קיין שום שטערונגען צו באַזייטיקן, קיין שום ווידעראַנאַנדן אויסצוגלייכן, קיין שום דיסאָנאַנסן צו פאַרענטפערן, נאָר דער גייסט פון געגעבענעם דענקער גיסט זיך אַריין אין דער נייער אַנשויונג ווי אין אַ פאַר איר געגאָסענער פורעם, וואָס פאַסט איר אין אַלע פּרטים. פאַראַן אָבער אויך פאַלן, וואָס מ׳נעמט אָן אַ פילאָסאָפיע נאָך אַ געוויסן דויערנדיקן קאָנטאַקט מיט איר. לאַנגזאַם און אומבאַוווסט פאַר זיך אַליין, אינטימיזירט מען זיך מיט איר, מען ווערט מיט איר דורכגענומען, מען זאַפּט זי, אַזוי צו זאָגן, אַריין אין זיך. וואָס אַ טאָג ווייטער, געפינט מען אויס אַלץ מער שייכות מיט איר. אַזוי לאַנג ביז מען דערפילט זיך פון איר אין גאַנצן באַהערשט און באַוועלטיקט. לאַנגזאַם קומט פאַר די אומוואַנדלונג פון שכל, און דער דענק־ און אַרגומענטיר־פּראָצעס, הייבט אָן פּאַמעלעך גיין נאָר אין דער ריכטונג פון דער נייער פילאָסאָפיע, אָפט מאָל אין אַ פונקט פאַרקערטער דיכטונג ווי ער איז געגאַנגען ביז דאַן. סיי אין ערשטן פאַל, סיי אין צווייטן פאַל,

איז די נייע באַקערונג אַ פועל יוצא פון אַ אינטים־גייסטיקן פּראָצעס, פון אַ פּסיכאָלאָגישן פּראָצעס און בשום אופן נישט פון קיין לאָגישן.

X

אַזוי לאַנג ווי דער מקור פון אונדזער אינטעלעקטועלן לעבן — אונדזער אינטימער פילן די זאַכן — ווערט נישט אָנגעגריפן, אַזוי לאַנג דראָעט עס נישט אונדזערע אָנשויונגען קיין שום ערנסטע סכנה. מעגן אונדזערע געדאַנקען צעשלאָגן און פאַרוואונדעט ווערן. אַזוי לאַנג ווי די קלעפּ און די וואונדן בלייבן אין דער ספערע פון בלויזן טראַכטן און גרייכן נישט צו אונדזער אינטימען פילן די זאַכן, אַזוי לאַנג וועט זיך אַלץ פאַרהיילן און אונדזערע מיינונגען און בליקן וועלן צוריק ווערן געזונטע און קרעפטיקע. שלעכט איז נאָר דעמאָלט ווען די קלעפּ און וואונדן וואָס עס באַקומט אונדזערע אַן אָנשויונג גרייכט יאָ צו דער ספערע פון אונדזער אינטימען פילן און דער דאָזיקער צענטראַלער נערוו פון אונדזער דענקערישן לעבן ווערט קראַנק און אָנגעגריפן. דעמאָלט הייבט זיך אָן דער צעפאַלונגס־פּראָצעס פון אונדזערער אַן אָנשויונג.

ווען אונדזער אינטימער פילן ווערט צעטרייסלט, ווען עס גנבעט זיך אַריין דער באַציל פון ספקות אין די טיפעניש פון אונדזער נשמה, דעמאָלט הייבט זיך אָן אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס פון אידעאָלאָגישן איינברוך אין אונדז. נישט וויסנדיק ווי אַזוי און פאַר וואָס, הייבן אָן די אַרגומענטן און באַווייזן, אויף וועלכע עס איז געווען באַזירט אונדזער ביז איצטיקע וועלט־אָנשויונג, פאַרבלאַסט צו ווערן. די זעלבע געדאַנקען און באַווייזן וואָס פלעגן פריִער דערשיינען אין אונדז מיט אומבאַצווינגבאַרער קראַפט, הייבן אָן אויפטויכן געבראָכענע און מאַכטלאָזע. דאָס וואָס האָט אונדז פריִער אויסגעוויזן צו זיין אַבסאָלוט זיכער, הייבט אָן אויסצוווייזן צווייפלהאַפט און אומזיכער. עס הייבט זיך אָן וואַקלען דער געדאַנקלעכער באָדן אונטער אונדזערע פיס. ציגל נאָך ציגל און שטיינדל נאָך שטיינדל זעען מיר צעפאַלן דעם בנין פון אונדזערע אידייען און מיר קענען גאָרנישט טון אָפּצושטעלן דעם דאָזיקן צעפאַלונגס־פּראָצעס. ווי פון אַן אומזיכטבאַרער האַנט ווערן מיר געשטויסן אויף אונדזער געדאַנקלעכן באַרג־אַראָפּ און מיר קענען זיך פון דעם דאָזיקן באַרג־אַראָפּ־לויף מער נישט אָפּהאַלטן. דער אַנטוואָרטונגס־פּראָצעס פון אונדזערע געדאַנקען גייט וואָס ווייטער אָן מיט אַ גרעסערער שנעלקייט. מיר זיינען שטומע עדות פון דעם אונטערגאַנג פון אונדזערער אַן אידייע און מיר קענען דערצו גאָרנישט העלפן, ביז ענדלעך דערזעען מיר אונדזער נעכטיקע איבערצייגונג און אמת ליגן צעשטערט און חרוב.

יעדער אידעאָלאָגישער איבערבראָך איז אַ טיפער נשמה־פּראָצעס, איז אַ

גייסטיקער איבערגעבורט. דער יעניקער וואָס מאַכט דורך אַזאַ איבערברוך אין זיין דענק־רוטין, מאַכט עס דורך נאָר דורך טיפע, אינערלעכע ליידן און דערשיטערונגען. דאָס פאַרלירן די איבערצייגונג אין איין אָריענטאַציע און געווינען איבערצייגונג אין אַן אַנדערער, איז אַ דערשיינונג וועמענס וואָרצלען עס ליגן טיף אין אונדזער נשמה.

סיי די אַנטוווערטונג פון דער אַלטער אָנשויונג און סיי די באַוואָרטיקונג פון דער נייער, הייבן זיך אָן אין אונדזער טיפסטער אינטימיטעט. אין געדאַנק ווערט דער דאָזיקער פּראָצעס נאָר פאַרענדיקט. נישט פריִער הייבט מען אָן מיטן קאַלטן און ניכטערן שכל אָפּצושאַצן דעם ווערט פון דער נייער אָנשויונג און נאָך דעם הייבט זי אָן געפעלן, נאָר פאַרקערט, פריִער הייבט זי אָן געפעלן און נאָך דעם הייבט מען אָן זי אָפּצושאַצן. שוין דער פאַקט גופא פון אָנהייבן נאָכדענקען וועגן אַ נייער אידייע, באַווייזט אַז זי האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף אונדזער גייסט און זי האָט אונדז נישט געלאָזט גלייכגילטיק; ווען זי וואָלט אונדז געלאָזט גלייכגילטיק וואָלטן מיר וועגן איר נישט נאָכגעדענקט. ווען עס הייבן זיך אָן וואַקלען די וואָגשאָלן פון אונדזער שכל און עס הייבט זיך אָן אַ געדאַנקלעכע טעטיקייט וועגן אַ נייער אידייע, קען מען שוין פון פאָרויס זיין זיכער, אַז דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער טעטיקייט וועט זיין לטובת איר און נישט קעגן איר. דער זעלבער אינערלעכער אָנשטויס וואָס האָט אונדז אַרויסגעפירט פון אונדזער געדאַנקלעכן גלייכגעוויכט און האָט געמאַכט אַז די וואָגשאָל פון אונדזער שכל זאָל זיך אָנהייבן וויגן, דער זעלבער אָנשטויס וועט דערפירן דערצו, אַז די וואָגשאָל פון די אַרגומענטן זאָל זיך אַריבערוויגן אויף דער זייט פון דער נייער אידייע. די ספּאָנטאַנע פּסיכישע צוציִונג צו דער אידייע וואָס האָט זיך איבער אונדז באַמעכטיקט, זי האָט באַאיינפלוסט אונדזער דענקען און געמאַכט, אַז די שלאָגנדיקע, אומצווייפלהאַפטע אַרגומענטן וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן די פריִערדיקע אידייע, זאָלן פאַרלירן זייער לאָגיש געוויכט און עס זאָלן געווינען לאָגיש געוויכט די אַרגומענטן וואָס דאַרפן אונטערהאַלטן די נייע אידייע.

XI

קיין מאָל האָט עס נישט געטראָפן אַז פילאָסאָפן זאָלן בייטן זייערע אָנשויונגען נאָך אַ וויכוח מיט אַנדערע פילאָסאָפן, און דענקערס זאָלן אָפּטרעטן פון זייערע מיינונגען אונטערן דרוק פון קעגנערישע אַרגומענטן און באַווייזן. פאַרקערט, קעגנערישע אַרגומענטן און באַווייזן דינען שטענדיק נישט מער ווי נאָר זיי צו שלאָגן, אָפּצופרעגן און צונישט צו מאַכן. נאָך יעדער דיספּוט מיט אַן אַנדערש־דענקענדיקן, גייט מען אַרויס געשטאַרקט און געקרעפטיקט אין די אייגענע מיינונגען. קעגנערישע אַרגומענטן סטימולירן דעם אייגענעם דענק־אופן

און קעגן יעדן אַרגומענט פון קעגנער געפינט מען באַלד אויס אייגענע צען. וואָס מער אַ קעגנער קליגערט זיך און באַמיט זיך צו דערווייזן די ריכטיקייט פון זיין שטאַנדפונקט און די פאַלשקייט פון אונדזערן, אַלץ נאָך מער קליגערן מיר זיך איבער און מען דערווייזט די פאַלשקייט פון זיין שטאַנדפונקט און די ריכ־טיקייט פון אייגענעם. מיט קיין לאָגישע אַרגומענטן און זאַכלעכע באַווייזן טוט מען גאָרנישט אויף, נאָר יעדער בלייבט ביי זיינס. דאָס וואָס איז פאַר איינעם העכסט לאָגיש, איז פאַרן צווייטן העכסט אומלאָגיש; דאָס וואָס איז פאַר איינעם קלאָר און זיכער, איז פאַרן צווייטן אומקלאָר און אומזיכער. דערביי איז יעדער צד דורכויס ערלעך און אויפריכטיק, וואָרן יעדער איז טאַקע מיט אַן אמת איבערצייגט אין דער ריכטיקייט נאָר פון זיינע אָנשויונגען און אין דער אומ־ריכטיקייט פון קעגנערס אָנשויונגען. יעדער אַרגומענט און באַווייז וואָס מ׳שטעלט אַרויס, האָט טאַקע ווירקלעך איבערצייגונגס־קראַפט אין דער ריכטיקייט פון דעם אייגענעם שטאַנדפונקט.

און טאָמער טרעפט אַ מאָל אַז אַ דענקער לאָזט זיך איבערצייגן פון קעג־נערישע אַרגומענטן און גייט איבער אין זייער לאַגער, איז עס נישט דערפאַר וואָס די לאָגיק פון זייערע אַרגומענטן אַפּעלירט מער צו זיין שכל, ווי די לאָגיק פון זיינע אייגענע אַרגומענטן, נאָר דערפאַר וואָס די פּסיכאָלאָגיע פון דער נייער אָנשויונג פּאַסט מער צו זיין פּסיכאָלאָגיע ווי עס האָט געפּאַסט די פּסי־כאָלאָגיע פון דער פריִערדיקער אָנשויונג; דערפאַר וואָס די פּסיכאָלאָגיע פון דער נייער אָנשויונג אַפּעלירט מער צו זיין אינטימען פילן; דערפאַר וואָס די נייע אָנשויונג מאַכט אויפן געגעבענעם דענקער אַ שטאַרקערן איינדרוק, ווי זיין אייגענע, זי טרעפט אים מער צו און אַנטשפּרעכט אים מער.

אַ אידייע וואָס טרעפט־צו מאַכט אַן אַ אינערלעכע איבערקערעניש, זי צעטומלט און איבערראַשט, מעג מען זיך דערפון, אויפן ערשטן מאָמענט, יאָ אָדער נישט געבן חשבון. אַזאַ אידעע פירט אַריין אין אַן אינערלעכן אומרו און רופט אַרויס אַ אינערלעכע טעטיקייט און יוירונג. דאָס אַלץ וואָס האָט זיך פריִער אויסגעוויזן קלאָר און בולט, הייבט זיך אָן פאַרטונקלען מיטן נעפּל פון ספק. די נייע אָנשויונג האַלט אין איין אָפּקלינגען אינעווייניק אין אונדז און אין איין ווידערהאַלן זיך. זי לאָקט, רופט, ציט און מ׳קען זיך פון איר נישט באַפרייען; זי פאַנגט אין איר נעץ און מ׳קען זיך מער פון איר נישט אַרויס־פּלאָנטערן. אונטערן כשוף און רייץ פון דער נייער אינטויִרונג, הייבט זיך אָן דער בייט פון די שכלען: דאָס וואָס איז נעכטן געווען שכלדיק, הייבט אָן היינט אויסוויזן אומשכלדיק.

אין רעזולטאַט: דאָס לאָזן זיך באַזיגן פון אַ אידיישן קעגנער און אָננעמען זיין אידייע, איז גאָר אין דער אמתן אַ לאָזן זיך באַזיגן פון זיך אַליין; נישט קיין קעגנערס אידייע נעמט מען אָן, נאָר מען נעמט שטענדיק אָן אַ מער־איי־גענע אידייע; נישט אין קיין קעגנערישן לאַגער גייט מען איבער, נאָר אין אַ

מער אייגענעם לאַגער. יעדע נייע וועלט־אָנשויונג אין וועלכער מען ווערט איבערצייגט איז מער אייגן ווי די פריערדיקע. ווען זי וואָלט געווען ווייניקער אייגן, וואָלט מען אין איר נישט געוואָרן איבערצייגט, וואָלט זי אויסגעוויזן ווייניקער שכלדיק ווי די פריערדיקע. אויסוויזן שכלדיק, אין דער פילאָסאָפיע, מיינט אָרגאַניש סימפּאַטיזירן מיט אַ אָנשויונג. דאָס מין ראַציאָנירן, דאָס אַריינטראַכטן און פאַרטיפן זיך אין אַ פילאָסאָפישער פראַגע און אַרגומענטירן פאַר איר, איז נישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר לאָזן אין שפּיל די פאַרשיידענע סוביעקטיווע כוחות וואָס קאָמפּאָנירן די נשמה פון געגעבענעם דענקער; מיינט, באַלייכטן אָן אומבאַקאַנטן אָביעקט מיט די פאַרשיידענע ליכטער וואָס שטראַלן אַרויס פון דענקערס אינדיווידואַל־פּסיכיק. די יעניקע ליכטער, וואָס שטראַלן אַרויס צום שטאַרקסטן, זיי דאָמינירן.

XII

אַ מאָל טרעפט, אַז עס גיט פּלוצעם אַ בליץ־אויף אַ נייער וועלט־באַגעם אין געדאַנק פון דענקער. ער ווערט פּלוצעם באַלויכטן פון אַ נייעם וועלט־באַוווּסטזיין. ער דערזעט די זאַכן אין אַ ניי ליכט ווי ער האָט ביז איצט קיין מאָל נישט געזען. מיט איין מאָל ווערן פאַר אים קלאָר פראַגן און ספקות, וואָס האָבן אים לאַנג געפּלאָגט און געמאַטערט. זיין גייסט וואָס איז ביז דעם מאָמענט געווען שטום און שווייגנדיק, וואַכט מיט אַ מאָל אויף. אַלץ ווערט פאַר אים קלאָר און אויפגעדעקט. עס ווייזט זיך אים אויס ווי ער וואָלט אַרויסגעקומען פון אַ געדיכטן נעפּל אין אַ קלאָר דורכזיכטיקער אַטמאָספער. זיין גייסט באַקומט פליגלען און ווערט לייכט און באַוועגלעך.

אַזאַ פּלוצלינגע און מיטאַמאָליקע אויפלייכטונג, שטעלט מיט זיך פאַר אַ טיפן איבערברוך אין לעבן פון אַ דענקער, און פון דעם מאָמענט אָן און ווייטער הייבט זיך אָן אַ נייער פּעריאָד ביי אים. אויב ביז דעם מאָמענט האָט ער געליטן פון שווערמוט און אָפּהענטיקייט; ער האָט זיך געראַנגלט מיט ספקות און אומגעוויסהייט, הייבט זיך פון דעם מאָמענט און ווייטער אָן ביי אים אַ תקופה פון קלאָרקייט און אַנטשלאָסנקייט, און די זעלבע פּראָבלעמען וואָס זיינען פריער געשטאַנען פאַר אים און מיט וועלכע ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה־טון, זיינען איצט אויפן בעסטן אופן אויפגעקלערט און פאַרענטפערט. דאָס אַלץ וואָס האָט אים פריער אויסגעוויזן אומלייזבאַר און אָן אַ תשובה, ווייזט אים איצט אויס קלאָר און פּשוט.

וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? וואָס שטעלט מיט זיך פאַר אַזאַ פּלוצלינגער גייסטיקער איבערברוך?

נישט קיין ענדערונג אין די אויסערלעכע זאַכן און דערשיינונגען איז דאָ

פאָרגעקומען און אויך נישט קיין ענדערונג אין דענקערס וויסן און דערפאַרונג איז פאָרגעקומען. ער איז גאָרנישט געוואָרן געלערנטער און קליגער ווי ער איז עס געווען. ס׳האָט אים קיינער נישט געגעבן קיין נייע לעקציעס און קיינער האָט אים נישט געגעבן קיין נייע אויפקלערונג. אויך האָט מיט אים נישט פּאַסירט קיין שום צופאַל, וואָס האָט אים געקענט באַלערנען און באַווירקן. דאָס וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען איז געווען אַ רייך־אינערלעכע פּאַסירונג. ס׳איז פאָרגעקומען אַ פלוצלינגע אויפלייכטונג פון זיין נשמה. אין זיין גייסט האָט עפּעס פלוצעם אויפגעבליצט און ער האָט מיט אַ מאָל דערפילט וועגן וועלט און מענטש דאָס וואָס ער האָט ביז דעם מאָמענט נאָך קיין מאָל נישט געפילט. און מחמת דער נייער געפיל איז געקומען מיט גרויס שטורעם און דראַנג און מחמת ער האָט אויפגעטויכט מיט גרויס מאַכט און קראַפט, האָט ער אָנגעמאַכט אַ אינערלעכע איבערקערעניש. פון דעם מאָמענט און ווייטער זעט שוין דער דענקער אַלץ אין ליכט פון דעם נייעם געפיל וואָס האָט זיך איבער אים באַמעכטיקט. אַלע געדאַנקען און עמאָציעס וואָס קומען אין אים אויף פון דעם מאָמענט און ווייטער, זיינען שוין פון דעם נייעם שניט. וועלט און מענטש באַקומען פאַר אים אַן אַנדער אויסזען ווי זיי האָבן ביז דאַן געהאַט.

XIII

זיין אַ פילאָסאָף מיינט האָבן אַ נויגונג צו זוכן דעם אמת, אַ נויגונג צו זוכן דעם זינען פון לעבן און פון דער וועלט. די נויגונג זיך צו פאַרטראַכטן, צו פאַרטיפן און זוכן דעם אמת, זי איז דער עצם און תמצית פון פילאָסאָפיע. און דאָס געפינען אַן אמת? יעדער געפינט זיין אמת. און אויך דער וואָס געפינט, אַז מ׳קען קיין אמת נישט געפינען, נאָר מ׳קען בלויז צווייפלען, אויך דער האָט געפונען זיין אמת און אויך ער געניסט און פרייט זיך מיט זיין אייביקן צווייפלען. נישט די קאַלטע לאָגישע פעיקייט צו געבן ענטפערס אויף וועלט־פראַגן, מאַכט איינעם פאַר אַ פילאָסאָף, נאָר די נויגונג צו שטעלן פראַגן און וועלן וויסן און פאַרשטיין. נישט דאָס סאַך וויסן, מאַכט דעם דענקער, נאָר די סך ליבע צו וויסן. בלויז דורך דעם ליב־האָבן וויסן קערט מען צום קלאַס חכמים. און כאָטש פילאָסאָפירן מיינט פאָרמולירן און אַרויסברענגען געדאַנקען און קאָנצעפּטן מכוח די פאַרשידנסטע ענינים פון וועלט און מענטש, דאָך זיינען נישט די געדאַנקען אַן און פאַר זיך וויכטיק, נאָר דאָס דענקען; נישט די פילאָסאָפיע, נאָר דאָס פילאָסאָפירן. פילאָסאָפיע איז נישט קיין טרוקענע, מעכאַנישע געדאַנק־אַרבעט, נאָר אַ טיפעליידנשאַפט פון דער נשמה. נישט די אינטעלעקטועלע פעיקייט אויסצואַרבעטן סיסטעמען מאַכן דעם דענקער, נאָר דער דראַנג צו פאַרשטיין. אַ חכם איז מען נישט דורך אויסאַרבעטן טעאָריעס, נאָר דורך ליב־האָבן חכמה. די

טעאָריעס און די שיטות און די סיסטעמען פון דער פילאָסאָפיע, זיינען פון רעלאַטיוון ווערט און פון קורצן דויער. דער דראַנג צו וויסן און די ליבע צו חכמה אָבער, זיי זיינען אייביק און אומפאַרענדערלעך. אָן זיי, קען קיין פילאָסאָפיע נישט זיין, און מיט זיי איז זי שוין דאָ.

עס איז כאַראַקטעריסטיש און באַלערנדיק, אַז דער „פאָטער פון די פילאָסאָפן", דער פילאָסאָף הידוע, סאָקראַטעס, האָט נישט באַשאַפן קיין פילאָסאָפישן סיסטעם, האָט נישט אויפגעשטעלט קיין שום באַרימטע טעאָריע און האָט נישט אויסגעאַרבעט קיין שום שיטה, נאָר סקאָראַטעסעס גאַנצע פילאָסאָפיע איז באַבאַשטאַנען בלויז אין ווען פאַרשטיין, אין זוכן דעם ריכטיקן באַגריף, אין פונאַנדערקלייבן זיך. וואָלט פילאָסאָפיע געווען דאָקטרינען־בוי און סיסטעמען־פאַרפאַסונג, וואָלט דער נאָמען סאָקראַטעס קוים באַדאַרפט פיגורירן אינעם פילאָסאָפישן לעקסיקאָן. איז אָבער פילאָסאָפיע — ווי עס איז די ווערטלעכע באַדייטונג פונעם דאָזיקן טערמין — ליבע צו וויסן, דעמאָלט קומט סאָקראַטעסן דאָס ערשטע פלאַץ, איז ער ווירקלעך געווען דער פאָטער פון די פילאָסאָפן, וואָרעם קיינער האָט נישט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט דאָס וויסן ווי סאָקראַטעס. סאָקראַטעס איז די העכסטע פאַרקערפּערונג פונעם ווילן וויסן און ווילן פאַרשטיין; ער איז דער העכסטער אויסדרוק פונעם זוכער פון וויסן און פאַרשטאַנד. קיינער האָט נישט אַזוי פולשטענדיק זיך געווידמעט דער עובדא פון זוכן וויסן און קלוגשאַפט ווי סאָקראַטעס. סאָקראַטעס איז געווען דער אייביקער פאָרשער — פאָרשער, נישט אַנטדעקער. אים איז נישט געגאַנגען אין געפינען אַ דעפיניטיווע לייזונג צו די פילאָסאָפישע פּראָבלעמען, כדי דערמיט זיך צו באַפרידיקן, כדי דערמיט צו האָבן דערפילט די פילאָסאָפישע אויפגאַבע און דערביי בלייבן שטיין, נאָר ער האָט געזען די אויפגאַבע פון דער פילאָסאָפיע אין דעם דורכאַנאַנדיקן פונאַנדערקלייבן זיך, אין דעם דורכאַנאַנדיקן אַריינדרינגען און דורכדרינגען די זאַכן. סאָקראַטעסעס שיטה אין דער פילאָסאָפיע איז געווען דאָס מעטאָדישע פילאָסאָפירן; זיין סיסטעם — דאָס סיסטעמאַטישע זוכן; זיין שול — דאָס פערמאַנענטע נאָכדענקען. דערמיט איז ער געווען דער פאָטער נישט נאָר פון איין באַשטימטער פילאָסאָפישער שול, נאָר פון דער פילאָסאָפיע אין גאַנצן גענומען. וויסן, האָט ער טאַקע „נישט געוווּסט גאָרנישט", אָבער געוואָלט וויסן, דאָס האָט ער זייער שטאַרק. „אַ לעבן אָן דער פעיִקייט צו קענען אונטערשיידן די זאַכן, האָט נישט דעם ווערט געלעבט צו ווערן". מעג עס זיין אמת, אַז וואָס מער וויסן, אַלץ מער „אומוויסן", דאָך דאַרף מען נישט אויפהערן צו זוכן אָט דעם דאָזיקן „אומוויסן". דערגרייכן צו דער מדרגה פון סאָקראַטישן „אומוויסן", הייסט דערגרייכן דעם ציל פון דער פילאָסאָפיע. דער ציל פון דער פילאָסאָפיע, איז דער באַרג־אַרויף־דראַנג פון מענטש־ און וועלט־דערקענטעניש. איינער זעט אויפן העכסטן פונקט פון זיין פילאָסאָפישער וואַנדערונג גאָלדענע פּאַלאַצן פון גייסט; אַ צווייטער זעט גרויע גראַניט־טורעמס פון מאַטעריע,

אַ דריטער זעט געדיכטע, זעלאָזע נעפּלען וואָס פאַרטונקלען די ראיה און וויזן גאָרנישט. אָבער די אַלע געניסן פונעם זיסן גאַנג געדאַנק באַרג־אַרויף; די אַלע שטילן זייער נשמה־גלוסט זיך אויפצוהייבן אין די הויכעגישן פון אַריינטראַכטונג, — איז דאָס שוין אַליין געגוג. וואָרעם דערין איז דער זין פון דער פילאָסאָפיע. דער זינען פון דער פילאָסאָפיע איז נאָכצודענקען און נאָכצוטראַכטן; נישט אָפּצודענקען און אויסצודענקען, נאָר צו דענקען; נישט אָפּצוטראַכטן און אויסצוטראַכטן, נאָר בלויז צו טראַכטן און נאָכטראַכטן.

אין דער וויסנשאַפט איז וויכטיק די ריכטיקע טעאָריע, די ריכטיקע אויפפאַסונג פון זאַכן, דער ריכטיקער רעזולטאַט פון פאָרשן און זוכן. אין דער פילאָסאָפיע, אין קעגנטייל, איז וויכטיק נישט דער רעזולטאַט פונעם פאָרשן און זוכן, נאָר דאָס פאָרשן און זוכן גופא. דער וויסנשאַפט אינטערעסירט נישט דאָס טראַכטן און דאָס דענקען אָנפאַרזיך; דער פילאָסאָפיע — יאָ. מעג איינער זיך פאַרנעמען אַ גאַנץ לעבן מיט אונטערזוכן און פאָרשן אַ באַשטימטן וויסנשאַפטגעביט און ניט אַרויסברענגען קיין ריכטיקע טעאָרעטישע שלוסן, האָט זיין לעבנס־אַרבעט פאַר דער וויסנשאַפט קיין שום ווערט נישט, הייסט עס, אַז זיין לעבן איז פאַר דער וויסנשאַפט געווען אַ פאַרלוירנס. פאַר דער פילאָסאָפיע איז עס נישט אַזוי. פאַר דער פילאָסאָפיע איז יעדן מענטשנס לעבן וואָס ווערט געווידמעט דאָס פילאָסאָפישע נאָכדענקען, מעגן די רעזולטאַטן זיין וועלכע זיי זיינען — אַ געווונענס. דער פילאָסאָפיע אינטערעסירן נישט קיין טעאָרעטישע שלוסן, קיין פּראַקטישע אויספירן, קיין קאָנקרעטע אידייען און אָנזיכטן, נאָר בלויז פילאָסאָפישע פאַרטיפונג. פאַלשע וויסנשאַפט איז דאָ; קיין פאַלשע פילאָסאָפיע איז נישטאָ. יעדע פילאָסאָפיע איז אויף אַזוי פיל אמת, אויף וויפל דער וואָס ברענגט איר אַרויס אָדער נעמט זי אָן, איז איבערצייגט אַז זי איז אמת. אין דער וויסנשאַפט העלפט די אינטימע איבערצייגונג לחלוטין גאָרנישט צו פאַראַמתן אַ געגעבענע טעאָריע. מעג אַ וויסנשאַפטסמאַן האָבן די שטאַרקסטע אינערלעכע איבערצייגונג, אַז זיינע אַ היפּאָטעזע איז ריכטיק, איז אַזוי גלייך ווי עס קומט אַ קאָנקרעטער פאַקט און לייקנט זי אָפּ, אַזוי בלייבט פון דער אינטימער איבערצייגונג גאָרנישט. אין דער פילאָסאָפיע קען אַזעלכעס נישט פּאַסירן. אין דער פילאָסאָפיע זיינען נישטאָ — און עס קענען נישט זיין — אַזעלכע קאָנקרעטע פאַקטן. ווען עס וואָלטן געווען אין דער פילאָסאָפיע אַזעלכע קאָנקרעטע פאַקטן ווי אין דער וויסנשאַפט, וואָלט קיין פילאָסאָפיע נישט געווען, נאָר בלויז וויסנשאַפט — עס וואָלט געווען אַ אוניווערס־וויסנשאַפט. די פילאָסאָפיע איז דאָ, ווייל עס קען אויף איר אָרט קיין וויסנשאַפט נישט זיין, דאָס הייסט, דערפאַר וואָס עס קענען נישט זיין קיין קאָנקרעטע פאַקטן מכוח דעם לעצטן אמת פון וועלט און מענטש, נאָר עס קענען זיין בלויז טעאָריעס, בלויז היפּאָטעזן. בכן זיינען אַלע פילאָסאָפישע היפּאָטעזן און טעאָריעס וויכטיק אויף אַזוי פיל אויף וויפל זיי האָבן סוביעקטיווע קראַפט. אין דער וויסנשאַפט

זײַנען דאָ היפּאָטעזן; אין דער פילאָסאָפיע — שיטות. אַ היפּאָטעזע איז אַ פּראָ־וויזאָרישע טעאָריע, וואָס ווערט אויף דער באַשטעטיקונג אָדער אָפּפרעגונג פון דער דערפאַרונג; אַ שיטה איז אַ טעאָריע וואָס קיין דערפאַרונג קען זי נישט באַשטעטיקן און נישט אָפּפרעגן. אין דער וויסנשאַפט באַהערשן די פאַקטן די טעאָריע; אין דער פילאָסאָפיע באַהערשט די טעאָריע די „פאַקטן". די כלומרשטע פאַקטן און באַווייזן מיט וועלכע עס אָפּערירן די פאַרשידענע פילאָסאָפישע שיטות — יעדע איינע פאַר זיך — זײַנען פאַקטן און באַווייזן שוין לאַחר המעשה, דאָס הייסט, נאָך דעם ווי מ'האָט שוין פון פריער אַ אינערלעכע אינטימע איבער־ציגונג, אַז די אָדער יענע פילאָסאָפישע שיטה איז ריכטיק. פריער ווערט מען אויף אַ ריין אינטויטיוון אופן אַ אָנהענגער פון אַ באַשטימטער פילאָסאָפיע און נאָך דעם הייבן אָן די „זאַכלעכע באַווייזן" פון דער געגעבענער פילאָסאָפיע צו געווינען איבערצייגונגס־קראַפט.

דער ציל פון דער וויסנשאַפט, איז דאָס זײַן פון אָביעקט; דער ציל פון דער פילאָסאָפיע — דאָס דענקען פונעם סוביעקט. דער וויסנשאַפטסמאַן מוז זײַן אין זײַן דענקען קאַלט און זאַכלעך; זײַן געדאַנקענגאַנג מוז לויפן ביים ראַנד פון די פאַקטן. די פאַקטן צוימען אים, קאָנטראָלירן אים, פירן אָן מיט זײַן געדאַנק און האַלטן אים געבונדן צו זיך. ער דענקט נישט, נאָר ער זאָגט וואָס ער זעט וועגן די זאַכן. ער איז נישט פריי אין זײַן געדאַנקען־לויף. זײַן דענקען ווערט געקירעוועט פון דער זאַך־ווירקלעכקייט וואָס ער שטודירט. פון וועלכער זאַך־ווירקלעכקייט ווערט געקירעוועט דעם פילאָסאָפס דענקען? פון קיין זאַך־ווירקלעכקייט. דעם פילאָסאָפס דענקען ווערט געקירעוועט נאָר פון זיך, דעם פילאָסאָפס, אינערלעכקייט אַליין. דער שטודיר־אָביעקט פון פילאָסאָף — דער אוניווערס — איז אַזוי עלאַסטיש און בויגזאַם, אַז מען קען אים אויס־טייטשן אויף די פאַרשידנסטע קעגנזעצלעכע אופנים, און עס שטימט שטענדיק. ווען דער פילאָסאָף וואָלט נישט גענומען זיך אַליין, זײַן אייגענעם אופן אינ־טויִרן די וועלט, ווי אַ אויסגאַנגס־פּונקט פאַר זײַן פילאָסאָפיע, נאָר ער וואָלט געוואַרט אַז די אויסערלעכע פאַקטן זאָלן אים לערנען וואָס צו דענקען וועגן דער וועלט, וואָלט ער קיין מאָל וועגן דער וועלט גאָרנישט געוווּסט, מחמת די אוניווערסאַלע פאַקטן זאָגן גאָרנישט ווי אַזוי די וועלט איז. די אוניווערסאַלע פאַקטן זאָגן יעדן דאָס וואָס ער וויל זיי זאָלן אים זאָגן; די וועלט ווייזט זיך צו יעדן דענקער אַזוי ווי ער זעט זי פון פאָרויס. אויב איינער זעט נישט די וועלט פון פאָרויס אויף אַ באַשטימטן אופן, זעט ער זי גאָרנישט. די וועלט אַן און פאַר זיך איז אַ נייטראַלער שטאָף, וועלכער לאָזט זיך אויסקנעטן און אויס־פורעמען אויף די פאַרשיידנסטע אופנים. דער וואָס קנעט און דער וואָס פורעמט, איז דער פילאָסאָף, דאָס הייסט, די גייסטיקע תכונה פונעם פילאָסאָף.

אָט דער דאָזיקער סוביעקטיווער כאַראַקטער פון דער פילאָסאָפיע מאַכט עס, אַז אין איר זאָלן זײַן מער וויכטיק די פונקציע פון דענקען ווי דער רעזול־

טאַט פון דענקען, ווארעם צו וואָס פאַר אַ וועלט־אַנשויערישן רעזולטאַט אַ דענ־קער זאָל נישט קומען, איז גוט געדענקט; וואָס פאַרא פילאָסאָפישן אמת און איבערצייגונג מ׳זאָל נישט געפינען, איז גוט געפונען. קיין אָביעקטיווע זאַך־ווירקלעכקייט, וואָס זאָל, ווי אין דער וויסנשאַפט, באַשטעטיקן אָדער אָפּוואַרפן דעם רעזולטאַט פונעם נאָכדענקען, איז דאָ נישט פאַראַן. דאָ איז בלויז פאַראַן סוביעקטיווע ווירקלעכקייט — די ווירקלעכקייט פונעם דענקערס נשמה, פון זיין אינדיווידועלן גייסט; איז במילא יעדער פילאָסאָפישער דענקען גוט גע־דענקט און יעדער פילאָסאָפישע טעאָריע — אמת; אמת פון דענקער אַרויס און פאַר אים, ווארעם יעדער דענקט געטריי צו זיך אַליין; יעדער דענקט וואָס עס דענקט זיך אים — ער הערט זיך צו צו זיין אינערלעכקייט און דעפינירט אין אינטעלעקט דאָס וואָס עס אַנטשייט אומדעפינירט און אומקלאָר אין זיין גייסט.

אַזוי די פילאָסאָפישע שטרעבונג ווי די פילאָסאָפישע אַנשויונג וואַקסן אַרויס פון אַ ספּעציעלן אינערלעכן וועלט־געפיל וואָס באַהערשט די צום דענקען־גענייגטע מענטשן. זיין אַ פילאָסאָף און ליב־האָבן פילאָסאָפיע מיינט: שטיין אין שטענדיקן אינטימען קאָנטאַקט מיט די פּראָבלעמען פון וועלט און מענטש; מיינט, האַלטן באַהעפט דעם אייגענעם גייסט מיטן גייסט און אינערלעכקייט פון די זאַכן. די אינטימע פאַרבונדנקייט פונעם דענקנדן מענטשן מיט דער וועלט, דאָס איז די באַזע פון דער פילאָסאָפיע. זי שטויסט אונדז זיך צו פאַר־טראַכטן וועגן לעבן פון דער וועלט און מענטש; זי שטויסט אונדז נאָכצודענקען וועגן דעם זינען און ציל פון די זאַכן. די ליבע צו חכמה, די נייגונג צו פילאָ־סאָפישער מעדיטאַציע, די נייגונג צו אמת־זוכעניש — אַלץ ווערט גענערט פון אָט דעם דאַזיקן געפיל. דער דאַזיקער געפיל איז עס וואָס שפּינאָזאַ האָט אָנ־גערופן „אינטעלעקטועלע ליבע צו גאָט״, און די רעליגיעזע דענקערס — „ווילן זיך צו באַהעפטן מיט דער נשמה פון דער וועלט״. דאָס איז אַן אוממיטלבאַר געפיל וואָס מאַכט אונדז נאָענט צום וועלט־לעבן, וואָס שטויסט אונדז אַריינ־צודרינגען אין דער אינערלעכקייט פונעם וועלט־זיין, און דאָס אויסלעבן זיך אינעם דאַזיקן געפיל, ברענגט אונדז די העכסטע גליקזעליקייט און נשמה תענוג. מיר דערפילן דאָס וועלטלעבן פולסירן אין אונדז; מיר ווערן איינס מיט דער וועלט; מיר ווערן דענקנדיקער און פילנדיקער אוניווערס. אין אַזאַ צושטאַנד פון פילאָסאָפישן טראַנס, זיינען מיר — ווי די צדיקים־נשמות אויף יענער וועלט — אמתע נהנים מזיו השכינה; מיר קוקן דער גאָטהייט פנים אל פנים און מיר ווערן איינס מיט איר.

דאָ איז נישט קיין רייד וועגן אָוועקזעצן זיך און מאַכן קאַלטע קאַלקולאַ־ציעס, צי ׳די וועלט איז אַזוי אָדער אַנדערש. ניין, אַזאַ אַרט דענקען איז אין דער פילאָסאָפיע כלל נישט בנמצא און נישט מעגלעך. דאָס פילאָסאָפישע דענ־קען איז גאָר אין גאַנצן פון אַן אַנדער מין. דער פילאָסאָף שטעלט אַן זיין גייסט אויף דער וועלט און באַקומט וועגן איר אַ באַשטימטן אינטויטיוון קאָנצעפּט און

דערנאָך ערשט הייבט זיך אָן דער אייגנטלעכער אינטעלעקטועלער פּראָצעס פון „אַרגומענטירן“, „באַגרינדן“, „דערווייזן“. צום ערשטן קומט דאָס אוממיטלבאַרע אינטימע דערפילן די פילאָסאָפישע אַנשויונג און נאָך דעם קומט איר „לאָגישע“ באַאַרבעטונג. דאָס פילאָסאָפישע דענקען קען מען פאַרגלייכן צו אַ שיף וואָס ווערט געטראָגן אויף אַ שטראָם. אין דער ריכטונג ווו עס גייט דער שטראָם פון געפיל, אין דער ריכטונג גייט אויך די שיף פון געדאַנק. אַ דענקער וועלכער געפינט נישט אין זיך קיין שום אַנשויונג וועגן דער וועלט, דער קען ווערן איבערצייגט אין אַלע פילאָסאָפיעס גלייך, אָדער אין קיין איינער נישט.

דענקען פילאָסאָפיש מיינט זיך אַריינפילן אין דער וועלט; מיינט, צולייגן דאָס אייגענע גייסטיקע אויער צו דער וועלט און הערן אירע פולס־שלאָגן. דאָס פילאָסאָפישע דענקען איז מער פּאָעטישע איבערלעבונג, איידער ראַציאָנעלע טעטיקייט. דער פילאָסאָף, אין מאָמענט פון וועלט־באַטראַכטונג, געפינט זיך אין אַ מין אינטעלעקטועלן עקסטאַז. ער פאַרלאָזט זיין אויסערלעכן דענקען און פאַרקלייבט זיך מיט זיין אינערלעכן אינטימען דענקען אינערהאַלב דער וועלט. עס בלייבט נישט מער ווי דער גייסט פון דענקער און די וועלט.

אין דאָזיקן צושטאַנד פון פילאָסאָפישער פאַרטיפונג, איז אי דער דענקער געניסט פון העכסטן געגעס פון זיין באַהעפט מיט דער וועלט, און אי ער באַ־קומט די אמתע דערקענטעניש פון דער וועלט, דאָס הייסט, זיין דערקענטעניש, זיין פּערזענלעכע, זיין אינדיווידועלע, זיין אייגן־גייסטיקע דערקענטעניש.

די ראָל פון געדאַנק איז דאָ אַ צווייטראַנגיקע. דער געדאַנק טוט דאָ נישט מער ווי נאָכזאָגן און מסכים זיין אויפן אוממיטלבאַרן וועלט־פילן. ער, דער געדאַנק, כאַפּט אויף די טענדענץ פון געפיל, און נעמט מסביר זיין, געפינען אַרגומענטן און באַווייזן, פאָרמולירן און קאָנקרעטיזירן, און עס באַקומט זיך אַ פאַרענדיקטער געדאַנק און אַנשויונג. אָן דער הילף פון געדאַנק, וואָלט דער געפיל צונישט געוואָרן צוליב אויסדרוקלאָזיקייט. דער געדאַנק איז עס וואָס העלפט דעם געפיל זיך געשטאַלטן, פורעמען, אויסקריסטאַליזירן, געבוירן ווערן און ווערן אַ רעאַלער יש. דאָך איז דאָס אוממיטלבאַרע פילן דאָס וואָס באַ־שטימט דעם אינהאַלט און תוך פון אַ דענקערס וועלט־באַנעם. אָן דעם אינטי־מען פילאָסאָפישן געפיל, וואָלט קיין שום געדאַנק נישט געקאָנט געבוירן ווערן. ערשט ווען דער געפיל ווייזט די אַלגעמיינע ריכטונג און גיט דעם ברייטן דירעקטיוו, ערשט דעמאָלט קומט געדאַנק און האַלט אונטער, באַאַרבעט, באַ־גרינדעט און דערווייזט. דערנאָך ווירקט צוריק דער קאָנקרעטיזירטער געדאַנק אויפן געפיל אים צו באַקרעפטיקן, צו סטימולירן און אָנרעגן. און ערשט פון דער האַרמאָנישער צוזאַמענאַרבעט פון זיי ביידע — פון אינטימען וועלט־פילן און קלאָרן וועלט־דענקען, באַקומט זיך די אויסקריסטאַליזירטע וועלט־אַנשויונג. מחמת דעם אָבער וואָס אונדזערע אַנשויונגען ווערן פאַרענדיקט אין דער לאַ־באָראַטאָריע פון געדאַנק און אונדזערע אידייען קומען אַרויס פאַרטיקע, אויס־

געפורעמטע און אויסגעשמידטע פון אונטערן האַמער פון אינטעלעקט, ריידן מיר וועגן דענקען ווי וועגן דעם אויסשליסלעכן פאַקטאָר פון אונדזער וועלט־אַנשויעריש לעבן. אין דער אמתן אָבער איז עס נישט אַזוי. אין דער אמתן איז אונדזער דענקען נישט מער ווי די מאַשין וועלכע אַרבעט אויס דעם רוישטאָף פון אונדזערע אינטימע אינטויִציעס און מאַכט פון זיי פאַרטיקע געדאַנק־פּראָדוקטן. ריידן אין דער פילאָסאָפיע בלויז וועגן דענקען און גאָרנישט וועגן פילן, איז דאָס זעלבע, ווי ריידן אין דער אינדוסטריע, למשל, בלויז וועגן מאַשינען און גאָרנישט וועגן רוישטאָפן. איינער וואָס וואָלט קיין מאָל נישט געזען רוי־שטאָפן אַריינגיין אין דער מאַשין, נאָר וואָלט בלויז געזען די פאַרטיקע פּראָדוקטן וואָס גייען אַרויס פון איר, וואָלט געמיינט, אַז די מאַשין איז עס די וואָס באַשאַפט די פּראָדוקטן. די אָבער וואָס ווייסן, אַז די מאַשין מוז האָבן רוישטאָפן כדי צו קענען אַרויסגעבן פאַרטיקע פּראָדוקטן, ווייסן אויך אַז די מאַשין טוט נישט מער ווי פאָרמירן, אָרגאַניזירן, גאַנץ־מאַכן.

ריידן אין דער פילאָסאָפיע, בלויז וועגן געדאַנק: — דענקען, טראַכטן, ראַ־ציאָנירן אאַז״וו — קען מען נישט. פילאָסאָפיע איז אין דער אמתן מער פילן ווי דענקען. און אַ דענקער איז מער פּאָעט ווי אינטעלעקטואַל. און אַ פילאָסאָ־פישע שיטה איז מער דיכטערישע וועלט־וויזיע ווי אָביעקטיוו דערוויזענע טעאָריע; און אונדזערע אידייען וועגן וועלט און מענטש שפּראָצן אַרויס אין אונדזער האַרץ און נישט אין אונדזער מוח. היות, אָבער, ווי אין דענקען ווערן פאַרענדיקט די אַנשויונגען און פון געדאַנק קומען אַרויס די גייסטיקע פּרוכט פאַרטיקע צום געברויך, איז דעריבער די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געווענדט אויפן פּראָצעס פון דענקען און מיר ריידן וועגן דענקען ווי וועגן דעם ווי־כטיקסטן פאַקטאָר אינעם פילאָסאָפישן אַנשויען. דער סוף, הייסט עס, קרוינט. צוליב דעם וואָס אין קאָנקרעטן געדאַנק און אין דער פאָרמולירטער אויפפאַסונג קריגן אונדזערע אינטויִציעס זייער לעצטן תיקון — זיי קריגן אַ רעאַל געשטאַלט און אויסקריסטאַליזירטע פאָרעם און ווערן דורך דעם מיטטיילבאַר און דער־מעגלעכט אַרויסצוגיין פון אונדזער גייסט אין דער אויסערלעכקייט, זוכן מיר דערפאַר אויף דער קאָנטע פון געדאַנק די עצם דערשיינונג פון אידייען און קאָנצעפּטן. אין דערווירקלעכקייט איז עס אָבער נישט אַזוי. דער עצם און תוך פון אונדזערע אידייען און קאָנצעפּטן, שטאַמען פון אונדזערע טיפסטע און אינטימסטע געפיל־מקורים און נישט פון דער לאָגישער שפּעקולאַציע. די לאָ־גישע שפּעקולאַציע העלפט בלויז פאָרמירן און געשטאַלטן די ספּאָנטאַנע נשמה־אינהאַלטן. אין דעם פרט איז די ראָל פון געדאַנק זייער גרויס. ווען נישט דער קלאָר־מאַכנדיקער, דעפינירנדיקער און באַלייכטנדיקער געדאַנק, וואָלט קיין אַנ־שויעריש לעבן נישט מעגלעך געווען. ווען נישט די מאַשין — באַנוצנדיק אַ משל פון דער אינדוסטריע — וואָס פאַרוואַנדלט די רויע נאַטור־אוצרות אין נוצבאַרע און געניסבאַרע פּראָדוקטן פאַר די מענטשן, וואָלטן זיי, די רויע

אוצרות, געלעגן אַלע צייטן פאַרוואָרלאָזטע און אומבאַרירטע און עס וואָלט אויסגעקומען אַלצאַיינס ווי זיי עקסיסטירן גאָרנישט. ערשט די מאַשין פאַרווערטעט די נאַטור־אוצרות און מאַכט פון זיי געניסבאַרע און תענוגפולע גייסטיקע פּראָדוקטן. אָן דעם לייטערונגס־פייער און גוס־פורעם פון געדאַנק, וואָלט דאָס רויע גאָלד פון געפיל געבליבן ליגן אין טיפן, טונקעלן אונטערערד פון אונדזער גייסט און וואָלט קיין פאַרווערטונג בישט באַקומען. אין דער לאַבאָראַטאָריע פון געדאַנק ווערט דאָס רויע נשמה־גאָלד גערייניקט, געלייטערט, געשטעמפּלט און געמאַכט צו אַ גאַנגבאַרער מטבע.

און נאָך עפּעס: דאָס דענקען דערלייזט דאָס פילן. דורכן קלאָרן דענקען ווערן מיר דערלייזט פון דער געפיל־מאַסע וואָס לאַסטעט אויף אונדז און אין אונדז. דורכן דענקען ווערן מיר זיך זעלבסט באַוווּסט; מיר ווערן אַנטפּלעקט פאַר זיך אַליין; מיר דערקענען זיך אַליין; מיר ווערן קלאָר אין זיך אַליין. אָן קלאָרן געדאַנק וואָס ווייזט אונדז אונדזער אייגענעם, אונדזער אינערלעכן וועג — בלאָנדזשען מיר אין אונדזער אייגענער פינצטערניש. מיר וויסן נישט ווער מיר זיינען און וואָס מיר ווילן. ערשט ווען מיר ווערן באַלויכטן פון קלאָרן געדאַנק, דאָס הייסט, ווען אונדזער פילאָסאָפישער געפיל קליידט זיך אָן אין קלאָרער געדאַנקלעכקייט, ערשט דעמאָלט ווערט אין אונדז ליכטיק; ערשט דעמאָלט דערוויסן מיר זיך ווער מיר זיינען און וואָס מיר ווילן, און עס הייבט זיך אָן די ריכטיקע אויפקלערונג פון אונדזערע מטושטשע געפיל־אָנוישונגען. טונקעלע גייסט־קאָנצעפּציעס ווערן פאָרמולירט אין קלאָרע געדאַנקען. איידער עס קומט דער קלאָרער אייגענער געדאַנק, מאַכן מיר דורך אַ פּעריאָד פון גייסטיקער זוכעניש, פון אינטעלעקטועלער מבולבלדיקייט. אונדזער גייסט בלאָנדזשעט אייבער וועגן און שטעגן פון פרעמדע געדאַנקען און אידייען און זוכט דעם וועג צו זיך. אין אַזאַ צושטאַנד פון אינטעלעקטועלער בלאָנדזשעניש און זוכעניש, פאַרקריכט מען אָפּט מאָל אין פרעמדע ווייגערטענער און מ׳דינט צו פרעמדע געטער, וועלכע מ׳נעמט אָן פאַר אייגענע, און נאָך אַ געוויער באַטראַכטונג, דאָס הייסט, נאָך אַ געוויער זעלבסטדעפּילונג, ווייזט זיך אַרויס אַז די אידייען זיינען פרעמדע, אַז זיי פּאַסן אונדז נישט, אַז זיי אַנטשפּרעכן נישט און עס הייבט זיך אָן אַ ווייטערדיקע וואַנדערונג און אַ ווייטערדיקע זוכעניש פון אונדזער אייגענעם אינטעלעקטועלן איך, און נאָר דעמאָלט ווען מיר געפינען אים, בלייבן מיר שטיין און עס הייבט זיך אָן אונדזער אינטעלעקטועלע רו און פרידן און אונדזער האַרמאָניש צוזאַמענלעבן מיט זיך אַליין. עס הייבט זיך אָן אונדזער גייסטיקע גאַנץ־ווערונג, אונדזער אינטעלעקטועלע זעלבסטענדלעכקייט. כמעט אַלע זעלבשטענדיק דענקערס האָבן דורכגעמאַכט אָט דעם דאָזיקן פּיינפולן וועג פון אינטעלעקטועלער בלאָנדזשעניש און זעלבסטזוכעניש. אין דער יוגנט האָבן זיי געוואַנדערט איבער פרעמדע שליאַכן פון געדאַנק; זיי האָבן געגלויבט אין פרעמדע דאָגמעס און געטיילט פרעמדע מיינונגען. דאָס האָט לאַנג נישט געקענט

אַנהאַלטן, צוליב דער סתירה צווישן דעם אייגענעם סטיל גייסט און דעם סטיל גייסט פון וועלכן עס האָבן געשטאַמט די פרעמדע געדאַנקען. ביז זיי האָבן זייערע אייגענע געדאַנקען געפונען און עס האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבן דער פעריאָד פון אַן אייגן אינטעלעקטועלן לעבן. ערשט נאָך זייער אינטעלעקטועלער זעלבסט־געפינונג, האָט זיך זייער גייסט פונאַנדערגעבליט מיט דער פולער קראַפט און האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ שפע מיט פרוכט. אַלץ וואָס איז פריִער געווען סתירה און ספק און אומקלאָרקייט, האָט איצט אָנגעהויבן באַקומען פולע פאַרענטפערונג און אויפקלערונג. דיליידן פון דעם פריִערדיקן אומאַנטשפּראָכענעם דענקען, האָבן אָנגעהויבן קאָמפּענסירט ווערן מיט דער נייער פרייד פון אַנטשפּראָכענעם דענקען. זעלבסטגעטריי דענקען איז אי פרוכטבאַר און אי תענוגפול. פונקט ווי ווען אונדזער גייסט געפינט נישט זיין ריכטיקע געדאַנק־שפּראַך, איז ער אי טרויעריקע און אי אומשעפעריש, אַזוי פאַרקערט, ווען ער געפינט יאָ זיין ריכטיקע געדאַנקען־שפּראַך, איז ער אי שעפעריש און פרוכט־באַר און אי פריידפול און האָפערדיק. דער ריכטיקער, זעלבסטאַנטשפּרעכנדיקער דענקען, מאַכט באַריידעוודיק אונדזער גייסט, סטימולירט אים און רעגט אים אָן.

די פרייד פון פרוכטבאַרקייט איז די פרייד פון זעלבסטפאַרווירקלעכונג, פון זעלבסט־אַרויסקומונג, און די ליידן פון פרוכטלאָזיקייט זיינען די ליידן פון נישט קענען אַרויסקומען פון זיך אַרויס. די פרייד פון דענקען איז די פרייד פון קאָנען ריידעוודיק מאַכן דעם אייגענעם גייסט, פון קאָנען זיך אינטעלעקטועל פאַרווערטן. דאָס בלויזע דענקען, נישט נעמענדיק אין אַכט די רעזולטאַטן און די אויספירן פון דענקען, איז שוין אַליין אַ פאַרגעניגן. דאָך מוז דאָס דענקען זיין באַוועגט פון אַ אינערלעך געפיל. אונטער דער ריין־לאָגישער פונקציע מוז קומען עמאָטיווע רעגונג. דענקען מוז פאַראורזאַכט ווערן פון אַ גייסט צו דענ־קען. ווען ס'איז נישטאָ קיין גייסט צו דענקען, איז קיין דענקען נישטאָ. די גרעסטע מערהייט מענטשן דענקט גאָר נישט, זי שטעלט קיין פראַגעס נישט, זי טראַכט נישט נאָך און זי זוכט נישט אונטער, נאָר זי לעבט מיט אַן איינגע־שטעלטער מענטאַלער רוטין, אויסגעאַרבעט פון דערציִונג, סביבה און געוווינ־הייט. אָנהייבן דענקען, הייבט־אָן דער וואָס הייבט־אָן שטעלן פראַגעס; דער וואָס וויל וויסן פאַר וואָס דאָס איז אַזוי און יענץ אַנדערש. פראַגן־שטעלעניש איז אַ צייכן פון גייסטיקער זעלבשטענדיקייט, פון אַ גייסט וואָס ווערט באַאומרויִקט, פון אַ גייסט וואָס פילט זיך נישט איינגעפּאַסט אין די אַלגעמיינע ראַמען פון לעבן און געדאַנק. וווּלגאַרע גייסטער שטעלן קיין פראַגן נישט; זיי האָבן נישט קיין פּראָבלעמען צו לייזן און קיין שאלות צו פאַרענטפערן; זיי קימערט גאָר־נישט און זיי דאַרפן זיך אין גאָרנישט אַריינטראַכטן. כדי זיך אַריינצו־טראַכטן, מוז מען פריִער פון עפּעס באַאומרויִקט ווערן. אַ זוכנדיקער געדאַנק, איז דער פועל יוצא פון אַן אומרויִק געפיל. אין אָט דער אומרויִקייט פון געפיל,

אין אָט דער וויסן־גיריקייט, אין אָט דער אומצופרידנקייט מיט די קאָנווענ־ציאָנעלע אמתן דערין איז דאָס וויגעלע פון דער פילאָסאָפיע.

די פילאָסאָפישע געדאַנקען בייטן זיך; דאָס פילאָסאָפישע געפיל איז אייביק. די פילאָסאָפן פון וויטסטן אַלטערטום זיינען מיט זייער ליבן חכמה, נישט געשטאַנען אויף קיין האָר נידעריקער פאַר די פילאָסאָפן פון דער מאָדערנער צייט. האָבן זייערע געדאַנקען געמעגט זיין רוי און זייערע אָנשויונגען פרימיטיוו, דאָך, דער פילאָסאָפישער דראַנג איז ביי זיי געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה. פאַרקערט, אפשר, אין דער הינזיכט פון ליבן חכמה, זיינען די דענקערס פון אַמאָל געשטאַנען אויף אַ העכערער מדרגה ווי די פון היינט. היינט ליבט מען נישט קיין חכמה. דאָס וויסן גופא און די נוצן פון וויסן, זיינען געשטיגן; די שיינקייט, די דערהויבנקייט פון זוכן וויסן, איז געפאַלן.

קאַפּיטל 2

לעבנס - פילאָסאָפיע

I

דער אונטערשייד צווישן דער פילאָסאָפיע וועגן דער וועלט און דער פילאָסאָפיע וועגן מענטשן איז אין דעם: די וועלט האָט אַן אייגענעם זיין. אויף אַ וואָסער עס איז אופן איז די וועלט פאַראַן. צי מיר ווייסן אים יאָ, צי מיר ווייסן אים נישט, אָבער אַ זיין האָט די וועלט. מעגן די מענטשן אינטערפּרע־טירן דעם זיין פון דער וועלט ווי אַזוי זיי ווילן נאָר, שאַדט עס איר נישט, דער וועלט. איר אָביעקטיווע ווירקלעכקייט בלייבט אומגעענדערט. דער וועלט ווי זי איז, איז עס אַלץ איינס, צי די מענטשן פאַרשטייען איר יאָ אָדער נישט. עס הייסט, אַז דאָ זיינען פאַראַן צוויי אמתן. אַן אָביעקטיווער אמת — די וועלט ווי זי איז, און אַ סוביעקטיווער אמת — די וועלט ווי די פילאָסאָפן פאַרטייטשן זי. אַנדערש איז אָבער אויפן געביט פון דער מענטשלעכער לעבנס־פילאָסאָפיע. דאָ איז פאַראַן נישט מער ווי איין אמת — דער סוביעקטיווער. אַזוי ווי יעדער דענקער פאַסט אויף דאָס פּראָבלעם פון מענטשלעכן לעבן און פירונג, אַזוי איז עס ריכטיק. קיין אַנדער אָביעקטיווע ווירקלעכקייט האָט נישט דאָס פּראָבלעם פון מענטשלעכן לעבן און פירונג. די טייל פון דער פילאָסאָפיע וואָס די אַלטע האָבן באַצייכנט מיטן נאָמען „עטיקאַ", איז דורך און דורך אַ סוביעקטיווע דער־שיינונג און האָט נישט קיין בראַק אייגענע רעאַליטעט, אויסער דעם גייסט פון די דענקערס. דאָס וואָס יעדער דענקער ברענגט אַרויס אויפן געביט פון דער מענטשלעכער מאָראַל־פילאָסאָפיע, איז גוט אַרויסגעבראַכט, דאָס איז דער אַבסאָלוטער אמת. דאָ איז נישטאָ קיין „וועלט אין זיך", וואָס האָט, זאָפאַרט, אַן אייגענע עקסיסטענץ, אומאָפּהענגיק פון דעם גייסט פון די דענקערס. נאָר דאָ אין „די וועלט אין זיך" טאַקע דער גייסט פון די דענקערס גופא; דער נומען און דער פענאָמען זיינען דאָ איין און די זעלבע זאַך; דער נאָכגעפאָרשטער אָביעקט און דער נאָכפאָרשנדיקער סוביעקט, גיסן זיך דאָ צונויף און זיינען

זיך אידענטיש. עס איז נישטאָ קיין אַבסטראַקטע, פאַר זיך און אין זיך עקסיס־טירנדיקע מאָראַל, וואָס ליגט מחוץ די דענקערס, נאָר די מאָראַל איז אינער־האַלב די דענקערס. זי איז — זיי גופא; זי איז אומאָפּטיילבאַר פון זיי. דעריבער איז די לייזונג וואָס יעדער דענקער גיט דעם מאָראַלן פּראָבלעם פון אַן אַבסאָ־לוטן ווערט, וואָרעם יעדער דענקער לייזט דאָס מאָראַלע פּראָבלעם אין אָנקלאַנג מיט זיך, אַזוי ווי ער זעט עס, אַזוי ווי ער פילט עס, — אַזוי ווי ער איז. דאָס איז די לעצטע מאָס — אַזוי ווי ער איז. יעדנס לעבנס־פילאָסאָפיע איז אַזוי אמת ווי ער אַליין, דער אַרויסברענגער, איז, קיין אַנדער מאָס איז דאָ לחלוטין נישטאָ. דער זיין, דער פילן, דאָס דענקען, דאָס אויפפאַסן פונעם דענקער די לעבנס־דערשיינונגען, דאָס איז דער איינציקער און לעצטער פּרוּושטיין פון זיין פילאָסאָפישן אמת. דאָרט, ביי דער וועלט־פילאָסאָפיע, זיינען — פונעם שטאַנד־פונקט פון אָביעקטיוון וועלט־אמת — אָדער אַלע פילאָסאָפיעס פאַלש, דאָס הייסט, קיין איינציקע פון די אַרויסגעבראַכטע פילאָסאָפישע שיטות אַנטשפּרעכט נישט דער וועלטסווירקלעכן זיין, אָדער בלויז איין פילאָסאָפיע איז אמת. אַלע אמת, קענען זיי ניט זיין. דאָ, ביי דער לעבנס־פילאָסאָפיע, זיינען אַלע פילאָסאָ־פיעס אמת; יעדע פילאָסאָפיע איז אמת פאַר איר אַרויסברענגער און אירע אָנהענגערס. די פיל לעבנס־ און מאָראַל־פילאָסאָפיעס שליסן נישט אויס איינע די אַנדערע, נאָר יעדע איז אמת פאַר זיך, דאָס הייסט פאַר איר סאָרט מענטשן. ביי דער וועלט־פילאָסאָפיע, שליסט איין פילאָסאָפיע אויס די צווייטע; די פילהייט פון די פילאָסאָפישע שיטות איז אַ באַווייז וועגן זייער נישט ריכטיקייט, מחמת די וועלט קען דאָך נישט עקסיסטירן אויף אַזוי פיל פאַרשיידענע און ווידערשפּרעכלעכע אופנים ווי די פאַרשידענע שיטות שטעלן עס פאָר. זי, די וועלט, קען זיין אָדער אַזוי ווי איין שיטה אָדער אַזוי ווי אַ צווייטע; זיין, אָבער, אַזוי ווי אַלע שיטות, קען זי דאָך נישט. בכן, לייקענען זיך די שיטות אָפּ איינע די אַנדערע און שטעלן זיך איינע דער אַנדערער אַרונטער אונטער ספק. ביי דער מענטש־פילאָסאָפיע זיינען אַלע שיטות ריכטיק. עס איז ריכטיק די וואָס זאָגט אַזוי, און עס איז ריכטיק די וואָס זאָגט קאַפּויר, און עס איז אויך ריכטיק די וואָס זאָגט נישט אַזוי און נישט קאַפּויער, נאָר גאָר עפּעס אַנדערש. דער פילאָסאָפיע וועגן מענטשן, איז נישט שייך צו כאַפּן ביי קיין סתירות און קיין ווידערשפּרוכן; די פאַרשידענע מענטשלעכע פילאָסאָפיעס לייקענען זיך נישט אָפּ איינע די אַנדערע, נאָר אַלע זיינען ריכטיק, מחמת זיי דריקן אויס דעם גייסט פון פאַרשידענע מענטשן, און היות ווי יעדער מענטש איז אַ „וועלט" פאַר זיך, קענען פון אַ סך פאַרשידענע און קעגנזעצלעכע „וועלטן" זיין אַ סך פאַרשידענע און קעגנזעצלעכע פילאָסאָפיעס.

II

אַלע לעבנס־פילאָסאָפיעס זיינען אין דער אמתן קאָמפּלעקסן געפילן און נישט קיין געדאַנקען. דאָס וואָס מ׳רופט לעבנס־פילאָסאָפיע איז דורכויס אַ פּראָדוקט פון כאַראַקטער און סענטימענט און נישט פון קיין שכל און לאָגיק. דאָס וואָרט פילאָסאָפיע מאַכט דעם איינדרוק ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ זאַך פון געדאַנק און עס האַנדלט זיך גאָר וועגן אַ זאַך פון געפיל.

לעבנס־פילאָסאָפיע איז געפיל וואָס ווערט צו געדאַנק; געפיל וואָס ווערט צו קאָנצעפּט און לעבנס־כלל; לעבנס־פילאָסאָפיע איז אינטעלעקטואַליזירטער סענטימענט; טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער וואָס קליידן זיך אָן אין ראַציאָ און דערשיינען ווי אַ שכל־זאַך. דער לעצטער מקור פון יעדער לעבנס־פילאָסאָפיע איז דער כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט פון איר פאַרפאַסער און אירע אָנהענגערס. דאָס, דער כאַראַקטער און דער טעמפּעראַמענט, איז די סובסטאַנץ פון וועלכער עס ווערן געמאַכט לעבנס־פילאָסאָפישע אָנשויונגען. די יענע אַלע אינדיווידן וועמענס כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט זיינען ענלעך צווישן זיך, די אַלע ווערן איבערצייגט פון די זעלבע לערן, דאָקטרינען און אָנזיכטן און ווערן זייערע אָנהענגערס. הייסן הייסט עס, אַז זיי זיינען איבערצייגט געוואָרן אין זייערע אָנשויונגען אויף אַ ריין שכלדיקן אופן, דורך לאָגישע אַרגומענטן און דורך זאַכלעכע באַטראַכטונגען, אין דער אמתן אָבער זיינען זיי איבערצייגט געוואָרן דורך געפיל — ווייל זיי האָבן אַזוי געפילט, האָבן זיי אַזוי פאַרשטאַנען.

אָט נעמען מיר, למשל, די אַלטע סטאָאישע פילאָסאָפיע. די סטאָאיקערס זיי־נען געווען איבערצייגט, אַז דער העכסטער אידעאַל צו וועלכן מענטשן דאַרפן שטרעבן איז נשמה־רו. „ניהיל אדמיראַרי" — האָבן זיי געלערנט — פון גאָר־נישט נתפּעל ווערן, פון גאָר נישט איבערגעראַשט ווערן, פון גאָר נישט געריִרט ווערן. נישט לאַכן און נישט וויינען; נישט פּראָטעסטירן און נישט אַפּלאָדירן; נישט פרייען זיך און נישט טרויערן, נאָר אויפהאַלטן, אום יעדן פּרייז, די רויִקייט פון געפיל און דאָס גלייכגעוויכט פון געמיט. קיינע עמאָציעס, קיינע רעגונגען, קיינע ליידנשאַפטן, נאָר אינערלעכער אינדיפערענטיזם און אינערלע־כע שטילקייט. „קענסטו מאַכן בעסער — האָט געזאָגט עפּיקטעט — טו מאַך בעסער; קענסטו נישט בעסער מאַכן, טאָ גיב זיך אונטער, רעזיגניר, נעם די זאַכן ווי זיי זיינען". צו וואָס דאָס קלאָגן, צו וואָס דאָס וויינען, צו וואָס דאָס פּראָטעסטירן, ווען אַלץ מוז בלייבן ווי געווען. בכן, איז נשמה־רו דאָס העכסטע צו וואָס דער חכם דאַרף שטרעבן.

די עפּיקורייער האָבן געזען דעם העכסטן מענטשלעכן אידעאַל אין גענוס. די גייסטיקע עפּיקורייער האָבן אונטער גענוס פאַרשטאַנען דער עיקר גייסטיקן גענוס. די וווּלגאַרע עפּיקורייער האָבן אונטער גענוס פאַרשטאַנען דער עיקר קערפּערלעכן גענוס און די זעטיקונג פון די זינלעכע תאוות.

„לעבן איזליידן" — האָט געלערנט דאָס קריסטנטום; לעבן איז זיך אונ־טערגעבן די ביטערע קלעפּ פון גורל; לעבן איז אויסטרינקען דעם בעכער פון ליידן ביזן דנאָ; לעבן איז בויגן די פּלייצע אונטערן שווערן יאָך פון די אומ־שטענדן, נישט קלאָגן זיך, נישט פּראָטעסטירן, נאָר אַלץ אָננעמען פאַר ליב.

דער מענטש דאַרף זיך אונטערגעבן דאָס סאָציאַלע און פּאָליטישע שלעכטס — האָט געלערנט די זעלבע לערע. קנעכט, פאָלג דיין האַר! נישט מורד זיין, נישט רעבעלירן זיך, נאָר זיין געהאָרכזאַם און נכנע; גיב זיך אונטער דער רשעות און פּראָוואָציר זי נישט.

די מאָדערנע סאָציאַלע און פּאָליטישע אידייען, האָבן, איקעגנטייל, געלערנט דעם מענטשן אַקטיוו אַרויסצוטרעטן קעגן סאָציאַלן און פּאָליטישן שלעכטס; אַקטיוו צו קעמפן קעגן די סאָציאַלע און פּאָליטישע איבלען און אומגערעכ־טיקייטן.

„די מענטשן זיינען שלעכט און פאַרדאָרבן און מען דאַרף זיך מיט זיי באַגיין שטרענג און האַרט — איז געווען די פּאָליטישע פילאָסאָפיע פון אַלערליי רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין דער געשיכטע. — מען דאַרף מאַכן שווערע גע־זעצן, אָנווענדן האַרבע שטראָפן, נישט געבן די מענטשן קיין פרייהייטן און קיין רעכטן, נאָר צווינגען זיי צו זיין געהאָרכזאַם און אונטערטעניק. הערשן מיט אַ שטאַרקער האַנט; אָנוואַרפן אַ מורא אויף די בירגער, אַזוי אַז זיי זאָלן נישט וואַגן צו רעבעלירן און זיין אומגעהאָרכזאַם".

„די מענטשן זיינען גוט און מען דאַרף זיך מיט זיי באַגיין ברייטהאַרציק און מילד — איז געווען די פּאָליטישע פילאָסאָפיע פון אַלערליי ליבעראַלע מענטשן אין דער געשיכטע. — מען דאַרף די מענטשן געבן וואָס מער פרייהייטן און רעכטן; נישט פּענטען, נישט צוימען, נישט אונטערדריקן, נאָר לאָזן פריי זיך אַנטוויקלען די פּערזענלעכקייט. וואָס ווינציקער באַשטראָפן און וואָס מער דערציִען. דער מענטש איז נישט פאַרן שטאַט, נאָר דער שטאַט פאַרן מענטשן. דער ציל פון דער מלוכה איז צו געבן דעם מאַקסימום גליק און ווילזיין די בירגערס און נישט איינשפּאַרן זיי אין אַ תפיסה פון געזעצן, רעגלאַמענטן און דעקרעטן און דערשטיקן זיי אין אַן אַטמאָספער פון צוואַנג און גוואַלד".

דאָס סאָציאַלע שלעכטס דאַרף מען אויסוואָרצלען אויף כוח, דורך רעוואָ־לוציע און גוואַלד — זאָגט איין סאָציאַלע אידעאָלאָגיע; דאָס סאָציאַלע שלעכטס דאַרף מען אויסבעסערן לאַנגזאַם, דורך שטופּנווייזע רעפאָרמען און לאַנגזאַמע פאַרבעסערונגען — זאָגט אַן אַנדער סאָציאַלע אידעאָלאָגיע. דער מענטש איז גוט, נאָר דאָס לעבן מאַכט אים שלעכט — זאָגן איינע; דאָס לעבן איז גוט, נאָר דער מענטש מאַכט עס שלעכט — זאָגן אַנדערע. דער ציל פון לעבן איז גוטס צו טאָן — זאָגן די מאָראַליסטן; דער ציל פון לעבן איז געניסן — זאָגן די העדאָניסטן; דאָס לעבן איז שלעכט, זאָגן די פּעסימיסטן; ניין, דאָס לעבן איז גוט, זאָגן די אָפּטימיסטן און אַזוי ווייטער און ווייטער.

— ווו איז דער אמת? ווער איז גערעכט? — אַלע זיינען גערעכט! פאַר יעדן איז אַבסאָלוט אמת זיין לעבנס־פילאָסאָפיע און זיין סאָציאַלע אַנשויונג. קיין אָביעקטיווער אמת, וואָס זאָל גילטן פאַר אַלע איז דאָ לחלוטין נישטאָ. דאָ איז דאָ בלויז אַ אינדיווידועלער און סוביעקטיווער אמת, וואָס איז אַזעלכער נאָר פאַר דעם וואָס פילט אַזוי. פאַר דעם וואָס פילט אַנדערש, איז עס קיין בראָק אמת נישט; פאַר דעם אַנדערן איז אַבסאָלוט אמת דאָס וואָס ער, דער אַנדערער, פילט.

אומזיסט זיינען די דיסקוסיעס און די אַמפּערנישן צווישן די פאַרשידענע סאָציאַלע פילאָסאָפיעס און אידעאָלאָגיעס ווער ס'איז גערעכט. אַלע זיינען גע־רעכט: דער רעאַקציאָנער איז גערעכט און דער ליבעראַל איז גערעכט; דער מאָראַליסט איז גערעכט און דער אַמאָראַליסט איז גערעכט. דער אָפּטימיסט איז גערעכט און דער פּעסימיסט איז גערעכט, אאַז״וו. יעדער זעט אין לעבן דאָס וואָס ער האָט אין דער נשמה. אין דער נשמה פון רעאַקציאָנאַר איז דאָ אַ גע־וויסע פינצטערקייט און בייזקייט, וויל ער עס געבן אוסדרוק אין לעבן; אין דער נשמה פון ליבעראַל איז דאָ אַ געוויסע מילדקייט און ברייטהאַרציקייט, וויל ער עס געבן אויסדרוק אין לעבן; אין דער נשמה פון דעם מאָראַליסט, איז דאָ ליבע, זעט ער די מענטשהייט אַ ליבנדיקע; אין דער נשמה פון אַמאָראַליסט איז דאָ האַס, זעט ער די מענטשהייט אַ האַסנדיקע, און אַזוי ווייטער — יעדער דענקט וועגן לעבן דאָס וואָס ער פילט אין זיך. — דער געפיל, די ספּאָנטאַנע שפּירעווודיקייט, דער אינטימער שטראָם פון אונדזער נשמה — אָט דאָס איז דער איינציקער און אויסשליסלעכער מקור פון וועלכן מיר שעפּן אונדזערע לעבנס־קאָנצעפּטן. אונדזער פּערזענלעכער כאַראַקטער, איז גלייכצייטיק אי דער אָביעקטיווער און אי דער סוביעקטיווער אמת פון אונדזערע אידייען. קיין אַנ־דערער, אין דרויסן ליגנדיקער אמת איז דאָ נישטאָ. מחמת דעם קען מען זאָגן, אַז דאָס וואָס איז אַבסאָלוט אמת פאַר איין דענקער, איז אַבסאָלוט ליגן פאַר אַ צווייטן. עס איז געווענדט אין דעם בוי און אינהאַלט פון זייערע נשמות. צווי דענקער וואָס האָבן נישט קיין בשותפותדיקע גייסט־עלעמענטן, מוזן על פּי הכרח האָבן צוויי פיינטלעכע וועלט־אַנשויונגען און עס קען נישט געמאָלט זיין קיין שום איינפאַרשטענדעניש און קיין שום געמיינזאַמע איבערצייגונג. איינ־פאַרשטענדעניש און געמיינזאַמע איבערצייגונג קען געמאָלט זיין נאָר דאָרט ווו עס זיינען פאַראַן שותּפישע גייסט־עלעמענטן. צווישן פולשטענדיק פרעמדע נשמות, מוז אויך זיין פולשטענדיקע פרעמדקייט פון דענקען.

אַז דער טיפּ אינטעלעקט פון יעדן מענטשן מוז שפּילן אַ ראָלע ביים אויסאַרבעטן זיך זיין בליק אויף דער וועלט, איז מער ווי פאַרשטענדלעך. דאָך איז יעדנס וועלט־אַנשויונג מער אַ פועל־יוצא פון זיין כאַראַקטער ווי פון זיין אינטעלעקט. דער אינטעלעקט וואָרצלט אין כאַראַקטער, דער אינטעלעקט איז אַריינגעפּאַסט אין כאַראַקטער און פונקציאָנירט צוגעפּאַסט צו אים. דאָס מיינט

נישט, אַז דער עצם אינטעלעקט איז אַ פּראָדוקט פון כאַראַקטער, נײַן, דער עצם אינטעלעקט, די אינטעלעקטועלע פֿעיִקייטן, זײַנען נישט קיין פּראָדוקט פון כאַראַקטער. נישט כאַראַקטער מאַכט איינעם פאַר אינטעלעקטועל פעיִק און נישט פאַר אויס פעיִק. כאַראַקטער ריכטעט בלויז אינטעלעקט, ער פירט אָן מיט אינטעלעקט, אָבער נישט ער באַשטימט אים. דער אינטעלעקט איז דער אינסטרומענט; דער אָנפירער — דער כאַראַקטער. איין און דער זעלבער טיפּ אינטעלעקט וועט ביי מענטשן מיט פאַרשיידענע כאַראַקטערן פאַרשיידן אויסגענוצט ווערן.

דער אינטעלעקט אָנפאַרזיך איז נייטראַל צו אונדזער וועלט־אַנשויונג. ער זאָגט אונדז ניט אונטער וואָס פאַר אַ וועלט־אַנשויונג מיר זאָלן זיך אויסאַרבעטן. ער דערווייזט בלויז די ריכטיקייט פון דער וועלט־אַנשויונג וואָס מיר נעמען אָן לויט אונדזער כאַראַקטער. דער אינטעלעקט איז בלויז אַ דענק־אַפּאַראַט; ער פירט בלויז דורך די פונקציע פון דענקען. וואָס צו דענקען און וואָס אויסצודענקען, דאָס באַשליסט דער כאַראַקטער.

III

אונטערן וואָרט געפיל זײַנען מיר אײַנגעוווינט צו פאַרשטיין אָן אויפגעהייטערטן געמיט־צושטאַנד: ליבע צי האַס, רחמנות צי אַכזריות, באַגייסטערונג אָדער נידערגעשלאָגנקייט, אַבי נאָר אַ געפיל וואָס שלאָגט שטאַרק, אינטענסיוו, אימפּעטיק. יענע אַנדערע געמיט־צושטאַנדן וועלכע צייכענען זיך נישט אויס מיט קיין שטאַרקער שטראָמיקייט, רופט מען נישט געפיל. — מען רופט זיי נישט, אָבער פאָרט איז עס געפיל; דאָס איז געפיל וואָס פליסט שטיל, אָבער אָנהאַלטנדיק. דאָס איז גערדיכטע, קאָנצענטרירטע פערמאַנענטע געפיל־קראַפט; דאָס איז געפיל וואָס גייט נישט אַרויף און אַראָפּ, נאָר פליסט טיף און כסדר און טראָגט מיט אויף זיך שטראָם די געדאַנקען און מעשים פון די אינדיווידן, דער לעצטער סאָרט פילן איז עס דאָס וואָס מ׳רופט כאַראַקטער.

כאַראַקטער איז ספּאָנטאַנער, אָרגאַנישער געפיל; געפיל וואָס באַהערשט אונדז אין גאַנצן, וואָס פילט אונדז אויס, וואָס איז — מיר אַליין, און ווען מיר פילן אַזוי נישט, ווי מיר פילן נישט דאָס פליסן פון אונדזער בלוט אין אונדז. כאַראַקטער איז ספּאָנטאַנע פילעוודיקייט, וועלכע שטעלט מיט זיך פאַר דעם עצם גייסט אונדזערן. אָט די דאָזיקע ספּאָנטאַנע פילעוודיקייט באַשטימט, ריכטעט און פורעמט אונדזער דענקען און טון אין גאַנצן אומבאַמערקט פאַר אונדז. מיר דענקען און האַנדלען אַזוי ספּאָנטאַן לויט אונדזער כאַראַקטער, ווי חיות האַנדלען ספּאָנטאַן לויט זייער אינסטינקט און ווי פלאַנצן האַנדלען ספּאָנטאַן לויט זייער אינערלעכער סטרוקטור. ווען מיר דענקען אָדער האַנדלען

לויט אונדזער כאַראַקטער, ווערן מיר אַפילו נישט אויפמערקזאַם אויף אונדזערע געדאַנקען און טאַטן, נאָר מיר פירן זיי דורך אויטאָמאַטיש און אומבאַוווּסט פאַר אונדז אַליין. ווען אַ מענטש מיט אַן אידעלן כאַראַקטער, למשל, טוט אַן אידעלע טאַט, ווערט ער דערצו באַוועגט פון אַ ספּאָנטאַנעם אומבאַמערקטן געפיל, וואָס שטויסט אים דעם אידעלן טאַט צו באַגיין. אומבאַמערקט פאַר אים אַליין און אַן באַזונדערער אַריינטראַכטונג, פירט ער דורך אויטאָמאַטיש זיין טאַט. פון זיך אַליין לייגן זיך אים שוין די הענט אַזוי צו האַנדלען און אַנדערש קען ער נישט האַנדלען. דאָס זעלבע פאַרקערט, טוט דער „גראָבער" מענטש זיין „גראָבן" טאַט אויך אַזוי אויטאָמאַטיש און ספּאָנטאַן און אַזוי — „פון זיך אַליין". אָבער פון זיך אַליין טוט זיך דאָך, מיט אַן אמת, גאָרנישט. אומעטום איז דאָ אַ כוח וואָס ווירקט און אויך דאָ איז דאָ אַ כוח וואָס ווירקט. טאָ וועלכער זשע איז ער דער כוח? דער כוח איז די ספּאָנטאַנע פּילעוודיקייט, וואָס איז אייגנאַרטיק אין יעדן איינעם פון אונדז און וועלכער מאַכט יעדן איינעם דענקען און האַנדלען אויף אַ באַשטימטן אופן. נישט מער, צוליב דער ספּאָנטאַנקייט פונעם פילן, באַמערקן מיר אים נישט. צי קען מען דען אָבער זאָגן, אַז דער־פאַר וואָס אונדזערע ספּאָנטאַנע געפילן באַהערשן אונדז אַזוי שטאַרק, אַז מיר באַמערקן זיי נישט, אַז דערפאַר זיינען זיי נישטאָ? עס איז זיכער, אַז צוויי מענטשן מיט פאַרשידענע כאַראַקטערן, רעאַגירן אויף איין און דער זעלבער דערשיינונג מיט פאַרשידענעם דענקען און האַנדלען. פאַר וואָס? וואָס פירט זיי דערצו? די אויסערלעכע סיבה איז פאַרביידע די זעלבע און דאָך איז דער אינערלעכער אָפּרוף פאַרשידן. דאָס איז דערפאַר וואָס זייער אינערלעכער זיין איז פאַרשידן, במילא נעמען זיי אויף די אויסערלעכע ווירקונג פאַרשידן. פון זיך אַליין, נישט וויסנדיק אַפילו אַז עס קומט מיט יעדן פון זיי פאַר אַן אייגנ־אַרטיקער פּסיכישער פּראָצעס, נעמען די אינדיווידן דענקען און האַנדלען יעדער אויף זיין שטייגער, אין איינקלאַנג צו זייער ספּעציפישן, אָרגאַנישן פילן. פילן, מחמת אַנדערש קען מען דאָך דעם דאָזיקן ספּאָנטאַנעם, אומבאַוווּסטן אינערלעכן טרייב־כוח, וואָס מאַכט אונדז טראַכטן און טאָן יעדן אויף זיין באַזונ־דערן אופן — נישט אָנרופן; קיין געדאַנק איז עס דאָך נישט. מיר שטעלן זיך דאָך נישט אַוועק טראַכטן — פאַר יעדעס מאָל ווען מיר דענקען אָדער טוען עפּעס — צי מיר זאָלן טאָן און דענקען אַזוי ווי מיר טוען און דענקען, אָדער אַנדערש. מערסטן טייל האַנדלען מיר און מיר טראַכטן ספּאָנטאַן, אַזוי ווי עס קומט אונדז אָן, אַזוי ווי מיר ווערן באַוועגט דערצו פון אַן אינערלעכן אָנטרייב. דאָס ספּקן וואָס עס קומט אונדז אַזוי אָפּט אויס, דאָס ישובן זיך צי מיר זאָלן דענקען און טון אַזוי צי אַנדערש, איז נישט קיין געדאַנקלעכע דערשיינונג, נאָר אַ דערשיי־נונג וואָס וואָרצלט אין דער סתירהדיקייט פון אונדזער כאַראַקטער. ווען מיר ספּקן עפּעס וועגן אַ לעבנס־פּראָגע, איז עס דערפאַר וואָס מיר זיינען לגבי איר באַהערשט פון פאַרשידענע קעגנזעצלעכע געפילן. דאָרט ווו ס'איז דאָ איינהייט

פון געפיל, דאָרט איז אויך דאָ איינהייט פון געדאַנק און עס אַנטשטייען דאָרט נישט קיין ספקות. און ווי אַזוי פאַרענטפערן מיר דען אונדזערע ספקות? וואָס באַוועגט אונדז דען סוף כל סוף צו באַשליסן אַזוי אָדער אַנדערש, ווען מיר צווייפלען? — אויך דער געפיל! יענער געפיל און יענע כאַראַקטער־נויגונג וואָס איז שטאַרקער אין אונדז, זיי זיינען גובר, זיי זיינען מכריע דעם געדאַנק אויף זייער זייט און אַזוי ווי זיי הייסן אונדז, אַזוי ווייזט אונדז אויס קליגער און אַזוי באַשליסן מיר. ווען מיר וואָלטן געווען אַזוי אַבסאָלוט אָן־כאַראַקטערדיק, אַזוי אַבסאָלוט אָן־געפיליק, אַז מיר זאָלן אין אונדז לחלוטין נישט געפינען קיין שום אינערלעכן דירעקטיוו צו קיין שום באַשטימטן געדאַנק און טאַט, וואָלטן מיר בלויז מיט אונדזער „קאָפּ", בלויז מיט אונדזער „ריינעם געדאַנק", גאָר נישט אויסגעטראַכט און גאָרנישט נישט געטון. מיר וואָלטן קיין מאָל קיין שום תשובה נישט געקריגן אויף קיין שום לעבנס־פראַגע אונדזערער. דענקען אַבסאָלוט אָן דירעקטיוון פון אונדזער אינערלעכן פילן, דאָס איז אוממעגלעך. אַזאַ געדאַנק וואָלט געמוזט בלייבן אין גאַנצן פאַרשטאַרט און סטאַטיש.

אַ מענטש וואָס וואָלט אין גאַנצן קיין געפילן נישט געהאַט, וואָלט אויך אין גאַנצן קיין געדאַנקען נישט געהאַט. די באַצייכענונג „אַ מענטש אָן געפילן", מיינט, אין דער אמתן, אַ מענטש מיט קאַלטע געפילן. אַנשטאַט צו זאָגן „אַ מענטש אָן רחמנות־געפילן", זאָגט מען „אַ מענטש אָן געפילן". דער קאַלטער, טרוקענער מענטש, וועלכער בלייבט גלייכגילטיק צו יענעמס צער און פּיין, בלייבט אַזוי נישט צוליב מאַנגל אין געפיל, נאָר מחמת ער פילט אַזוי צו בלייבן — ער ווערט באַהערשט פון אַזאַ קאַלטן געפיל. דאָס זעלבע איז אויך מיט דער באַצייכענונג „אַ מענטש אָן אַ האַרץ". אַ „מענטש אָן אַ האַרץ" קען נישט זיין; אַ מענטש אָן אַ „האַרץ", וואָלט אויך געמיינט אַ מענטש אָן אַ „קאָפּ". די מכלומרשטע „מענטשן אָן הערצער", זיינען אין דער אמתן מענטשן מיט שלעכטע הערצער, מענטשן אומדערבאַרעמדיקע. נאָר אַנשטאַט צו זאָגן אַ מענטש מיט אַ „שלעכט האַרץ", זאָגט מען אַ מענטש „אָן אַ האַרץ". דער טעות נעמט זיך דערפון, וואָס אונטערן וואָרט „האַרץ", פונקט ווי אונטערן וואָרט „געפיל", פאַרשטייט מען אַ גוט האַרץ און אַ גוטן געפיל. דערפאַר זאָגט מען אויף אַ מענטשן מיט אַ שלעכט האַרץ אָדער שלעכט געפיל: „האַרצלאָז", אָדער „געפיללאָז". שלעכטע מענטשן זיינען נישט האַרצלאָז און נישט געפיללאָז, נאָר זיי האָבן שלעכטע „הערצער" און שלעכטע געפילן.

דאָס זעלבע איז אויך מיט די באַצייכענונגען אַ „ראַציאָנאַליסט", אַ „ניכטערער דענקער", אַ „קאַלטער לאָגיקער", אַ „שטרענגער בעל־שכל" אאַז"וו. די דאָזיקע אַלע זיינען אַזעלכע נישט מיט זייער שכל, נאָר מיט זייער כאַראַקטער. זייער שטרענגע שכלדיקייט נעמט זיך נישט פון קיין ראַציאָנעלן עלעמענט, נאָר פון זייער קאַלטן, טרוקענעם כאַראַקטער.

דער אונטערשייד צווישן די אַזוי גערופענע געפיל־מענטשן און געדאַנק־

מענטשן איז אין דעם, וואָס די ערשטע האָבן „ווייכע״ געפילן און די צווייטע האָבן „האַרטע״ געפילן. די אַזוי גערופענע געדאַנק־מענטשן זיינען, אין דער אמתן, אויך געפיל־מענטשן, נישט מער, זיי זיינען האַרט־פיליקע, טרוקן־פיליקע מענטשן. אין גאַנצן קיין געפיל נישט האָבן, דאָס קען נישט זיין. אַ מענטש וואָס וואָלט קיין שום געפיל נישט געהאַט, וואָלט אויך קיין שום געדאַנק נישט געהאַט. יעדער סאָרט מענטשלעכע שכלדיקייט איז אומפאַרמיידלעך אַ פּראָדוקט פון אַ באַשטימטן סאָרט אָרגאַנישן פילן, דאָס הייסט, פון אַ באַשטימטן סאָרט כאַראַקטער.

וואָס שייך דעם געפיל־מענטש פון זיין זייט, זעט ער נישט אין קיין בראָק שכל אינעם אַרט דענקען און פירן זיך פון די קאַלטע בעלי־שכל און שטרענגע ראַציאָנאַליסטן. ער, דער געפיל־מענטש, קען נישט פאַרשטיין וואָס פאַר אַ שכל עס שטעקט אין דעם כסדרדיקן ליגן איבער זיך, אין דעם כסדרדיקן טשאַטעווען זיך, אין דעם כסדרדיקן וועגן און מעסטן יעדן טריט וואָס מ׳מאַכט. ער פאַרשטייט, אַז דאָס זוכן כסדר שכל־שכל און דאָס פרעגן זיך רק „וואָס זאָגט דער שכל דערצו״, איז מער אַ שכל־מאַניע, איידער שכל גופא. דער געפיל־ מענטש, פאַרקערט, רעדט וועגן אַ חכמה פון האַרץ און שכל פון די געפילן. לויט זיין פאַרשטאַנד קומט אויס, אַז דאָס פירן אַ רייך געפיל־לעבן איז אַ סך שכלדיקער ווי דאָס פירן אַ טרוקן מוח־לעבן. דאָס טרוקענע לעבן פון דעם בעל־שכל, ווייזט אויס דעם האַרץ־מענטש ווי אַ לעבן אָן שכל.

IV

יעדער דיסקוסיע צווישן מענטשן מיט פאַרשידענע כאַראַקטערן, מוז זיך ענדיקן מיט אַ דורכפאַל. אַזעלכע קענען דיסקוטירן צען יאָר נאָך אַנאַנד און אַרויסשטעלן יעדער איינער צען טויזנט אַרגומענטן לטובת זיין אידעאָלאָגיע, וועט ער דאָך דעם צווייטן נישט איבערצייגן אויף קיין קוצי של יוד. יעדער וועט זיך בלייבן ביי זיינס אַזוי ווי ביים אָנהייב שמועס. אַרגומענטן, ווען זיי זיינען געווענדט צו אַ פיינטלעכער מענטאַליטעט, האָבן לחלוטן קיין ווערט נישט. אַזוי, למשל, וועט מען דעם ליבעראַלן מענטש בשום אופן נישט איבערצייגן אין קיין רעאַקציאָנערע אידייען, און דעם רעאַקציאָנער וועט מען נישט איבער־צייגן אין קיין ליבעראַלע אידייען; דעם געמעסיקסטן און באַזאַכטן מענטש וועט מען נישט איבערצייגן אין קיין עקסטרעמיסטישע אידייען און אידייען וואָס פריידיקן וויאָלענץ, און דעם עקסטרעמיסט וועט מען נישט איבערצייגן אין קיין אידייען וואָס פריידיקן מעסיקייט. דעם רעוואָלוציאָנער בטבע, וועט מען נישט איבערצייגן אין קיין אידייען פון לאַנגזאַמער עוואָלוציע, און דעם עוואָלוציאָניסט וועט מען נישט איבערצייגן אין קיין אידייען פון איינמאָליקער גוואַלטזאַמער

רעוואָלוציע; דעם ליבהאָבער פון געהאָרכזאַמקייט און דיסציפּלין, וועט מען נישט איבערצייגן אין קיין אידייען פון פרייהייט און אומגעצווונגענקייט, און דעם פרייגייסט און אומגעצוווּנגענעם, וועט מען נישט איבערצייגן אין קיין אידייען, לויט וועלכע אַלץ דאַרף זיין באַזירט אויף געהאָרכזאַמקייט און דיסציפּ־לין, און אַזוי ווייטער און ווייטער. די אַרגומענטן פון איינעם טויגן נישט פאַרן צווייטן; זיי שטייען נישט־צו צו אים, זיי ווערן פון אים אָפּגעשטויסן. יעדער מענטשלעכער כאַראַקטער פּראָדוצירט און האָדעוועט אויס אין זיך אַנדערע אידייען ווי יעדער אַנדער כאַראַקטער. איבערגיסן אידייען פון איין כאַראַקטער אין אַנדערן קען מען אַזוי נישט, ווי מען קען נישט פאַראייניקן קיין צוויי פיינט־לעכע נאַטור־עלעמענטן.

אַרגומענטן העלפן יעדן איינעם קלאָר ווערן אין זיך אַליין, דאָס מיינט, זיי העלפן יעדן איינעם זען די זאַכן אין אָנקלאַנג מיט זיין אייגענעם גייסט. פריִער איז מען און נאָך דעם אַרגומענטירט מען און נישט פריִער אַרגומענטירט מען און נאָך דעם איז מען. אַרגומענטן וואָס זיינען קעגנזעצלעך צו דעם געבוי פון איינעמס גייסט, צייגן לחלוטין אין גאָרנישט איבער. אַזעלכע אַרגומענטן הערט מען נישט, מען זעט זיי נישט, מען פאַרשטייט זיי נישט, זיי שטייען נישט צו און זיי זיינען אַ טויטער אות. אינקעגנטייל כאַפּט מען זיך אָן אין אַרגומענטן וואָס טרעפן־צו, וואָס זיינען נאָענט דעם אייגענעם אופן פון פילן און דענקען. אַזעלכע אַרגומענטן מאַכן קלאָר דאָס וואָס מ׳האָט שוין אייגנטלעך פריִער גע־ווּסט אויף אַן אומקלאָרן אופן. אויב אַרגומענטן וואָלטן געהאַט אַן אָביעקטיוון ווערט, וואָלטן זיי באַדאַרפט זיין אַלגעמיין גילטיק, דאָס הייסט, זיי וואָלטן באַ־דאַרפט איבערצייגן אַלע מענטשן גלייך. דער פאַקט וואָס איין און דער זעלבער אַרגומענט צייגט איין מענטשן יאָ איבער און אַ צווייטן נישט, באַווייזט, אַז דער יעניקער מענטש וועמען דער אַרגומענט האָט יאָ איבערגעצייגט, איז געווען גע־אייגנט אים אויפצונעמען, און דער אַנדערער מענטש, וועמען דער אַרגומענט האָט נישט איבערצייגט, איז נישט געווען געאייגנט אים אויפצונעמען; ער, דער אַרגומענט, איז אים געווען גייסטיק פרעמד און קעגנזעצלעך. בכלל האָט זיך יעדע געדאַנק־ריכטונג אירע אַרגומענטן, אירע באַווייזן און איר לאָגיק, וואָס זיינען גילטיק נאָר אין אייגענעם לאַגער און אין לאַגער פון קעגנער זיינען זיי אומגילטיק.

דעם מענטשנס כאַראַקטער איז דער באָדן אין וועלכן זיינע אידייען וואַקסן און שעפּן יניקה, אין וועלכן זיי באַנייען זיך כסדר, אין וועלכן זיי קריגן־צו אַלע־מאָל פרישע זאַפטן און פרישע נאַרונג. אייגענע אידייען קען מען מבלבל זיין, מען קען זיי צעטומלען און דעזאָריענטירן, פּונקט ווי מ׳קען דעזאָריענטירן דעם גאַנג פון אַ שטראָם. אָבער דאָס איז בלויז צייטווייליק, בלויז אויף אַ מאָמענט. באַלד הערט אויף די אויסערלעכע ווירקונג און דער שטראָם גייט ווייטער זיין וועג. אַ שטאַרקערער קעגנער קען אויף אַ ווײַלע צעטומלען אונדזערע אידייען

און געדאַנקען און אונדז שטעלן אין אַ פֿאַרלעגנהייט; אַ ווײַלע הויבן מיר אָן צווייפֿלען און צעגערן און געפֿינען זיך אין אומגעוויסהייט. באַלד אָבער גייט איבער דער איינדרוק און אונדזערע אידייען קומען צוריק. אמת, אַז אַזוי לאַנג עס האַלט אָן אויף אונדז דעם קעגנערס ווירקונג, זײַנען מיר צעמישט און שוואַך בײַ זיך. צומאָרגנס, אָבער, ווען מיר שטייען אויף, דערשײַנען די זאַכן צוריק אין אונדזער גײַסט ווי געווען און מיר פֿאַרגעסן אין קעגנער מיט זײַנע טענות און אַרגומענטן און לאָגיק. עס זעט אויס ווי אַן אומזיכטבאַרע האַנט וואָלט איבערנאַכט אָפּגעווישט אין אונדזער גייסט יעדן פֿרעמדן איינדרוק וואָס איז דאָרט געווען און אונדז איבערגעלאָזט מיט זיך אַליין.

נאַטירלעך ווירקט דאָ אויך דאָס וואָס מ׳וואָלט געקענט אָנרופֿן רוטין פֿון דענקען. צו געדאַנקען געוווינען מיר זיך צו, פּונקט ווי מיר געוווינען זיך צו צו פֿאַרשידענע אַנדערע זאַכן. אַן אידעאָלאָגיע וואָס מיר האָבן אַ לענגערע צײַט, וואַקסט־צו צו אונדז און ווערט אונדז היימיש און אייגן. פֿאַר יעדעס מאָל וואָס מיר נעמען דענקען, גייט אונדזער געדאַנק זײַן אויסגעטראָטענעם וועג און עס קומען אונדז כסדר אויפֿן זינען די אײַנגעוווינטע בילדער, פֿאָרשטעלונגען, קאָנצעפּטן און אַרגומענטן. ברעכן אַזאַ דענק־אופֿן, איז, פּונקט ווי ברעכן יעדע געוווינהייט, פֿאַרבונדן מיט שוועריקייט און אָנשטרענגונג. מען דאַרף אַרויסרײַסן פֿון זיך אַיין באַשטימטע רוטין און איבערגיין צו אַן אַנדער רוטין. דאָס קומט אונדז אָן נישט לײַכט. אָן דער דאָזיקער שוועריקייט פֿון ברעכן רוטין, שטויסט זיך אָן אַן אידעאָלאָגישער קעגנער, וואָס וויל בײַ אונדז אַרויסנעמען אונדזער אײַנגעשטעלטן דענק־אופֿן און אונדז אַרײַנטאָן אַ נײַעם דענק־אופֿן. אונדזער אינטעלעקטועלע רגילות דערלאָזט נישט און דערווידערט יעדן שינוי וואָס מ׳וויל אַרײַנברענגען אין אונדזער אײַנגעשטעלטן סדר פֿון זען און באַנעמען זאַכן. דער קעגנער וויל באַזײַטיקן פֿון אונדזער מוח די אידייע מיט וועלכע ער איז שוין אײַנגעוווינט פֿון כמה יאָרן, און אונדזער מוח לאָזט זיך נישט; דער קעגנער טוט אַרײַן אין אונדזער מוח נײַע אידייען און אונדזער מוח וואַרפֿט זיי צוריק אַרויס און בלײַבט מיט די אַלטע.

V

קיין אייגענע אידייען, באמת אייגענע, קען מען בײַ קיינעם נישט צונעמען. מען קען זיי צעטרייסלען, מען קען אין זיי מאַכן ראַצן און שפּאַלטן און וווּנדן. אָבער די ראַצן פֿאַרוואַקסן און די שפּאַלטן פֿאַרציִען זיך און די וווּנדן פֿאַרהיילן זיך. דאָס וועלן אונדז אויף כּוח אָפּווענדן פֿון אונדזערע אויטענטישע אידייען, איז געגליכן צו דעם וועלן אויף כּוח אָפּווענדן די מאַגנעטישע נאָדל פֿון דעם צפֿון־פּאָל, אָדער וועלן אויף כּוח אָפּווענדן די ריכטונג פֿון אַ פֿלאַנץ, זי זאָל נישט וואַקסן אין דער זײַט פֿון דער זון: דו דרייסט די נאָדל צו דרום, און די

באַדל דרייט זיך צוריק צו צפון; דו צווינגסט די פלאַנץ זאָל וואַקסן צו דער שאָטן־זייט, און די פלאַנץ רייסט זיך צו דער ליכט־זייט.

האָבן אידייען איז אַן אָרגאַנישער פּראָצעס. אָרגאַנישע פּראָצעסן קען מען שטערן, אָבער נישט אונטערברעכן (סיידן מען פאַרניכטעט דעם אָרגאַניזם אָדער דעם געגעבענעם אָרגאַן). אָרגאַנישע פּראָצעסן באַנייען זיך כסדר און אומ־אויפהערלעך; זיי וואַקסן אַלע מאָל פון דאָס ניי און אַלע מאָל פון אָנהויב. דאָס זעלבע איז מיט אידייען. אויך אידייען וואַקסן אָן כסדר און אומאויפהערלעך. אידעען שטאַמען כסדר אַרויס פון אונדז, פון אונדזער אינטימיטעט, פון אונדזער אינדיווידואַל־גייסט און כאַראַקטער; זיי האַלטן כסדר אין איין יוירן אין אונדז און אין איין אָנגרייפן אין אונדז. און טאָמער האָבן זיי היינט אָנגעטראָפן עפּעס אַ שטערונג און זיי זיינען נישט געווען אַזוי פעסט אין אונדזער באַוווסטזיין ווי נעכטן, מיר זיינען געווען שוואַך ביי זיך און געצווייפלט, וועלן זיי מאָרגן ווידער אַ מאָל זיין שטאַרק און קרעפטיק און די זאַכן וועלן אונדז ווידער אַ מאָל אויסווייזן אַזוי קלאָר און איבערצייגנדיק ווי שטענדיק. מאָמענטן פון פאַרטונקלונג מאַכן זיך ביי יעדן, אָבער פאַרטונקלונג מיינט נישט אויסלעשונג; נאָך פאַרטונקלונג קומט אויסלייטערונג און אויפשיין.

און אַז עס טרעפט זיך אַז אונדזערע אידייען הויבן זיך אָן איבערברעכן, מיר הויבן אָן זען די זאַכן אַנדערש ווי מיר האָבן זיי פריִער געזען, מיר הויבן אָן איבערשאַצן ווערטן און מיר הייבן אָן דורכפירן רעוויזיעס, הייבט זיך דער דאָזיקער פּראָצעס אָן — ווי שוין אויבן געזאָגט נישט אין אונדזער געדאַנק, נאָר אין אונדזער געפיל. נישט מיר הויבן אָן דענקען אַנדערש וועגן זאַכן מחמת לאָגישע אַרגומענטן האָבן אונדז דערצו באַוועגט, נאָר מיר הויבן אָן דענקען אַנדערש וועגן זאַכן, ווייל אונדזער געפיל האָט זיך לגבי זיי געענדערט; מיר הויבן זיי אָן פילן אַנדערש ווי מיר האָבן זיי פריִער געפילט. און ווייל מיר הייבן זיי אָן פילן אַנדערש, הויבן מיר אָן דענקען אַנדערש און אַרגומענטירן אַנדערש. די זעלבע אַרגומענטן וואָס ביים פריִערדיקן אַרט פילן האָבן זיי פאַר אונדז קיין שום זינען נישט געהאַט, הויבן איצט אָן באַקומען זינען.

VI

דאָס וואָס איז אידענטיש מיט אונדז, דאָס נעמען מיר גלייך אויף און מיר ווערן דערויף באַלד און מאָמענטאַל אויפמערקזאַם. פאַרקערט, זאַכן וואָס זיינען פרעמד אונדזער גייסט, זיי באַמערקן מיר נישט, זיי פאַרשטייען מיר נישט און זיי געדענקען מיר נישט. דערמיט דערקלערט זיך די פאַרשידנאַרטיקייט פון מענטשלעכן אויפנעמען זאַכן און דערשיינונגען. יעדער זעט, פאַרשטייט און געדענקט אין לעבן עפּעס אַנדערש. איין און די זעלבע דערשיינונג ווערט פון פאַר־

שידענע מענטשן פאַרשידן אויפגענומען. אַלע קוקן אין איין פונקט און יעדער זעט עפּעס אַנדערש; אַלע קוקן אויף איין אָביעקט און פאַר יעדן האָט ער אַן אַנדער באַדייטונג. פון איין און דערזעלבער איבערלעבונג וועט ביי פאַרשידענע מענטשן בלייבן אַ פאַרשידענער איינדרוק און אַ פאַרשידענע דערינערונג. יעדער וועט פון דער איבערלעבונג נעמען דאָס וואָס איז אים פערזענלעך נאָענט און וועט פאַרזען און נישט באַמערקן דאָס וואָס איז אים ווייט און פרעמד. דאָס באַמערקטע, דאָס אויף וועלכעס מ׳ווערט אויפמערקזאַם, דאָס קריצט זיך איין אין זכרון און דאָס דינט אַלס יסוד פאַר דער אויסאַרבעטונג פון אייגענער לעבנס־דערפאַרונג. לעבנס־דערפאַרונג באַשטייט פון דעם סכום איינדרוקן וואָס באַקומען זיך פון פאַרשידענע איבערלעבונגען. נישט ביי אַלע מענטשן וואָס האָבן געהאַט ענלעכע איבערלעבונגען בלייבט די זעלבע לעבנס־דערפאַרונג. יעדער נעמט פון לעבן אַ דערפאַרונג וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר אים; יעדער מאַכט זיך פון לעבן אַזאַ לעבנס־פילאָסאָפיע וואָס איז אים אַנטשפּרעכנד. אַז אין דער אמתן זיינען גאָר נישטאָ קיין צוויי מענטשן וואָס זאָלן לעבן דאָס זעלבע לעבן. אַפילו דעמאָלט ווען די אויסערלעכע לעבנס־פאָרעם זעט־אויס צו זיין ענלעך, איז עס נאָך אַלץ פאַרשידן. דער מענטש איז עס וואָס גיט פון זיך אַרויס אינהאַלט און זינען זיין לעבן. נישט די אויסערלעכע לעבנס־פאָרעם איז מאָסגעבנדיק צו משפּטן דעם סאָרט לעבן וואָס אַ מענטש פירט, נאָר דער אינערלעכער לעבנס־אינהאַלט.

VII

צומערשטן געפעלן אונדז יאָ אָדער נישט זאַכן. און נאָכדעם „געפינען מיר אויס“ די מאָטיוון פאַרוואָס זיי געפעלן אונדז יאָ אָדער נישט. נישט צומערשטן טראַכטן מיר וואָס עס זאָל אונדז געפעלן און נאָכדעם געפעלט אונדז, נאָר צום מערשטן געפעלט אונדז און נאָך דעם טראַכטן מיר. שטענדיק קומט פריִער דער געפיל און נאָך דעם דער געדאַנק און נישט פאַרקערט.

מענטשן און זאַכן דערוועקן אין אונדז סימפּאַטיע אָדער אַנטיפּאַטיע — ווייל די דערוועקן, און ווען מיר פילן שוין די סימפּאַטיע אָדער די אַנטיפּאַטיע, נעמט אונדזער געדאַנק אַרבעטן אין דער ריכטונג פון אונדזער געפיל. אונדזער ליבע אָדער האַס ווערט נישט געבוירן אַלס רעזולטאַט פון לאָגישן נאָכדענקען, נאָר אַלס רעזולטאַט פון פּסיכאָלאָגישע סיבות. מיר ליבן און מיר האַסן, ווייל מיר ליבן און מיר האַסן. ערשט נאָך דעם ווי מיר ליבן און מיר האַסן, נעמט די לאָגיק דערווייזן מיט ראיות, אַז דאָס וואָס מיר ליבן איז ווערט געליבט צו ווערן, און דאָס וואָס מיר האַסן איז ווערט געהאַסט צו ווערן.

VIII

אַלץ באַװאָרטיקט דער מענטש פון זיך אַרויס. דער געבוירענער אָפּטימיסט, איז שטענדיק אויפגעלייגט און צופרידן, ער זעט אַרום זיך בלויז האַרמאָניע און פרידן, בלויז אָנגענעמלעכקייט און הנאה. דאָס לעבן זעט אים אויס װי אַ יום־טוב, אין װעלכן מ'װייס נישט פון דאגות און זאָרגן. די נעגאַטיװע זייטן פון לעבן, די ליידן און פּיין, מיט װעלכע דאָס לעבן איז פול, דאָס זעט ער נישט; זיין פריילעך געמיט שטויסט עס אָפּ פון זיך; זיין פריילעך געמיט ציט צו צו זיך בלויז די אָנגענעמע, די פּאָזיטיװע זייטן פון לעבן און די װעלט זעט אים אויס װי די בעסטע פון אַלע מעגלעכע װעלטן. אַזאַ איינער מעג לעבן אין די ערגסטע אומשטענדן, װעט ער פון דעסט װעגן נישט פאַרלירן די גוטע שטי־מונג און די אויפגעלייגטקייט. אָרעמקייט און מאַטעריעלע נויט קענען מענטשן פון דעם שניט נישט אַראָפּפירן פון גוטן מוט און די ערגסטע סיטואַציע נעמען זיי אויף מיט אַ שפּאַס און אַ װיץ און זיינען שטענדיק פריילעך, מונטער און אויפגעלייגט.

דער קעגנזאַץ פון די דאָזיקע געבוירענע אָפּטימיסטן זיינען די געבוירענע פּעסעמיסטן. די לעצטע, מעגן זיי לעבן אין רייכקייט און אין װױלזיין, זיינען זיי דאָך שטענדיק אומצופרידן און זיי זעען נאָר די נעגאַטיװע און די טונקעלע זייטן פון לעבן. קיין פרייד און פאַרגעניגן שטייט נישט צו צו זיי און זיי פילן זיך אומגליקלעך אין זייערע גאָלדענע פּאַלאַצן. װאָס זיי זאָלן נישט טאָן זיך צו פאַרװיילן און זיך פריילעך צו מאַכן, בלייבן זיי דאָך טרויעריק, װייל דער טרויער איז אין זיי; זייער טרויעריקער גייסט נעמט נישט אויף קיין פרייד און לאָזט נישט צו צו זיך קיין צופרידנקייט. זייער מעלאַנכאָלישער כאַראַקטער שטויסט פון זיך אָפּ יעטװעדן אָפּטימיזם און זייער אינערלעכער טרויער דעקט צו אַלע העלע און פריידיקע מאָמענטן אין לעבן. זיי זעען אַלץ אין שיין פון זייער אינערלעכן פּעסימיזם און דאָס לעבן װייזט זיי אויס דורכאויס טרויעריק און ליידנפול.

אַזױ איז עס אויך מיט מענטשן װאָס ליבן און מענטשן װאָס האַסן. דער גוטער מענטש זעט אַרום זיך נאָר גוטסקייט און ליבע. קיין שנאה און שלעכטס איז ער נישט פעיִק אויפצונעמען. דאָס שלעכטס פון לעבן שטייט נישט צו צו אים, ער שענקט עס נישט קיין אויפמערקזאַמקייט; עס דרינגט נישט אַריין אין אים. װען ער טראַכט װעגן לעבן און װעגן מענטשן, קומט עס אים נישט אויפן געדאַנק, מחמת די איבערגעלעבטע פאַלן פון שלעכטס, האָבן זיך אים נישט איינגעקריצט אין זכרון און זיינען נישט אַריינגעדרונגען אין זיין גייסט. פאַרקערט, נעמט ער יאָ אין אַכט דאָס גוטע; דאָס גוטע װאָס ער האָט געזען און זעט אין לעבן, דאָס געדענקט ער, דאָס האָט געמאַכט אויף אים אַן

איינדרוק, דאָס האָט אים צוגעטראָפן, דאָס האָט זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון און אַריינגעדרונגען אין זיין גייסט. אַזוי אַרום שאַפט זיך ביים גוטן אַ דורכויס אַלטרויִסטיש בילד און עס אַרבעט זיך אויס זיין עטישער בליק אויפן לעבן און אויפן מענטשן...

דאָס פאַרקערטע דערפון איז מיטן שלעכטן מענטשן. זיין אויג איז אָפן נאָר פאַרן שלעכטס פון לעבן און פון די מענטשן. דאָס גוטע פאַרקוקט ער און מינדער־שאַצט עס, ער מאַכט עס אַוועק מיטן האַנט און געדענקט עס נישט; ער געדענקט נאָר דאָס נעגאַטיווע וואָס ער זעט און פאַרגעסט דאָס פּאָזיטיווע. דאָס נעגאַטיווע טרעפט אים צו, איז אידענטיש מיט אים אַליין, דערפאַר בלייבט עס אין אים, פאַרוואָרצלט זיך דאָרט, בליט זיך פונאַנדער און העלפט אויסשמידן זיינע אידייען און זיין וועלט־בליק.

אַזוי איז עס מיט דעם מענטשן דעם שיינגייסט און מיט דעם מענטשן, וואָס האָט נישט קיין שיינקייט אין זיך. נישט די זאַכן אַנפאַרזיך זיינען שיין, נאָר מיר מאַכן זיי שיין; מיר זעען די שיינקייט פון דער וועלט, לויט דער מאָס שיינקייט, וואָס מיר האָבן אין זיך. יעדער פילט אָן די וועלט און דאָס לעבן מיט זיין אייגענעם אינהאַלט; יעדער זעט אין דער וועלט נאָר דאָס וואָס ער איז געמאַכט צו זען.

IX

יעדער מענטש האָט זיך זיין ליבע, וועלכע נויגט די וואָגשאָל פון זיין גייסט אין איר זייט. די דאָזיקע ליבע, ווי גרויס אָדער קליין זי זאָל נישט זיין, ווי וויכטיק אָדער מינדערוויכטיק, גיט אייגנאַרטיקן קאָלאָריט יעדן איינעמס וועלט. קיין אַלזייטיקע גייסטער, וועלכע אַלע וועלט־ און לעבנס־דערשיינונגען זאָלן גלייך זיין נוגע, זיינען נישטאָ. אַלזייטיקייט איז קיין־זייטיקייט. דעם וואָס עס אינטערעסירט אַלץ, דעם אינטערעסירט, מיט אַן אמת, גאָר נישט. אינדיווידואַליטעט פונקט ווי געניאַליטעט, איז אָפּגעגרענעצט. זי גייט נישט אין דער ברייט, נאָר אין דער טיף. אויף וויפל איינער געווינט אין עקסטענסיווקייט, אויף אַזוי פיל פאַרלירט ער אין אינטענסיווקייט. זיין אי ברייט, אי טיף, אַזעלכעס פּאַסירט זעלטן, אָדער קיין מאָל נישט.

שווער צו געפינען אַ מענטשן, וואָס זאָל נישט קענען אָנווייזן אויף אַ וועלכן עס איז פאַרצוג צו וואָס עס איז, אויף אַ וועלכער עס איז פאַרליבע צו עפּעס. נישטאָ, קען מען זאָגן, קיין צוויי מענטשן, וועמענס וועלט זאָל זיך זיין פולקאָם אידענטיש; נישטאָ קיין צוויי מענטשן פאַר וועלכע לעבן זאָל זיין איין און די זעלבע זאַך. פאַר יעדן מענטשן האָט לעבן אַ באַזונדערע טייטש; יעדער לייגט אַריין אַן אַנדער זינען אין וואָרט לעבן. ווי ענלעך מענטשן זאָלן נישט זיין, איז דאָך שטענדיק פאַראַן אַ געוויסער פאַרשידענער ניואַנס אין יעדנס נשמה, און

דער דאָזיקער פּערזענלעכער ניואַנס אין יעדנס נשמה, איז אַ פּערזענלעכער ניואַנס אין יעדנס וועלט־ און לעבנס־באַנעם. פּונקט ווי עס זיינען נישטאָ קיין צוויי מענטשן מיט קיין צוויי אַבסאָלוט־גלייכע פיזיאָגנאָמיעס, אַזוי זיינען אויך נישטאָ קיין צוויי מענטשן מיט קיין צוויי אַבסאָלוט־גלייכע פּסיכאָלאָגיעס. יעדן איינעמס פּסיכאָלאָגיע איז אַ ביסל אַנדערש ווי דעם צווייטנס, און אַט די אַנדערשקייט אין יעדנס פּסיכאָלאָגיע, איז אַן אַנדערשקייט אין זיין בליק אויפן לעבן און באַנעמען די זאַכן. אָפּגערעדט שוין, אַז די יעניקע מענטשן וועמענס אינדיווידואַל־נשמות שיידן זיך שטאַרק אונטער איינע פון דער אַנדערער, אַז זייערע וועלטן שיידן זיך אַזוי שטאַרק אונטער.

וואָס מער צוויי מענטשן זיינען זיך ענלעך אין געפיל, אַלץ בעסער פאַרשטייען זיי זיך איינס דאָס אַנדערע און אַלץ קליגער ווייזן זיי זיך אויס איינס דאָס אַנדערע. פאַרקערט, וואָס פאַרשידענער צוויי מענטשן זיינען זיך אין געפיל, אַלץ ווייניקער פאַרשטייען זיי זיך איינס דאָס אַנדערע און אַלץ נאַרישער ווייזן זיי זיך אויס איינס דאָס אַנדערע. כדי יענעם צו פאַרשטיין, מוז מען פילן ווי ער.

X

פּערפעקטע מיטלמעסיקייט טרעפט זיך זעלטן. ס'רוב מענטשן נייגן־אָפּ פון דער אידעאַלער מיטלמעסיקייט. די אידעאַלע מיטלמעסיקייט פאַרניכטעט זיך אַליין, זי אַנולירט זיך אַליין. יעדע נויגונג ווערט נייטראַליזירט דורך אַ קעגןנייגונג וואָס איז גלייך צו איר אין קראַפט און וואָג. די אידעאַלע מיטלמעסיקייט קען זיך, דורך אייגענער איניציאַטיוו און אייגענעם ווילן, אין ערגעץ נישט באַוועגן, מחמת זי ווערט פון אַלע זייטן צצוגעצויגן דורך גלייכע כוחות. זי מוז האָבן אַ וועלכע עס איז אויסערלעכן כוח וועלכער זאָל איר אַרויספירן פון איר גלייכגעוויכט און איר שטויסן אין אַ באַשטימטער ריכטונג. אָבער, די מערהייט מענטשן ליידן נישט דערפון. די מערהייט מענטשן זיינען אַ ביסל עקסצענטריש.

XI

פאַר דעם וואָס מ'האָט געפיל, דערפון קען מען נישט אָפּווענדן און דערווייזן, אַז עס איז נאַריש, פונקט אַזוי קען מען נישט צווּוענדן צו עפּעס פאַר וועלכעס מ'האָט קיין געפיל נישט און מען קען נישט איבערצייגן, אַז דאָס איז קלוג. דאָס וואָרט „קלוג" איז דער עקוויוואַלענט פון האָבן געפיל פאַר עפּעס און דאָס וואָרט „נאַריש", איז דער עקוויוואַלענט פון נישט האָבן קיין געפיל פאַר עפּעס. ווען מיר זאָגן, אַז „דאָס איז אַ קלוגע אידעע", מיינען מיר אַז מיר האָבן געפיל פאַר איר, און ווען מיר זאָגן אַז „דאָס איז אַ נאַרישע אידעע", מיינען

מיר אַז מיר האָבן נישט קיין געפיל פאַר איר, אָדער אַז מיר האָבן פאַר איר אַ נעגאַטיוו געפיל.

וואָס שטאַרקער און טיפער איינער פילט דאָס לעבן וואָס ער פירט, וואָס מער עס אַנטשפּרעכנט זיין אינערלעכקייט און זיין סאָרט זיין, אַלץ מער איז ער איבערצייגט אין דער קלוגקייט און וויכטיקייט דערפון און אַלץ שווערער איז אים צו באַגרייפן יעדן סאָרט אַרגומענט, וואָס וויל אים דערפון אָפּווענדן. אַן אַרגומענט וואָס טרעפט אַן אויף דעם פולן קעגנזאַץ אין גייסט פון דעם צו וועלכן ער איז געווענדט, איז זיין (דעם אַרגומענטס) קראַפט גלייך צו נול. אַזאַ אַרגומענט האָט נישט די מינדסטע לאָגישע וואָג און ס'איז אַלציינס ווי מ'וואָלט גערעדט אין אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך. וואָס מער געפיל-באַדן עס איז פאַראַן אין גייסט פון אַ צוהערער פאַר אַ באַשטימטן אַרגומענט, אַלץ מער לאָגישע קראַפט געווינט דער אַרגומענט.

די מענטשלעכע חכמה ווי די מענטשלעכע נאַרישקייט ווױנען נישט אין מענטשנס „קאָפּ", נאָר אין מענטשנס „האַרץ". דאָס „האַרץ" איז דער מקור פון גאָר אונדזער געדאַנק-לעבן. דאָס וואָס איז נישטאָ אין האַרץ, דאָס איז אויך נישטאָ אין קאָפּ, און דאָס וואָס איז יאָ דאָ אין האַרץ, דאָס מוז אויך זיין אין קאָפּ.

דער העכערער מענטש שטייט העכער פאַרן פּראָסטן מענטשן נישט מיט מער שכל, נאָר מיט העכערן פילן. דער העכערער געפיל איז עס וואָס מאַכט דעם חכם און דער פּראָסטער געפיל איז עס וואָס מאַכט דעם פּראָסטן מענטשן. געוויינלעך זאָגט מען „חכמה", וואָס דאַרף מיינען אַ זאַך פון שכל, אָבער אין דער אמתן איז עס גאָר אַ זאַך פון האַרץ. דעם חכם ווייזן-אויס קלוג די זאַכן פון גייסט, ווייל ער פילט זיי. זיי פאַרשאַפן אים פאַרגעניגן און פרייד און גליקזעליקייט, זיי דערהויבן אים און לייטערן אים. דער געפיל מאַכט דאָ דעם שכל. נישט דער שכל הויבט דאָ אויף די זאַכן פון גייסט צו אַזאַ הויך, נאָר דער געפיל הויבט זי אויף; דער שכל קומט נאָכן געפיל. נישט צומערשטן דענקט מען די חכמה און נאָך דעם פילט מען זי, נאָר פאַרקערט, צומערשטן פילט מען די חכמה און נאָך דעם דענקט מען זי. ווען מ'וואָלט זי פריִער נישט געפילט, וואָלט מען זי נישט געקענט אָנהויבן דענקען. דער פּראָסטער מענטש, וואָס פילט נישט לגבי די גייסט-זאַכן דאָס וואָס עס פילט דער העכערער מענטש, פאַר אים האָבן זיי נישט אַזאַ באַדייטונג. אַ ביסעלע געפיל האָט ער יאָ, דער פּראָסטער מענטש, פאַר די העכערע זאַכן פון גייסט, וואָרום ווען נישט, ווען ער וואָלט גאָר קיין געפיל נישט געהאַט פאַר זיי, וואָלטן זיי אים אויסגעוויזן אין גאַנצן פרעמד און אומפאַרשטענדלעך. דאָס איז ניט אַזוי. אין גאַנצן פרעמד און אומפאַרשטענדלעך ווייזן זיי זיך אים נישט אויס. עפּעס איז ער יאָ תופס, אַז עס האַנדלט זיך וועגן וויכטיקע זאַכן, אָבער זיך זיי אין גאַנצן איבערגעבן — דאָס נישט. אויף אַזוי שטאַרק פילן די גייסט-זאַכן אויף צו מוזן לעבן דורכויס מיט זיי און נישט מיט עפּעס אַנדערש, דאָס פילט נאָר דער העכערער מענטש.

XII

דער גאַנצער לעבנס־וועג אונדזערער איז פאַרזייט מיט נאַריש־געוואָרענע זאַכן: יוגנט־חלומות, יוגנט־שטרעבונגען, יוגנט־האָפענונגען. — פאַר וואָס ? ווײַל מיר פילן איצט די זאַכן אַנדערש, דענקען מיר וועגן זיי אַנדערש.

וואָס פאַרשידענער עס איז אונדזער הײַנטיקער אופן פילן פון דעם אַמאָליקן, אַלץ פאַרשידענער איז דער הײַנטיקער אופן דענקען אונדזערער פון דעם אַמאָליקן. אָט, למשל, גייען מיר אין די עלטערע יאָרן פאַרבײַ אַן אָרט אין וועלכן מיר האָבן אין אונדזער יוגנט אַ סך איבערגעלעבט. דעמאָלט האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אַז מיר וועלן די איבערלעבונג קיין מאָל נישט פאַרגעסן. איצט גייען מיר פאַרביי און מיר שמייכלען איבער אונדזער אַמאָליקער נאַיִווקייט, אָדער מיר גייען פאַרבײַ און מיר זײַנען קאַלט און פרעמד צו אונדזער אַמאָליקער איבערלעבונג, וועלכע מיר פאַרשטייען מער נישט. אָט באַגעגענען מיר אַ מענטשן, וואָס האָט אונדז אַמאָל אויסגעזען קלוג און אינטערעסאַנט. איצט זעען מיר מער נישט אײַן נישט זײַן קלוגשאַפט און נישט זײַן אינטערעסאַנטקייט. אָט איז אַ דאַטע, וועלכע דערמאָנט אונדז אין אַן איבערלעבונג פון אַן אַנדער צײַט, אַ איבערלעבונג וועלכע מיר האָבן געהאַלטן פאַר וויכטיק ביז גאָר און וועלכע האָט אונדז אַמאָל שטאַרק גערירט. איצט דערמאָנען מיר זיך אין איר און זי קומט אונדז פאָר פרעמד און נאַריש. פאַר וואָס? דאָס איז די אויסלעשונג פון געפיל. מיר פילן מער נישט יענע זאַכן.

ווען מיר פאַרלירן דאָס געפיל פאַר אַ זאַך, הייבט זי אונדז אָן אויסווייזן נאַריש. די זעלבע זאַך וואָס האָט אונדז אַמאָל אויסגעוויזן קלוג און וויכטיק, ווייזט אונדז איצט אויס נאַריש און מינדערוויכטיק. מיר דערמאָנען זיך אין געדאַנקען, וואָס מיר האָבן געהאַט; מיר דערמאָנען זיך אין ליבעס, פרײַנדשאַפטן, ברוגזן, קריגערייען, איבערבעטענישן אאַ״וו א״וו, און מיר שמייכלען איבער זיך אַליין; מיר פאַרשטייען זיך מער נישט, מיר קומען זיך פאָר ווי פרעמדע, ווי אַנדערע. נישט זעלטן וווּנדערן מיר זיך איבער זיך אַליין: ווי האָבן מיר געקענט זײַן אַזוי נאַריש און אַזוי דענקען. — פאַר וואָס איז דאָס? ווייל אַמאָל האָבן מיר די זאַכן געפילט אַזוי און הײַנט פילן מיר זיי אין גאַנצן אַנדערש.

XIII

אין אַ צושטאַנד פון אַפּאַטיע און אויסגעלאָשנקייט, פאַרלירן מיר די פעיִקייט פון דענקען און אורטיילן. עס הערן פאַר אונדז אויף צו עקסיסטירן קלוגע און וויכטיקע זאַכן. די וועלט־וויכטיקסטע ענינים ווערן פאַר אונדז קלייניקייטן. הויכע פילאָסאָפישע פּראָבלעמען, וואָס אַן אַנדערש מאָל האָבן זיי אונדז אויסגעוויזן ווי

דאָס קליגסטע אויף דער וועלט, לאָזן אונדז איצט גלייכגילטיק. וואָס מיר זאָלן נישט טאָן צוריק צו באַקומען אונדזער פריִערדיקע מאָס פאַר זאַכן, געלינגט עס אונדז נישט. מיר לייענען ווערק פון גרעסטער באַדייטונג — ווערק, וואָס פלעגן אונדז פריִער באַגייסטערן און דערהויבן און אָנפילן מיט העכסטן גייסטיקן געָנוס; ווערק וואָס יעדעס וואָרט זייערס האָבן מיר געהאַלטן פאַר דער העכסטער חכמה און העכסטן געדאַנק, און זיי זעען אונדז איצט אויס קליין און אָן באַדייטונג. מיר לייענען די שענסטע דיכטונגען און פראָזע־ווערק; מיר קוקן אָן די שענסטע מאָלערייען און סקולפּטורן; מיר הערן די שענסטע מוזיק־שטיקער. פריִער פלעגן מיר ווערן גערירט ביז די טיפענישן פון אונדזער נשמה אין אָנבליק פון אַזוי פיל שיינקייט, און מיר האָבן דאָס אַלץ באַגריפן ווי דאָס העכסטע און וויכטיקסטע אין לעבן, און איצט שטייען מיר קאַלט, פאַרשטאַרט, נישט גערירט, גלייכגילטיק, אויסגעלאָשן. מיר פילן קיין שום איינדרוק נישט. מיר פילן מער נישט קיין שיינקייט און עס ווייזט זיך אונדז מער נישט אויס קלוג. מיר פּרוּוון זיך וווּנדערן אײַבער זיך אַליין: וואָס איז מיט אונדז געוואָרן? זיינען אַטראָפירט געוואָרן די אָרגאַנען פון אונדזער גייסטיק לעבן? זיינען מיר געשלאָגן געוואָרן מיט אַ גייסטיקער בלינדקייט? יאָ, עס איז אַטראָפירט געוואָרן אונדזער גייסטיקער אָרגאַן, מיר זיינען געשלאָגן געוואָרן מיט גייסטיקער בלינדקייט. דער געפיל דאָס איז אונדזער צענטראַלער גייסטיקער חוש. ווען דער געפיל ווערט אַטראָפירט, פאַרלירט אונדזער גאַנץ גייסטיק לעבן דעם טעם און דעם זינען. קיין זאַך איז מער נישט שכלדיק, קיין זאַך איז מער נישט קלוג, קיין זאַך איז מער נישט וויכטיק, נישט אינטערעסאַנט, נישט חשוב. אַלץ ווערט ניוועלירט צו איין גרויסער גלייכגילטיקייט און דאָס גאַנצע לעבן ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויער שטיק מאַסע.

XIV

ווען איינער איז באַהערשט פון שטאַרקע געפילן צו עפּעס, איז אוממעגלעך אים צו געבן צו פאַרשטיין און אים אויפצווייזן די נאַרישקייט פון די געדאַנקען און טאַטן וואָס קומען ווי אַ פּועל־יוצא פון די דאָזיקע געפילן. אַזוי איז דעם פאַרליבטן נישט מעגלעך אויפצווייזן די נאַרישקייטן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיין ליבע; דעם אייפערזיכטיקן איז נישט מעגלעך אויפצווייזן די נאַרישקייטן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיין אייפערזוכט; דעם אויפגערעגטן איז נישט מעגלעך אויפצווייזן די נאַרישקייטן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיין כעס און דעם באַליידיקטן איז נישט מעגלעך אויפצווייזן די נאַרישקייטן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיין באַליידיקונג. דאָרט ווו געפיל שטויסט און שטראָמט, דאָרט איז געדאַנק אוממעכטיק זיך קעגנצושטעלן, נאָר ווערט מיטגעשלעפּט און מיטגעריסן און איז מסכים אויף אַלץ וואָס געפיל הייסט. געפיל פאַרבלענדט געדאַנק; געפיל באַצווינגט געדאַנק.

געפיל מאַכט פון קלוג נאַריש און פון נאַריש קלוג. געפיל איז דער אַלמעכטיקער אַליינהערשער אין מענטשנס גייסט און געדאַנק, איז זיין אונטערטעניקער דינער.

און אַז די געפילן גייען אונדז איבער און מיר באַרויקן זיך, הייבן אונדז אָן אויסוויזן נאַריש און זינלאָז אַלע מעשים און געדאַנקען, וואָס מיר האָבן געטאָן און געדענקט אונטערן איינדרוק פון די שטאַרקע געפילן און אין צושטאַנד פון דער עמאָציאָנעלער פאַרשיכורטקייט. מיר ווונדערן זיך אויף זיך אַליין, ווי אַזוי מיר זיינען געווען אַזוי נאַריש און פאַרבלענדט און נישט געזען און נישט פאַרשטאַנען דאָס וואָס מיר זעען איצט אַזוי קלאָר און בולט. דאָס וואָס עס ווייזט זיך אונדז איצט אויס די לעצטע נאַרישקייט, האָט זיך אונדז פריער אויסגעוויזן קלוג ביז גאָר; דאָס מיט וואָס מיר שעמען זיך איצט ביי דער בלויזער דערינערונג, האָבן מיר פריער געטאָן שטאָלץ און האָפערדיק, זייענדיק איבערגעצייגט אַז מיר האַנדלען קלוג און ריכטיק. אויף די מענטשן וואָס האָבן אונדז דעמאָלט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער פאַרבלענדקייט אונדזערער און האָבן אונדז אָנגעוויזן, אַז מיר דענקען און פירן זיך אויף נאַריש, האָבן מיר אויף זיי געקוקט ווי אויף נאַראָנים און פאַרבלענדטע, און ווען זיי האָבן אונדז געוואָרנט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען מיר וועלן זיך אויסניכטערן און זיך אַרומזען אונדזער נאַרישקייט, זיינען מיר געווען טיף איבערגעצייגט, אַז דאָס איז נישט ריכטיק, אַז אַזאַ צייט וועט קיין מאָל נישט קומען.

XV

נאָר דורך איבערלעבן הייבט מען אָן פאַרשטיין די זאַכן. אָן איבערלעבונגען בלייבט מען אַ קינד און מען לאָזט זיך פירן פון אילוזיעס. שווערע איבערלעבונגען לערנען אויס שכל. טעאָרעטיש, פון קיין ביכער, קען מען זיך קיין שכל נישט אויסלערנען. מען מעג איבערלייענען אַ גאַנצע ביבליאָטעק מיט ביכער, וועלכע צילן צו „מאַכן קליגער" און אויסלערנען לעבנס־פּראַקטיק, וועט מען דאָך פון זיי קיין האָר קליגער נישט ווערן און קיין האָר לעבנס־פּראַקטיק נישט באַקומען. לעבנס־פּראַקטיק מוז מען באַקומען אוממיטלבאַר דורך אויספּרווון די זאַכן. ערשט ווען מען פּרוווט אַליין, פילט מען די זאַכן, און אַז מען פילט זיי, פאַרשטייט מען זיי. שווערע איבערלעבונגען און קלעפּ וואָס מען באַקומט, „עפענען די אויגן" און ניכטערן אויס, ד"ה זיי באַווירקן דעם געפיל, און נאָר אַזוי, נאָר דורכן פילן, הייבט מען די זאַכן אָן צו פאַרשטיין. דורך יענעמס קלעפּ, דורך יענעמס ליידן, קענען מיר קיין איבערלעבונגען נישט באַקומען. אויף אָן אומגליקלעכן, אָפּגעצאַרטן, פאַרראַטעוועטעם העלד אָדער העלדין פון אַ בוך — האָבן מיר רחמנות, אָבער מיר באַקומען נישט זייער לעבנס־פּראַקטיק, דאָס הייסט: אונדזער געפיל באַקומט נישט די ניכטערקייט און פאַרהאַרטונג וואָס יענע באַקומען. כדי צו באַ־

קומען לעבנס־פּראַקטיק, מוז מען אַליין זיין דער העלד, אַליין ליידן, אַליין בלו־טיקן, אַליין ווייטיקן. ערשט דעמאָלט הייבט מען אָן פאַרשטיין דאָס לעבן.

ווען קלוגע דערפאַרענע עלטערן, וואָרענען זייערע קינדער קעגן אומפאַרזיכ־טיקע שריט און גיבן זיי צו פאַרשטיין מיט קלאָרע און שלאַגנדיקע באַווייזן, אַז זיי האָבן לייכטזיניק און איבערגעאיילט, פאַרשטייען מיט אַן אמת נישט די קינ־דער וואָס די עלטערן ריידן צו זיי. זיי פאַרשטייען נישט דערפאַר, וואָס זייער גע־פיל־וועלט איז אין גאַנצן אַן אַנדערע ווי די עלטערנס. זיי, די קינדער, זיינען באַרוישט פון ליבע און צוטרוי און גלויבן, און די עלטערן זיינען קאַלטע, רויִקע מענטשן, וואָס האָבן שוין די שטורמישע יוגנט־צייט דורכגעמאַכט און זיי ווייסן שוין מיט וואָס די יוגנטלעכע ראָמאַנטיק ענדיקט זיך. כדי די קינדער זאָלן פאַר־שטיין זייערע עלטערן, וועלן זיי מוזן אַליין דורכמאַכן דאָס אַלץ וואָס די עלטערן האָבן דורכגעמאַכט און פילן דאָס לעבן און די זאַכן אַזוי ווי די עלטערן פילן זיי...

מיט קיין יוגנטלעכע געפילן קען מען נישט פאַרשטיין דעם שכל פון דער עלטער, און מיט קיין געפילן פון דער עלטער, קען מען נישט פאַרשטיין דעם שכל פון דער יוגנט...

ווען מיר זיינען יונג, זיינען מיר ווייך און פילבאַר און די מינדסטע ווייטיק־לעכע פאַסירונג וואָס מיר זעען ערגעץ פאַרקומען, מאַכט אַ טיפן און דערשיטערנ־דיקן איינדרוק אויף אונדז. מיר פילן־מיט יענעמס מינדסטן צער און ווערן גערירט פון יענעמס קלענסטע ליידן. וואָס עלטער מיר ווערן און וואָס מער מיר ליידן און לעבן איבער, אַלץ מער פאַרהאַרטעוועט ווערן מיר, אַלץ ווייניקער עמפינדלעך; אַלץ קלענער ווערט אונדזער פעיִקייט מיטצופילן און אַלץ ווייניקער איינדרוק מאַכן אויף אונדז פרעמדע ליידן.

XVI

דעם וואָס עס גייט גוט אין לעבן און דער „גורל שמייכלט צו אים", דער קען נישט משפּטן אַ מענטש וואָס ליידט דורכפאַלן און „דער גורל איז אים דערווידער". דער שכל און דער בליק אויפן לעבן פון אַ דערפאָלגרייכן מענטשן, איז אין גרונט פאַרשיידן פונעם שכל און בליק אויפן לעבן פון אַ מענטש וואָס עס גייט אים נישט גוט און ער האָט נישט קיין דערפאָלג.

אַבסטראַקט פאַרשטיין יענעמס ליידן, דאָס הייסט, איבערלעבן יענעמס ליידן אין דער פאַרשטעלונג, און אַליין זיי דורכמאַכן, דאָס זיינען גאָר צוויי באַזונדערע זאַכן. באמת פאַרשטיין אַ צווייטן מענטשנס ליידן און באמת פאַרשטיין אַ שווערע סיטואַציע אין לעבן, פאַרשטייט מען נאָר דאַן, ווען מען לעבט זיי אַליין דורך, דאָס הייסט, ווען מ'פילט עס דורך אויף דער אייגענער הויט. נישט האָבנדיק אַליין אי־בערגעלעבט קיין ליידן, קען מען זיי, מיט דער בלויזער פאַרשטעלונג, נישט פאַר־

שטיין. מען קען פון זיי האָבן בלויז אַן אָנונג, אָבער בשום אופן קען מען זיי נישט פילן אַזוי בולט און קלאָר ווי מ'וואָלט זיי געפילט ווען מ'לעבט זיי איבער אין דער ווירקלעכקייט. דערפאַר איז ביז גאָר ריכטיק דער תלמודישער שפּריכוואָרט: „זאָלסט נישט משפּטן דיין חבר ביז וואַנען דו וועסט נישט זיין אויף זיין אָרט". מיטן בלויזן פאָרשטעלן זיך און טעאָרעטישן פאַרשטיין יענעמס אַ טאַט, איז מען גאַנץ ווייט פון צו וויסן דעם אמתן זינען זיינעם.

אַפילו ווען מיר דערינערן זיך אין איבערגעלעבטע שווערע געפילן, קענען מיר זיי אויך נישט פילן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, ווי מיר האָבן זיי געפילט ווען מיר האָבן זיי איבערגעלעבט. דער זכרון איז נישט פעיִק צו רעפּראָדוצירן קיין געפילן אין זייער פולער קראַפט און אונדז געבן אַ געטרייע קאָפּיע פון זיי; אין זכרון קומען די געפילן אַרויס פאַרבלאַסט און אָפּגעשוואַכט. בלויז דעמאָלט ווען מיר לעבן־איבער, בלויז דעמאָלט פילן מיר די זאַכן מיט זייער גאַנצער שאַרפ־קייט. און בלויז דעמאָלט פאַרשטייען מיר זיי. און וואָס שטאַרקער דער געפיל, אַלץ שטאַרקער דער פאַרשטאַנד וועגן זיי.

באמת פאַרשטיין אַ טראַגישע איבערלעבונג — אין דער גאַנצער ברייט און טיף — פאַרשטייען נאָר די וואָס לעבן איר איבער און אין מאָמענט ווען זיי לעבן איר איבער. זייטיקע מענטשן פאַרשטייען איר נישט, זיי האָבן נאָר אַ באַ־גריף וועגן איר. דאָס זעלבע אויך מיט דער צייט. וואָס לענגער עס דויערט נאָך אַ שווערער איבערלעבונג און וואָס מער עס פאַרגייען און פאַרבלאַסן די שפּורן פון געפיל, אַלץ ווייניקער הייבט מען זי אָן פאַרשטיין. און אַז עס גייט אַוועק גאָר אַ סך צייט און דער געפיל ווערט לגבי דער דאָזיקער איבערלעבונג אין גאַנצן אָפּגעטעמפּט, און מען איז שוין צו איר אינגאַנצן גלייכגילטיק, פאַרשטייט מען זי שוין גאָר נישט. דערפאַר זאָגט מען אַז „די צייט איז דער בעסטער דאָקטער". דאָס איז דערפאַר וואָס די צייט טויט־אָפּ דאָס געפיל. מיטן לויף פון דער צייט ווערט מען אָפּגעטעמפּט און אומעמפּפינדלעך צו געהאַטע שווערע איבערלעבונגען. מען פאַרלירט לגבי זיי די געפיל־פעיִקייט. וויפל מען זאָל זיך אין זיי נישט דע־רינערן און זיך זיי פאָרשטעלן מיט די קלענסטע פּרטים, ווערט מען מער נישט גערירט, און אַז מען פילט זיי מער נישט, הערט מען זיי אויך אויף צו פאַרשטיין.

XVII

די ליטעראַטור גיט אונדז צו פאַרשטיין דאָס לעבן, ווייל זי גיט עס אונדז צו פילן. די ליטעראַטור פירט אונדז אַריין אינערהאַלב דעם אינטימען געפיל־לעבן פון די העלדן וועלכע זי באַשרייבט, זי דעקט פאַר אונדז אויף די סודות פון זייער נשמה, זי ווייזט זיי אונדז אַנטהילט און אַנטבלויזט און מיר הייבן מיט זיי אָן מיט־פילן און מיטלעבן. מיר אידענטיפיצירן זיך מיט זיי, מיר ווערן — זיי. מיר ליידן זייערע ליידן און מיר פרייען זיך מיט זייערע פריידן; מיר לעבן איבער זייערע

טראַגעדיעס און ליידן פון זייערע אַנטוישונגען. מיר ווערן אַ קאַפּיטל פון די בוך־העלדן, און אַלץ וואָס קומט פאָר אין זיי, קומט פאָר אין אונדז.

וואָס בעסער עס געלינגט אַ מחבר אונדז אַריינצופירן אינעם אינטימען לעבן פון אַ מענטשן, אַלץ פולקאָמער איז זיין שאַפן און אַלץ אויף אַ העכערער מדרגה שטייט ער. אַ בוך וואָס לאָזט אונדז גלייכגילטיק און גיסט נישט איבער אין אונדז אַריין דאָס נשמה־לעבן פון דעם העלד וואָס ווערט דאָרט געשילדערט, איז אַ שלעכט בוך, מחמת דער ציל פון אַ בוך איז פאַר אונדז אויפצודעקן דאָס אינע־ווייניקסטע לעבן פון אַ מענטשן, און אויב עס דעקט נישט אויף, אויב עס בלייבט אונדז אומקלאָר און אומפאַרשטענדלעך, איז אַ סימן אַז מיר האָבן עס נישט גע־פילט, איז אַ סימן, אַז דאָס בוך האָט נישט געהאַט גענוג כוח איבערצוגיסן אין אונדז דאָס אינערלעכע לעבן פון דעם מענטש וואָס איז דאָרט געשילדערט געוואָרן. ער איז אונדז געבליבן פרעמד און ווייט דער העלד פון בוך, מיר זיינען געבליבן אויסער אים. מיר האָבן אים נישט געפילט, דערפאַר האָבן מיר אים נישט פאַר־שטאַנען.

וויסן אַליין איז גאָר נישט. אָט לייענען מיר און מיר הערן טאָגטעגלעך וועגן אַלערליי טראַגעדיעס און אומגליקן וואָס טרעפן מיט מענטשן און זיי מאַכן אויף אונדז קיין איינדרוק נישט. מיר בלייבן קאַלט און גלייכגילטיק. פאַר וואָס? ווייל מיר דערוויסן זיך בלויז, אָבער מיר דערפילן נישט, און אַז עס איז נישטאָ קיין געפיל, איז דאָס וויסן טויט. ווען אַ קינסטלער וואָלט גענומען און אין אַ בעלע־טריסטישער פאָרעם אונדז באַשריבן דעם אמתן באַדייט פון דעם מינדסטן שטיקל פּאַליציי־נייעס, וואָלטן מיר געבליבן דערשיטערט ביז די טיפענישן, און אַז מיר לייענען עס אין צייטונג, טוען מיר זיך אַפילו נישט קיין קרים.

נאָר ווען מיר גייען נאָך טריט נאָך טריט און שפּאַן נאָך שפּאַן דעם באַרג־אַראָפּ וועג פון אַ מענטשלעכער נשמה; נאָר ווען מיר פילן־מיט אַלע ביטערקייטן, אַלע פּיינען, אַלע אַנטוישונגען, אַלע ראַנגלענישן וואָס אַזאַ איינער מאַכט דורך, נאָר דעמאָלט קענען מיר זאָגן, אַז מיר האָבן דעם דאָזיקן מענטשן פאַרשטאַנען; מיר האָבן אים פאַרשטאַנען, ווייל מיר האָבן אים געפילט. ווען מיר קאָנען נישט דאָס אינערלעכע לעבן און דעם געמיט־צושטאַנד פון אַ מענטשן, בלייבן מיר גלייכ־גילטיק צו זיין גורל.

די קליינע ליידן פון אַן איינציקן מענטשן, וואָס מיר פילן זיי, מאַכן אויף אונדז אַ סך אַ גרעסערן איינדרוק ווי די גרויסע ליידן פון אַ סך מענטשן וואָס מיר פילן זיי נישט. דאָרט ווו ס'איז נישטאָ קיין געפיל, דאָרט איז אויך נישטאָ קיין פאַר־שטאַנד און קיין אמתער וויסן.

אַלץ וואָס באַרירט מענטשן, קען מען פאַרשטיין נאָר מיט האַרץ. פאַרשטיין מענטשן, מיינט זיי פילן. ווען מ'פילט זיי נישט, פאַרשטייט מען זיי נישט.

XVIII

דער מענטש וויל פילן און איבערלעבן. דאָס איז זיינע אַ פונדאַמענטאַלע באַדערפעניש. נאָכן באַפרידיקן זיינע קערפּערלעכע באַדערפענישן, וויל דער מענטש באַפרידיקן זיינע געפיל־באַדערפענישן. גאָר פרי האָט דער מענטש אָנגעהויבן צו זאָרגן פאַר דער באַפרידיקונג פון דער דאָזיקער באַדערפעניש. די געשיכטע פון דער קונסט — אין ברייטסטן זינען פון דאָזיקן וואָרט — איז אַזוי אַלט ווי די געשיכטע פון דער מענטשהייט. מאַלעריי, סקולפּטור, מוזיק, טענץ, ליד, זאגע און ענלעכע שאַפונגען, וואָס זייער איינציקער ציל איז צו באַפרידיקן דעם מענטשנס געפיל־באַדערפעניש און דאַרשט נאָך איבערלעבונג, ציִען זייער אָנהייב ביז צום סאַמע באַגינען פון מענטשנס עקסיסטענץ אויף דער ערד. אָן איבערלעבונגען קען דער מענטש נישט עקסיסטירן. אַ מענטשלעך לעבן וואָס איז אָרעם אין געפילן, איז קיין לעבן נישט. אַ מענטש וואָס לעבט אָן געפילן, איז געגליכן צו אַ פלאַנץ וואָס לעבט אָן וואַסער. אַזאַ פלאַנץ טריקנט און וועלקט און דאַרט־אָפּ. די געפילן און איבערלעבונגען, זיי גיבן צו דעם מענטשלעכן לעבן זאַפט און פרישקייט; מאַכן אַז דער מענטש זאָל בליִען און וואַקסן און זיך אַנטוויקלען.

דערפאַר זעען מיר, האָבן אַזאַ גרויס אָרט פאַרנומען אין מענטשלעכן לעבן פון אַלע צייטן די יעניקע אינסטיטוציעס און איינריכטונגען וואָס האָבן געצילט צו רעגן און באַפרידיקן די פאַרשיידנסטע געפילן. אויך האָבן אַלע גייסט־באַוועגונגען אין דער געשיכטע זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס זיי האָבן אַפּעלירט צו געפיל. באַוועגונגען וואָס זאָלן אַרויסגערופן ווערן פון פריידיקן די הערשאַפט פון געדאַנק, אַזעלכע זיינען געווען ווייניק, אָדער זיינען אין גאַנצן נישט געווען. דענקערס וואָס האָבן געפריידיקט די הערשאַפט פון קאַלטן, טרוקענעם שכל, האָבן נישט צוגעצויגן קיין אָנהענגערס. אין קעגנטייל, די יעניקע וואָס האָבן געפּריידיקט די הערשאַפט פון געפיל, די דאָזיקע האָבן שטענדיק צוגעצויגן גרויסע מאַסן מענטשן.

דערמיט דערקלערט זיך אויך די גוואַלדיקע ראָל וואָס רעליגיע האָט געשפּילט אין לעבן פון דער מענטשהייט. רעליגיע איז דורך און דורך אַ געפיל־זאַך. די פאַרשפּרייטקייט און פאַרוואָרצלטקייט פון רעליגיע, איז אַ דירעקטער באַווייז ווי קליין ס'איז געווען די ראָל פון שכל אין מענטשנס לעבן און ווי גרויס ס'איז געווען די ראָל פון געפיל. און צווישן די רעליגיעס האָבן זיך שטענדיק אימפּאָנירט מער יענע וואָס האָבן אַפּעלירט צו געפיל און ווייניקער יענע וואָס האָבן אַפּעלירט צום שכל. אינערהאַלב רעליגיעס, האָבן יענע סעקטעס און שטרעמונגען וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט עמאָטיווקייט, געהאַט מער דערפאָלג ווי די ראַציאָנאַליסטישע.

אַלץ וואָס האָט אַפּעלירט צו געפיל, האָט צוגעצויגן מענטשן און האָט געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין זייער לעבן, און אַלץ וואָס האָט אַפּעלירט צום קאַלטן געדאַנק, האָט זיי געלאָזט גלייכגילטיק און האָט זיי נישט צוגעצויגן. שכל פאַרנעמט נישט קיין גרויס אָרט אין מענטשלעכן לעבן; געפיל — יאָ.

אמת אַז נישט אַלע געפילן האָבן דעם זעלביקן ווערט. עס זיינען דאָ געפילן וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער הויכן עטישן און עסטעטישן אינהאַלט, און עס זיינען דאָ געפילן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר נידעריקע אַנימאַלעליידנשאַפטן און אימפּולסן. פון די ערשטע געניסט דער בעסערער מענטש, און פון די צווייטע די מאַסע. וויכטיק איז אָבער, אַז געפיל־רעגונג און געפיל־באַפרידיקונג זוכן אַלע — דער בעסטער ווי דער ערגסטער. יעדער זוכט עס אויף זיין אופן; יעדער נעמט דאָס וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר אים און וואָס באַפרידיקט אים. נעמען, אָבער, נעמען עס אַלע. שווער זיך פאָרצושטעלן ווי אַזוי דאָס מענטשלעכע לעבן וואָלט אויסגעזען אָן די אַלערליי איינריכטונגען פאַר עמאָציאָנעלער אויסלעבונג. עס וואָלט געווען אַ לעבן פון דענקענדיקע אויטאָמאַטן.

XIX

„איך וועל באַטראַכטן מענטשלעכע האַנדלונגען און באַשטרעבונגען גענוי אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ פראַגע פון ליניעס, פלאַכן און קערפּער" — האָט געזאָגט ספּינאָזאָ. אָבער, ניין, דעם מענטשן קען מען אַזוי נישט באַטראַכטן; דער מענטש איז אַ געפיל־וועזן. דער מענטש האָט עמאָציעס, דער מענטש האָט שטרעבונגען און פאַרלאַנגען, דער מענטש בענקט נאָך איבערלעבונג און געפיל־רעגונג, דער מענטש וויל זיך ענטוזיאַזמירן און באַגייסטערן. דער מענטש איז נישט קיין געאָמעטרישע פיגור. דעם מענטשנס גייסט קען מען נישט באַטראַכטן ווי מען באַטראַכט אַ כעמיש שטאָף, אַ פיזיקאַלישע אָדער אַסטראָנאָמישע דערשיינונג. די דאָזיקע אַלע ליגן אונטער געזעצן וואָס רעגירן מיט זיי שטענדיק אויף איין און דעם זעלביקן אופן. אַנדערש איז עס מיטן מענטשנס גייסט. דעם מענטשנס גייסט איז פילעוודיק — פיל־פילעוודיק און פאַרשיידן־פילעוודיק. דעם מענטשנס גייסט איז צוזאַמענגעשטעלט פון די פאַרשיידנסטע אינערלעכע אַנשטויסן; דעם מענטשנס נאַטור איז פול מיט קעגנזאַצן און ווידערשפּרוכן: דער מענטש איז ליבע און האַס, נקמה און מחילה, רחמים און אַכזריות, צאָרן און גרויסמוט, פרייד און טרויער, לוסט און מעלאַנכאָליע אאַ"וו א"וו. דער מענטש איז דאָס אַלץ און וויל דאָס אַלץ איבערלעבן. און ווען ספּינאָזאַ זאָגט ווייטער: „נישט וויינען, נישט לאַכן, נאָר פאַרשטיין", קען מען אים ענטפערן, אַז דער מענטש איז געמאַכט יאָ צו וויינען און יאָ צו לאַכן, יאָ צו זינדיקן און יאָ תשובה צו טאָן, יאָ צו צאָרענען און יאָ מוחל צו זיין אאַ"וו.

אַזוי אויך מיט אַלע ספּינאָזאָס איינווענדונגען קעגן געפיל. מען קען פרעגן: צי איז דען אינטעלעקטועלע ליבע צו גאָט נישט געפיל? איז דען נשמה־רו נישט געפיל? איז דען דאָס גליק וואָס עס ברענגט וועלט־דערקענונג נישט געפיל? ס'איז יאָ געפיל. נישט מער ס'איז אַ העכערער סאָרט געפיל. דאָס קאַלטע רויִקע דענקען פונעם חכם איז פונקט אַזוי אויסדרוק פון געפיל, ווי דאָס לאָזן זיך פירן פון די תאוות פונעם פּראָסטן מענטשן. דער יתרון פונעם ערשטן לגבי דעם צווייטן איז נישט אין דעם וואָס דער ערשטער, דער חכם, האָט קיין געפילן נישט, איז אַ טרוקענע דענק־מאַשין, און דער צווייטער, דער „נאַר", האָט יאָ געפילן, נאָר אין דעם וואָס דער חכם האָט בעסערע און שענערע געפילן ווי דער „נאַר". נישט וועגן עמאָציעס און עמאָציאָנעלאַזיקייט גייט עס, נאָר וועגן העכערע און נידעריקערע עמאָציעס; נישט וועגן געדאַנק און געפיל, נאָר וועגן געפיל און געפיל. דער חכם האָט שיינע דערהויבענע געפילן, האָט ער שיינע דערהויבענע געדאַנקען; דער „נאַר" האָט נידעריקע, אַנימאַלע געפילן, האָט ער אַזעלכע געדאַנקען.

ספּינאָזאַ פאַרלייקנט דעם מענטשנס מאָראַלישע נאַטור. ער אַנערקענט נישט קיין שענערע און בעסערע געפילן אין מענטשן. גוטס, שיינקייט, מענטשן־ליבע, דאָס אַלץ פאַרנעמט נישט קיין אָרט אין ספּינאָזאָס סיסטעם. ספּינאָזאַ ווייסט בלויז וועגן פאַרנונפט. אַלץ וואָס קומט פון פאַרנונפט איז גוט, און אַלץ וואָס קומט פון געפיל איז שלעכט. אויף וואָס קען זיך לעבנס־פאַרנונפט באַזירן, ווען ער האָט נישט קיין שום עמאָטיווע באַזע אונטער זיך? מענטשן וואָס זיינען אַבסאָלוט פעלבאַר פון יעדן געפיל, אין וועמענס נשמה עס פּראָדוצירט זיך נישט קיין שום עמאָטיווע רעגונג, זיי קענען נישט האָבן קיין שום לעבנס־פאַרנונפט, זיי זיינען אַבסאָלוט פאַרנופטלאָזע ברואים. דער לעצטער יסוד פון אונדזער לעבנס־פאַרנונפט, איז אין אונדזער געפיל. אונדזער געדאַנק־פעיִקייט וואָרצלט אין אונדזער געפיל־לעבן און איז אָן אים לחלוטין נישט באַנעמלעך.

די פאָדערונג פון דער חכמה צו קאָנטראָלירן די תאוות און צוימען די ליידנשאַפטן, איז נישט קיין פאָדערונג פון שכל קעגן געפיל, נאָר אַ פאָדערונג פון געפיל קעגן געפיל: פון העכערן געפיל קעגן נידעריקערן געפיל. חכמה איז אַ געפיל־זאַך; דער „גייסט פון חכמה" באַשטייט נישט אין דער פעיִקייט פון אינטעלעקטועלע שפּעקולאַציעס, נאָר אין דער פעיִקייט פון שיינעם פילן.

וויפל די חכמים זאָלן נישט ריידן וועגן ליידנשאַפטלאָזיקייט, איינשטילונג פון געפיל, אויסלעשונג פון עמאָציעס און רו פון געמיט, איז דאָס גופא אַן אויסדרוק פון אַ סאָרט קוויעטיסטישן פילן. זייער נשמה איז באַהערשט פון רו; דאָס רויִקע וועלט־באַטראַכטן ברענגט זיי אַ שטילן זיסן עונג; די ברויזנדיקע אַנימאַלע ליידנשאַפטן זיינען אין זיי איינגעשטילט, דערפאַר זעען זיי די העכסטע לעבנס־חכמה אין וועלט־דערקענטעניש, אין אינטעלעקטועלער ליבע צו גאָט און זעלישער רויִקייט.

קאַפּיטל 3

די ראָל פון געפיל אין אונדזער אַלטעגלעכן לעבן

דאָס טאָגטעגלעכע לעבן אונדזערס איז איין גרויסער באַוויז דערפון ווי אַזוי געפיל באַהערשט געדאַנק. אָפּהענגיק דערפון אין וואָס פאַר אַ געמיט צו־שטינד מיר געפינען זיך אין אַ באַשטימטן מאָמענט, אַזוי דענקען מיר. די גע־געדאַנקען וואָס מיר האָבן ווען מיר זיינען אויפגעלייגט און גוט־געשטימט, זיי־נען פאַרשידן פון די געדאַנקען וואָס מיר האָבן ווען מיר זיינען בייז און שלעכט־געשטימט; די געדאַנקען וואָס מיר האָבן ווען מיר זיינען פריילעך, זיינען פאַר־שידן פון די געדאַנקען וואָס מיר האָבן ווען מיר זיינען טרויעריק; די געדאַנקען וואָס מיר האָבן בעת אַ שמחה, זיינען פאַרשידן פון די געדאַנקען וואָס מיר האָבן בעת אַ צער; די געדאַנקען וואָס מיר האָבן ווען עס גייט אונדז גוט, זיינען פאַר־שידן פון די געדאַנקען וואָס מיר האָבן ווען עס גייט אונדז שלעכט; די געדאַנקען וואָס מיר האָבן ווען מיר זיינען ענטוזיאַסטיש און האָפערדיק, זיינען פאַרשידן פון די געדאַנקען וואָס מיר האָבן ווען מיר זיינען אָפּגעלאָזן און אַפּאַטיש. אַ ווערלכער עס איז גליקלעכער צופאַל וואָס האָט אונדז געטראָפן, קען אונדז פאַר־וואַנדלען — פאַרן משך פון אַ צייט, לפּחות — אין אַן אויסגעשפּראָכענעם אָפּטי־מיסט, און פאַרקערט, אַן אומגליקלעכער צופאַל, קען אונדז פאַרוואַנדלען אין אַ האָפענונגסלאָזן פּעסימיסט .דאָס רוב מענטשן בייטן צען מאָל אין טאָג זייערע מיינונגען וועגן דער זעלבער זאַך, אָפּהענגיק פון זייערע געוועענדערטע שטימונגען.

ליבע און האַס, פריינטשאַפט און פיינטשאַפט, קנאה, שנאה, כעס, אייפער־זוכט, נקמה־דורשט, גאווה, תאווה, כבוד־זוכעניש, ווילן זיך צו אימפּאָנירן, פילן זיך באַליידיקט און נאָך און נאָך אַנדערע געפילן, הערן נישט אויף, קיין איין מינוט נישט, צו באַאיינפלוסן אונדזער געדאַנק. פאַרליבן מיר זיך, ווערט דער אָביעקט פון אונדזער ליבע דאָס אידעאַלסטע און פולקאָמסטע וועזן, וואָס עס קען נאָר זיין. מיר פאַרלירן די פעיקייט צו זען פעלערן אין דעם געליבטן וועזן.

די פעלערן ווערן פאַרוואַנדלט אין טוגנטן; דאָס מיאוסע ווערט שיין, דאָס שלעכטע ווערט גוט; דאָס גראָבע ווערט אידל אאַז״וו. מיר ווערן פאַרבלענדט, פאַרפירט, פאַרנאַרט און פאַרנאַרישט, און מיר פאַלן אין גאַנצן אַרונטער אונטער דער מאַכט פון ליבע־געפיל. די ליבע פאַרטונקלט אונדזער שכל און פאַרנעפּלט אונדזער געדאַנק. מיר הויבן אָן גלויבן אין זאַכן וואָס ניכטערערהייט וואָלטן מיר קיין מאָל נישט געגלויבט אין דעם. דאָס אוממעגלעכע — אין דער דערגרייכונג פונעם ציל פון אונדזער ליבע — הויבט זיך אונדז אָן אויסוויזן מעגלעך; דאָס אומדערגרייכבאַרע — דערגרייכבאַר. מיר טוען אומגעלומפּערקייטן; מיר ריידן אומזיניקייטן און מיר באַנעמען זיך לייכטזיניק און יינגלש. אונדזערע פריינט שמייכלען און הייסן אונדז זיך באַזינען, אָבער מיר זיינען מער נישט פּעיִק איינצוזען די נאַרישקייטן וואָס מיר דענקען און מיר טוען אונטערן היפּנאָז פון דער ליבע.

פאַרגייט די ליבע און עס לעשט זיך אויס דאָס דאָזיקע מעכטיקע געפיל, איז ווי אַ באַנד וואָלט אונדז אַראָפּגעפאַלן פון די אויגן. מיר הויבן אָן זע אונדזער געליבטע נישט אַלס אידעאַל ווען, נאָר אַלס מענטש — אַ מענטש מערער אָדער ווייניקער שיין; אַ מענטש מיט גוטע און שלעכטע אייגנשאַפטן, מיט מעלות און חסרונות, מיט טוגנטן און פעלערן. איצט גיבן מיר זיך חשבון אַז פריִער זיינען מיר געווען פאַרנאַרט און פאַרפירט, אַז די ליבע האָט אונדז פאַרבלענדט, אַז זי האָט אונדז פאַרטונקלט דעם געדאַנק און פאַרנעפּלט דעם פאַרשטאַנד. פריִער, אָבער, ווען די ליבע איז געווען מעכטיק און שטאַרק, האָבן מיר דאָס נישט געקענט איינזען; פריִער האָבן מיר געהאַלטן, אַז אַלץ וואָס מיר דענקען אונטערן דרוק פון דער ליבע איז גוט געדענקט.

און דאָס וואָס עס איז מיט דער ליבע, איז אויך — אפשר אין אַ קלענערן גראַד — מיט דער פריינטשאַפט. ווען מיר זיינען באַהערשט פון פריינטשאַפט־געפילן צו אַ מענטשן, זיינען מיר גענויגט איבערצושאַצן זיינע מעלות און אונטערצושאַצן זיינע חסרונות. די גוטע אייגנשאַפטן פון אונדזער פריינט פאַרמערן מיר און מיר פאַרגרעסערן זיי, און די שלעכטע אייגנשאַפטן פאַרמינערן מיר און מיר פאַרקלענערן זיי. די געפילן פון פריינטשאַפט ווירקן אַז מיר זאָלן פאַרגעסן, פאַרקוקן און נישט נעמען אין אַכט אונדזער פריינטס פעלערן, נאָר מיר זאָלן בלויז נעמען אין אַכט און זיך אָפּשטעלן אויף זיינע מעלות. אַזוי אַרום שאַפט זיך אין אונדזער פאַרשטעלונג זייער אַן איינזייטיק און אידעאַליזירט בילד פון אונדזערע פריינט. דאָס דאָזיקע האַלט אָן אַזוי לאַנג ווי לאַנג מיר זיינען באַהערשט פון די פריינטשאַפטס־געפילן. לעשן זיך אויס די דאָזיקע געפילן און מיר בלייבן צו דעם מענטשן גלייכגילטיק, קומט באַלד אַן איבערשאַצונג פון זיין ווערט. זיינע פריִערדיקע גרויסע מעלות הויבן אָן פאַרקלענערט ווערן, און די קליינע חסרונות הויבן אָן פאַרגרעסערט ווערן.

ווען מיר צעקריגן זיך מיט אונדזערן אַ פריינט און מיר ווערן אים אַ שונא,

קומט פאַר אַזאַ גרינטלעכע ענדערונג אין אונדזער געדאַנקענגאַנג וועגן דאָזיקן מענטשן, אַז עס איז ממש צו שטוינען. דוכט זיך דער זעלבער מענטש, מיט די זעלבע מעלות און די זעלבע חסרונות; מיר וויסן איצט וועגן אים דאָס זעלבע וואָס מיר האָבן פריִער געוווּסט; ער איז נישט באַגאַנגען קיין שום נייע עוולה, און דאָך אַזאַ אין גרונט פאַרשידענע אָפּשאַצונג פון זיין פּערזאָן. פריִער איז ער געווען דער שענסטער און דער בעסטער און דער פיינסטער, און איצט איז ער דער ערגסטער שבערגסטער און דער נידעריקסטער שבענידעריקסטער. ווי אַזוי? — דערפאַר וואָס אונדזער געפיל צו אים האָט זיך געביטן. פריִער, ווען מיר האָבן דעם מענטש ליב געהאַט און ער איז געווען אונדזער פריינט, האָבן מיר געזען און געווען איבערצייגט — בפירוש געזען און געווען איבערצייגט! — אין זיינע גרויסע מעלות און שיינע מידות. איצט, ווען מיר האָבן דעם מענטשן פיינט געקריקן און מיר זיינען אים אַ שונא, האָט זיך אונדזער איבערצייגונג געביטן אין פונקט אַ פאַרקערטער ריכטונג. די ענדערונג איז דאָ בלויז אַ סוב־יעקטיווע. אָביעקטיוו האָט זיך דאָ גאָרנישט געענדערט. דער אָביעקט וועלכער האָט ביי אונדז אַרויסגערופן אַזעלכע דיאַמעטראַל־קעגנזעצלעכע געדאַנקען, האָט זיך לחלוטין מיט גאָרנישט געענדערט. געענדערט האָבן זיך בלויז מיר אַליין, אונדזערע געפילן צום אָביעקט. און אָט דאָס, אונדזער געפיל־ענדערונג, האָט עס אַרויסגערופן אַ ענדערונג אין אונדזער געדאַנק, וואָס גייט מקצה לקצה. דאָס איז איינער פון די טאָגטעגלעכע און גלייכצייטיק באַלערנדיקע פאַקטן, וואָס באַווייזן די אָפּהענגיקייט פון שכל און זיין אונטערגעוואָרפנקייט דעם געפיל. וועל־כער מענטש האָט עס אין זיין לעבן נישט געהאַט די דערפאַרונג פון צעקריגן זיך מיט איינעם אָדער מיט מערערע פריינט און איינזען די אומפאַרמיידלעכע ווירקונג וואָס דאָס האָט געהאַט אויף זיין געדאַנק וועגן זיי? די פריינט האָבן זיך נישט געענדערט; זיינען נישט געוואָרן נישט ערגער, נישט בעסער. אונ־דזער מיינונג וועגן זיי האָט זיך אָבער יאָ געענדערט. וויפל מיר האָבן זיך נישט באַמיט — די מער אויפריכטיקע — זיך אָנצונעמען פאַר אונדזערע אַמאָליקע פריינד און געוואָלט איינזען זייערע מעלות ווי אַמאָל, איז עס אונדז נישט גע־לונגען. מיר האָבן אָנגעוויזן אויף זייערע מעלות אויף אַזויפיל, אויף וויפל מיר האָבן נאָכדעם געקענט אָנווייזן אויף נאָך גרעסערע חסרונות זייערע. עס איז אוממעגלעך אָפּצושאַצן די מעלות און די פאַרדינסטן פון אַ שונא, ווי די מעלות און פאַרדינסטן פון אַ פריינד. דאָס הייסט, אַז וויפל מיר זאָלן זיך נישט אָנ־שטרענגען מיט אונדזער אָביעקטיוון וויסן צו גיין קעגן דער ווירקונג פון אונ־דזער געפיל, וועט עס אונדז נישט געלינגען. עס איז נאָך נישט געווען דער מענטש וואָס ווערנדיק אַ שונא פון זיינעם אַ פריינט, זאָל זיך נישט האָבן גע־ענדערט זיין מיינונג וועגן אים. אַזעלכעס שיינט צו זיין מענטשלעך אוממעגלעך.

און אַז עס טרעפט זיך אַז מיר ווערן באַהערשט פון אַ טאָפּל־געפיל צו אַ מענטשן. דעמאָלט האַלט זיך אונדזער געדאַנק וועגן אים אין איין בייטן. לויט

דעם וואָס מיר פילן צו אים אין אַ באַשטימטן מאָמענט, אַזוי דענקען מיר וועגן אים. זיינען מיר צו אים גוט געשטימט, דענקען מיר גוטס וועגן אים און ער זעט אונדז אויס צו זיין אַ פיינער מאַן; זיינען מיר צו אים שלעכט געשטימט, דענקען מיר שלעכטס וועגן אים און ער זעט אונדז אויס צו זיין אַ פּאַסקודניק.

דער דאָזיקער צושטאַנד פון טאָפּל־געפיל איז זייער אַן אָפטע דערשיינונג אין אונדזער לעבן. ער איז פאַראַן אין אַלע סאָרטן באַציִונגען צו אונדזערע מיט־מענטשן. ער איז פאַראַן אין דער ליבע, אין דער פריינטשאַפט, אין די פאַמיליע־באַציִונגען אאַז״וו. אָט למשל האַלטן מיר זיך ביים צעגיין מיט אונדזערן אַ פריינט, מיר שטייען ביים ראַנד פון אונדזער פריינטשאַפט. דערווייל זיינען מיר זיך נאָך נישט צעגאַנגען, אָבער אַ געוויסע דערווייטערונג איז שוין פאָרגעקומען. מיר פילן עס. מיר זעען שוין דעם שאָטן פון קומענדיקן ריס. אין אַזאַ צושטאַנד זיינען מיר באַהערשט פון צווייערליי געפילן. אַ מאָל וואַכן אויף אין אונדז מיט זייער גאַנצער קראַפט די פריינטשאַפט־געפילן און מיר זעען דעם דאָזיקן מענטשן אַזוי ווי מיר האָבן אים געזען אין די בעסטע צייטן פון אונדזער נאָענטקייט, און אַ מאָל וואַכן אויף אין אונדז די פיינטשאַפטס־געפילן און מיר זעען דעם זעלבן מענטשן גאָר אין גאַנצן אין אַן אַנדער ליכט — מיר זעען אים אַלס שלעכטן, אַנטיפּאַטישן מענטשן. די גאַנצע צייט וואָס עס האַלט אָן דער דאָזיקער טאָפּעלער געמיט־צושטאַנד אונדזערער און די געפילן וואַקלען זיך פון פריינטשאַפט צו פיינטשאַפט און פון פיינטשאַפט צו פריינטשאַפט, האַלט אויך אָן אונדזער געדאַנקלעכע וואַקלדיקייט און מיר זעען דעם מענטשן כסדר אין אַ צווייִענדיק ליכט — אַ מאָל גוט און אַ מאָל שלעכט. עס איז רעכט, אַז אין אַזאַ צושטאַנד זאָל זיך אין משך פון איין טאָג צען מאָל בייטן אונדזער מיינונג וועגן דאָזיקן מענטשן, ביז ענדלעך אימפּאָנירט זיך איין סאָרט געפילן — כמעט שטענדיק די פיינטלעכע — און עס קומט פאָר אַ אַנטשפּרעכנדיקע סטאַביליזאַציע פון געדאַנק.

אָדער אָט איז אַן אַנדער פאַל: מיר דערוואַרטן פון אַ מענטשן אַ טובה און מיר גלויבן, אַז ער וועט אונדז די טובה טאָן. מיר ווילן אַזוי שטאַרק אַז דער מענטש זאָל אונדז טאָן די טובה, אַז מיר ווערן פון פאָראויס זיכער, אַז ער וועט זי אונדז טאָן. מחמת דעם באַטראַכטן מיר אים פאַר אונדזער וווילטוער און מיר טראַכטן וועגן אים פול מיט ליבע און אָנערקענונג. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז דער מענטש זאָגט זיך אָפּ אונדז צו טאָן די טובה און וויל אונדז נישט אַנטקעגן־קומען. מאָמענטאַל בייט זיך אונדזער בליק אויף אים און אין אונדזער געדאַנקלעכער אָפּשאַצונג וועגן אים קומט כהרף עין פאָר אַ גרינטלעכע ענדערונג. דער זעלבער וועגן וועלכן מיר זיינען פריִער געווען איבערצייגט, אַז ער איז אַ פיינער און אידעלער מענטש, ווערט איצט, אין אַ וויל אַרום, פאַרוואַנדלט אין אַ רשע און אַ גראָבן נפש... נאָך מער, מעג אונדז דער זעלבער מענטש אַ סך מאָל האָבן געטאָן טובות, נאָר איין מאָל זיך אָפּגעזאָגט עס צו טאָן, ווי באַלד

פאַרגעסן מיר דאָס גאַנצע גוטס וואָס מיר האָבן וועגן דאַזיקן מענטשן אָנגעטראַכט און מיר הויבן אָן איינצוזען, אַז ער טויג צו גאָרנישט און מיר האָבן זיך געוואַרט אין אים...

אָדער אָט איז אַזאַ גוט באַקאַנטער פּאַל: מיר שטייען און וואַרטן אויף אַ פּערזאָן מיט וועלכער מיר זיינען געוואָרן זיך צו טרעפן. די אָפּגערעדטע צייט איז שוין אַריבער און די פּערזאָן איז נאָך נישטאָ. מיר ווערן אומגעדולדיק און הויבן זיך אָן אויפרעגן. עס גייט אַוועק צען מינוט, פופצן מינוט, אַ האַלבע שעה און די פּערזאָן איז נאָך אַלץ נישטאָ. מיר דערפילן זיך באַליידיקט, מיר זיינען אויפגעבראַכט. באַלד הויבן מיר אָן טראַכטן, אַז אפשר איז גאָר אין גאַנצן נישט כדאַי דאָס וואַרטן אונדזערס. „וואָרום צו וואָס דאַרפן מיר עס דען האָבן, און ווער איז ער דען אַזעלכעס, דער אויף וועלכן מיר וואַרטן?" אין דער מאָס ווי מיר פילן זיך באַליידיקט און עס שטייגט אונדזער פאַרדרוס און עמפּערונג, אין דער מאָס נעמט אונדזער שכל אים מאַכן צו קליינגעלט און אים מבטל צו זיין. און ווען עגדלעך באַווייזט ער זיך און ער אַנטשולדיקט זיך פאַר אונדז און דערקלערט אונדז די סיבה פון דער פאַרשפּעטיקונג, גייט אונדז באַלד איבער דער כעס און מאָמענטאַל קומט פאַר אַ וועקסל פון אונדזער געדאַנק. אַלע שלעכטע מחשבות וואָס מיר האָבן וועגן דעם דאַזיקן מענטשן נאָר וואָס געטראַכט, צעגייען זיך ווי רויך און ווידער טראַכטן מיר וועגן אים גוטס.

אַזוי חזרט זיך עס איבער אין אַלע פאַלן ווען עס קומט פאַר אַן ענדערונג פון געפיל. נאָך יעדער רוגז און ווידעראַנאַנד מיט עמיצן, הויבן מיר אָן וועגן אים דענקען שלעכטס, און נאָך יעדער איבערבעטן זיך מיט אים, הויבן מיר אָן וועגן אים דענקען גוטס. ווערן מיר אויפגערעגט און אין כעס, טויג די גאַנצע וועלט נישט, און אַז דער כעס גייט אונדז איבער און די אויפרעגונג שטילט זיך איין, טויג די וועלט ווידער און מיר ווערן ווידער חבר מיט איר. ווען עס גייט אונדז שלעכט און מיר ליידן עוולות, זעען מיר אַלץ אין שוואַרצע פאַרבן; די וועלט און די מענטשן — זעען מיר — זיינען פול מיט רשעות און פאַרדאָרבנקייט און אַלץ און אַלע ווילן אונדז שלעכטס טאָן. בייט זיך אונדזער גורל און אונדזער לאַגע ווערט בעסער, בייט זיך אויך אונדזער בליק אויף דער וועלט און אויף די מענטשן. דאָס זעלבע פאַרקערט: ווען עס גייט אונדז גוט און מיר האָבן דערפאָלג אין לעבן, זעען מיר אַלץ אין העלע פאַרבן. די וועלט און די מענטשן — זעען מיר, זיינען פול מיט גוטן ווילן און פרומע ווונטשן און אַלץ און אַלע ווילן אונדז גוטס טאָן. בייט זיך אונדזער לאַגע און עס הייבט אונדז אָן גיין שלעכט, בייט זיך אויך אונדזער בליק אויפן לעבן, און די העלע פאַרבן אין וועלכע מיר האָבן פריִער געזען די זאַכן, הויבן אָן ווערן טונקל.

דאָס וואָס מיר טראַכטן וועגן דער וועלט ווען מיר זיינען רייך, דאָס טראַכטן מיר נישט ווען מיר זיינען אָרעם; דאָס וואָס מיר טראַכטן ווען מיר דערגרייכן אַ הויכע שטעלונג און מיר געניסן פון פּאָפּולאַריטעט, מאַכט און אָנזען, דאָס

טראַכטן מיר נישט ווען מיר ליידן דורכפאַלן, מיר ווערן אומפּאַפּולער, פאַר־שטויסן און פאַרגעסן. היות ווי מיר זיינען פול מיט די פאַרשידנסטע פאַרלאַנ־גען, געפילן, שטרעבונגען, שטימונגען אאז״וו, היות ווי אונדזערע באַציונגען מיט מענטשן האַלטן זיך כסדר אין ענדערן, היות, אויך, ווי די אומשטענדן אין וועלכע מיר לעבן, זיינען נישט שטענדיק די זעלבע — האַלטן זיך דעריבער אין איין ענדערן אונדזערע טראַכטענישן און געדאַנקלכע באַשלוסן.

ווען מיר ווערן באַהערשט פון אַ ווילן עפּעס אויפצוטאָן, עפּעס צו דער־גרייכן, עפּעס אונטערצונעמען, זעען מיר שטענדיק נאָר די גוטע זייטן פון דער אונטערנעמונג און מיר זעען נישט די שלעכטע זייטן. וויפל מיר זאָלן נישט נאָכדענקען און נאָכטראַכטן, וועלן מיר שטענדיק איינזען אַז אונדזער אונטער־נעמונג מוז האָבן דערפאָלג. די מעגלעכע נעגאַטיווע זייטן פון דער אונטערנע־מונג, ווערן רעדוצירט ביז צום מינימום; אין קעגנטייל די פּאָזיטיווע זייטן, ווערן אומגעהויער פאַרגרעסערט. דער ווילן די זאַך אונטערצונעמען און אַז זי זאָל זיין דערפאָלגרייך, נעמט ביי אונדז צו די פעיקייט איינצוזען די נעגאַטיווע מעג־לעכקייטן און ריכטיק אָפּשאַצן די אויסזיכטן. ערשט ווען מיר פּרווון־אויס און מיר זעען, אַז די זאַך איז אַ דורכפאַל, ערשט דעמאָלט בייט זיך אונדזער בליק אויף דער זאַך און מיר הויבן אָן איינזען, אַז מיר האָבן פון אָנהויב שלעכט געדענקט און שלעכט אויסגערעכנט. איז דאָס דאַרף עס נעמען אַ צייט ביז מיר הויבן אָן אַזוי איינזען, וואָרום פון אָנהויב ווילן מיר זיך נישט אונטערגעבן און מיר האַלטן אין איין טענהן, אַז „מאָרגן וועט עס בעסער ווערן", „עס דאַרף נעמען צייט"... און אַפילו ווען ביי אונדז הויבן שוין אָן אָנטשטיין ספקות מכוח דעם דערפאָלג פון דער אונטערנעמונג און מיר הויבן שוין אָן איינזען, אַז עס איז אַ דורכפאַל, ווילן מיר זיך נאָך אַלץ נישט אונטערגעבן און מיר נאַרן זיך אַליין און מיר נאַרן אַנדערע מיט פאַלשע האָפענונגען, אַז עס קען נאָך ווערן בעסער. מיר הויבן אָן ברענגען ראיות אויף ראיות, אַז ביי דעם און אַז ביי יענעם איז אויך אַזוי געווען: ס׳האָט געהאַלטן שוין אָטאָ ערב אַ קראַך און ערשט דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער באַרג־אַרויף. ביז עס דערגייט דערצו אַז מ׳קען ווייטער נישט עקסיסטירן, מ׳ווערט מיד און אויסגעשעפּט און מ׳קריגט פיינט די אונטער־נעמונג. ערשט דעמאָלט הויבט מען אויף אָן אמת אָן איינזען דעם טעות און מ׳גיט זיך חשבון אַז מ׳האָט פון אָנהויב שלעכט געדענקט און שלעכט אויסגע־רעכנט, און אַז „פריינט זיינען געווען"...

און ווען עס טרעפט, אַז מ׳ישובט זיך, צי מ׳זאָל עפּעס אונטערנעמען צי נישט און מ׳קען ביי זיך נישט באַשליסן, מיינט עס, אַז מ׳איז אין אַ גלייכער מאָס באַהערשט פון צוויי קעגנזעצלעכע ווילנס, וואָס איינער זאָגט יאָ און דער צווייטער זאָגט נישט, דערפאַר איז דאָ אַ גלייכגעוויכט פון געדאַנק — אַ שקול הדעת. וואָלט איין ווילן געווען שטאַרקער, וואָלט ער באַלד גובר געווען און מ׳וואָלט באַלד אָנגעהויבן איינזען, אַז ס׳איז גלייכער אַזוי ווי עס דיקטירט דער

דאַזיקער ווילן. אויב עס איז פאַראַן אַ ישוב און גלייכגעוויכט פון געדאַנק, איז עס נאָר דערפאַר וואָס עס איז פאַראַן אַ גלייכגעוויכט פון געפיל.

אַזוי איז עס שטענדיק און אויף אַלע געביטן. אונדזער געדאַנק האַלט זיך כסדר אין אייַן בייטן, צוגעפּאַסט צו דעם כסדרדיקן בייט פון אונדזערע געפילן. וואָס מער מיר ווערן אַוועקגעשטעלט אין סיטואַציעס פון ווידערשפּרעכלעכע געפילן, אַלץ מער איז אויך אונדזער געדאַנק באַהערשט פון ווידערשפּרוכן. נאַטירלעך איז עס אָפּהענגיק פון אינדיווידועלן כאַראַקטער. דער געזעצטער מענטש, דער מענטש מיטן קאַלטן, רויִקן כאַראַקטער, איז נישט אויסגעשטעלט צו אַזאַ ענדערונג פון מיינונגען ווי דער סענטימענטאַלער מענטש און דער מענטש פון שטימונגען. ביי דעם לעצטן האַלט זיך דער געדאַנק אין אייַן בייטן. זיין געדאַנק רוט קיין מינוט נישט. דאָס וואָס ער האָט באַשלאָסן מיט אַ מינוט צוריק, אונטער דער ווירקונג פון איין סאָרט שטימונג, ווערט אין אַ מינוט אַרום, אונטער דער ווירקונג פון אַן אַנדער סאָרט שטימונג, געענדערט. אָבער אַפילו דער מיושבדיקער מענטש איז אויך זיין געדאַנקלעכע סטאַביליטעט נישט קיין פּועל יוצא פון געדאַנקלעכער אומאָפּהענגיקייט, נאָר דערפון וואָס זיין געפיל איז רויִק און סטאַביל. נישט זיין געדאַנק איז קאָנסטאַנט דערפאַר וואָס ער לאָזט זיך נישט באַהערשן פון געפיל, נאָר זיין געדאַנק איז קאָנסטאַנט, ווייל זיין געפיל איז קאָנסטאַנט. ווען עס וועט קומען די שטאַרקע ווירקונג וואָס וועט אַרויסרופן אַ ענדערונג אין זיין געפיל, וועט זיך אויך זיין געדאַנק ענדערן. דער אונטערשייד פון דעם שטימונגס־מענטש און דעם רויִקן מענטשן איז נישט אין דעם, וואָס דער ערשטער לאָזט זיך באַהערשן פון שטימונגען און דער צווייטער נישט, נאָר אין דעם וואָס דער ערשטער האָט שטימונגען און דער צווייטער האָט נישט קיין שטימונגען. וועט פאָרקומען אַן ענדערונג אין געמיט־צושטאַנד פון רויִקן מענטשן, וועט עס פּונקט אַזוי האָבן אַן אָפּקלאַנג אין זיין געדאַנק, ווי עס האָט אין געדאַנק פון שטימונגס־מענטשן. די מיינונג־באַשטענדיקייט פון דעם מענטשן מיטן רויִקן כאַראַקטער באַשטעטיקט נישט ווייניקער דעם איינפלוס פון געפיל אויף געדאַנק, ווי דער מיינונגס־בייט פון דעם שטימונגס־מענטש. בייביידע איז זייער געדאַנק פאַרבונדן מיט זייער געפיל. נישט מער, ביים ערשטן איז זיין געפיל סטאַטיש און אומבאַוועגלעך, איז אויך זיין געדאַנק סטאַטיש און אומבאַוועגלעך; ביים צווייטן, איז זיין געפיל דינאַמיש און באַוועגלעך, איז אויך זיין געדאַנק דינאַמיש און באַוועגלעך. אַז געדאַנק זאָל זיין זעלבשטענדיק און אָפּגעטיילט פון געפיל, — דאָס איז אוממעגלעך. עס איז אוממעגלעך, אַז איינער זאָל האָבן אַ כאַראַקטער פון אַ שטימונג־מענטש און אַ געדאַנק פון אַ רויִקן מענטש; מ׳זאָל האָבן אַ „פלאַמיק האַרץ" און אַ „קאַלטן שכל". האַרץ און שכל מוזן שטענדיק אַרבעטן אין האַרמאָניע. עס קען געמאָלט זיין אַז אַ מענטש זאָל ווערן „אָפּגעקילט", „אויסגעלאָשן", „באַרויִקט", דאָס הייסט, מ׳הייבט אָן רויִקער צו פילן, הויבט מען אָן רויִקער צו דענקען (דאָס איז די נאַטירלעכע עוואָלוציע פון

די כאַראַקטערן), אָבער פילן אומרויִק און דענקען רויִק. דאָס איז אוממעגלעך, דאָס וואָלט געמיינט צעשפּאַלטן די פּערזענלעכקייט. דאָס וואָלט געמיינט אַז איין מענטש קען פאַראַמאָל זיין צוויי.

אָבער נישט בלויז פון כאַראַקטער איז אָפּהענגיק די סטאַבילקייט אָדער פאַרענדלעכקייט פון געדאַנק, נאָר אויך פון אויסערלעכע לעבנס־סיטואַציעס. עס מאַכן זיך אַ מאָל סיטואַציעס, וואָס אַפילו דער מיושבדיקסטער מענטש קען זיי נישט ביישטיין און ער הויבט זיך אָן צו וואַקלען. אַזאַ סיטואַציע למשל איז ווען איינער ווערט אָוועקגעשטעלט צווישן ליבע און פליכט. אָט למשל: אַ געזעצטער מענטש, אַ געוויסנהאַפטער, אַ רויִקער און באַזאַכטער, האָט אין דער יוגנט, צוליב די אָדער אַנדערע סיבות, חתונה געהאַט מיט אַ נישט פּאַסיקער פרוי. איצט איז ער אין די מיטעלע יאָרן, האָט עטלעכע קינדער און פירט מיטן כוח פון פליכט ווי עס איז זיין פאַמיליע־לעבן. באַגעגנט דער דאָזיקער מאַן אַ פרוי וואָס איז זיין אידעאַל און ווערט פון איר צוגעצויגן. אַנטשטייט פאַר אים אַ פּראָבלעם: זאָל ער איבערלאָזן ווייב און קינדער און גיין מיט דער געליבטער, אָדער זאָל ער איבערלאָזן די געליבטע און בלייבן מיט ווייב און קינדער. זיין געדאַנק וואָס איז שטענדיק געווען רויִק און זיכער הויבט אָן ווערן אומרויִק און אומזיכער. ער הויבט זיך אָן וואַקלען און צעגערן און פאַרלירט דעם באָדן הינטער די פיס. וואָס שטאַרקער עס צעוואַקסט זיך אין אים דער נייער געפיל, אַלץ אומזיכערער ווערט זיין געדאַנק. אָט באַשליסט ער לטובת זיין פרוי, און אָט לטובת דער געליבטער. איז אין אַ מאָמענט גובר דער פליכט־געפיל, גיט זיך דער געדאַנק אַ וויג אין דער זייט פון דער פאַמיליע און ער באַשליסט איבערצורייסן מיט זיין פריינט; איז אין אַן אַנדער מאָמענט גובר דער ליבע־געפיל, גיט זיך דער געדאַנק אַ וויג אויף דער זייט פון דער פריינטין און ער באַשליסט איבערצולאָזן די פאַמיליע. עס איז רעכט אַז מען זאָל צענדליקער מאָל בייטן דעם באַשלוס ווי אַזוי צו האַנדלען. אָט נעמט מען אָן אַ „פעסטן באַשלוס" צו האַנדלען אַזוי און אַזוי, און אָט באַלד בייט מען דעם „פעסטן באַשלוס" און מען נעמט אָן אַ פונקט קעגנזעצלעכן באַשלוס. פאַר יעדעס מאָל, נאַטירלעך, זעט מען איין און מען איז איבערצייגט, אַז אַזוי ווי מען באַשליסט איז קלוג און לאָגיש באַשלאָסן. פון דעסט וועגן אַז מען ווערט באַהערשט פון קעגנזעצלעכן געפיל, זעט מען איין פאַרקערט — אַז דער פריערדיקער באַשלוס איז געווען נאַריש און אומלאָגיש, און אַז קלוג און לאָגיש איז גאָר צו באַשליסן פאַרקערט. אַזוי האַלט זיך עס אין איין בייטן. דאָס וואָס איז פריִער געווען קלוג און לאָגיש, איז איצט נאַריש און אומלאָגיש, און דאָס וואָס איז איצט נאַריש און אומלאָגיש, וועט שפּעטער ווידער זיין קלוג און לאָגיש. אין יעדן מאָמענט איז קלוג דאָס וואָס מ'פילט, און נאַריש דאָס וואָס מ'פילט נישט.

דער נצחון וועט, פאַרשטייט זיך, זיין אויף דער זייט פון שטאַרקערן געפיל. אַזוי ווי דער מענטש וועט שטאַרקער פילן, אַזוי וועט ער ענדלעך דענקען און

אַזוי וועט ער באַשליסן. דאָס באַלערנדיקע אָבער דאָ איז אין די כסדרדיקע וואַק־לונגען פון געדאַנק. אין דער ריכטונג אין וועלכער עס בלאָזט דער געפיל, אין דער ריכטונג דרייט זיך אויך אויס דער ווייזער פון געדאַנק. בלאָזט דער געפיל אין דער ריכטונג פון דער ליבע, דרייט זיך דער געדאַנק אויך אויס אין דער דאָזיקער ריכטונג; בלאָזט געפיל אין דער ריכטונג פון פליכט, דרייט זיך גע־דאַנק אויך אויס אין דער דאָזיקער ריכטונג. אַז געדאַנק זאָל זיך אויסדרייען אין אַן אַנדער ריכטונג ווי געפיל, דאָס קען נישט זיין.

ענלעכע סיטואַציעס ווי די דערמאָנטע, זיינען נישט קיין זעלטנהייט אין מענטשנס לעבן. זייער אָפט טרעפט אַז דער מענטש ווערט אַוועקגעשטעלט צווישן צווי פייערן, דאָס הייסט צווישן צווי געפילן, און ער קען נישט באַשליסן ווהין זיך צו נויגן. זיין געדאַנק נעמט זיך וואַקלען פון איין אַלטערנאַטיווע צו דער צווייטער און ער ווייס נישט ווו בעסער און ווו ריכטיקער איז. פאַר יעדעס מאָל מיינט מען, אַז אָט שוין האָט געדאַנק געפונען דעם ריכטיקן באָדן אויף וועלכן זיך אַוועקצושטעלן און מען קען אָננעמען דעם ריכטיקן באַשלוס, אָבער באַלד הויבט זיך דער באָדן אָן אַרויסגליטשן פון אונטער די פיס און מען הויבט אָן איינזען, אַז אַזוי ווי מען האָט פריִער געדענקט און באַשלאָסן טויג נישט, אַז דער פריִערדיקער געדאַנק און באַשלוס איז געווען אַ טעות, און אַז אויב ריכטיק דענקען און באַשליסן, דאַרף מען גאָר פונקט פאַרקערט.

נעמען מיר, למשל, דעם דאָזיקן פאַל, אויך זייער אַ גוט באַקאַנטער: אַ געוויסנהאַפטער יונגערמאַן פון העכערן שטאַנד, האָט זיך פאַרליבט אין אַן אָרים מיידל און ער איז אין די באַציִונגען מיט איר אַריבער די גרעניצן פון פלאַטאָ־נישער ליבע. איצט געפינט זיך דאָס מיידל אין אַ שווערער לאַגע: זי איז אויפן וועג צו מוטערשאַפט. פאַרן יונגערמאַן הויבן זיך אָן צייטן פון קאַמף און געראַנגל מיט זיך אַליין. ער שטייט צווישן אַזעלכע צווי מעכטיקע כוחות ווי פליכט־געפיל און ווילן צו פאַרבלייבן אין זיין פריווילעגירטער לאַגע. די דאָזיקע צווי כוחות הויבן אים אָן אַרומשליידערן פון עקסטרעם צו עקסטרעם און גיבן אים קיין רו נישט. אָט באַשליסט ער חתונה צו האָבן מיטן מיידל, און אָט באַשליסט ער נישט חתונה צו האָבן מיט איר. אונדז אינטערעסירט דאָ נישט דער קאַמף פון די צווי געפילן אַלס אַזעלכע, נאָר די ראָל וואָס דער געדאַנק שפילט דאָ. עס בילדן זיך אויס צווי פילאָסאָפיעס: אַ געוויסנס־פילאָסאָפיע און אַ עגאָיִסטישע פילאָ־סאָפיע. די ערשטע ווייזט־אויף דעם באַטרעפנדיקן אינדיווידואום אַז ער דאַרף רעזיג־נירן פון זיין סאָציאַלער פּאָזיציע און חתונה האָבן מיטן מיידל, וועלכער ער האָט דערפירט ביז צום ראַנד פון אָפּגרונט, און ראַטעווען איר און ראַטעווען זיין קינד, און די צווייטע פילאָסאָפיע ווייזט אים אויף פונקט פאַרקערט, אַז ער דאַרף אין זינען האָבן זיינע אייגענע אינטערעסן און זיין אייגענעם ווילזיין, און דאָס מיידל זאָל „איר שטעטל אַליין באַשטיין", „סוף־כל־סוף האָט זי דאָך אויך געגאָסן גלייך מיט אים"... און — „האָט זי נישט געזאָלט זיך אונטערגעבן"

אאַז״וו... פאַר יעדעס מאָל וואָס עס דערוואַכט דער אָרנטלעכער געפיל אין יונגנ־מאַן, ווערט ער איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון דער ערשטער פילאָסאָפיע און ער באַשטימט צו האַנדלען אין אָנקלאַנג מיט איר. און פאַר יעדעס מאָל וואָס עס דערוואַכט דער עגאָיסטישער געפיל אין יונגנמאַן, ווערט ער איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון דער צווייטער פילאָסאָפיע און באַשליסט צו האַנדלען אין אָנקלאַנג מיט איר. וויפל מאָל ער וועט נישט באַשליסן צו האַנדלען אַזוי אָדער פאַרקערט, וועט ער אַלע מאָל פון דאָס ניי איינזען, אַז אַזוי ווי ער האָט פריִער באַשלאָסן האָט נישט געטויגט...

אַזוי פּאַסירט עס יעדעס מאָל ווען מיר ווערן באַהערשט פון צוויי קעגנ־זעצלעכע געפילן — האַלט זיך אונדזער געדאַנק אין איין ענדערן אין איינקלאַנג צום געפיל. אָט איז דער קאַמף צווישן אַ תאווה־אָנגריף און דער מורא פאַר די קאָנסעקווענצן פון איר באַפרידיקונג. איז דער אָנגריף פון דער תאווה אַ שוואַ־כער, זיינען מיר פעיִק פאָרויסצוזען די שווערע קאָנסעקווענצן, וואָס עס קען פאַר אונדז אַרויסקומען פון נאָכגעבן זיך די תאווה. איז דער אָנגריף פון דער תאווה אַ שטאַרקער, פאַרלירן מיר די דאָזיקע פעיִקייט פון פאָרויסזען. די תאווה פאַרבלענדט אונדזער געדאַנק און באַצווינגט אונדזער שכל. מיר זוכן זיך אויס היתרים פון אונטער דער ערד און ברענגען ראיות אויף ראיות לטובת דער תאווה, און אַלע אַרגומענטן קעגן, וואַרפן מיר אָפּ און מיר נעמען זיי נישט אין אַכט. ביז די תאווה ווערט געשטילט, און — מאָמענטאַל קומט פאָר אַ רעוואָלו־ציע אין אונדזער גאַנצן אופן פילן און דענקען. מען דערזעט ווידער די זאַכן אין זייערווירקלעך ליכט און מען ווערט פול מיט חרטה און געוויסנביסן. דער זעלבער שכל וואָס האָט אונדז פריִער דערוויזן מיט כלערליי ראיות, אַז „מ׳דאַרף נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט צו געניסן״, הויבט איצט אָן אויפצווייזן ווי נאַריש ס׳איז געווען זיך צו לאָזן באַהערשן פון דער תאווה און אַז עס „דער־וואַרטן אונדז איצט גאָר נישט קיין אָנגענעמע זאַכן״, אאַז״וו.

אָדער אַ געפיל־קאָנפליקט אין גאַנצן פון אַן אַנדער סאָרט: מען קומט צו אַ רייכן מענטשן בעטן אַ נדבה פאַר אַ וויכטיקן צוועק. דער דאָזיקער מענטש איז אַן איינגעהאַלטענער און גיט נישט גערן, נאָר היות ווי ער האָט מורא פאַר אַ שלעכטן נאָמען, קאָן ער נישט אָפּזאָגן און הייסט קומען „אַן אַנדערש מאָל״. ביי דעם דאָזיקן מענטשן הויבט זיך אָן אַ קאַמף צווישן דער קמצנות און מורא פאַר דעספּרעסטיזש, און אַלס רעזולטאַט דערפון הויבן זיך ביי אים אָן אויס־בילדן צוויי קעגנזעצלעכע טעאָריעס פאַר און קעגן צדקה. די טעאָריע וואָס איז אינספּירירט פון דער מורא פאַרן שלעכטן נאָמען, הייסט יאָ געבן, און די צווייטע טעאָריע, וואָס איז אינספּירירט פון דער קמצנות, הייסט נישט געבן. עס איז רעכט, אַז דער דאָזיקער מענטש זאָל דריי טעג און דריי נעכט זיך ראַנגלען מיט זיינע צוויי טעאָריעס און זאָל אַלץ נישט קענען באַשליסן וועלכע פון זיי אָנצו־נעמען און זאָל נישט וויסן וועלכע פון זיינע צוויי שכלען צו פאָלגן...

אַזוי איז אונדזער גאַנץ געפיל־לעבן באַהערשט פון סתירות און ווידער־אַנאַנדן און וואַקלענישן און דעריבער קומט אויך פאָר אַ פּערמאַנענטער בייט פון אונדזערע לעבנס־פילאָסאָפיעס. צו יעדער סאָרט געפילן האָבן מיר אַן אַנדער פילאָסאָפיע. זיינען מיר באַהערשט פון כעס און פאַביטערונג און אַנטוישונג, מאַכן מיר זיך פּעסימיסטישע פילאָסאָפיעס; זיינען מיר גוט געשטימט און אויפ־געלייגט און האָבן דערפאָלג אין לעבן, מאַכן מיר זיך אָפּטימיסטישע פילאָסאָ־פיעס. אַן אַנדער פילאָסאָפיע האָבן מיר ווען מיר שטייגן און גייען באַרג־אַרויף, און אַן אַנדער פילאָסאָפיע ווען עס טרעפן אונדז אומגליקן און צרות, און אַן אַנדערע ווען „דאָס מזל שפּילט אונדז צו״ און מיר לעבן גליקלעך און צופרידן; אַן אַנדערע ווען מיר זיינען פריילעך, און אַן אַנדערע ווען מיר זיינען טרויעריק; אַן אַנדערע ווען מיר זיינען האָפערדיק, און אַן אַנדערע ווען מיר זיינען דער־שלאָגן, אאז״וו.

ווען די סאַמע קלענסטע לעבנס־פּרטים קען אין מענטשן אַנגיין אַן אידעאָ־לאָגישער קאַמף דעמאָלט ווען עס איז פאַראַן אַ קעגנזאַץ פון אַנשטויס־כוחות. אַ קאַרגער מענטש קען זיך אָפּראַנגלען אַ גאַנצן טאָג מיט צוויי קעגנזעצלעכע טעאָריעס מכוח דעם, צי ער זאָל יאָ אויסגעבן אַ פּעזע, צי נישט. וויפל טויזנטער און טויזנטער מענטשן זיינען דאָ וואָס ראַנגלען זיך אָפּ דאָס גאַנצע לעבן זייערס מיט צוויי קעגנזעצלעכע טעאָריעס וועגן רויכערן! פאַר יעדעס מאָל וואָס דאָס רויכערן מאַכט זיי שלעכט, ווערן זיי איבערצייגטע קעגנער פון רויכערן און פאַר יעדעס מאָל וואָס זיי פילן זיך בעסער און עס פאַרבענקט זיך זיי נאָך אַ פּאַפּיראָס, ווערן זיי צוריק אַנהענגער פון רויכערן און פאַרטיידיקן מיט די שלאָגנדיקסטע באַווייזן דעם נייעם שטאַנדפּונקט זייערן. דאָס זעלבע פּאַסירט מיט מענטשן וואָס האָבן אַ שוואַכקייט צו שפּילן, אאז״וו. פאַר יעדעס מאָל וואָס מען דערפילט דעם שאָדן פון דער אומגעזונטער ליידנשאַפט, ווערט מען איר אַ שונא און מען הויבט אָן אַרגומענטירן קעגן איר און מען ווערט אַן איבערצייגטער קעגנער אירער. פאַרהיילט זיך דער שאָדן און די ליידנשאַפט דערוואַכט ווידער, ווערט מען אויס קעגנער און מען ווערט צוריק אַן אַנהענגער. פאַר יעדעס מאָל זוכט מען טעאָרע־טיש צו באַרעכטיקן די אייגענע ווידערשפּרעכלעכע האַנדלונגען. מען וואָלט דאָך געקענט אַנערקענען די אייגענע שוואַכקייט און צוגעבן, אַז מען איז אומ־באַהאָלפן זיך צו קאָנטראָלירן. ווילן עס נישט מענטשן, נאָר זיי ווילן זיך שטענדיק אידעאָלאָגיש באַרעכטיקן.

דאָס לעבן אינערהאַלב דער פאַמיליע איז אַ קוואַל פון כסדרדיקן געפיל־און געדאַנקען־בייט. אַט קריגט מען זיך און האָט בעט מען זיך איבער, און אַט קריגט מען זיך ווייטער און מען בעט זיך ווייטער איבער. פאַר יעדעס מאָל וואָס מען איז צעקריגט, טראַכט מען און מען רעדט אויס איינער אויפן אַנדערן דאָס ערגסטע, און פאַר יעדעס מאָל וואָס מען בעט זיך איבער, איז מען צוריק פיינע לייט. אַזוי האַלט זיך עס אין איין איבערחזרן יאָרן לאַנג: — אַ טאָג איז

די ווייב, דער מאַן, דער ברודער, די שוועסטער אאַז״וו — אַ פּאַסקודנע בריאה, און אַ טאָג ווידער אַ פיינער מענטש.

די מיינונגען וואָס מיר אַרבעטן זיך אויס וועגן מענטשן אונטערן דרוק פון כעס, פון שנאה, פון קנאה, צעפליִען זיך ווי רויך נאָכדעם ווי די דאָזיקע געפילן הערן אויף צו ווירקן און מיר ווערן צו די זעלבע מענטשן פריינטלעך געשטימט. די מיינונגען וואָס מיר אַרבעטן אויס וועגן מיר זייִנען באַהערשט פון איפּער־זוכט און נקמה־געפיל, פאַרלירן זייער קראַפט ווען די דאָזיקע געפילן הערן אויף צו ווירקן. די מיינונגען וואָס מיר אַרבעטן זיך אויס אונטערן דרוק פון דער ליבע, טויגן נישט נאָכדעם ווי די ליבע איז מער נישטאָ.

טוען מיר אַ פעלער, הויבן מיר באַלד אָן אויסטראַכטן אַ פילאָסאָפיע אים צו באַרעכטיקן, און באַגייען מיר אַ זינד, געפינען מיר באַלד ראיות אַז ס׳איז קיין זינד נישט, אָדער אַז מען מעג זינדיקן. (ווען מיר זעען אַן אַנדערן דאָס זעלבע טאָן, פאַרדאַמען מיר אים פון דעסט וועגן, אויפן שאַרפסטן אופן). ווען מיר דאַרפן טאָן אַ טובה עמיצן, און מיר האָבן קיין חשק נישט, זוכן מיר אויס ראיות פון אונטער דער ערד, אַז מיר זייִנען פּטור עס צו טאָן, און מיר טוען עס נישט.

מיט איין וואָרט: געדאַנק האַלט זיך אין איין בייטן צוזאַמען מיט געפיל; געדאַנק האַלט זיך אין איין אונטערוואַרפן געפיל. וואָס מיר זאָלן נישט פילן און ווי אַזוי מיר זאָלן נישט פילן, איז געדאַנק שטענדיק גרייט צו דערווייזן אַז אַזוי איז קלוג און לאָגיש. אַזוי איז עס ווען עס האַנדלט זיך וועגן קאָלעקטיוון דענ־קען און אַזוי ווען עס האַנדלט זיך וועגן אינדיווידועלן דענקען. אַזוי ווען עס האַנדלט זיך וועגן סאָציאַלע, פּאָליטישע און פילאָזאָפישע אַנשויונגען און אַזוי ווען עס האַנדלט זיך וועגן טאָגטעגלעכע אַנשויונגען פונעם יחיד, וועגן זייִנע קליינע פּריוואַטע פּראָבלעמען. איןביידע פאַלן באַשטימט געפיל און ווילן — געדאַנק. דער אונטערשייד איז בלויז אין דעם, וואָס אין ערשטן פאַל ווערט דער אינדיווידיד געבונדן דורך דער מיינונג פון אַנדערע. ווי באַלד מען נעמט אָן אַ באַשטימטע לעבנס־טעאָריע, מוז מען זיך מיט איר האַלטן, וואָרום טאָמער נישט, וועט מען קריגן אַ נאָמען פון אַ לייכטזיניקן און מען וועט דערפון ליידן. די אייגנליבע צווינגט מען זאָל זיך האַלטן מיט אַ טעאָריע וואָס מען האָט איין מאָל עפנטלעך אָנגענומען. אַנדערש איז עס מיט פּריוואַטע טעאָריעס און אינדי־ווידועלע באַשלוסן וועגן זאַכן וואָס זייִנען קיינעם נישט נוגע, נאָר דעם בעל דבר אַליין. דאָ ווייסט קיינער נישט וועגן אונדזערע אַנשויונגען, ווייל מיר דער־ציילן זיי קיינעם נישט. מיר טראַכטן אַליין, מיר באַשליסן אַליין און מיר בייטן אַליין די באַשלוסן. דאָ איז אונדזער געדאַנק אין גאַנצן פריי נאָכצוגיין אַלע געפיל־וואַקלונגען אָן מורא פאַר פרעמדע טאַדלונגען און דייטיקע צענזורן. ערשט דאָ קען מען איינזען ווי גרויס עס איז די ווירקונג וואָס געפיל און ווילן איבן אויס אויף געדאַנק. דאָרט, וווּ עס האַנדלט זיך וועגן עפנטלעכן דענקען, באַהאַלט מען זיך אויס; מען שעמט זיך צו ענדערן די אָנגענומענע מיינונגען, אַפילו ווען

מען וויל עס טאָן; דאָרט „דענקט” מען אויף כוח דאָס גאַנצע לעבן דאָס וואָס מען האָט איין מאָל אָנגענומען; מען רעדט זיך איין אַז מען איז איבערצייגט אין דעם אין וואָס מ׳איז אַמאָל איבערצייגט געווען, — מ׳באַמיט זיך צו זיין איבערצייגט. אַנדערש איז עס אויפן געביט פון פריוואַטן דענקען. דאָ דענקט מען פריי, אָן טאָרמאָזן, אָן צוימען און אָן צוואַנג. דאָ דענקט מען מיט אַן אמת ווי מ׳וויל. דאָ זאָגט מען זיך נישט קיין ליגנס, דאָ פאַרשפּאָרט מען זיך צו נאַרן. דאָ איז מען פריי צו בייטן טעאָריעס און מיינונגען וויפל מ׳וויל, און מ׳טוט עס טאַקע...

קאַפּיטל 4

דער בייט פון אונדזערע אידעען אין אָרט און צייט

I

דער פאַקט וואָס די מענטשלעכע אָנשויונגען בייטן זיך אין פאַרשיידענע היסטאָרישע תקופות און מיט נייע צייטן קומען אָן נייע אידעען און נייע קאָנ־צעפּטן, באַווייזט אויף דעם עמאָטיוון הינטערגרונט פון דער פילאָסאָפיע, און דעם פּרעדאָמיניום פון די עמאָציעס איבערן שכל. וואָלט שכל געווען אַן אויטאָ־נאָמער כוח און זיינע שלוסן וואָלטן געהאַט אַן אייגענעם ווערט, וואָלטן זיי נישט באַדאַרפט זיין אונטערוואָרפן די ענדערונגען פון דער צייט. דאָס וואָס איז אָביעק־טיוו אמת אין איין צייט, דאָס מוז אויך זיין אָביעקטיוו אמת אין אַלע צייטן. אָביעקטיווע אמתן קענען זיך נישט אַלע ווײַלע ענדערן. אויב די פילאָסאָפיע בייט זיך יאָ, איז עס אַ באַווייז אַז זי איז באַזירט אויף געפילן און עמאָציעס, און געפילן און עמאָציעס האָבן אַ טבע זיך אַלע מאָל צו ענדערן. דאָס וואָס איז אמת אין איין צייט, ביי איין סאָרט געמיט־איינשטעלונג אונדזערער, איז פאַלש אין אַן אַנדער צייט, ביי אַן אַנדער סאָרט געמיט־איינשטעלונג אונדזערער. דאָס וואָס איז שכלדיק און לאָגיש אין איין עפּאָכע, איז אומשכלדיק און אומלאָגיש אין אַ צווייטער עפּאָכע. די אמתן פון שכל זיינען אַזוי לאַנג גילטיק ווי לאַנג עס האַלט אָן די צייט שטימונג אויף וועלכער זיי זיינען באַזירט און וועלכע באַ־גלייט זיי. ענדערט זיך די צייט שטימונג, ענדערט זיך דער אמת.

אונטער פאַרשיידענע ווירקונגען פון צייט און אָרט, ווערן פאַרווירקלעכט פאַר־שיידענע אייגנשאַפטן פון מענטשנס גייסט. פאַראַן עפּאָכעס מאַטעריאַליסטישע און עפּאָכעס אידעאַליסטישע; עפּאָכעס ליבעראַלע און עפּאָכעס רעאַקציאָנערע; עפּאָכעס פרידלעכע און עפּאָכעס קריגערישע אאַז״וו. אין יעדער עפּאָכע ווערט אַקטיווי־זירט אַ באַשטימטע אייגנשאַפט פון מענטשנס גייסט און די אַנדערע אייגנשאַפטן

בלייבן פּאַסיוו. אין יעדער עפּאָכע באַוויזט זיך דער מענטש מיט אַן אַנדער אַספּעקט פון זיין פּסיכיק, און די אַנדערע אַספּעקטן בלייבן פּאַסיוו; זיי בלייבן אין איר אין דער פּאָטענץ זיי צו רעאַליזירן אין אַנדערע, מער צוגעפּאַסטע עפּאָכעס. אין עפּאָכעס פון הומאַניזם און ליבעראַליזם, למשל, ווערן אַקטיוויזירט די הומאַנע און ליבעראַלע געפילן, און עס בלייבן פּאַסיוו די ברוטאַלע און רעאַקציאָנערע געפילן. אין רעאַקציאָנערע עפּאָכעס, פאַרקערט, ווערן אַקטיוויזירט די ברוטאַלע און רעאַקציאָנערע געפילן און די ליבעראַלע בלייבן פּאַסיוו. אין עפּאָכעס פון אידעאַליזם און ראָמאַנטיק, ווערן אַקטיוויזירט די אידעאַליסטישע און ראָמאַנטישע געפילן און עס בלייבט פּאַסיוו די מאַטעריאַליסטישע און פּראַק־טישע געפילן, און אין מאַטעריאַליסטישע און פּראַקטישע עפּאָכעס, פאַרקערט, ווערן אַקטיווירט די מאַטעריאַליסטישע און פּראַקטישע געפילן און עס בלייבן פּאַסיוו די אידעאַליסטישע און ראָמאַנטישע געפילן. עס מיינט נישט, אַז אין עפּאָכעס פון אידעאַליזם ווערט געבוירן אַ אידעאַליסטישע מענטשהייט און אין עפּאָכעס פון מאַטעריאַליזם אַ מאַטעריאַליסטישע מענטשהייט, און אין יעדער עפּאָכע באַקומט די מענטשהייט אַן אַבסאָלוט נייעם גייסט, אַן אַבסאָלוט נייע מענטאַלי־טעט, — דער מענטש ווערט ביאָלאָגיש אַ נייע באַשעפעניש, נייך, דאָס מיינט עס נישט. די מענטשהייט איז, אין דער היסטאָרישער צייט, שטענדיק די זעלבע. נישט מער, אַ מאָל האָט זי דאָס גליק צו שטיין אומגעווענדט מיט דער ליכטי־קער זייט פון איר נשמה צום לעבן און די טונקעלע בלייבט אומאַקטיוו, און אַ מאָל פאַרקערט, דרייט זי זיך אויס מיט דער פינצטערער זייט צום לעבן און די ליכ־טיקע בלייבט אומאַקטיוו.

אַזוי איז עס אין לעבן פון דער מענטשהייט און פון גרויסע מענטשלעכע קיבוצים און אַזוי איז עס אין לעבן פון מענטשלעכן יחיד. לעבט דער יחיד אונטער גליקלעכע אומשטענדן און אונטער מילדע השפעות, איז ער בעסער און אידעלער, דאָס מיינט, עס ווערן רעאַליזירט די בעסערע אייגנשאַפטן פון זיין כאַראַקטער, און די ערגערע אייגנשאַפטן בלייבן דרעמלען אין דער טיפעניש פון זיין נשמה; בייטן זיך די אומשטענדן און דער זעלבער מענטש הויבט אָן פירן אַ שווער, אומגליקלעך לעבן און הויבט אָן אַרונטערפאַלן אונטער שעדלעכע השפעות, ווערט ער ערגער, דאָס הייסט, די ערגערע אייגנשאַפטן פון זיין כאַראַק־טער, וואָס האָבן פריִער געדרעמלט אין זיין גייסט וואַכן אויף, און די בעסערע אייגנשאַפטן, וואָס זיינען פריִער געווען וואַך, דרעמלען איין. ס'איז נישט געוואָרן קיין אַנדער מענטש, דער דאָזיקער מענטש האָט נישט געביטן זיין כאַראַקטער; ראובן איז נישט געוואָרן שמעון; ס'איז געבליבן דער זעלבער ראובן וואָס פריִער, מיט זיין פּערזענלעכן כאַראַקטער. נישט מער אין יעדן מענטשנס כאַראַקטער זיינען פאַראַן די פאַרשיידנסטע אייגנשאַפטן. אַ מאָל ווערן פאַרווירקלעכט די, אַמאָל אַנדערע און אַ מאָל נאָך אַנדערע. אַריבערטרעטן איבער אייגענע כאַראַק־טער־מעגלעכקייטן און ווערן גאָר עפּעס אַנדערש ווי דאָס וואָס מ'האָט די מעג־

לעכקייט צו זיין, דאָס קען נישט, נישט דער יחיד און נישט די מענטשהייט אין גאַנצן גענומען.

זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פרעמדן צו זיך, ווערן אין גאַנצן אַן אַנדערער ווי מ׳איז, דאָס איז אוממעגלעך. מ׳בלייבט שטענדיק אַזוי גוט אָדער אַזוי שלעכט, אַזוי קלוג אָדער אַזוי נאַריש, אַזוי מוטיק אָדער אַזוי שרעקעדיק אַאַז״וו, ווי מ׳האָט עס ביכולת צו זיין. מ׳בייט זיך טאַקע, אָבער אויף אַ פערזענלעכן אופן; מ׳בייט זיך און מ׳בלייבט דער זעלבער. אינערהאַלב די גרענעצן פון אייגענעם אינטעלעקט און כאַראַקטער קען מען דורכמאַכן די פאַרשיידנסטע פאַרוואַנדלונגען און מעטאַמאָרפאָזן, — אין אָנקלאַנג צו דער אייגענער פּאָטענציעלער פאַרשיידנקייט, אָבער אַריבערטרעטן די גרענעצן פון די אייגענע גייסט־מעגלעכקייטן, דאָס קען מען נישט. יעדער מוז בלייבן אין די ראַמען פון זיין אייגענעם זיין; ער קען זיין אַזוי פאַרשיידן ווי פאַרשיידן זיין זיין איז, אָבער נישט מער. דאָס וואָס איינער האָט נישט פּאָטענציעל אין זיין גייסט, דאָס קען ער פון זיך נישט אַרויסברענגען אונטער קיינע אומשטענדן. דער גוטער קען נישט זיין מער גוט ווי ער קען זיין, דער קלוגער קען נישט זיין מער קלוג ווי ער קען זיין און דער פעיִקער קען נישט זיין מער פעיִק ווי ער קען זיין. דאָס מיינט, אַז עס איז פאַראַן אַ גרענעץ צו יעדן איינעמס גוטסקייט, קלוגשאַפט און פעיִקייט. מען קען דורך דערציִונג, קולטיווירונג און אַנטוויקלונג גרייכן ביז צום מאַקסימום־גרענעץ פון די אייגענע מעגלעכקייטן, אָבער אַריבערשפּאַנען די דאָזיקע גרענעץ קען מען נישט. זיין נאָך בעסער, נאָך קליגער און נאָך פעיִקער ווי מ׳האָט ביכולת צו זיין, דאָס קען מען נישט. מ׳קען נישט, דורך דערציִונג און בילדונג, זיך מאַכן נאָך פעיִקער ווי מ׳איז. עס איז נישט שייך צו זאָגן, אַז ווי באַלד איינער האָט געקריגן אַ גוטע דערציִונג און ער האָט אַרויסגעוויזן גוטע פעיִקייטן, אַז ווען ער זאָל געווען געקריגן אַ צען אָדער הונדערטפּאַך בעסערע דערציִונג, וואָלט ער געווען צען אָדער הונדערטפּאַך פעיִקער. מ׳קען דערציִען די אייגענע פעיִקייטן ביזן העכסטן פונקט. אָבער איז דער דאָזיקער העכסטער פונקט דערגרייכט, קען עס ווייטער נישט גיין. איין מענטש מיט קלענערע פעיִקייטן, קען, דורך דערציִונג, נישט באַקומען אַזעלכע פעיִקייטן, ווי אַן אַנדערער וואָס איז מער פעיִק פון אים. קיין זשעני קען זיך קיינער נישט אויסלערנען צו זיין, ווען ער זאָל זיך אַפילו דאָס גאַנצע לעבן האַלטן אין איין לערנען.

לעבן און דערציִונג ענדערן דעם מענטשן. גוט לעבן און גוטע דערציִונג ברענגען אַרויס דאָס בעסערע וואָס איז דאָ אין אים, און שלעכט לעבן און שלעכטע דערציִונג ברענגען אַרויס דאָס ערגערע. עס הייסט אַז זיי ענדערן אים און ער בלייבט דאָך דער זעלבער. זיי ענדערן אים אויף אַזוי פיל אויף וויפל זיי אַנטוויקלען די גוטע אָדער די שלעכטע אייגנשאַפטן פון זיין כאַראַקטער, און בלייבן דער זעלבער בלייבט ער, מחמת דער כאַראַקטער אַלס אַזעלכער, מיט די גוטע ווי מיט די שלעכטע אייגנשאַפטן, בלייבט דער זעלבער. עס בייט זיך נישט

דער כאַראַקטער; עס ווערן בלויז אַרויסגעבראַכט די פאַרשיידענע אייגנשאַפטן פון זעלבן כאַראַקטער.

II

אויב די מענטשן פון אַ באַשטימטער עפּאָכע ווערן אויף אַ גלייכאַרטיקן אופן באַאיינפלוסט פון איר און עס שאַפט זיך ביי זיי אַ ענלעכקייט פון פילן און דענ־קען, איז עס דערפאַר, וואָס זיי זיינען אינערלעך אַזוי ענלעך איינער צום אַנדערן. ווען עס איז פאַראַן אינערלעכע ענלעכקייט, איז אויך פאַראַן — אונטער די זעלבע אומשטענדן — אויסערלעכע ענלעכקייט. די וואָס זיינען אינערלעך ניט ענלעך, די זיינען אויך אויסערלעך נישט ענלעך.

די נישט־ענלעכע, די אייגנאַרטיקע, די אויסגעשפּראָכן־פּערזענלעכע, אויף זיי איז די צייט נישט שולט. זיי, די דאָזיקע איבער־ און אויסער־צייטלעכע, זיי קענען אונטער קיינע אומשטענדן ניט רעזיגנירן פון זייער איך, נאָר זיי מוזן לעבן און דענקען נאָר אין אַנקלאַנג מיט זיך. אויב זיי בלייבן פרעמד זייער צייט, איז עס נישט קיין קאַפּריז פון זייער זייט, נאָר ס'איז אַ מוז אַזעלכער, זיי בלייבן פרעמד זייער צייט, ווייל זיי זיינען איר פרעמד. וויפל זיי זאָלן זיך נישט באַמיִען צוצוהערן צו דער שפּראַך פון דער צייט, וועלן זיי זי נישט פאַרשטיין, ווייל זייער גייסט נעמט זי נישט אויף, ער שטויסט זי אָפּ פון זיך.

ווען עס וואָלט אמת געווען אַז די צייט איז דער אויסשליסלעכער באַשטי־מער פונעם מענטשלעכן גייסט, און דער גייסט גופא, דער גייסט פון זיך אַרויס, האָט גאָר נישט וואָס צו זאָגן, ער ווירקט נישט אין קיין פאַל קעגן און פאַרויס דער צייט, וואָלט באַדאַרפט זיין פולשטענדיק סטאַגנאַציע אין דער קולטור פון דער מענטשהייט און קיין שום פּראָגרעס זאָל נישט געמאָלט זיין. אַלץ האָט באַ־דאַרפט פאַרגליווערט ווערן אונטער דער ווירקונג פון אַ באַשטימטער צייט און זיך נישט רירן פון אָרט.

ווי אַזוי קומען פאָרט נייע צייטן און נייע קולטורן? ווי אַזוי רייסט זיך דורך די קולטור און די „צייט" פון „מאָרגן" דורך די אומדורכדרינגבאַרע באַריערן פון דער היינטיקער קולטור און דער היינטיקער צייט? ווער זיינען די דורכרייסער און דורכברעכער? — דאָס זיינען די אָריגינעלע, זעלבסטשטענדיקע דענקער, די וואָס טראָגן זייערע אידעען און אָנשויונגען אויסגעקריצט אין זייער גייסט. די דאָזיקע לאָזן זיך נישט דאָמינירן פון קיין צייט־גייסטן און לאָזן זיך נישט צוימען פון סביבה־ווירקונגען. זיי זיינען די וועלכע ברעכן סביבה און צייט און טרייבן דעם ראָד פון דער געשיכטע פאָרויס; זיי זיינען די אויסשמידער פון נייע עפּאָכעס, נייע אידעען, נייע לערעס און נייע קולטורן. זיי זיינען נישט די תלמידים פון היינט, נאָר די לערערס פון מאָרגן; זיי זיינען נישט די פּראָדוקטן פון דער „וועלט וואָס איז פאַראַן", נאָר די שאַפערס פון דער „וועלט וואָס וועט קומען". און מעג

זיי אַפילו זייער צייט נישט פאַרשטיין און זייער דור נישט אויפנעמען, שלאָגט דאָך זייער שעה און זיי לעבן־אויף דורך זייערע ווערק אין אַ דור אָדער אין צוויי אַרום.

די מיינונג, אַז די מענטשלעכע אידעען — די אידעען פון אַלע מענטשן — זיינען אַ פּראָדוקט פון צייט און אָרט, האָט זיך אויסגעאַרבעט קוקנדיק בלויז אויף די מאַסן און נישט קוקנדיק — אָדער נישט זעענדיק — די גרויסע, איינצלנע, וואָס גייען פאַרויס די מאַסן און וועלכע אינספּירירן די מאַסן. די מאַסן זיינען נישט מער ווי אַ גרויסער מיליאָניקער כאָר, וואָס זינגט נאָך דאָס געזאַנג פון אַ גרויסן סאָליסט. זען בלויז די מאַסן נאָך־זינגער און נישט זען די איינצלנע פאָרזינגער, הייסט, אין בעסטן פאַל, זען אַ האַלבע זאַך. דער פּראָצעס פון סאָציאַלן דענקען קומט פאָר אויף אַזאַ אופן: צום ערשטן גייט אַן איינצלנער פאָר־דענקער און נאָך דעם קומט אַ מאַסע נאָך־דענקער. די איינצלנע פאָר־דענקער זיינען נישט קיין אַנדערע ווי נאָר די זעלבשטענדיק־דענקענדיקע, די זיך געטריי־דענקענדיקע יחידים, וואָס ברעכן די אידעען פון „היינט" און זאָגן־אָן די אידעען פון „מאָרגן". דורך די מאַסן קומען די דאָזיקע אידעען צום אויסדרוק. אין אַ באַ־שטימטן צייטגייסט זעט מען אָפּגעשפּיגלט דעם גייסט פון זיינע שאַפערס און אַנ־רעגערס. די מאַסן־אידעאָלאָגיע אַנטפּלעקט דעם מהות פון אירע גרויסע מענטשן. די מאַסן שאַפן דאָך נישט אַליין זייערע אידעען, די מאַסן נעמען דאָך זייערע אי־דעען ביי לערערס, ביי פירערס, ביי וועגווייזערס. די דאָזיקע לערערס און פירערס און וועגווייזערס זיינען נישט קיין פּראָדוקט פון צייט, נאָר אַ פּראָדוקט פון זיך אַליין; זיי דענקען נישט וואָס די צייט הייסט זיי, נאָר וואָס זייער איך הייסט זיי.

דער גייסט פון דער מאַסע — אַזוי פון דער פּראָפּאַנער ווי פון דער אינס־טרוזירטער — איז איינפאָרמיק. די מיטלמעסיקע מענטשן זיינען אַזוי ענלעך צווישן זיך, אַז דאָס וואָס ס'געפעלט איינעם, געפעלט אַלע; דאָס וואָס איינער האַלט פאַר קלוג און גוט, האַלטן אַלע פאַר קלוג און גוט; דער גלויבן פון איינעם, איז דער גלויבן פון אַלע און די אידעען פון איינעם זיינען די אידעען פון אַלע.

דער גייסט פון דער מאַסע, איז שטום און אומשעפעריש און זי קען אין זיך גאָר נישט לערנען. זוכט זי גייסטיקע פּענער אונטער וועלכע זיך אַרונטערצו־שטעלן; זוכט זי געדאַנקען צו אַדאָפּטירן, געפילן צו אַנטוויקלען, געשמאַקן צו קולטיווירן. דאָס גיט איר דער צייטגייסט. דער צייטגייסט לערנט איר ווי צו פילן, ווי צו דענקען, ווי צו ריידן, ווי זיך צו באַנעמען אאַ״וו. אַליין פון זיך ווייסט זי גאָר נישט. זי מוז אין אַלץ אָנגעוויזן און באַאיינפלוסט ווערן.

די גרעסטע מערהייט מענטשן זיינען פעלבאַר פון אַן אייגענער גייסט־ריכטונג. זייער גייסט איז נייטראַל צו די קאַרדינאַלסטע פּראָגעס פון לעבן און געדאַנק; ער איז מסוגל זיך צו נייגן מיט דער זעלביקער לייכטקייט אין די פאַרשיידנסטע קעגנזעצלעכע ריכטונגען, אָפּהענגיק דערפון וווהין ער ווערט געשטויסן פון אויי־סערלעכע כוחות. אַלע מאָל קומט אויף אַ נייע גייסטיקע מאָדע וועלכע אַלע גייען

נאָך. אַ מאָל איז אין דער מאָדע זיך צו קליידן אין העלע גייסטיקע פאַרבן, קליידן זיך אַלע העל, און אַ מאָל איז אין דער מאָדע זיך צו קליידן אין טונקעלע גייסטיקע פאַרבן, קליידן זיך אַלע טונקל; אַ מאָל איז אין דער מאָדע ליבעראַליזם, ווערן אַלע ליבעראַלן, און אַ מאָל איז אין דער מאָדע רעאַקציע, ווערן אַלע רעאַקציאָנערן. דאָס וואָס טויג פאַר אײנעם, דאָס טויג פאַר אַלע, און דאָס וואָס עס טויג פאַר אַלע, דאָס טויג אויך פאַר יעדן אײנעם באַזונדער. עס גייט דאָ נישט וועגן די סיבות וואָס זיינען גורם די ענדערונגען אין די גייסט־שטרעמונגען פון דער מענטשהייט, נאָר עס גייט וועגן דעם פאַקט, אַז אַזעלכע ענדערונגען זיינען דאָ. און זיי זיינען דאָ דערפאַר, וואָס די סתם־מענטשן, די דורכשניט־מענטשן זיינען צוגעשניטן לויט איין מאָס, זיינען געגאָסן אין איין פורעם און געקנאָטן פון איין טייג. זייער מענטאַליטעט איז, אין גרויסן און גאַנצן, אידענטיש צווישן זיך. די זעלביקע אויסערלעכע סיבות וואָס באַאיינפלוסן דעם גייסט פון איין מיטלמעסיקן מענטשן אין אַ באַשטימטער ריכטונג, די זעלביקע סיבות באַאיינפלוסן דעם גייסט פון אַלע מיטלמעסיקע מענטשן אין דער זעלביקער ריכטונג.

דער מערהייט־מענטש, ער ווערט אַראָפּגעשווענקט פון צייט און אָרט. זיין אוממיטלבאַרער אַרום שלינגט אים איין, ער מאָדעלירט אים, ער פורעמט און שמידט־אויס זיין לויזע פערזענלעכקייט. וואָס עס טוען, טראַכטן און פילן אַלע זיינס גלייכן, דאָס טראַכט, פילט און טוט אויך ער. ער דענקט מיטן קאָפּ פון דער געמיינשאַפט און פילט מיט דער האַרץ פון דער געמיינשאַפט. דאָס וואָס אַלע האַלטן אַז ס׳איז גוט, האַלט ער אויך אַז ס׳איז גוט און דאָס וואָס אַלע האַלטן, אַז ס׳איז שלעכט, האַלט ער אויך אַז ס׳איז שלעכט דאָס וואָס אַלע זאָגן אַז ס׳איז קלוג, זאָגט ער אויך אַז ס׳איז קלוג, און וואָס אַלע זאָגן אַז ס׳איז נאַריש, זאָגט ער אויך אַז ס׳איז נאַריש; ער שעמט זיך מיט דעם וואָס אַלע שעמען זיך און גרייסט זיך מיט דעם וואָס אַלע גרייסן זיך; ער פאַרדאַמט וואָס אַלע פאַרדאַמען און פאַרערט וואָס אַלע פאַרערן. די אַלגעמיינע מיינונג און די אַלגעמיינע פירונג — דאָס איז זיין אָפּגאָט, דאָס איז הייליק. זיך קעגנשטעלן די אַלגעמיינע מיינונג, איז איבער זיינע כוחות. ער פּרוּווט דאָס אַפילו נישט, עס קומט אים אַפילו נישט אויפן זינען דאָס צו טאָן. וואָרעם ער איז אין גאַנצן באַהערשט פון איר, ער איז אין גאַנצן אויסגעפילט מיט איר. מיינען מיינט ער, כלומרשט, אַז ער האַנדלט, דענקט און פילט זיך זעלבשטענדיק און פריי, אַז ער פירט־אויס נאָר דאָס וואָס עס דיקטירט אים זיין אייגענע איבערצייגונג און זיין אייגענער איינזען. אין דער אמתן אָבער, איז ער אַ בלינדער אינסטרומענט פון דער סביבה; ער פירט־אויס נאָר דאָס וואָס די געהיימע שטימע פון דער סביבה וואָס איז אַריינגעוואַקסן אין אים, באַפעלט אים. אויסוויזן ווייזט זיך אים אויס, אַז די מיינונג וואָס ער האָט, איז זיינע אַן אייגענע. און צום סוף איז זי גאָר פון דער סביבה. געפינען געפינט ער טאַקע די מיינונג אין זיך. ווער אָבער האָט די מיינונג אַריינגעטאָן אין אים? די סביבה. די סביבה איז אָן זיין וויסן אַריינגעוואַקסן אין אים און זי באַוועלטיקט אים. זי רעדט

אַרויס פון זיין יעדן וואָרט, זי האַנדלט אַרויס פון זיין יעדן טאַט, זי קומט צום אויסדרוק אין זיין יעדן קער אוןווענד. אין אים איז אָפּגעדרוקט דער סביבהס גאַנצע תורה און גאַנצע חכמה און ער פאַרויסערט זיי אויף אַ גאַנץ ספּאָנטאַנעם און אומבאַוווסטזיניקן אופן. זיך געבן חשבון, אַז ער איז דער סביבהס פּראָדוקט און ווערקצייג, דאָס גיט ער זיך נישט. די השפּעות פון דער סביבה דרינגען אין אים אַריין אַן זיין מינדסטן וויסן און אַנונג. ער פילט נישט און באַמערקט נישט אַז ער איז דער סביבהס אַן אומאויפהערלעכער תלמיד, אַז זי לערנט אים אויף יעדן שריט און טריט, אַז אירע לעקציעס זאַפּט ער אַריין אין זיך. איז ער דאָך אין דער דאָזיקער סביבה געבוירן און דערצויגן; לעבט ער דאָך אין איר פון זיין פריסטער קינדהייט, איז אַ טייל פון איר און איז איינס מיט איר און ער נעמט־אויף איר לערע אין גאַנצן אומבאַמערקט. אַלץ וואָס ער זעט דאָרטן פאַר־קומען, אַלץ וואָס עס ווערט דאָרט געדענקט, גערעדט און געטאָן, דרינגט אין אים אַריין אויטאָמאַטיש און אומבאַוווסט פאַר אים אַליין. מיט יעדן אָטעמצוג אָטעמט ער אין זיך אַריין די מיינונגען, געדאַנקען און געפילן פון דער סביבה, ער זאַפּט זיי אַריין אין זיך, זיי ווערן אַ טייל פון אים, זיי ווערן — ער. זיין נשמה איז די נשמה פון דער סביבה און זיין גייסט איז אַ קאָפּיע פון דער סביבהס גייסט. אין אים שפּיגלען זיך אָפּ אַלע שטרעמונגען און אַלע שטרעבונגען און אַלע געבנג פון דער סביבה. ער רעפלעקטירט זיי אָפּ אין זיך, ער אימיטירט זיי, ער רעדט זיי איבער, דענקט זיי איבער און פילט זיי איבער, כאָטש, ווי געזאָגט, עס ווייזט זיך אים אויס, אַז דאָס זיינען זיינע אייגענע רייד, זיינע אייגענע גע־דאַנקען און זיינע אייגענע געפילן.

דער דורכשניט־מענטש, איז דער סביבה־מענטש. אין דער סביבה איז ער אַלץ; אָן דער סביבה גאָרנישט. אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט געהער דער סביבה; צו אים אַליין געהערט גאָרנישט. אָפּגעריסן פון דער סביבה איז ער געגליכן צו אַן אויסגעוואָרצלטער פלאַנץ, וואָס הייבט־אָן וועגעטירן, וועלקן און שטאַרבן. פון דער געמיינשאַפט ציט דער דורכשניטס־מענטש זיינען לעבנס־זאַפטן, און אָפּ־געריסן פון איר, איז ער פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. אָן אַ סביבה איז דער דורכשניט־מענטש נישט עקסיסטענץ־פעיִק. ער קען עקסיסטירן נאָר אַלס אַ טייל פון אַ געמיינשאַפט. איבערגעלאָזט אויף אייגענעם באַראַט און אויף די אייגענע כוחות, ווייסט ער נישט ווי זיך צו קערן און ווו זיך צו ווענדן און ער בלייבט הענגען אין דער לופטן, אָן אַ באָדן הינטער די פיס. מיט די אייגענע גייסטיקע כוחות און אויף דער אייגענער איניציאַטיוו, וועט ער נישט מאַכן קיין איין איינציקן טריט. ער וועט זיך פלאָנטערן און בלאָנדזשען און וועט פון טעמפּן ווינקל קיין מאָל נישט אַרויסקריכן.

אַזעלכער איז דער דורכשניטלעכער מענטש פון אַלע סאָרטן: דער דורכ־שניטלעכער אַרבעטער און דער דורכשניטלעכער קליינבירגער; דער דורכשניט־לעכער בורזשוא און דער דורכשניטלעכער אינטעליגענט. אַלע לאָזן זיי זיך

טראָגן פון דעם שטראָם פון זייער סביבה, אַלע גייען זיי אין דעם אויסגעטראָ־טענעם וועג אין וועלכן עס גייען אַלע זייערס גלייכן. זיך ווידערשטעלן דעם אָרום, מאַכן אַ זעלבסטשטענדיקן שריט, דערויף זיינען זיי נישט פעיִק.

דאָס איז מאַנגל פון זעלבסטשטענדיקן גייסט, דאָס איז אָפּוועזנהייט פון אייגענער פּערזענלעכקייט. דער אייגענער גייסט איז שטום, האָט נישט קיין אייגענע ליניע און קיין אייגענע ריכטונג, ווייסט נישט וווהין צו גיין און וווהין זיך צו בויגן, מוז ער געשטויסן ווערן פון אַן אויסערלעכן כוח וואָס זאָל אים וויַיזן דעם וועג און געבן די ריכטונג. אָט דאָס איז עס וואָס מ׳רופט מאַסן־גע־דאַנק. עס זעט אויס ווי אַלע וואָלטן זיך באַנוצט מיט אַ בשותפותדיקן קאָפּ; ווי אַלע וואָלטן געדענקט מיט איין מוח. ווי אַלע וואָלטן באַזעסן איין שכל — אַ סטאַנדאַרט שכל.

און אַז עס קומט אַ מאָמענט, ווען צוליב די אָדער אַנדערע סיבות, נעמט דער אַלגעמיינער געדאַנקן־שטראָם פליסן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, בייט זיך באַלד די אַלגעמיינע איבערצייגונג און אַלע הייבן אָן איינזען דאָס פאַרקערטע וואָס זיי האָבן נעכטן איינגעזען. עס דאַרף נאָר ווערן אַ מאָדע צו דענקען אַנדערש ווי מ׳האָט נעכטן געדענקט, און באַלד הייבן אַלע אָן צו דענקען אַנדערש, לויט דער נייער מאָדע. מ׳רעדט זיך נישט אויף פריִער, מ׳אַרגומענטירט נישט, מ׳דיס־קוטירט נישט, מ׳דערוויַיזט נישט, נאָר פון זיך אַליין, מיטן בלויזן כוח פון קעגנזייטיקער אָנשטעקונג, בייט זיך דער אַלגעמיינער געדאַנק אין אַ נייער ריכ־טונג און אַלע הייבן פלוצעם אָן אויסצוגעפינען אַז זיי זיינען איבערגעצייגט אין נייע אמתן. די אַרגומענטן, ראיות, סבראָס, לאָגיקעס פאַר די פריִערדיקע אידעען, ווערן מיט איין מאָל פאַרעלטערט און אָפּגענוצט, און עס הייבן אָן גילטן נייע אַרגומענטן, נייע ראיות, נייע סבראָס און נייע לאָגיקעס.

III

צו מאַסן־אידעאָלאָגיעס דאַרף מען אָנווענדן אַן אַנדער קריטעריום ווי צו די אידעאָלאָגיעס פון זעלבסטשטענדיק־דענקענדיקע מענטשן. דער געדאַנק פון דער מאַסע איז אַ פּראָדוקט פון אויסערלעכע איינפלוסן, ער שפּיגלט אָפּ בלויז ווירקונג פון צייט און אָרט, ער דריקט נישט אויס קיין אינערלעכע איבער־צייגונג, מחמת די מאַסע קומט נישט צו אירע געדאַנקען דורך קיין אינערלעכער איבערצייגונג, נאָר דורך אויסערלעכע ווירקונגען. וואָס שייך אינערלעכער איבערצייגונג וואָלט די מאַסע געקענט ווערן פונקט אַזוי איבערצייגט אין אַ קעגנ־זעצלעכער אידעאָלאָגיע ווי אין דער וואָס זי איז עס פאַקטיש געוואָרן. אַנדערש איז עס מיטן געדאַנק פון עכט־דענקענדיקן מענטשן. זיין דענקען איז אַ פּראָדוקט פון זיך אַליין, פון זיין אופן זיין און פילן. זיינע אידעען קענען נישט זיין די און

אַנדערע און דריטע, נאָר זיי מוזן זיין נאָר די וואָס זיי זיינען און נישט קיין אַנדערע. ביי אים איז נישט שייך צו זאָגן, אַז ווען אַן אויסערלעכער כוח וואָלט אים געשטויסן אויף אַן אַנדער אידעען־וועג, וואָלט ער אויף אים געגאַנגען, ניין, ער וואָלט נישט געגאַנגען; ער וואָלט בלויז געגאַנגען אויף דעם איינציקן אידעען־וועג וואָס ער איז פּאַקטיש אַוועק, מחמת דאָס איז דער איינציקער וועג וואָס אַנטשפּרעכט זיין אינערלעכן זיין; בלויז די דאָזיקע אידעע האָט אים איבער־צייגט און קיין אַנדערע וואָלט אים נישט איבערצייגט. עס הייסט, אַז דער מענטש־לעכער געדאַנק שיידט זיך ראַדיקאַל אונטער אין זיין מאַסן־אויסדרוק און אין זיין יחידישן אויסדרוק. די מאַסע דענקט אימיטאַטיוו; דער עכט־דענקענדיקער יחיד דענקט אָריגינעל. ביי דער מאַסע איז ריכטיק אַז דער סאָציאָלער זיין באַ־שטימט איר באַוווסטזיין;ביים יחיד איז ריכטיק אַז דער פּסיכאָלאָגישער זיין באַשטימט זיין באַוווסטזיין. דער דורכשניטלעכער מענטש איז אָפּהענגיק מיט זיין געדאַנקלעכן לעבן פון אַרום; דער אָריגינעלער יחיד נישט; ביי אים שפּילט די הויפּטראָלע זיין גייסט.

פּערזענלעכקייט איז איבער השפּעה פון סביבה און צייט. דער פּערזענלעכער גייסט איז גובר דעם גייסט פון צייט און אָרט. דער וואָס האָט צו זאָגן אַן אייגן וואָרט, דער ווערט עס זאָגן ווען און ווו און עס זאָל נישט זיין. דער וואָס טראָגט אין זיך אַן אייגנאַרטיקע פילאָסאָפיע און אַן אייגנאַרטיקן וועלט־בליק, ווערט די זעלבע פילאָסאָפיע און דעם זעלבן וועלט־בליק האָבן שטענדיק און אומעטום, אין אַלע סביבהס און אין אַלע צייטן. צייט און אָרט וועלן בלויז אויבערפלעכלעך מאָדי־פיצירן זיין דענק־אופן און אים צופּאַסן צום אַלגעמיינעם גראַד וויסן פון דער צייט. אין תוך אָבער ווערט זיין דענק־אופן שטענדיק בלייבן דער זעלבער.

אין אַלע צייטן און תקופות, נישט געקוקט אויפן צייט־קאָלאָריט פון אַלגע־מיינעם פילאָסאָפישן געדאַנק און אויף דער דאָמינירנדער פילאָסאָפישער שיטה, איז דאָך שטענדיק געווען פּלאַץ פאַר זעבסטשטענדיקע דענקערס. קיין מאָל האָט קיין שום צייט־פילאָסאָפיע נישט געקענט באַהערשן אַלע מוחות. שטענדיק איז דער אייגנאַרטיקער דענקער געבליבן אומאָפּהענגיק.

דער אַנגענומענער צוגאַנג צו זוכן אַ צוזאַמענהאַנג צווישן די דענקער און זייער עפּאָכע, צו באַמיִען זיך שטענדיק אין דער עפּאָכע צו געפינען אַ דער־קלערונג פאַר די געדאַנקען און אַנזיכטן פון די דענקערס — פונקט אַזוי ווי נאָר די עפּאָכע וואָלט געלערנט די דענקערס וואָס צו דענקען און ווען נישט די עפּאָכע וואָלטן די דענקערישע מוחות, חס וחלילה, געבליבן ליידיק — אָט דער דאָזיקער צוגאַנג ווייזט ווי די דורכשניטס־מאָס דאָמינירט אומעטום. בשום אופן איז דער דאָזיקער צוגאַנג נישט אָנווענדבאַר לגבי אָריגינעלע דענקערס, לגבי די וועלכע טראָגן אין זיך אַן אייגענעם געדאַנק. די דאָזיקע זיינען פּאָרויסגייער, באַנייער, צוים־ברעכער, אָבער נישט קיין רעזולטאַט און פּראָדוקט פון סביבה און אַרום. זיי זיינען די שאַפער פון קומענדיקע נייע צייטן; זיי זיינען די פּאַראורזאַכער פון

נייע אידעאָלאָגישע באַוועגונגען און נייע געדאַנק־תּקופות, אָבער זיי אַליין — זיי אַליין ווערן פאַראורזאַכט נאָר פון זיך און מער פון גאָרנישט. ביי זיי איז בלויז שייך צו ריידן וועגן צוזאַמענפאַל פון זייער געדאַנק מיט דעם געדאַנק פון זייער צייט, אָדער נישט. די יעניקע וועמענס אידעען זיינען אידענטיש מיט די אידעען פון דער צייט, זיי לעבן זיך אויס אין איר, און די אַנדערע, וועמענס אידעען זיינען נישט אידענטיש מיט די אידעען פון דער צייט, זיי בלייבן פאַר־איינזאַמט, זיי בלייבן שטיין מן הצד פון לעבן און מען זעט זיי נישט אַרויס. — מען זעט זיי נישט אַרויס, אָבער זיי זיינען דאָ. זעלבסטשטענדיקע דענקערס זיי־נען שטענדיק דאָ, נישט מער, אין קעגנגעזעצטע צו זיי עפּאָכן, זיינען זיי איזאָ־לירט, צעשטויבט און האָבן נישט קיין השפּעה אויפן לעבן פון זייער צייט, דאָס הייסט אויפן מאַסן־לעבן. די ברייטע מענטשלעכע מאַסן זיינען די וואָס לייגן אַרויף זייער חותם אויף עפּאָכעס און צייטן. געשיכטלעכע עפּאָכעס באַצייכנט מען און מען כאַראַקטעריזירט זיי לויט דעם לעבן פון די גרויסע מאַסן און נישט פון קיין איינצלנע. די וואָס לעבן און דענקען אַנדערש ווי עס לעבן און דענקען די מאַסן פון זייער צייט, די זעט מען נישט.

אין רעזולטאַט באַקומט זיך אַט וואָס: מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז דענקערס מיט אַן אייגנאַרטיקן גייסט, דענקערס זעלבסטשטענדיקע, זיינען אין גאַנצן נישט אָפּהענגיק פון קיין אומשטענדן, אַז זיי זיינען איבער יעדע אומשטענדן, אַז אַבי „גאָט" שמידט נאָר אויס אַ גרויסן גייסט און שיקט אים אַראָפּ אויף אונדזער זינדיקער ערד, מוז ער שוין זיגן. ניין, אויך דער געניע מוז באַגינסטיקט ווערן פון אומשטענדן, כדי ער זאָל זיך קענען אַנטוויקלען. עס זיינען אָן צווייפל שטענ־דיק פאַראַן געניאַלע מענטשן וואָס גייען פאַרלוירן, צוליב דעם וואָס די אומ־שטענדן זיינען קעגן זיי. מ׳דאַרף אָבער קלאָר מאַכן וואָס עס מיינט „די אומ־שטענדן זיינען קעגן זיי". און מיינען מיינט עס נאָר דאָס וואָס מיר זאָגן: אַז אין יעדער עפּאָכע זיינען פאַראַן דענקערס, וועלכע זיינען מיט איר אידענטיש, און פאַראַן דענקערס וועלכע זיינען צו איר ווידערשפּרעכלעך. די ערשטע, ביי וועלכע עס איז פאַראַן צוזאַמענפאַל צווישן זייער אינדיווידואַל־גייסט און דעם גייסט פון דער עפּאָכע, וועלכע לערנען אין זיך דאָס וואָס זיי לערנען אַרום זיך, די דאָזיקע לעבן זיך אויס אין זייער עפּאָכע, זיי ווערן באַפרוכפּערט פון איר און באַפרוכפּערן זי צוריק. זייערע אינערלעכע פּאָטענצן און די סטימולן פון דער צייט, לויפן פּאַראַלעל און זיי גרייכן צו דער העכסטער מדרגה פון אינטעלעקטועלן אויפשוווּנג און אַנטוויקלונג. זיי ווערן די פאָן־טרעגער פון זייער צייט, אירע וואָרט־זאָגער, אירע גרויסע לייט און פירערס. די צווייטע אין קעגנטייל, די וועמענס אינדיווידואַל־גייסט איז אין ווידערשפּרוך צום גייסט פון דער צייט, די בלייבן פאַראיינזאַמט, צו זיי הערט מען זיך נישט צו, זיי לעבן אָפּגעזונדערט פון זייער דור, מיט וועלכע זיי קענען זיך נישט אויפריידן און איינפאַרשטיין; זיי זיינען ווי פאַרבלאָנדזשעטע נשמות פון צוקונפט־דורות, וועלכע זיינען על־פּי־

טעות געבוירן געוואָרן פאַר דער צייט. די דאָזיקע לעבן אין גאַנצן אין זיך, מיט זיך און דורך זיך. זייער עפּאָכע איז זיי פרעמד און זיי זיינען פרעמד זייער עפּאָכע. זיי בלייבן פאַרשאַנצט אין זייער אייגנאַרטיקן זיין און פאַרשלאָסן אין דער פעס־טונג פון זייער אינדיווידואַל־גייסט און קיין שום אויסערלעכע אַטאַקע און קיין שום אויסערלעכער אָנגריף קען זיי נישט אַרויסרייסן פון זיך אַליין, פון זייער אייגנאַרטיקן זיין.

IV

דערמיט אַליין וואָס מען דערלאָזט אַ פילאָסאָפיע פון אַ קלאַס, גיט מען צו אַז דער מאָטיוו פון דער דאָזיקער פילאָסאָפיע איז אין דעם געמיינזאַמען אינטע־רעס פון דעם גאַנצן קלאַס און נישט אין דער פּערזענלעכער אינטעלעקטועלער איבערצייגונג פון יעדן איינעם פון זיינע יחידים. וואָלט דאָ געגאַנגען אין דער איבערצייגונג פון יחידים, דאָס הייסט, פון אַ סך יחידים, וואָס זיינען אויף אַן אינדי־ווידועלן וועג געקומען צו דער זעלבער איבערצייגונג, וואָלט דאָ נישט געקענט זיין קיין רייד פון קיין איבערצייגונג פון קיין קלאַס, רעדט מען דאָ יאָ וועגן אַן איבערצייגונג פון אַ קלאַס, איז אַ סימן אַז די איבערצייגונג האָט דאָ איר מקור נישט אין קיין פּערזענלעכער לאָגיק, נאָר אין אַ געמיינזאַמען מאַטעריעלן אינ־טערעס. ווי קען דען אַ קלאַס האָבן איין קאָפּ און איין לאָגיק? קאָפּ און לאָגיק זיינען אַ אינדיווידועלע זאַך און נישט קיין זאַך פון קיין רבים. אויב אַ רבים האָט איין געדאַנק, איז עס אַ באַוויז, אַז ער דענקט נישט מיטן קאָפּ, נאָר מיט אַן אַנדער כוח, וואָס איז אים געמיינזאַם. אויב אַ קלאַס האָט איין געדאַנק, איין פילאָסאָפיע און איין לאָגיק, איז עס אַ באַוויז, אַז דאָ איז דער געמיינזאַמער קלאַסן־אינטערעס דער באַשטימער פון די אַלע זאַכן; איז אַ באַוויז אַז די דאָזי־קע מענטשן דענקען נישט מיט זייער שכל, נאָר מיט זייער מאָגן; אַז זיי טראַכטן נישט מיטן קאָפּ, נאָר מיט דער קעשענע. אַ געמיינזאַמע קעשענע פאַר אַלע קען זיין; אַ געמיינזאַמער קאָפּ פאַר אַלע קען נישט זיין. אַן אמת און אַ לעבנס־אָנשויונג, דאָס מוז זיך יעדער אַליין דערווערבן און דאָס קען מען זיך נישט איינשאַפן דורך יענעם. אַן אמת פון אַ מאַסע און אַ לעבנס־אָנשויונג פון אַ מאַסע, איז קיין אמת נישט און קיין אָנשויונג נישט.

און דאָך האָט שטענדיק די מאַסע אויף אַזאַ אופן זיך איינגעשאַפט אירע אמתן און אָנשויונגען. איינעמס אמת איז געווען אַלעמענס אמת און איינעמס אָנ־שויונג איז געווען אַלעמנס אָנשויונג. פאַר דער מאַסע איז געווען אמת דאָס וואָס האָט געלוינט פאַר איר, וואָס האָט אַנטשפּראָכן אירע אינטערעסן, וואָס האָט גע־דינט אירע צילן. וואָס האָט דען למשל געוווּסט, די אַזוי גערופענע מאַרקסיס־טישע מאַסע פון מאַרקסיזם? גאָר נישט! זי האָט דעם מאַרקסיזם קיין מאָל נישט געלערנט, נישט שטודירט, זיך נישט פאַרטיפט אין אים, זיך נישט פאַרטראַכט

וועגן אים. נאָר געווען „מאַרקסיסטן". ווי אַזוי? — אָט אַזוי, בלינדערהייט, מיט פאַרמאַכטע אויגן. דאָס איז געווען די פילאָסאָפיע פון קלאַס; זי האָט פּאַרטיי־דיקט דעם קלאַס' אינטערעסן, איז אַ סימן אַז זי איז געווען אמת. און דאָ איז נישט געגאַנגען בלויז וועגן קיין סאָציאַלער פילאָסאָפיע, נאָר וועגן אַ וועלט־פילאָסאָפיע, וואָרום פריער פון אַלץ איז דער מאַרקסיזם אַ מאַטעריאַליסטישע וועלט־אַנשויונג. און דאָך האָט יעדער ערשטער בעסטער אַרבעטער געוווּסט, אַז דאָס איז די אמתע פילאָסאָפיע, ווייל... ווייל אַזוי האָט געפאָדערט זיין קלאַסן־אינטערעס!

און דאָס וואָס איז געווען מיט די פּראָלעטאַריער אין באַצוג דעם מאַרקסיזם, איז געווען מיט די רייכע אין באַצוג אַלערליי בורזשואַזע פילאָסאָפיעס. פאַר די רייכע האָט זיך געלוינט, אַז די וועלט זאָל זיין אידעע (גאָט) שוין צוליב דעם אַליין, וואָס זיי האָבן אין דער דאָזיקער וועלט פאַרנומען אַ פּריווילעגירטע שטעלונג. און ווי באַלד עס האָט זיך געלוינט אַזוי, איז שוין מער קיין צווייפל נישט געווען אַז אַזוי איז דער אמת. און שוין דאָס בלויזע רייך ווערן און איבער־גיין צום באַזיצערישן קלאַס, איז געווען אַן אַרגומענט זיך צו איבערצייגן אין אַן „אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע".

V

אויב די מערהייט מענטשן האַלטן זיך אידעאָלאָגיש אינערהאַלב די ראַמען פון זייער קלאַס, איז דאָס דערפאַר, וואָס די פּסיכיק העלפט די דערין. אומעטום ווו ס'איז פאַראַן פאַרשיידנקייט פון פּסיכיק, איז פאַראַן פאַרשיידנקייט פון אידעען, מעגן די עקאָנאָמישע אומשטענדן זיין גלייכע. אַזוי איז די מאָדערנע אַרבעטער־באַוועגונג גלייך ביי איר אַנטשטייונג פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אויף פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס און געדאַנק־ריכטונגען, וועלכע האָבן צווישן זיך ריוואַליזירט און זיך קעגנזייטיק באַקעמפט נישט ערגער ווי זיי האָבן דאָס געטאָן מיט די אַזוי גערופענע בורזשואַזע אידעאָלאָגיעס. אויב עס וואָלט געווען ריכטיק אַז די עקאָנאָמישע אומשטענדן זיינען דער איינציקער און אויסשליסלעכער כוח, וואָס באַשטימט די מענטשלעכע אידעען, פון וואַנען־זשע די פאַרשיידנקייט פון די אידעאָלאָגיעס אינערהאַלב איין און דעם זעלבן עקאָנאָמישן קלאַס? עס וואָלט באַדאַרפט אויסקומען, אַז איין קלאַס — איין אידעאָלאָגיע. פון וואַנען האָט צו איין קלאַס, דאָס הייסט צו מענטשן, וואָס האָבן געלעבט עקזאַקט אונטער די זעלבע עקאָנאָמישע אומשטענדן, אין איין צייט און איין אָרט — געקענט קומען פאַרשיידענע געדאַנקען און אַנשויונגען? די פאַרשיידענע געדאַנקען און אַנ־שויונגען האָבן דאָ נישט געקענט קומען פון קיין אַנדער פאַקטאָר, ווי נאָר פון דער כאַראַקטער־פאַרשיידנקייט פון די פאַרשיידענע אינדיווידן, וואָס האָבן צו־נויפגעשטעלט דעם דאָזיקן קלאַס. ווי באַלד קיין אָביעקטיווע סיבות פאַר קיין

אידעען־פאַרשיידנקייט האָבן דאָ נישט געקענט זיין, מוז מען זאָגן אַז די סיבות זיינען געווען גאָר סוביעקטיווע. יעדער אַרבעטער האָט אָנגענומען אַן אידעאָלאָגיע, וואָס האָט אים אַנטשפּראָכן און איז געווען בעסער צוגעפּאַסט צו זיין כאַראַקטער: איינער האָט אָנגענומען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידעאָלאָגיע, אַ צווייטער אַ רעוואָלוציאָנער־דיקטאַטאָרישע, אַ דריטע אַ אַנאַרכיסטישע, אַ פערטער אַ סינדיקאַליסטישע אאַז״וו. דאָס זעלבע איז אויך געווען אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אויך דאָ איז געווען אידעאָלאָגישע פאַרשיידנקייט צווישן די זעלבע קלאַסן, אַ פאַרשיידנקייט וואָס איז געגאַנגען איבער אַ געוויס ברייטן שטח — פון עקסטרעם־רעאַקציאָנער ביז עקסטרעם־ליבעראַל. אויב די עקאָנאָמישע אומשטענדן וואָלטן געווען די אויסשליסלעכע באַשטימערס פון די מענטשלעכע אידעען, וואָלט אַזאַ דערשיינונג נישט געקענט געמאָלט זיין. יעדער וואָלט דעמאָלט באַדאַרפט זיין הערמעטיש פאַרשלאָסן אין די ראַמען פון זיין קלאַס און נישט געקענט טאָן קיין טריט רעכטס אָדער לינקס. עס וואָלט דעמאָלט קיין זינען נישט געהאַט קיין שום פּאָליטישע טעטיקייט, קיין שום אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די פאַרשיידנסטע סאָציאַלע שיכטן; יעדער שיכט וואָלט געווען געפּעגטעט מיט זיינע עקאָנאָמישע פּענטעס און וואָלט זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. פּאָליטישע פּאַרטייען וואָלטן געווען אין גאַנצן אַן איבעריקע זאַך, מחמת מיטן בלויזן פאַקט פון אָנגעהערן צו אַ וועלכן עס איז קלאַס, וואָלט מען שוין נויטווענדיקערוויז געמוזט טראָגן זיין אידעאָלאָגיע און מען וואָלט זיך פון איר אונטער קיין שום אומשטאַנד נישט געקענט באַפרייען. די געזעלשאַפט וואָלט דאַן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ געשלאָסענעם סיסטעם פון עקאָנאָמישע קאַסטעס וואָס קיין שום אידעאָלאָגישער וועקסל וואָלט צווישן זיי נישט מעגלעך געווען. יעדער וואָלט געדענקט מיט דער מענטאַליטעט פון זיין קלאַס, און אַן אייגענע מענטאַליטעט וואָלט אין גאַנצן געווען איבעריק. די מענטשהייט וואָלט געווען פאַרטיילט אויף פאַרשיידענע עקאָנאָמישע סטאַדעס, אַזוי צו זאָגן, אָן דער מינדסטער מעגלעכקייט פון אַן אייגענעם געדאַנק און אייגענעם בליק אויף זאַכן. די דענק־פרייהייט פון יחיד וואָלט געווען רעדוצירט צו זעראָ. נײַן, אַזוי איז עס נישט. דער קלאַס פאַרשלינגט נישט אין גאַנצן דעם יחיד. ערשטנס זיינען פאַראַן אינערהאַלב די זעלבע קלאַסן אַ סך פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס, וואָס גיבן אַ מעגלעכקייט די פּסיכיש־דיפערענצירטע יחידים זיך געדאַנקלעך פריי צו באַוועגן און יעדער זאָל זיך קענען אויסקלייבן אַן אידעאָלאָגיע וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט אי צו זיין כאַראַקטער און אי צו זיין עקאָנאָמישן אינטערעס, און צווייטנס, איז עס גאָר נישט אַזאַ זעלטענע דערשיינונג, אַז מענטשן זאָלן אַרויסטרעטן קעגן דער אידעאָלאָגיע פון זייער קלאַס און אָננעמען אַן אידעאָלאָגיע פון אַ קעגנערישן קלאַס. געוויס אַרבעטערס און אומפאַרמעגלעכע מענטשן זיינען אָנהענגערס פון עקסטרעם־רעאַקציאָנערע אידעען, און פאַרקערט, זיינען דאָ אַ סך רייכע לייט, וואָס האָבן די פאַרגעשריטנסטע סאָציאַליסטישע אידעען.

דער סאַמע אַקטיוויסטער און פירנדיקער טייל פון דער אַרבעטער באַוועגונג האָט געהערט צו דעם סאָרט מענטשן — צו די געקומענע פון די באַזיצנדיקע קלאַסן, און ווען נישט ער, וואָלט אפשר אין גאַנצן קיין אַרבעטער־באַוועגונג ניט געווען. וואָס באַווייזט דאָס? דאָס באַווייזט, אַז דער דאָמינירנדיקער כוח אין דער אויס־בילדונג פון די מענטשלעכע אידעען, איז דער כאַראַקטער פון אינדיווידו און נישט דער עקאָנאָמישער אינטערעס. ווען איינער איז אַ ליבעראַל און אַ סאָציאַ־ליסט מיט זיין כאַראַקטער, וועט ער זיין אַזעלכער מיט זיין געדאַנק, אַפילו ווען ער איז געבוירן און דערצויגן אין אַ קאַפּיטאַליסטישן קלאַס; פאַרקערט, ווען איינער איז אַ רעאַקציאָנער מיט זיין כאַראַקטער, מעג ער אַפילו געבוירן און דערצויגן ווערן צווישן אַרבעטערס, וועט ער מיט זיין געדאַנק זיין אַ רעאַקציאָנער.

דער עקאָנאָמישער אינטערעס איז דערפאַר אַ דעצידירנדיקער כוח ביי דער מערהייט מענטשן, מחמת ביי זיי טרעפט ער נישט אָן אויף קיין ווידערשטאַנד מצד זייער פסיכיק. לויט זיין כאַראַקטער קען דער דורכשניטלעכער מענטש זיין אי ליבעראַל, אי רעאַקציאָנער, אי סאָציאַליסטיש, אי קאַפּיטאַליסטיש. די נשמה פון דורכשניט־מענטש געפינט זיך כסדר אויף דער וואָגשאָל. דערפאַר קען יעדער אויסערלעכער אָנשטויס, בפרט דער עקאָנאָמישער, מכריע זיין אויף זיין זייט. איז דער געוויינלעכער מענטש אָרעם, האָט ער אַן אַרבעטער אידעאָלאָגיע; איז ער רייך, האָט ער אַ בורזשואַזע אידעאָלאָגיע; לוינט אים, איז ער אַן איבער־צייגטער דעמאָקראַט, און לוינט אים, איז ער אַן איבערצייגטער טאָטאַליטאַ־ריער. קיין אויסגעשפּראָכענע כאַראַקטער־נויגונג פאַר איינער פון די דאָזיקע אידעאָלאָגיעס, איז ביי אים נישט פאַראַן. דערפאַר נויגט ער זיך אין די דאָזיקע אַלע ריכטונגען, לויט דעם ווי די ווינטן בלאָזן. עס איז אָבער דערפון לחלוטין נישט געדרונגען, אַז די עקאָנאָמיק מאַכט די פסיכיק. ניין, דאָרט ווו די פסיכיק ווירקט קעגנזעצלעך צום עקאָנאָמישן אינטערעס, דאָרט איז די פסיכיק שטאַר־קער. דער עקאָנאָמישער כוח איז נאָר דעמאָלט שטאַרק, ווו די פסיכיק שטעלט אים נישט קיין ווידערשטאַנד, ווו די פסיכיק איז אינדיפערענט. ווען די פסיכיק שטעלט יאָ אַ ווידערשטאַנד, איז דער עקאָנאָמישער כוח מאַכטלאָז און מוז זיך אונטערגעבן דעם פסיכישן אָנשטויס.

די מענטשלעכע געמיינשאַפטן זיינען פול מיט אינדיווידועלער דיפערענ־צירטקייט. אינדיווידועלע דיפערענצירטקייט איז פאַראַן אינערהאַלב קלאַס, אינערהאַלב שיכט, אינערהאַלב פאַמיליע, אינערהאַלב הויזגעזינד. ווען אומשטענדן וואָלטן מיט אַן אמת אויסגעגליכט, וואָלט אַזעלכעס נישט געקענט געמאָלט זיין. דער אמת איז אַז אומשטענדן גלייכן אויס גלייכע; נישט־גלייכע קענען אומ־שטענדן נישט אויסגלייכן. דאָס הייסט, אַז דאָרט ווו ס'איז פאַראַן אינערלעכע ענלעכקייט, דאָרטן ווירקן ענלעכע אומשטענדן צו דערציִען ענלעכע מענטשן; דאָרט אָבער ווו די מענטשן זיינען אינערלעך נישט ענלעך, דאָרט קענען זיי קיין ענלעכע אומשטענדן נישט ענלעך מאַכן.

וואָס קלענער ס׳איז די אינדיווידואַליטעט פון אַ מענטשן, וואָס ווייניקער אייגנאַרטיקן גייסט און אויסגעשפּראָכן־אייגענעם כאַראַקטער ער פאַרמאָגט, וואָס ווייניקער טיפיש ער איז, אַלץ מער ליגט ער אונטער די ווירקונגען פון אומ־שטענדן און אַלץ מער איז ער אַ פּראָדוקט פון צייט און אָרט. פאַרקערט, וואָס מער אינדיווידואַליטעט איינער באַזיצט, וואָס מער אייגענעם כאַראַקטער ער האָט, אַלץ ווייניקער איז ער אונטערגעוואָרפן די ווירקונגען פון אַרום. די דאָזיקע צוויי מאָטיוון: אינדיווידואַליטעט און סביבה־ווירקונג, דיסקאָנטירן זיך קעגנזיי־טיק. אין אַזאַ פּראָפּאָרץ ווי ס׳איז פאַראַן דאָס ערשטע, פעלט דאָס צווייטע, און אין אַזאַ פּראָפּאָרץ ווי ס׳איז פאַראַן דאָס צווייטע פעלט דאָס ערשטע.

דער דורכשניטס־מענטש שטעלט מיט זיך פאָר אַזאַ פּסיכיש־עקוויליברירטן טיפּ, אַז ער קען אָננעמען וועלכע סאָציאַלע פילאָסאָפיע עס זאָל נאָר נישט זיין, אָפּהענגיק פון די אויסערלעכע אומשטענדן וועלכע דיקטירן זי אים. ער איז באַהערשט פון אַזאַ אינערלעכן כוחות גלייכגעוויכט, אַז עס איז אים אַלץ איינס צו וואָס פאַר אַן אידעאָלאָגיע ער וועט זיך נויגן. עס דאַרף נאָר קומען אַ וועלכער עס איז אָנשטויס פון דרויסן און אים אַ טרייב טאָן פון רעכטס אָדער לינקס, אַרויף אָדער אַראָפּ, און זיין אידעאָלאָגיע וועט זיין באַשטימט אויפן גאַנצן לעבן, אָדער ווייניקסטנס אויף אַזוי לאַנג, ביז עס וועט קומען אַ שטאַרקערער אויסער־לעכער כוח און וועט אים טרייבן אויף אַן אַנדער אידעען־וועג, אָפּט מאָל אַ קעגנזעצלעכן צום ערשטן. אין כאַראַקטער פון מאַסע־מענטש איז פאַראַן אין אַ גלייכער מאָס נויגונג צו אַלע סאָציאַלע אידעאָלאָגיעס און וועלכע פון זיי ער זאָל נישט אָננעמען, פּאַסן זיי אים אַלע גלייך, איז ער שטענדיק קאָנסעקווענט מיט זיך אַליין, טרעט ער קיין מאָל נישט אַרויס קעגן זיך, נאָר האַנדלט שטענ־דיק אין אָנקלאַנג מיט זיך, מחמת אין זיין כאַראַקטער זיינען פאַראַן אָנווינקונ־גען פאַר די אַלע אידעאָלאָגיעס און אַלע מאָל איז ער געטריי צו אַן אַנדער טייל פון זיין איך. אין זיין נשמה פליסן קעגנגעזעצטע שטראָמעלעך ווילן אין אַ גלייכער מאָס, און עס איז בלויז אַ פראַגע פון אויסערלעכע ווירקונגען דאָס פאַרנעמען זיך זיינס אין דער ריכטונג פון איינער אָדער אַ צווייטער אידעאָלאָ־גיע און אַרונטערשטעלן זיך אונטער איר פאָן. קיין אינערלעכער אָנשטויס וואָס זאָל אים צווינגען אָנצונעמען בלויז איין באַשטימטע אידעאָלאָגיע, דאָס איז נישטאָ. לויט זיין אינערלעכן זיין, איז עס לחלוטין נישט געווען קיין מוז, אַז ער זאָל אָננעמען און ווערן איבערצייגט אין דער דאָזיקער אידעע וואָס ער האָט אָנגענומען און איבערצייגט געוואָרן. פאַרקערט, ער האָט געקענט איבער־צייגט ווערן אין וועלכער עס איז אַנדערער אידעע, צו וועלכער אַן אויסערלעכע סיבה וואָלט אים געשטויסן. אויב ער האָט אָנגענומען פּונקט די אידעע און נישט קיין אַנדערע, איז עס נישט דערפאַר וואָס נאָר די אידעע האָט אים צו־געצויגן און קיין אַנדערע נישט, נאָר דערפאַר וואָס עס איז געווען אַ וועלכער עס איז אויסערלעכער כוח וואָס האָט אים אַ טרייב געטאָן צו דער דאָזיקער

אידעע, וואָלט אים דער אויסערלעכער כוח געטריבן צו אַן אַנדער אידעע, וואָלט ער זיך באַקערט צו יענער און נישט צו דער. עס איז נישט די אינערלעכע צוגעפּאַסטקייט וואָס ציט צו דעם מאַסע־מענטש צו אַ אידעע, נאָר די אויסערלעכע אומשטענדן וואָס שטויסן אים צו איר. עס הייסט אַז מיטן באַקערן זיך צו אַ באַשטימטער אידעע, ווערן רעאַליזירט יענע אייגנשאַפטן פון דעם מאַסע־מענטשנס נשמה, וועלכע ווערן פון די אומשטענדן באַזונדערס געוועקט, געמונטערט און סטימולירט. די אַנדערע אייגנשאַפטן בלייבן פּאַסיוו אין אים און קומען נישט אַרויס מכוח אל הפועל. וועלן זיך בייטן די אומשטענדן און עס וועלן געוועקט ווערן אַנדערע אייגנשאַפטן פון זיין נשמה, וועט ער אָננעמען אַנדערע אידעען. דערמיט דערקלערט זיך דער פּעריאָדישער בייט פון די מאַסן־אידעאָלאָגיעס. פאַראַן פּעריאָדן ווען די מענטשלעכע מאַסן זיינען ליבעראַל געשטימט און זיינען אָנהענגערס פון ליבעראַלע אידעען און פאַראַן פּעריאָדן ווען די מאַסן זיינען רעאַקציאָנער געשטימט און זיינען אָנהענגערס פון רעאַקציאָנערע אידעען; פאַראַן פּעריאָדן ווען די מאַסן זיינען גענויגט צו פרידן און יושר, און פאַראַן פּעריאָדן ווען די מאַסן זיינען קריגעריש און געניגט צו גוואַלדטאַטן; פאַראַן פּעריאָדן ווען די מאַסן זיינען אָנהענגערס פון דיקטאַטור און צוואַנג אאַז״וו. אין יעדער פּעריאָד ווערט סטימולירט אַן אַנדער קאָמפּלעקס אייגנשאַפטן פון דער מאַסע־מענטשנס נשמה, און אין איינקלאַנג און אַנטשפּרעכנדיק צו די אויפגעוועקטע אייגנשאַפטן בילדן זיך זיינע אידעען.

די ווירקונג פון צייטגייסט, איז אָבער איבער דער ווירקונג פון שטאַנד. די צייט לייגט אַרויף איר חותם אויף דעם גייסט־לעבן פון אַלע סאָציאַלע שיכטן. צווישן זיך קענען טאַקע די קלאַסן זיין פאַרשיידן, דאָך טראָגן זיי אויף זיך אַלע אַ איינהייטלעכן צייט־קאָלאָריט. אין ליבעראַלע עפּאָכעס, איז אַפילו די רעאַקציע ליבעראַל, און אין רעאַקציאָנערע עפּאָכעס, איז אַפילו דער ליבעראַליזם רעאַקציאָנער; אין צייטן פון אַגרעסיע און אַנגריף זיינען אַפילו די פרידלעכע עלעמענטן קריגעריש, און אין צייטן פון געמיטלעכקייט און פרידן, זיינען אַפילו קריגערס און מיליטאַריסטן רויק און געמיטלעך אאַז״וו.

קאַפּיטל 5

די ראָל פון עגאָטישן מאָמענט אין דער אויפהאַלטונג פון אונדזערע אידעען

I

וועלכע עס זאָל נישט זיין די סיבה וואָס ברענגט צום אויסוואַל פון אידעען, איז אָבער איינס זיכער, אַז די סיבה וואָס ווירקט פאַר זייער אויפהאַלטונג, איז דער ווילן פאַרן איך. געוויינלעך איז אַז מיר זאָלן צוליב וואָס עס איז אָנגענומען אַן אידעע און זיך אַרונטערשטעלן אונטער איר פאָן, ווי באַלד הייבן מיר אָן פילן, אַז די אידעע איז אונדזערע אַ פּערזענלעכע זאַך. יעדעס וואָרט לויב וואָס עס פאַלט אויף דער אידעע, פאַלט עס אויף אונדז און יעדעס וואָרט קריטיק, וואָס עס פאַלט אויף דער אידעע, פאַלט עס אויף אונדז. אַ קעגנער פון דער אָנגענומענער אידעע, איז אונדזערער אַ פּערזענלעכער קעגנער, און אַ פריינט פון דער אָנגענומענער אידעע, איז אונדזערער אַ פּערזענלעכער פריינט. קעגן די אַרגומענטן וואָס ווערן אַרויסגעשטעלט קעגן אונדזער אידעע רעאַגירט ניט אונדזער שכל, נאָר אונדזער זעלבסטגעפיל. נאָך איידער מיר הערן־אויס וואָס אַ קעגנער זאָגט אונדז, ווייסן מיר שוין פון פאָרויס אַז ער האָט אונדז גאָר נישט וואָס צו זאָגן און אַז זיינע אַרגומענטן זיינען מינדערוויכטיק און ווערטלאָז. יעדעס וואָרט זיינס פילן מיר ווי אַן אָנגריף קעגן אונדז און מיטן גאַנצן כוח פון אונדזער זעלבסטווילן זוכן מיר אים אָפּצושלאָגן.

ביסטו מיינער אַ גלויבנס־חבר, אַן אידעען־חבר, אַ פּאַרטיי־חבר — ביסטו מיינער אַן אייגענער, אַ נאָענטער, אַ ברודער; ביסטו פון אַן אַנדער גלויבן, פון אַן אַנדער אידעאָלאָגיע, פון אַן אַנדער פּאָליטישער ריכטונג — ביסטו מיר אַ פרעמדער, אַ ווייטער, אַ קעגנער און, געוויינלעך, אַ דם שונא, וועמען מען דאַרף אויסראָטן און פאַרטיליקן. די מענטשלעכע געשיכטע אין די לעצטע צוויי טויזנט יאָר איז פול מיט ביישפּילן פון שרעקלעכער אַכזריותן צוליב גלויבנס־

און אידעען־פאַרשיידנקייטן, וואָס אין דער אמתן איז עס גאָר געווען צוליב עגאָאיסטישן האַס...

יעדער אידעיִשער דועל איז אין דער אמתן אַ דועל פאַרן איך. די אידעע איז דאָ נישט מער ווי דער פּרעטעקסט. אַרויסשטעלן שטעלט מען אַרויס לאָגישע אַרגומענטן און שכלדיקע באַווייזן, אָבער אונטער דער לאָגיק און אונטער דעם שכל באַהאַלט זיך אויס ריין פּערזענלעכער ווילן. הייסן הייסט עס אַז מען פּעכט פאַרן אמת, אין דער אמתן אָבער נעמט מען זיך אָן דעם אייגענעם כבוד. נישט די אידעען, וויל מען, זאָלן אויספירן, נאָר אַליין וויל מען אויספירן. די אַלע ראיות און באַווייזן וואָס מען פליסט זיך און מען שטרעבט זיך אָן צו געפינען לטובת אַן אידעע, זיינען אין דער אמתן נישט לטובת דער אידעע, נאָר לטובת זיך אַליין. די אַרגומענטן און די ראיות און די סבראָס וואָס ווערן אַרויסגעשטעלט, זיינען נישט מער ווי כלי־זין אינעם עגאָאיסטישן קאַמף. די געדאַנקען זיינען דאָ ווי שפּיזן און די חקירות — פיילן. נישט מער: דאָ זיינען נישטאָ קיין זיגערס און קיין באַזיגטע. ווייל, סוף־כל־סוף, האַלט זיך יעדער פאַרן זיגער און יעדער בלייבט געקרענקט פאַר זיך. קיין שום קאַמף בלייבט נישט אַזוי אומאַנטשיידן, ווי דער אַרגומענטן־קאַמף. די כוונה איז אָבער צו זיגן און נידערשלאָגן.

דער איך איז די שוץ־וואַנט אונטער וועלכער אונדזערע אידעען פאַרשאַנצן זיך, כדי זיי זאָלן קענען עקסיסטירן. דערמיט וואָס זיי שטעלן זיך אַרונטער אונטער אונדזער איך־ווילן, ראַטעווען זיי זיך פון אונטערגאַנג און פאַרזיכערן זיך אַ לאַנג לעבן. ווען אידעען וואָלטן זיך ניט אַרונטערגעשטעלט און זיך נישט געשטיצט אונטער אונדזער איך, וואָלטן זיי שנעל אונטערגעגאַנגען און וואָלטן קיין תקומה נישט געהאַט. דער איך איז עס דער וואָס ראַטעוועט די אידעען פון אונטערגאַנג און מאַכט אַז דער מענטש זאָל זיך פאַר זיי איינשטעלן. די מערסטע מענטשן שטעלן זיך איין פאַר אידעען בלויז דערפאַר וואָס עס האַנדלט זיך וועגן זייערע אַ זאַך, כאָטש פון דער איבערצייגונג וואָס האָט זיי אַ מאָל געבראַכט צו דער אידעע — אויב אַזעלכע איז בכלל געווען — איז שוין לאַנג קיין זכר נישט געבליבן. דאָס וואָס פאַרבינדט זיי מיט דער אידעע, איז זייער פאַרמעלע אָנגעהעריקייט צו איר, דאָס הייסט, דאָס וואָס מען ווייס אַז די דאָזיקע אידעע איז זייערע, און ווי באַלד אַז מען ווייסט אַז די אידעע איז זייערע, מוזן זיי זיך פאַר איר איינשטעלן, איר פאַרטיידיקן און זיך אָננעמען פאַר איר.

אָממערסטן צעפלאַקערט זיך דער „אידעאַליזם" אין מאָמענטן פון קאַמף. ווען עס קומט אַ קעגנער און נעמט אָנגרייפן, דעמאָלט צעפלאַקערט זיך די קנאות פאַר דער אידעע און מען ווערט גרייט צו גיין אויף מסירת נפש פאַר איר. אין פאַסיווע מאָמענטן, ווען קיינער טשעפּעט נישט אונדזער אידעע, פאַרגעסן מיר אין איר און מיר געדענקען גאָר נישט, אַז מיר האָבן אַזאַ אידעע. דערמאָנען זיך אין איר, דערמאָנען מיר זיך אין מאָמענטן פון אָנגריף. ווען מ'טרעט אַרויס קעגן אונדזער אידעע, דעמאָלט דערוואַכט אין אונדז אונדזער

„אידעאָלאָגישער אײפער" און „אונדזער אידעע" ווערט אין אונדז צוריק לעבע־דיק. וואָס שטאַרקער ס'איז דער אַרויסטריט קעגן דער אידעע, וואָס מער מ'וויל זי אַרונטעררייסן, אַלץ ליבער קריגן מיר זי, אַלץ נענטער און טייערער ווערט זי אונדז, אַלץ מער ווערן מיר איבערצייגט, אַז נאָר זי אַליין איז די איינציק־אמתע און גוטע אידעע און אַלע אַנדערע זיינען פאַלש. ענדיקט זיך דער קאַמף, ענדיקט זיך דער אײפער און דער ענטוזיאַזם פאַר דער אידעע און ווידער פאַר־געסט מען זיך אין איר. דאָס הייסט, מ'פאַרגעסט וואָס מ'דענקט און אין וואָס מ'איז איבערצייגט...

די געשיכטע פון די מאָדערנע פּאָליטישע פּאַרטייען און דעם אידעאָלאָגישן קאַמף וואָס זיי האָבן געפירט צווישן זיך, איז איין גרויסע באַשטעטיקונג פון דעם געזאָגטן. עס איז געווען אַ קאַמף פון איכן, אונטערן אויסרייד און אונטער דער מאַסקע פון פּאָליטישע און סאָציאַלע אידעען. יעדער אָנגעהעריקער צו אַ באַ־שטימטער פּאָליטישער אידעאָלאָגיע, איז שוין פון פאָרויס געווען איבערצייגט, אַז אַלץ וואָס זיין אידעאָלאָגיע שטעלט אַרויס, איז דער אמת אַליין. דעם צד שכנגד האָט מען, מיט אַן אמת, קיין מאָל נישט אויסגעהערט, מען האָט קיין מאָל נישט צוגעלייגט דעם קאָפּ צו זיינע טענות און אַרגומענטן און מען האָט זיך קיין מאָל נישט באַמיט אים צו פאַרשטיין. אויב מען האָט אים געטאָן אַ טובה און געלאָזט ריידן, איז עס געווען נאָר כדי אים נאָך דעם אָראָפּצורייסן. זיינע אַרגומענטן האָט מען פון לכתחילה אָן אויסגעהערט נישט מיט דער כוונה זיך צו לאָזן פון אים איבערצייגן, נאָר זיי אָפּצופרעגן און צונישטמאַכן.

יעדער פּאַרטיי איז שטענדיק און אום יעדן פּרייז, געבליבן טריומפירן און דורכגעוואָרפן דעם קעגנער. יעדער צד האָט געיובלט און געשטורעמט מיטן זיג פון אמת און פון דער גערעכטיקייט, און געטאַדלט דעם צווייטן צד אַלס בלאָנדזשענדיקע און פאַרפירטע אויפן וועג פון פאַלשקייט און ליגן. פלעגט זיך אויף דער טריבונע באַווייזן אַ רעדנער פון אַ קעגנערישן לאַגער, פלעגט אויפ־וואַכן דער חשק אים אַראָפּצורייסן. נאָך איידער מען האָט געוווּסט וואָס ער וועט זאָגן, איז מען שוין געווען זיכער, אַז עס וועט נישט טויגן, אַז עס וועט זיין פלאַכקייט, טעות, ליגן, דעמאַגאָגיע אאַ"וו. אויב מען האָט געוואַרט מיט אומ־געדולד אַז ער זאָל זיך שוין אַ מאָל באַווייזן און קומען צום וואָרט, איז עס גע־ווען נאָר דערפאַר, וואָס מ'האָט אים געוואָלט וואָס שנעלער אַראָפּרייסן און פאַר־טיק ווערן מיט אים. פאַרקערט, ווען עס פלעגט זיך באַווייזן אויף דער טריבונע אַ רעדנער פון אייגענעם לאַגער, פלעגט מען אָנהייבן יובלען, און אַ פרייד און אַ האָפערדיקייט פלעגט אַלעמען באַפאַלן און נאָך איידער ער האָט זיין מויל געעפנט און געזאָגט איין איינציק וואָרט, איז מען שוין געווען זיכער, אַז אַלץ וואָס ער וועט זאָגן וועט זיין הוילע אמת און הוילע חכמה.

אָפט מאָל פלעגט מען אַפילו נישט וויסן וואָס די אייגענע פּאַרטיי וויל, אין וואָס עס באַשטייט די אייגענע אידעאָלאָגיע און מיט וואָס שיידט זי זיך אונטער

פון אַנדערע אידעאָלאָגיעס, און דאָך פלעגט מען נישט אויפהערן פייערן קעגן קעגנער און קעגן מענטשן פון אַנדערע פּאַרטייען און אַנדערע אידעאָלאָגיעס.

דאָס וואָס מ׳האָט גערופן פּאַרטיי־קאַמף, איז אין דער אמתן געווען עגאָ־טישער קאַמף. וואָלטן די פּאַרטייען נישט געהאַט מיט וועמען צו קעמפן, וואָלטן זיי געפירט אַ שוואַכע עקסיסטענץ. דער קאַמף און די ריוואַליטעט, דאָס האָט זיי געגעבן לעבנס־קראַפט. די כלומרשטע דיסקוסיעס און וויכוחים, זיינען אין דער אמתן געווען עגאָטישע פּאַרמעסטן. סיי זייער סטימול, סיי זייער ענדציל, איז געווען דער ווילן פאַרן איך און נישט מער. דער דאָמינירנדיקער כוח אין לעבן פון די פּאָליטישע פּאַרטייען איז געווען דער אַזוי גערופענער פּאַרטיי פּרעסטיזש און פּאַרטיי־אַמביציע. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין פּרעסטיזש און אין דער אַמביציע פון דער פּאַרטיי, האָט מען אויף אַלץ מוותר געווען. קיין זאַך איז נישט געווען העכער, קיין זאַך איז נישט געווען הייליקער ווי דער פּרעס־טיזש און די אַמביציע פון דער פּאַרטיי.

און נישט נאָר ביים פּשוטן מענטשן איז אַזוי שטאַרק געווען דער פּערזענ־לעכער מאָמענט אין זיין אידעאָלאָגיע, נאָר אַפילו ביי די פירערס. דער זעלבסט־ווילן באַהערשט און פאַרבלענדט אַלעמען. דער גרעסטער מענטש, אויב ער נעמט אָן אַ אידעע און שטעלט זיך אין איר דינסט, מוז ער זיך שוין ביי איר האַלטן. פאַרקערט, אפשר, וואָס גרעסער דער מענטש, וואָס מער אָרט און אָנזען ער פאַרנעמט אין לעבן, אַלץ שטאַרקער איז ביי אים די עקשנות פאַר זיין אידעע, ווייל אַלץ שטאַרקער איז ביי אים זיין זעלבסטגעפיל און זעלבסטבאַוואוסטזיין. עס העלפן נישט מער קיין טענות, קיין אַרגומענטן און באַווייזן און פאַקטן. אַלץ ווערט בטול ומבוטל לגבי דעם זעלבסטווילן פון דער דאָזיקער פּערזאָן. פּונקט ווי דער פּשוטער מענטש — און אפשר נאָך מער — אַזוי פאַרלירט אויך דער גרויסער מענטש די פעיקייט צו פאַרשטיין אַ קעגנער, אים אויסצוהערן, אַריינצודרינגען אין תוך פון זיינע רייד, נאָר ער בלייבט בלינד און טויב פאַר דעם אַלעמען. זיין גייסט בלייבט פאַרפאַנצערט און פאַרשלאָסן פאַר דעם קעגנערס שטאַנדפּונקט. דעם קעגנערס פאַקטן זיינען קיין פאַקטן נישט, זיין וויסן איז קיין וויסן נישט און זיין דערפאַרונג קיין דערפאַרונג נישט. דער פאַרגרעסערטער זעלבסטווילן פון גרויסן מענטשן לאָזט אים נישט זען, נישט הערן, נישט באַנעמען קיין שום אַנ־דער געדאַנק אויסער זיינעם.

II

אונדזער ליבע אָדער האַס צו מענטשן, אַזוי צו יחידים ווי צו גאַנצע געזעל־שאַפטלעכע גרופּעס, באַאיינפלוסט אומגעהייער אונדזער געדאַנק. די אידעען פון אונדזערע פריינד און אונדזער קלאַס מענטשן, האָבן שטענדיק מער שאַנסן אונדז אויסצוווייזן ריכטיק, ווי די אידעען פון אונדזערע שונאים און קעגנערישן קלאַס

מענטשן. מענטשן וואָס האָבן אונדז גוטס געטאָן, אָדער נאָך מער, פון וועלכע מיר דערוואַרטן גוטס, זייערע געדאַנקען ווייזן אונדז שטענדיק אויס אמתער ווי די געדאַנקען פון מענטשן וועלכע האָבן אונדז שלעכטס געטאָן אָדער פון וועלכע מיר דערוואַרטן שלעכטס.

צו מענטשן וואָס מיר האָבן גוטע געפילן — צו זייערע רייד הערן מיר זיך צו, זייערע אַרגומענטן ווייזן אונדז אויס לאָגיש און זייערע טענות מאַכן אויף אונדז אַן איינדרוק. צו מענטשן וואָס מיר האָבן שלעכטע געפילן, צו זייערע רייד הערן מיר זיך נישט צו, זייערע אַרגומענטן ווייזן אונדז אויס אומלאָגיש, זייערע טענות מאַכן אויף אונדז קיין איינדרוק נישט און מיר נעמען זיי נישט אין אַכט.

בייט זיך די לאַגע און פון שונאים ווערן פריינד אָדער פון פריינד ווערן שונאים, בייט זיך אויך אונדזער בליק אויף זייערע געדאַנקען. די נעכטיקע פאַל־שע געדאַנקען פון שונא, ווערן היינט אמת, און די נעכטיקע אמתע געדאַנקען פון פריינד, ווערט היינט פאַלש. — אַהינצו וווהין עס פליסט אונדזער געפיל, אונדזער ווילן און אונדזער אינטערעס, אַהינצו פליסט אויך אונדזער געדאַנק און אונדזער איבערצייגונג.

דער וויכטיקסטער תנאי אויף צו איבערצייגן זיך אין אַן אידעע, איז זיך צו פילן צו איר צוגעצייגט, זי צו וועלן. ווען אונדזער ווילן טרייבט אונדז אָפּ פון אַ אידעע, וועט אונדזער געדאַנק שוין אונדז בשום אופן נישט איבערצייגן אין איר. דער ערשטער שריט אויף אונדז איבערצוצייגן אין אַ אידעע, איז צו באַאיינפלוסן אונדזער ווילן לטובת איר, מאַכן אונדז גוט־געצייגט צו איר, מאַכן אַז מיר זאָלן זי וועלן. די לאָגישע אַרבעט וועט זיך שוין פון זיך אַליין אָפּטאָן. ווען מיר וועלן וועלן אָננעמען אַ אידעע, וועט אונדז שוין דער שכל דערווייזן איר ריכטיקייט, און פאַרקערט; אויב מיר וועלן וועלן זיך אָפּוואַרפן פון אַ אידעע, וועט אונדז שוין דער שכל דערווייזן איר פאַלשקייט. דער עיקר איז — מאַכן אונדז וועלן אָדער נישט וועלן אַ באַשטימטע אידעע.

III

דער ווילן אַז מיין אידעע זאָל זיין די איינציק ריכטיקע און אַז אַלע זאָלן זיך פאַר איר בייגן, איז זייער בולט געקומען צום אויסדרוק אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן דענקען. אַפילו אויפן געביט פון די עקזאַקטע וויסנשאַפטן, דאָרט ווו די פּראָבע, דער עקספּערימענט, דער פאַקט, ד״ה דער פּוסק אַחרון, איז געשטאַנען ביי דער זייט און האָט געקענט דעפיניטיוו און ענדגילטיק עדות זאָגן ווער ס׳איז גערעכט, האָט אויך געווירקט דער עזהדיקער איכיזם.

לייענט מען די געשיכטע פון די מאָדערנע וויסנשאַפטן, קען מען זיך נישט געוווינען אַנחידושן איבער דער אומגעהייערער מאַכט וואָס די פּערזענלעכע פניה איבט־אויס אויפן מענטשלעכן דענקען. שוין דער פאַקט וואָס אַזוי פיל גרויסע

געדאַנקען און דערפינדונגען זיינען אין זייער דור איגנאָרירט געוואָרן, אויסגע־לאַכט, אויסגעשפּאָט און פאַראַכט געוואָרן, ווייזט ווי גרויס עס איז דער כוח פון דער פּערזענלעכער פּניה ביים זוכן דעם אמת. האָט אַ געדאַנק אָדער אַ דערפינ־דונג געמעגט זיין ווי עווידענט; האָט ער געמעגט דערוויזן ווערן מיט די איבער־צייגנדיקסטע ראַיות און באַוויזן, האָבן אים דאָך די „העכסטע וויסנשאַפטלעכע אויטאָריטעטן" פון דער צייט, נישט אָנערקענט. די ראַיות זיינען פאַר זיי קיין ראַיות נישט געווען און די באַוויזן קיין באַוויזן נישט. זיי, די העכסטע מאַנאָפּאָל־האָבער פון אמת, האָבן זיך גיכער געלאָזט איבערצייגן פון זייער שטאָלץ־געפיל, וואָס האָט זיי אונטערגעזאָגט, אַז די נייע טעאָריע אָדער דערפינדונג איז פאַלש, איידער פון די זאַכלעכע באַוויזן, וואָס די דערפינדערס האָבן געבראַכט, און וועל־כע האָבן באַוויזן, אַז די טעאָריע אָדער דערפינדונג איז אמת. גיכער האָט פאַר זיי דיווירקלעכקייט געמאַכט אַ טעות, איידער זיי. די „אומטעותדיקייט" פון די פאַמאָזע אַקאַדעמיקערס, איז איבערגעשטיגן די אומטעותדיקייט פון דער נאַטור. ווי באַלד די רעאַליטעט האָט נישט געשטימט מיטן אַקאַדעמישן אמת, איז די רעאַליטעט געווען פאַלש און — די אַקאַדעמיע אמת. די אַקאַדעמיע — ווי דער פּויפּס — זיינען שטענדיק געווען אמת... און דאָ איז נישט קיין רייד פון קיין מיטל־עלטערלעכע „וויסנשאַפטלייט", וואָס האָבן באַקומען זייער אומפעלערהאַפטן וויסן דירעקט פון גאָט און פון אַריסטאָטעלן, נאָר דאָ איז די רייד פון וויסנשאַפט־לייט, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט באַפרייט פון די דאָזיקע „איינציקע", קלאַסישע וויסן־מקורים. אָט אויך די לעצטע האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוקוקן אין „גאַלי־לייס טעלעסקאָפּ", נאָר האָבן בעסער אָנגעוויזן אויף זייערע אַקאַדעמיע־אוניפאָר־מעס און אויף די גראָבע טראַקטאַטן אויף די פּאָליצעס, אַלס לעצטער באַוויז מיט וועמען ס׳איז דער אמת...

זעלטן ווען האָט אַ גרויסער אמת־אַרויסברענגער זוכה געווען אָנערקענט צו ווערן פון זיינע בני־דור. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען געשטאָרבן איגנאָריר־טע, איינזאַמע, פאַרלאָזענע און פאַרגעסענע. עס זיינען פאַר זיי געווען פאַרשלאָסן די טירן פון די אָפיציעלע וויסנשאַפט־אַנשטאַלטן. די געקרוינטע „אַלצוויסערס" פלעגן צו זיי אַראָפּקוקן פון זייערע פּעדעסטאַלן אָדער מיט ביטול־שמייכלען, אָדער מיט פאַלשע רחמנות־פּנימער, אָדער האָבן זיי גאָר איבער דער שוועל נישט דורכלאָזן. אַזוי פלעגן אויך טאָן די נעכטיקע חברים, קאָלעגעס, מיטשילערס אאַ״וו. טאָמער האָט מען נאָר באַמערקט אַז עמעצער טראָגט זיך אַרום מיט אַ ניי וואָרט און מיט אַ נייעם געדאַנק, האָט מען באַלד גענומען שיסן אין אים אַריין די פאַרסמטע פיילן פון קנאה און פון שנאה און פון ביטול; האָט מען באַלד גע־נומען אים פאַראומערן דאָס לעבן, — אַראָפּרייסן, צו נישט מאַכן, איזאָלירן אים, לאָזן אין איינזאַמקייט אאַ״וו. אַזוי האָט מען געהאַנדלט לגבי יעדן רענאָוואַטאָר, אַזוי אויפן געביט פון די וויסנשאַפטן, פון דער פילאָסאָפיע צי פון סאָציאַלע באַ־וועגונגען. יעדער וואָס האָט נאָר געוואָגט אַרויסצוטרעטן קעגן אַ וועלכער עס איז

אָנגענומענער דאָגמע און האָט געפּרווט אַרויסריידן אַ ניי וואָרט, האָט באַלד אָנ־געהויבן רעגענען אויף זיין קאָפּ קלעפּ און קללות און תרעומות און שפּאָט פון אַלע זייטן. די געזעלשאַפט — און הויפּטזאַכלעך די די באַפּולמעכטיקטע וועכ־טערס פון אירע אמתן ווי אויך די „פריינד" פון די באַנייערס — פלעגן זיך באַלד פילן באַליידיקט און פערזענלעך אָנגעגריפן פון אַזאַ געוואַגטקייט און פלעגן דעם רענאָוואַטאָר זוכן צו ליקווידירן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען. זעלטן ווען איז אַזאַ איינעם געלונגען זיך צו ראַטעווען פון דעם צעשטערנדיקן ווידערווילן וואָס די געזעלשאַפט — און די צום מיינסטן באַריריטע איכן — פלעגן אַנטקעגנטראָגן יעדן, וואָס האָט געוואַגט צו וועלן מאַכן אַ שפּאַן פאָרויס און צו דענקען נאָר מיט זיין אייגענעם קאָפּ. און יענע גליקלעכע וועלכע עס איז סוף־כל־סוף געלונגען צו דערלעבן דעם טריומף פון זייער אמת — פון זייער אמת, וועלכער איז ביטער באַקעמפט, פאַרפאָלגט, דערנידעריקט און אויסגעשפּאָט געוואָרן — די יעניקע האָבן טייער באַצאָלט פאַר זייער דערלעבטן נצחון. שווער איז געווען זייער קאַמף און פאַרצווייפלט זייער געראַנגל מיטן פיינטלעכן אַרום, מיט די אַלערליי אויטאָ־ריטעטן און „בוזעם־פריינד". אָפט מאָל פלעגט דער קאַמף קעגן די נייע אמת־אַרויסברענגערס אָננעמען טראַגישע פאָרמען. עס פלעגט דערגיין ביז איינשטעלן דאָס אייגענע לעבן מצד די קעגנערס אויף צו דערווייזן אַז דער רענאָוואַטאָר איז נישט גערעכט. דער פאַל מיט דער „אויטאָריטעט" וואָס האָט איינגעשלונגען אַ פאַרציע כאָליערע־מיקראָבן אויף צו דערווייזן אַז... קיין מיקראָבן זיינען נישטאָ און אַז פּאַסטעורס טעאָריע איז פאַלש, איז אַ טיפּישער, אַ מאָנומענטאַלער און קלאַסישער ביישפּיל פאַר אַלע צייטן, ווי אַזוי וויסנשאַפטלערס האָבן דיסקוטירט און אַרגומענטירט מכוח דעם אמת... אויך דער באַרימטער וויכוח וואָס איז פאָר־געקומען אין דער פּאַריזער אַקאַדעמיע צווישן קיוויע און זשאָפּרואַ סט. הילער מכוח דער דעסצענדענץ־טעאָריע, איז ביז גאָר באַלערנדיק. אויך דאָ האָט געזיגט דער „אמת" פון דער אויטאָריטעט לגבי דעםווירקלעכן אמת.

און אויב אַזוי איז געווען אויפן געביט ווו דער אמת האָט געקענט דערוויזן ווערן — האָט מען דעם באַוויז, דעם פאַקט, איגנאָרירט, „איינגעשלונגען" און נישט געוואָלט אָנערקענען — טאָ ווי אַזוי איז עס שוין געווען דאָרט, ווו דער אמת האָט נישט געקענט דערוויזן ווערן? דאָ האָט גאָר נישט געהאָלפן: דאָ איז שוין אויף כוח יעדער געבליבן ביי זיין אמת.

דאָך האָט דער אָביעקטיוו דערוויזענער אמת סוף־כל־סוף גובר געווען אַלע שוועריקייטן. אויב ס'האָבן אים נישט געוואָלט אָנערקענען די מיטצייטלערס פון זיינע אַרויסברענגערס, האָבן אים אָנערקענט די נאָכקומענדיקע דורות. ביי די לעצטע האָט מער נישט געווירקט די פערזענלעכע אַמביציע קעגן די באַנייערס. זיי זיינען צוגעגאַנגען אומפּערזענלעך און ערלעך פאָרשן דעם ענין און זיי האָבן זיך געשטעלט אויפן צד פון דעם, מיט וועמען עס איז געווען דער באַוויז.

דאָס אַלץ איז געווען נאָר דאָרט ווו דער אמת האָט געקענט קלאָר און בולט

דערוויזן ווערן. דאָ האָט נישט געהאָלפן קיין עקשנען זיך; דאָ האָט נישט געהאָלפן קיין אויטאָריטעט. פאַרן אמת, פאַרן דערוויזענעם, אויסגעפּרוווטן, עמפּיריש־באַנעמלעכן אמת, מוז יעדער, פריִער אָדער שפּעטער, בייגן דעם קאָפּ, צי מ׳וויל דאָס יאָ, צי מ׳וויל דאָס נישט. קעגן דערווירקלעכקייט איז נישט שייך צו גיין פירן קיין קאַמף. פאַקטן מוז מען זיך — צי מיט גוטן, צי מיט בייזן — אונטערגעבן. מ׳קען פאַקטן פאַרשרייען, פאַרטומלען, פאַרוואַרפן, איגנאָרירן, פאַרדרייען, אָבער דאָס אַלץ בלויז אויף אַ מאָמענט, נישט אויף שטענדיק. די שנאה צו אַן אמת, קען אים פאַרטונקלען בלויז אויף אַ ווײַלע. לסוף, אָבער, מוז דער אמת אַרויס קלאָר און בולט, און טריִומפירן. שלעכט איז נאָר דאָרט, ווו דער געזוכטער אמת קען נישט קלאָר און אָפן און אַלגעמיין גילטיק באַוויזן ווערן. מיט דער גאַנצער קראַפט הייבן דאָן אָן פונקציאָנירן אַלע סוביעקטיווע פאַקטאָרן, וועלכע ווירקן צו צעטיילן די מענטשלעכע בליקן און מיינונגען. דאָרט ווו ס׳איז נישט פאַראַן קיין טאָטאַלער באַוויז, אַז דער אמת איז אַזוי און אַזוי, דאָרט ווו דער פאַקט „רייסט נישט די אויגן" און „שרייט נישט אויפן גאַנצן קול" אַז נאָר אַזוי איז די זאַך ריכטיק און נישט אַנדערש, דאָרט הייבט באַלד אָן קומען צום אויסדרוק די אינדיווידועלע פאַרשיידנקייט פון די מענטשן, פאַרסירט דורך זייער פערזענלעכער פּניה און יעדער הייבט־אָן זען די זאַכן דורך די ברילן פון זיין אינדיווידועלן גייסט.

IV

אומעטום ווו נאָר דער אָביעקטיווער פאַקט שלאָגט נישט אין די אויגן און עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו טייטשן אי אַזוי אי אַנדערש, אַנטשטייען באַלד טעאָריעס אויף טעאָריעס און שיטות אויף שיטות און יעדער טעאָריע און יעדער שיטה טייטשט דעם פאַקט אויף אַזאַ אופן וואָס שטימט נאָר מיט איר אַליין און איז ווידערשפּרעכלעך צו אַלע אַנדערע טעאָריעס. יעדער טעאָריע און יעדער שיטה זעט נאָר די יעניקע שטריכן און אייגנשאַפטן פון זאַכן און דערשיינונגען, וואָס שטימען מיט אירע אויסטייטשונגען, און די אַנדערע שטריכן און אייגנשאַפטן וואָס פרעגן־אָפּ אירע אויסטייטשונגען איז זי נישט פעיִק צו זען, ווייל זיי נישט זען און זעט זיי נישט. היות ווי אויף דער וועלט זיינען פאַראַן ווייניק זאַכן, וועמענס אָביעקטיווער אמת זאָל קומען צום אויסדרוק מיט דער גאַנצער קלאָרקייט, אָפנקייט און קאָנסעקוועניץ, אַזוי אַז עס זאָל צווינגען אַלעמען אים צו אָנערקענען, נאָר די זאַכן און דערשיינונגען ווייזן זיך אונדז מיט סתירות און אויסנאַמען, און זעלטן ווען פּאַסט זיך די גאַנצע פּראַקטיק אַריין אין אַן אַרויסגעבראַכטער טעאָריע, איז בכן שטענדיק פאַראַן פּלאַץ פאַר טייטשן אַנדערש, פאַר אַנדערע טעאָריעס. דערפון די טיפע מיינונג־פאַרשיידנקייטן וואָס הערשן וועגן יעדן מינדסטן פּרט פון מענטשלעכן וויסן און דענקען. און אַז מען זעט דעם קאַמפּ־

לוסט און די שטרייט־גיריקייט, וואָס באַגלייטן די דאָזיקע פאַרשיידנקייטן, האָט מען דעם איינדרוק, ווי די דענקערס וואָלטן אויסגעקוקט געלעגנהייטן צו קענען זיין מחולק וועגן וויסנשאַפטלעכע און פילאָסאָפישע ענינים; צו קענען אַרויסברענגען קעגנזעצלעכע בליקן, טעאָריעס, אינטערפּרעטאַציעס און אויפפאַסונגען. עס זעט אויס ווי דאָס גופא, דער שטרייט און די קעגנזייטיקע אָפּפרעגונג, וואָלט געווען אַ ציל פאַר זיך און ווי דאָס וואָלט פאַרשאַפט הנאה די געדאַנק־קאָמבאַטאַנטן. דערביי איז זייער מערקלעך די שטרעבונג צו אויסשליסלעכקייט. יעדער וואָלט געוואָלט אַז זיין שטאַנדפּונקט און זיין בליק זאָלן זיין די דאָמינירנדיקע און אַז אַלע אַנדערע זאָלן זיך אים אונטערגעבן. עס איז ווייט נישט קיין צופאַל, וואָס אין דער גרעסטער טייל צייט פון זיין קולטור־געשיכטע האָט דער מענטש נישט געהאַט קיין דענק־פרייהייט און קיין רעכט אויף אַ זעלבשטענדיקער, אומאָפּהענגיקער מיינונג. און וואָס צוזאַמען מיט זיין טאַט איז אויך פאַרשקלאַפט געוואָרן זיין געדאַנק. נישט בלויז האָבן באַמעכטיקטע געוואָלט, אַז אַלע זאָלן זיי זיין אונטערגעוואָרפן מיט זייערע מעשים, נאָר אויך מיט זייערע געדאַנקען. און אַז עס האָט זיך אַ מאָל געמאַכט, אַז אַ שיטה וואָס איז נעכטן פאַרפאָלגט געוואָרן — און אַלס אַזעלכע געמאָנט און געקעמפט פאַר דענק־פרייהייט — איז אויף מאָרגן געקומען צו דער מאַכט, האָט אויך זי אָנגעהויבן פּרעטענדירן אויף אויסשליסלעכקייט און האָט געטאָן צו אירע אונטערגעאָרדנטע שיטות דאָס זעלבע וואָס די הערשנדיקע האָבן פריִער געטאָן צו איר.

**
*

די פערזענלעכע פּניה אינעם דענקען אַן און פאַר זיך איז אָן ספק אַ פרוכטבאַרער כוח. דער ווילן עפּעס מחדש צו זיין, עפּעס אויפצוטאָן, איז אַ שטאַרקער סטימול צו שאַפן, זיך אָנשטרענגען, צו ברענגען קרבנות פאַר שאַפן גייסטיקע ווערטן. ווער ווייס, צי אָן דעם דאָזיקן כוח וואָלטן די מענטשלעכע שאַפונגען זיך שוין פאַקטיש געפונען אויף דער הייך וואָס זיי געפינען זיך. פון דער צווייטער זייט, אָבער, האָט עס אויך אַ חסרון. די פערזענלעכע פּניה פאַרשטעלט דעם וועג צום אמת, זי פאַרבלענדט. ווי באַלד איינער האָט אַרויסגעבראַכט אַ פעלערהאַפטע טעאָריע און אַ פאַלשן שטאַנדפּונקט, איז ער שוין בשום אופן נישט פעיִק איינצוזען זיין פעלער און זיין טעות, נאָר די גאַנצע ענערגיע און קאַפּאַציטעט פון זיין גייסט גייט שוין נאָך דעם פאַרלוירן צו „דערווייזן", אַז ער איז גערעכט און די גאַנצע וועלט אומגערעכט. ווען דאָס מענטשלעכע דענקען וואָלט געווען מער אומפערזענלעך ווי דאָס איז, וואָלט עס אפשר פאַרלוירן אין אינטענסיווקייט, דערפאַר וואָלט עס אָבער געוווּנען אין אמתדיקייט. דער פערזענלעכער מאָמענט אינעם דענקען, איז פון איין זייט אַ סטימול און פון דער צווייטער זייט אַ פאַרפירונג.

**
*

ווי זעלטן איז עס, אַז מענטשן זאָלן וועגן וואָס עס איז מסכים זיין און ווי אָפט איז עס אַז זיי זאָלן זיין מחולק וועגן די סאַמע אומבאַדייטנדיקסטע זאַכן. גע־נוג איז אַז עס זאָלן צווישן מענטשן אַנטשטיין די מינדסטע חילוקי־דעות וועגן וואָס עס איז, ווי באַלד מישט זיך אַריין זייער „איך" און פאַרוואַנדלט עס אין אַ העפטיקן שטרייט. פון דעם קוים־באַמערקלעכן דינעם שפּעלטעלע, וואָס אַנטשטייט ביים אָנהייב, הייבט־אָן, דורך דער ווירקונג פון דער פּערזענלעכער פּניה, ווערן וואָס אַ מאָל אַ טיפערע און ברייטערע מחיצה, ביז צום סוף ווערט דערפון אַ תהום. יעדער הייבט־אָן זוכן און ברענגען ראַיות און באַווייזן פאַר זיין שטאַנד־פּונקט און הייבט־אָן זיך אַליין איבערצייגן, אַז זיין אַרויסגעזאָגטע מיינונג איז די איינציק ריכטיקע וואָס איז נאָר מעגלעך.

אַ מיינונג וואָס איז פון אָנהייב אַרויסגעזאָגט געוואָרן גלאַט אַזוי זיך, צופע־ליק, און וואָלט אין גאַנצן פאַרגעסן געוואָרן ווען זי טרעפט נישט אָן קיין ווידער־שטאַנד, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סלע המחלוקות בלויז דערפאַר וואָס עס האָט זיך געפונען עמעצער וואָס האָט אַרויסגעזאָגט אַ פאַרקערטע מיינונג.

**
*

די ראָל וואָס דער איכיזם האָט געשפּילט אין דער צעטיילטקייט פון די מענטשלעכע גלויבנס, אידעען, פילאָסאָפיעס, מיינונגען, בליקן אאַ"וו, איז נישט אָפּצושאַצן. אמת, אַז אַלס אָריגינעלער פאַראורזאַכער פון די מיינונג־פאַרשיידנ־קייטן איז זיין, דעם „איכס" ראָל, נישט גאָר גרויס, — פאַראורזאַכט ווערן די מיינונג־פאַרשיידנקייטן איבער הויפּט צוליב דער פאַרשיידנקייט פון די מענטשן, דאָך אָבער איז זיין ראָל אין דער קאָנסערווירונג, פאַרטיפונג און פאַרשאַרפונג פון די מיינונג־פאַרשיידנקייטן אומגעהייער גרויס. נישטאָ אַנצווייזן נאָך איין כוח וואָס זאָל האָבן אַזוי שטאַרק געווירקט פאַר דער אויפהאַלטונג פון די פאַר־שיידנסטע גלויבנס, פילאָסאָפיעס, טעאָריעס, אידעאָלאָגיעס, ווי דער כוח פונעם „איך". די דאָזיקע ראָל פונעם „איכיזם" איז נאָך נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן. פאַראַן אַ נטיה צו פאַרקוקן אָט דעם דאָזיקן מאָמענט און צו ריידן רק וועגן אידעען און איבערצייגונגען פאַר וועלכע מענטשן פּעכטן מסוכן, — אידעען און איבערצייגונגען, וועלכע אין דער אמתן האָבן זיי מער נישט, אָדער וועלכע זיי האָבן קיין מאָל נישט געהאַט. אַנשטאָט צו זאָגן: איכיזם, דאָס הייסט עקשנות פאַר עפּעס מיינער אַ זאַך, ריידן זיי אין זיך אַליין און יענעם, אַז דאָס גייט זיי אַזוי אין לעבן אַריין זייערער אַ גלויבן, אַ אידעע אָדער אַן אידעאַל. דאָס איז איי־נער פון די גרויסע, זייער פאַרשפּרייטע און זייער פאַרוואָרצלטע מענטשלעכע זעלבסטנאַרערייען.

קאַפּיטל 6

פֿאָלקס־כאַראַקטער און פֿאָלקס־געניוס

איז פֿאַראַן אַזאַ זאַך ווי פֿאָלקס־כאַראַקטער, פֿאָלקס־נשמה, געניוס פֿון ראַסע? עס שײַנט, אַז די דאָזיקע באַצײכענונגען זײַנען מער דער רעזולטאַט פֿון דערציִונג און לעבנס־פֿיר, וואָס עס פֿירט אַ געגעבענער קיבוץ מענטשן, אײדער פֿון וועלכע עס איז מיטגעבוירענע שטריכן פֿון אַלע יחידים פֿון דעם קיבוץ. אַז עס איז פֿאַראַן אַ געוויסע גײַסטיקע ענלעכקײט צווישן מיטגלידער פֿון אַ באַשטימטן פֿאָלק, דאָס קען מען נישט אָפּלײקענען. דער דאָזיקער פֿאַקט איז אויסער יעדן ספֿק. די פֿראַגע איז נאָר, צי די ענלעכקײט איז אַ מיטגעבוירענע, אָדער אַ דערצויגענע. אַ גענויע אונטערזוכונג, אויפֿן סמך פֿון אָביעקטיווע, גוט־דורכגעפּאָרשטע פֿאַקטן, וואָלט מעגלעך דערוויזן, אַז די אַזוי̈ גערופֿענע נאַציאָנאַלע אײגנשאַפֿטן, זײַנען באַקומענע דורך אַ געמײנזאַמען לעבנס־שטײגער. ווען מ׳וואָלט אַ קינד פֿון אַ וועלכן עס איז פֿאָלק דערצויגן פֿון געבוירנטאָג־אָן צווישן אַ צווײט פֿאָלק, וואָלט עס אַרויסגעוויזן די אײגנשאַפֿטן פֿון צווײטן פֿאָלק און נישט פֿון ערשטן.

מיר זאָגן „פֿון געבוירנטאָג אָן“, מחמת די פֿריסטע, ספּאָנטאַנע אײַנדרוקן פֿון אַרומיקן לעבן, וואָס באַקומען זיך אַרײַן אין אונדז, ווירקן מעכטיק און דאָמינירנדיק. פֿון געבוירנטאָג־אָן און מיט דער מאַמעס מילך, זאַפּט דאָס קינד אַרײַן אין זיך, די שטײגערן פֿון זײַן סביבה און זײ ווערן אַ טײל פֿון זײַן „איך“. פֿון זיך אַלײן און אומבאַמערקט, דרינגען אַרײַן טועכצן, געדאַנקען און באַנעמונגען פֿון דער אומגעבונג אין דעם קינדערשן מוח און ווערן אַ באַשטאַנדטײל פֿון זײַן פּערזאָן. דאָס אַלץ וואָס מיר זעען, הערן און פֿילן פּאַרקומען אַרום אונדז, ווען מיר זײַנען נאָך פּיצלעך קינדער, אײדער עס הײבט־אָן צו דערוואַכן אין אונדז אונדזער באַוווסטזײַן, דרינגט אַרײַן אין אונדזער מוח און בלײַבט דאָרט איבער. ווען מיר ווערן רײַף אָנצוהייבן באַוווסטזיניק נאָכדענקען וועגן זאַכן, זײַנען מיר שוין אין אַ געוויסער מאָס געדאַנקלעך אויסגעפֿורעמט; זײַנען מיר שוין מער נישט קײן „טאַבולאַ ראַסאַ“, נאָר „פֿאַרשריבן פּאַפּיר“. זײַן איז עס ספּאָנטאַנע,

פריסטע דערציִונג פון אייגענעם אַרום, און מיינען מיינט מען, אַז עס איז מיט־געבוירענער פאָלקס־ כאַראַקטער. נײַן, עס איז נישט קיין פאָלקס־כאַראַקטער, נאָר אַ דערצויגענער פאָלקס־נוסח, אַריינגעבראַכט אין דער קינדערשער נשמה דורך זײַן נאָנטן אַרום. אַלע קינדער פון אַלע פעלקער, ווען זיי וואָלטן פון זייער גע־בוירנטאָג־אָן דערצויגן געוואָרן פון אַנדערע פעלקער, וואָלטן זיי זיך אויסגעפאָר־רעמט לויטן נוסח פון דעם פאָלק פון זייער דערציִונג און וואָלטן גאָר נישט גע־האַט פון דעם פאָלק פון זייער געבורט. אַ פאָלק האָט נישט קיין כאַראַקטער; אַ פאָלק האָט געמיינזאַם־דערצויגענע שטריכן. כאַראַקטער האָט אַן אינדיווידו. אַלץ וואָס איז כאַראַקטער־אייגנשאַפט, אויסגעשפּראָכענע כאַראַקטער־אייגנשאַפט, פּונקט ווי טאַלאַנט און פעיִקייטן, זײַנען אינדיווידועל מיטגעבוירענע דערשיינונגען פון יחיד און קערן זיך מיט פאָלק גאָר נישט אָן. כאַראַקטער־באַזונדערקייט און גייס־טיקע אויסגעטיילטקייט, דאָס זײַנען גאָבן וואָס די נאַטור האָט געשאָנקען יחידים און נישט קיין פעלקער.

דער אָנגענומענער שטייגער צו ריידן וועגן גרויסע פעלקער, אָנשטאָט וועגן גרויסע אינדיווידן, איז נישט קיין ריכטיקער. אַזוי, למשל, רעדט מען וועגן די אַלטע גריכן ווי וועגן אַ פאָלק פון פילאָסאָפן און קינסטלערס. ייִדן־פרײַנד ריידן וועגן ייִדן ווי וועגן אַ פאָלק פון נביאים. מיט אַן אמת איז נישט אײַנצוזען, וואָס עס געהערן זיך אָן די מאַסן פון די געגעבענע פעלקער מיט די גרויסע מענטשן זייערע. וואָס פאַר אַ חלק האָט געהאַט דער דורכשניטלעכער גריך אין דער גרויס־קייט פון זײַנע פילאָסאָפן און דיכטערס, אָדער וואָס פאַר אַ חלק האָט געהאַט דער דורכשניטלעכער ייִד אין דער גרויסקייט פון די ייִדישע נביאים? ביידע זײַנען זיי געווען צוויי ווירקלעכקייטן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צווישן זיך. מיט דעם וואָס עס זײַנען געווען אַ סך גרויסע גריכן, אָדער אַ סך גרויסע ייִדן, האָט פון דעסט וועגן די ייִדישע אָדער די גריכישע מאַסע גאָר נישט געוווּנען דערפון אין גרויסקייט. אויב די גרויסקייט פון זייערע שאַפערישע יחידים וואָלט געווען אַ פועל־יוצא פונעם געניוס פון די פעלקער, וואָלט אַ פאָלק וואָס גיט אַרויס פון זיך אַ גרויסע צאָל גרויסע מענטשן, באַדאַרפט שטיין העכער פאַר אַנדערע פעל־קער אַלס גאַנצס, און דאָס איז צווישן די קולטור־פעלקער פון דער וועלט אין ערגעץ נישט צו מערקן. די מאַסן זײַנען אומעטום מאַסן, און די גרויסע מענטשן — אומעטום גרויסע מענטשן. עס זײַנען פאַראַן גרויסע דיכטערס ביי כלומרשטע „דענקער־פעלקער”, און, פאַרקערט, גרויסע דענקערס ביי כלומרשטע „דיכטער־פעלקער”. פאַראַן גרויסע מאַראַליסטן ביי פעלקער וואָס מאַראַליזם גייט כלומרשט נישט אַרײַן אין זייער פאָלקס־כאַראַקטער, למשל, סאָקראַטעס ביי די גריכן, סע־נעקאַ, מאַרק אורעליוס און אַנדערע ביי די רוימער, און פאַראַן אַמאָראַליסטן ביי פעלקער וואָס האָבן אַרויסגעגעבן גרויסע מאַראַלישע פערזענלעכקייטן. פראַנציס־קאָ פון אַסיזי און מאַקיאַוועלאָ האָבן געהערט צום זעלביקן פאָלק. לויט וועלכן פון זיי זאָל מען משפטן דאָס דאָזיקע פאָלק? און אָפט טרעפט אַז איין און דאָס זעל־

ביקע פאָלק גיט פון זיך אַרויס די פאַרשיידנאַרטיקסטע געניוסן און עס איז שווער צו באַשטימען, וועלכער פון זיי איז מער כאַראַקטעריסטיש פאַרן דאָזיקן פאָלק. אָט די אַלטע גריכן טאַקע: צי זיינען זיי געווען מער אַ פאָלק פון פילאָסאָפן, צי פון קינסטלערס; מער פון סקולפטאָרן, צי מער אָראַטאָרן; מער מאַטעריאַליסטן, צי מער אידעאַליסטן; מער סטאָיקערס, צי מער עפּיקורייערס? און די אַלטע ייִדן — צי זיינען זיי געווען מער אַ פאָלק פון נביאים אָדער פון פּאַרוסייערס; צי איז מאַסגעבנדיק דער איינער וואָס האָט געשטראָפט, אָדער די סך וואָס זיינען געוואָרן געשטראָפט; צי איז מער כאַראַקטעריסטיש פאַרן פאָלק דער פרומער נביא, אָדער די זינדיקע מאַסע? און אין די מאָדערנע צייטן, וואָלט דען נישט פּאַסיק געווען אָנ־צורופן דאָס פראַנצייזישע פאָלק אַ פאָלק פון מאַראַליסטן, דערפאַר וואָס עס האָט פּראָקלאַמירט פאַר דער וועלט די אידעען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידער־לעכקייט און די דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט און געמאַכט די גרויסע רעוואָ־לוציע? פון דעסט וועגן, ווער וועט מסכים זיין צו אַזאַ באַצייכענונג! און ווער וועט מסכים זיין צו כאַראַקטעריזירן דאָס דייטשע פאָלק לויט די קאַנטס און די געטעס און די שילערס?

און דאָ דאַרף גענומען ווערן אין אַכט נאָך אַ מאָמענט: די אַזוי גערופענע גלאַנץ־פּעריאָדן פון די פעלקער.

עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז פעלקער וואָס האָבן אין אַ געוויסער עפּאָ־כע געהאַט אַ גרויסע צאָל גרויסע מענטשן, האָבן נאָך דעם זיי מער נישט געהאַט. דער פּעריאָד פון די ייִדישע נביאים איז געווען אַ קורצער. דער פּעריאָד פון די גריכישע פילאָסאָפן און קינסטלערס איז געווען אַ קורצער. די אַראַבער און ייִדן האָבן אין מיטל־עלטער געהאַט קורצע גלאַנץ־פּעריאָדן מיט אַ גרויסער צאָל גרויסע מענטשן. אין דער רענעסאַנס צייט האָט דאָס איטאַליעניש פאָלק געהאַט אַ גרויסע צאָל ערשטראַנגיקע וואָרט־ און בילד־מייסטערס. ביי די מערב־אייראָפּעי־שע פעלקער זיינען אין דער מאָדערנער צייט געווען גרויסע מענטשן פון די פאַר־שיידנסטע סאָרטן. אין אָפּגעשטאַנענעם, האַלב־אַזיאַטישן רוסלאַנד האָבן אין פאַ־ריקן יאָרהונדערט זיך פּלוצים באַוויזן אַ גרויסע צאָל ערשטראַנגיקע מייסטערס אויפן געביט פון דער שיינער ליטעראַטור, פון דער מוזיק און אַ גרויסע צאָל מאָ־ראַליסטן און סאָציאַלע קעמפּפערס. אָט די דאָזיקע דערשיינונג פון פּעריאָדישן אויפקום פון גרויסע מענטשן, ווייזט אַז די דערשיינונג איז נישט קיין פּועל־יוצא פון עפּעס אַ ספּעציעלן פאָלקס־געניוס. וואָרעם וואָלטן די גרויסע מענטשן טאַקע געווען אַ פּראָדוקט פון די פעלקער גופא — גרויסע פעלקער גרויסע מענטשן, וואָלטן איינע און די זעלביקע פעלקער שטענדיק באַדאַרפט אַרויסגעבן גרויסע מענטשן, און די אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן די דאָזיקע פעיִקייט נישט אַרויס־געוויזן, וואָלטן זי קיין מאָל נישט באַדאַרפט אַרויסווייזן. דער פאַקט איז אָבער פאַרקערט: פעלקער וואָס זיינען אַ ווייל׳ע געווען באַשאָנקען מיט גרויסע מענטשן, האָבן באַלד דערנאָך דעם געשאַנק פאַרלוירן, און אַנדערע פעלקער וואָס זיינען

אַ לאַנגע צייט געווען אָרעם אין גרויסע מענטשן, האָבן זיי אין געוויסע פעריאָדן יאָ געהאַט. דאָס באַווייזט, אַז דאָס דערשיינען פון גרויסע מענטשן איז נישט אָפּהענגיק פון קיין פאָלקס־גענויס, נאָר פון אויסערלעכע סאָציאַלע תנאים וואָס שטעלן אַוועק די פעלקער אין גינסטיקע און אומגינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון זייערע באַגאַבטע אינדיווידן.

אויף צו ווערן אַ גרויסער מענטש, ד"ה אויף צו שאַפן גרויסע ווערטן, מוז דער שאַפער באַגינסטיקט ווערן פון דער עפּאָכע אין וועלכער ער לעבט. עס מוז זיין צוזאַמענפאַל פון די מיטגעבוירענע שאַפונג־פעיִקייטן מיט דער אַלגעמיינער שטרעמונג פון דער צייט. דער סאָרט שאַפונג־פעיִקייט מוז האַרמאָניזירן מיט די גייסט־ און קולטור־שטייגערן פון דער עפּאָכע. די עפּאָכע רעגט און סטימולירט די שאַפנדיקע אינדיווידן. זי ברענגט אַרויס מכוח אל הפועל זייער געניוס. ווען אַ צייט איז קעגנזעצלעך צו אַ באַשטימטן סאָרט שאַפונג־פעיִקייטן, דעמאָלט קענען די אינדיווידן וואָס באַזיצן די דאָזיקע קעגן־צייטלעכע פעיִקייטן זיי נישט ברענגען צום אויסדרוק און זיי נישט אַנטוויקלען. יעדער עפּאָכע האָט זיך אירע גרויסע מענטשן, דאָס הייסט: די יעניקע אינדיווידן וועמענס פעיִקייטן עס גייען אין איין ריכטונג מיט די שטרעמונגען פון דער צייט, די דאָזיקע אַנטוויקלען זיך און ווערן די גרויסע מענטשן פון זייער תקופה. אין יעדער עפּאָכע און אין יעדער פאָלק, לעבן אַ גרויסע צאָל נישט רעאַליזירטע גרויסע מענטשן, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס זיינען עס אין דער פּאָטענץ, נאָר נישט אין דער ווירקלעכקייט; אַזעלכע, וואָס ווען זיי וואָלטן געלעבט אין אַנדערע, זיי אַנטשפּרעכנדיקע עפּאָכעס, וואָלטן זיי געווען ווירקלעכע גרויסע מענטשן. בכן, די פּעריאָדישע דערשיינונג פון גרויסע מענטשן, דאָס וואָס געוויסע תקופות זיינען רייך אין גרויסע מענטשן און אַנדערע זיינען אָרעם אין זיי, איז נישט מחמת דעם וואָס אַ מאָל ווערן געבוירן מער גרויסע מענטשן און אַ מאָל ווייניקער, נאָר דאָס איז דערפאַר וואָס אַ מאָל ווערן רעאַליזירט מער גרויסע מענטשן און אַ מאָל ווייניקער.

די דערשיינונג פון גרויסע מענטשן האָט צוויי זייטן: אַ ביאָלאָגישע און אַ סאָציאַלע. די ביאָלאָגישע איז שטענדיק די זעלביקע, בייטן בייט זיך בלויז די סאָציאַלע זייט. געבוירן, ווערט שטענדיק די זעלביקע צאָל גרויסע מענטשן; פאַרווירקלעכט אין לעבן, ווערן די גרויסע מענטשן פאַרשיידנאַרטיק, — אַ מאָל מער און אַ מאָל ווייניקער; אַ מאָל איין סאָרט גרויסע מענטשן און אַ מאָל אַ צווייטער סאָרט. אויב אין די טויזנט יאָר מיטל־עלטער, למשל, זיינען נישט געווען קיין גרויסע מענטשן — לויט ווי מיר פאַרשטייען היינט די דאָזיקע באַצייכענונג — איז עס נישט געווען דערפאַר וואָס די נאַטור איז אין די דאָזיקע טויזנט יאָר געווען קאַרג צו דער מענטשהייט און איר נישט באַשאָנקען מיט קיין גרויסע מענטשן, נאָר דערפאַר וואָס קיין גרויסע מענטשן האָבן אין די טויזנט יאָר מיטל־עלטער נישט געקענט אַרויסקומען מכוח אל הפועל. געבוירן געוואָרן איז אין מיטל־עלטער די זעלביקע צאָל גאונים וואָס אין די נאָכקומענדיקע תקופות, נישט

מער, אין מיטל־עלטער זיינען די אין־זיך־זייענדיקע גאונים נישט אויסגעוואַקסן. די פֿאַרשיידנאַרטיקסטע געניעס אויף די געביטן פּון קונסט, פֿילאָסאָפֿיע און וויסנשאַפֿט, זיינען געבליבן אומאַנטוויקלט, אומאויסגעדריקט, זיינען אַטראָפֿירט און פֿאַרוועלקט געוואָרן אין זיך. פּונקט ווי קיין טראָפּישע פּלאַנצן קענען נישט וואַקסן אין קיין אַרקטישע געגנטן, מעג די זריעה זיין ווי סעלעקציאָנירט און פֿון דער בעסטער קוואַליטעט, אַזוי האָבן אין מיטל־עלטער נישט געקענט וואַקסן קיין גרויסע מייסטערס פֿון דער שיינער ליטעראַטור און קונסט, קיין גרויסע פֿריידענקערס און פֿילאָסאָפֿן, קיין גרויסע פֿאָרשערס, אַנטדעקער און וויסנשאַפֿטמענטשן. די „שטיקנדיקע אַטמאָספֿער" פֿון יענער צייט האָט זיי נישט געלאָזט אויפֿגיין. דאָך מיינט עס נישט, אַז אַזעלכע זיינען אין יענעם יאָרטויזנט נישט געבוירן געוואָרן. בשום אופֿן קען מען נישט זאָגן, אַז די נאַטור זאָל זיך פֿירן מיט דער מענטשהייט אַזוי קאַפּריזנע: אין איין תקופֿה זאָל זי מאַכן דער מענטשהייט פֿרוכטבאַר אין גרויסע אינדיווידן, און אין אַ צווייטער פֿרוכטלאָז; ביזן רענעסאַנס זאָל די נאַטור געווען זיין קאַרג אין גרויסע מענטשן, און פֿון רענעסאַנס און ווייטער זאָל זי האָבן געוואָרן מילד אין גרויסע מענטשן. ניין, אַזוי איז עס נישט. די גרויסע צאָל גרויסע מענטשן, אויף די פֿאַרשיידנסטע געביטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן זינט דעם רענעסאַנס ביז היינטיקע טעג, זיינען געבוירן געוואָרן אויך אין די יאָרהונדערטער וואָס זיינען געלעגן אויף יענער זייט גרענעץ פֿון רענעסאַנס אין מיטלאַלטער. נישט מער, דער מיטלאַלטער האָט געטויט זיינע גרויסע מענטשן, זיינע גרויסע קינסטלערס, דענקערס און פֿאָרשערס, — ער האָט זיי געטויט אין זיך, ער האָט זיי נישט געלאָזט אַרויסקומען פֿון זיך אַרויס, ער האָט זיי נישט געלאָזט ווערן אין דער ווירקלעכקייט דאָס וואָס זיי זיינען געווען אין דער מעגלעכקייט. מיטן רענעסאַנס האָבן אָנגעהויבן פֿאַרשווינדן „די דיקע פֿינסטערע וואָלקנס" פֿון דער עפּאָכע; די אייזקאַלטע אַטמאָספֿערע" האָט אָנגעהויבן דורכגעוואַרעמט ווערן. דער סאָציאַלער באָדן האָט באַקומען ליכט און וואַרעמקייט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קולטור־לעבן. די זריעה וואָס אין געפֿרוירענעם באָדן פֿון מיטלאַלטער פֿלעגט זי איינטריקענען, איז אין צעוואַרעמטן באָדן פֿון רענעסאַנס יאָ אויפֿגעגאַנגען און עס האָבן אָנגעהויבן וואַקסן די שענסטע פּלאַנצן פֿון מענטשלעכן געניוס. די זריעה אָן פֿאַר זיך, איז געווען די זעלבע וואָס פֿריִער; געביטן האָבן זיך בלויז די „קלימאַטישע באַדינגונגען". מען קען דאָך נישט זאָגן, אַז מיטן רענעסאַנס האָט די מענטשהייט געמאַכט אַ פּלוצלינגן ביאָלאָגישן שפּרונג אויף אַרויף אין הינזיכט פֿון אָנהייבן אַרויסגעבן אַ גרעסערן סכום גרויסע מענטשן ווי מיט אַ דור פֿריִער. די מענטשהייט מאַכט נישט דורך קיין ביאָלאָגישע שפּרונגען. דאָס בעסטע איז די זאַך צו דערקלערן מיט ענדערונגען פֿון קולטור־תּנאָים. אין פּעריאָדן פֿון גינסטיקע תּנאָים האָבן זיך אַנטפּלעקט אַ גרויסע צאָל שעפֿערישע אינדיווידן; אין פּעריאָדן פֿון אומגינסטיקע תּנאָים האָבן זיך אַנט־

פלעקט אַ קליינע צאָל, — אַנטפלעקט, נישט מער ווי דאָס. געבוירן געוואָרן און געלעבט, אין דער פּאָטענץ, דאָס הייסט ביאָלאָגיש גענומען, האָבן שטענדיק די זעלבע צאָל. ווען עס וואָלטן זיך נישט געביטן די קולטור־היסטאָרישע תנאים, וואָלטן אין אַלע עפּאָכעס פון דער געשיכטע, געווען די זעלבע צאָל און דעם זעלבער סאָרט גרויסע מענטשן. אויב עס קומט פאָר פון איין זייט אַ שטייגע־רונג און אַ מינערונג און פון דער צווייטער זייט אַ ענדערונג אין דעם סאָרט גרויסע מענטשן, איז עס אַ פּועל יוצא דערפון, וואָס עס בייטן זיך די אויסערלע־כע אומשטענדן און זיי זיינען אַ מאָל גינסטיקע פאַרן אַרויסקום (פון זיך) פון גרויסע מענטשן און אַ מאָל אומגינסטיקע; אַ מאָל גינסטיקע פאַר איין סאָרט און אַ מאָל פאַרן צווייטן סאָרט געניוסן.

אַזוי געזען דעם ענין, ווערט קלאָר די פאַרהעלטעניש פון די גרויסע מענטשן לגבי זייערע פעלקער: — עס איז פּראָסט פּשוט אַ פראַגע פון גינסטיקע תנאים וואָס פעלקער מאַכן דורך פאַר דער רעאַליזירונג פון זייערע גרויסע מענטשן, און אומגינסטיקע. ווען אַ געוויס פאָלק מאַכט דורך אַ היסטאָריש גינסטיקע עפּאָכע, האָבן זיינע באַגאַבטע אינדיווידן די געלעגנהייט זיך צו אַנטוויקלען און אַרויסצוקומען פון זיך אין דער פולסטער מאָס און ווערן גרויסע מענטשן. אין אַ היסטאָריש אומגינסטיקער עפּאָכע פאַרן זעלבן פאָלק, האָבן נישט זיינע באַגאַבטע אינדיווידן די געלעגנהייט זיך צו אַנטוויקלען און אַרויסצוקומען פון זיך. זייערע פעיִקייטן שטאַרבן אָפּ אין זיי און זיי בלייבן — קליינע מענטשן. די ביאָלאָגישע קאַפּאַציטעט פונעם דאָזיקן פאָלק אַרויסצוגעבן פון זיך גרויסע מענטשן, בלייבט שטענדיק די זעלבע. וואָרום פונקט ווי לגבי דער מענטשהייט אַלס גאַנצע איז נישט שייך צו זאָגן, אַז זי מאַכט דורך פלוצלינגע ביאָלאָגישע אויפשטייגן און ירידהס, אַזוי איז דאָס אויך נישט שייך צו זאָגן לגבי פעלקער. אויב אַ געוויס פאָלק האָט אין אַ געוויסער עפּאָכע אַרויסגעגעבן פון זיך אַ גרויסע צאָל מענטשן און נאָך דעם האָט עס אויפגעהערט דאָס צו טאָן, דאַרף מען נישט זאָגן, אַז דאָס דאָזיקע פאָלק האָט פאַרלוירן די פעיִקייט אַרויסצוגעבן פון זיך גרויסע מענטשן, דאָס הייסט, אַז עס האָט אין איינעם אָדער אין צוויי דורות דורכגעמאַכט אַ ביאָלאָגישן רעגרעס, נאָר מען דאַרף זאָגן, אַז דאָס דאָזיקע פאָלק גיט כסדר אַרויס דעם זעלבן סכום גרויסע מענטשן וואָס אין זיין גלאַנץ פעריאָד, אין זיין גאָלדענעם צייט־אַלטער, נישט מער, אין דעם גלאַנץ־פעריאָד האָבן די גרויסע מענטשן וואָס זיינען אַזעל־כע ביאָלאָגיש, געהאַט אַ געלעגנהייט צו ווערן אַזעלכע אויך סאָציאַל; זיי האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו פאַרווערטן אין לעבן דאָס גאָלד וואָס די נאַטור האָט זיי מיטגעגעבן פון געבורט; אין שווערע פעריאָדן פאַרן זעלבן פאָלק, אין פעריאָדן פון נויט, פון אונטערדריקונג, פון גייסטיקער פינסטערניש, האָבן זיינע גרויסע מענטשן, וואָס זיינען אַזעלכע ביאָלאָגיש, נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אַזעלכע צו ווערן אויך סאָציאַל; זיי האָבן נישט געקענט פאַרווערטן אין לעבן

דאָס גאָלד וואָס די נאַטור האָט זיי מיטגעגעבן, נאָר זיי האָבן זייער גאָלד מיט־גענומען אין קבר אַריין. דאָס זעלבע אויך פּאַרקערט, ווען אַ פאָלק וואָס האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיטן אַרויסגעבן פון זיך גרויסע מענטשן, הייבט דאָס פּלוצים יאָ אָן צו טאָן, דאַרף מען נישט זאָגן, אַז עס האָט מיט איין מאָל באַקו־מען די דאָזיקע פעיִקייט, ד"ה אַז עס האָט פּלוצים דורכגעמאַכט אַ ביאָלאָגישן פּראָגרעס, נאָר אַז עס האָט אויך פריִער, אין די אומפּרוכטבאַרע צייטן, געהאַט די זעלביקע פעיִקייט און אַרויסגעגעבן פון זיך די זעלבע צאָל גרויסע מענטשן, וואָס שפּעטער אין גלאַנץ־פּעריאָד. נישט מער, פריִער זיינען די גרויסע מענטשן פון זעלבן פאָלק געבליבן אין זיך און איצט זיינען זיי אַרויסגעקומען פון זיך אַרויס.

זעענדיק ווי אַזוי די קולטור־פעלקער פון דער וועלט בייטן זיך, אין לויף פון דער געשיכטע, מיט זייערע גלאַנץ־פּעריאָדן און גאָלדענע צייטאַלטערס, און אויך ווי אַזוי זיי בייטן זיך מיט דעם סאָרט גרויסע מענטשן וואָס זיי גיבן פון זיך אַרויס, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז סיי דאָס מעסטן די גרויסקייט פון די פעלקער מיט דער צאָל גרויסע מענטשן און סיי דאָס כאַראַקטעריזירן די פעלקער לויט דעם סאָרט גרויסע מענטשן וואָס זיי גיבן אַרויס, איז נישט ריכ־טיק. עס קען זיין אַז די פעלקער וואָס האָבן ביז איצט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ קליינע צאָל גרויסע מענטשן, איז עס געווען דערפאַר, וואָס זיי האָבן נאָך נישט געהאַט זייערע גינסטיקע היסטאָרישע געלעגנהייטן אין דער פולער מאָס צו פאַרווירקלעכן זייער ביאָלאָגישע קאַפּאַציטעט אויף דעם געביט און אַז אין דער אמתן גרייכט גאָר זייער קאַפּאַציטעט זייער הויך, דאָס הייסט, אַז אין דער אמתן פאַרמאָגן זיי גאָר צווישן זיך אַ גרויסע צאָל נישט אַנטוויקלטע, נישט פאַרווירק־לעכטע גרויסע מענטשן. עס קען אויך הייסן, אַז אַלע קולטור פעלקער פון דער וועלט האָבן די זעלבע קאַפּאַציטעט אַרויסצוגעבן פון זיך די זעלבע צאָל און דעם זעלבן סאָרט גרויסע מענטשן און זיי דאַרפן נאָר דערצו באַגינסטיקט ווערן פון די לעבנס־ און קולטור־תּנאים. וואָרשיינלעך איז, אַז אינדיווידואַליטעט שטייגט איבער די ראַמען פון פאָלקס־אייגנשאַפטן. פאָלקס־כאַראַקטער האָט נישט קיין שליטה איבער אינדיווידועלער גרויסקייט. די באמת גרויסע מענטשן גע־הערן צו דער גאַנצער מענטשהייט, נישט נאָר לויט זייערע פאַרדינסטן, נאָר אויך לויט זייערע אייגנשאַפטן, וואָרום יעדעס פאָלק קען זיך אין זיי געפינען. זיין אַ גרויסער מענטש, מיינט, קאָנצענטרירן אין זיך יענע אַלע אייגנשאַפטן וואָס זיינען בשותּפותדיק פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, אָן אונטערשייד פון פעלקער; זייך אַ גרויסער מענטש מיינט זיין אָן — אַלמענטש. און צי דען שטעלט נישט פאָר מיט זיך די שאַפונגען פון אַלע גרויסע מענטשן, צו וואָס פאַראַ פאָלק זיי זאָלן נישט געהערן, אַ איינהייטלעך קולטור־ווערק? באַהאַנדלען זיי דען נישט אַלע איין און די זעלבע וועלט־ און מענטש־פּראָבלעמען? באַשעפטיקן זיי דען נישט איינע און די זעלבע מענטש־ און וועלט־פראַגן? האָבן דען די ווערק זייערע

בישט דעם זעלבן ווערט פאַר אַלע מענטשן גלייך? און זיינען דען די מעטאָדן וועלכע זיי ווענדן אָן און די וועגן אין וועלכע זיי גייען, אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פון שאַפן, נישט, אין תוך, איינע און די זעלבע? דאָס קולטור־ווערק פון דער מענטשהייט (לייען: פון די גרויסע מענטשן), איז איין גאַנצע זאַך און לאָזט זיך גאָר נישט צעברעקלען אין קיין נאַציאָנאַלע פראַגמענטן. די פאַרשיידענע גייסט־ווערטן וואָס עס האָט געשאַפן דער מענטשלעכער געניוס, איז איין אינטעגראַלע שאַפונג און זי איז גלייכאַרטיק אין אַלע אירע טיילן. נישט אויפן געביט פון דער פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט, נישט אויפן געביט פון דער קונסט, נישט אויפן געביט פון עטישן שטרעבן, זיינען פאַראַן אָנצווייזן וועזנטלעכע אונטערשיידן צווישן די שאַפונגען פון די גרויסע מענטשן פון איין פאָלק און אַ צווייטן. עס איז, אָן ספק, אַ סך ריכטיקער צו ריידן מכוח דעם קולטור־ווערק פון די גרויסע מענטשן פון דער וועלט, איידער צו ריידן מכוח דעם קולטור־ווערק פון די גרויסע פעלקער. אַ סך מער געמיינזאַמעס איז פאַראַן צווישן אַלע גייסט־מענטשן פון דער וועלט, ווי צווישן זיי און די מאַסן פון זייערע פעלקער. די שייכות פון דעם וואָס מ׳רופט פאָלקס־גייסט, ווי דאָס איז אויסגעדריקט אין די ווערק פון די גרויסע מענטשן, מיטןווירקלעכן גייסט און לעבן פון געגעבענעם פאָלק איז אַזאַ לויזע, אַז מ׳מעג צווייפלען צי אַזאַ שייכות איז גאָר בכלל פאַראַן.

מיט איין וואָרט: עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי פאָלקס־כאַראַקטער. כאַראַקטער איז אַ מיטגעבוירענע זאַך, און אַ פאָלק האָט נישט קיין מיטגעבוירענעם כאַראַקטער. דאָס וואָס מ׳רופט פאָלקס־כאַראַקטער, אין אין דער אמתן פאָלקס־אייגנאַרט, דאָס הייסט אַ דערוואָרבענע זאַך פון דרויסן. אויך גיבן די פעלקער נישט אַרויס פון זיך קיין גרויסע מענטשן. די גרויסע מענטשן זיינען אַ פראָדוקט פון זיך אַליין, זיי ווערן אַזוי געבוירן. די גרויסע מענטשן מאַכן אַ גרויסן נאָמען די פעלקער צו וועלכן זיי געהערן. דער אויסדרוק: דאָס אָדער יענץ פאָלק האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל גרויסע מענטשן, איז דערלאָזבאַר נאָר ווי אַ מליצה, ווי אַ באַקוועמלעכקייט פון אויסדרוק. אין דער אמתן זיינען די גרויסע מענטשן אַ פראָדוקט נאָר פון זייערע מיטגעבוירענע נייגונגען און באַגאַבונגען. אין זייער פאָלק, אין זייער אַרום ווערן זיי בלויז רעאַליזירט.

געטער - געבורט

קאַפּיטל 1

די פאַר־רעליגיעזע פאַזע

I

דער אור־מענטש האָט געמוזט זיין די איינזאַמסטע באַשעפעניש אויף דער וועלט. אַרום אים האָט געברויזט דער ים פון נאַטור־לעבן, וואָס האָט אַלץ געהאַט פאַרשלונגען אין זיינע מעכטיקע כוואַליעס. אַלע מינים, דעם מענטשנס נאַטור־ברידער, זיינען געווען בלינד און באַוווסטלאָז. אַלע לעבעדיקע ברואים ביזן מענטשן, האָבן געלעבט פאַרשלאָסן אין אַ פינצטערן קרייז פון באַוווסטלאָזיקייט. דאָס לעבן און זיין פון אַלע מינים, זייער אויפקום און אונטערגאַנג, זייער קאַמף און געראַנגל, זייערע פאַרגעניגנס און ליידן, איז געווען נישט מער ווי אַ טייל פון דעם גרויסן, פון אייביק ביז אייביק דויערנדיקן, סטיכישן וועלט־פּראָצעס. דאָס לעבן פון אַלע בעלי־חיים איז געווען נישט מער ווי אַקאָרדן און טענער אין דער אָן־סופיקער סימפאָניע פון אוניווערסאַלן געשען. ווי דאָס ברויזן און רוישן פון ים, ווי דאָס יאָגן פון שטורעם און געוויטער; ווי פעלדזן האָבן זיך פאַרמירט און אויפגעלייזט; ווי אורוועלדער האָבן זיך פאַרוואָרצלט, געבליט און איינגעדאַרט, אַזוי זיינען לעבעדיקע באַשעפענישן אויפגעקומען און אונטערגעגאַנגען — באַוווסטלאָז, ספּאָנטאַן, איינגעשלאָסן אינערהאַלב דעם נאַטור־לעבן. קיין שום באַשעפעניש האָט נישט געוואַגט „אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ פון דרויסן” און כאַפּן אַ קוק אויפן געהיימניספולן פּראָצעס אין וועלכן ער איז געווען איינגעגלידערט. בלויז איין באַשעפעניש האָט געוואַגט: דער מענטש! ער האָט „אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ” דרויסן פון דער נאַטור און דערזען דעם וועלט־פּראָצעס אין וועלכן ער איז געווען איינגעגלידערט און דערזען זיך אַליין.

פאַרשטיין זאַכן, הייסט זיי געבן אַן אייגענע רעאַליטעט; הייסט תופס זיין די דרויסנדיקע וועלט אַלס אַזאַ וואָס עקסיסטירט אָנפּאַרזיך. פאַר דער חיה עקסיסטירט נישט די אויסערלעכע וועלט. פונקט ווי דער פיש ווייסט נישט אַז עס איז דאָ אַ ים וואָס הילט אים אַרום; פונקט ווי דער מושל ווייסט נישט אַז עס

איז דאָ אַ שאָלעכץ וואָס הילט אים אַרום, אַזוי ווייסט נישט די חיה, אַז עס איז דאָ אַ נאַטור וואָס הילט איר אַרום. דאָס וואָס די חיה ווייסט יאָ פון דער נאַטור, איז אַז דאָס איז פאַר איר גינסטיק און יענץ אומגינסטיק; דאָס דערהאַלט איר און שאַפט איר הנאה און יענץ צעשטערט איר און שאַפט איר ליידן. דאָס וואָס איז נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע, דאָס וואָס איז פאַר דער חיה גלייכגילטיק, דאָס עקסיסטירט נישט פאַר איר.

די חיה דערקענט די וועלט דורך אירע באַדערפענישן און באַפרידיקונגען. אַלץ וואָס ליגט מחוץ פון דעם דאָזיקן דערקענטעניש־מקור, איז פאַר איר נישטאָ.

באַקומען שכל, האָט געמיינט, דערזען אַז עס איז דאָ אַ וועלט וואָס עקסיס־טירט אָנפאַרזיך און צוליב זיך. פון דעמאָלט אָן ווען דער מענטש האָט דערזען, אַז עס איז דאָ אַ וועלט אַרום אים, פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן דענקען. און מיטן דענקען וועגן דער וועלט, האָט דער מענטש איר באַשאַפן פאַר זיך. די וועלט איז „באַשאַפן" געוואָרן צוזאַמען מיטן געדאַנק. און צוזאַמען מיטן גע־דאַנק איז אויך באַשאַפן געוואָרן דער מענטש. וואָרום ווען דער מענטש האָט דערזען די וועלט אַרום אים, האָט ער אויך דערזען זיך אַליין און זיין אינערלעכע וועלט.

אויף דער דאָזיקער שטופע, ד"ה ווען דער מענטש האָט שוין געהאַלטן אָפן זיינע גייסטיקע אויגן, האָט אַלץ אַרום אים אים איבערראַשט און פאַרוווּנדערט און געצויבערט. ער האָט זיך געפילט אַליין אויף דער וועלט, איינזאַם און פאַר־לאָרן. אומזיכערקייט און פאַרדאַכט האָבן אָנגעהויבן פלאָגן זיין געמיט. ער האָט געווענדט זיינע אויפגעריסענע אויגן אין אַלע פיר זייטן וועלט, צו הימל און ערד און האָט געגאַפט. אַלץ איז געווען פאַר אים ניי און פריש און דערשרעקנ־דיק. אַליין האָט ער זיך געמוזט דורכשלאָגן אַ וועג אין מיטן פון אַ פרעמדער און אומבאַקאַנטער וועלט. און ער האָט נישט געוווּסט ווו אײַן און ווו־אויס; דורך וואַנען זאָל ער אָנהייבן גיין, ווו זאָל ער מאַכן דעם ערשטן טריט. אַלץ אַרום אים איז געווען טונקל און פרעמד און אומבאַוווּסט. ס'איז געווען אַ קנויל, וואָס האָט נישט געהאַט קיין אָנהויב און קיין סוף און ער האָט נישט געוווּסט פון וואַנען ער זאָל אָנהייבן ציִען דעם פאָדעם.

ער האָט דערזען פאַר זיך אַ וועלט פול מיט וווּנדער און חידושים, ער האָט אָנגעהויבן רייסן די אויגן צום הימל און איז איבערראַשט געוואָרן פון די באַ־וועגונגען פון די הימל־קערפּערס; ער האָט געקוקט אויף דער לבנה און אויף דער זון און אויף די שטערן, און האָט זיך געוווּנדערט. ער האָט געזען אַרום זיך כסדרדיקע טעטיקייט און באַוועגונג; כסדרדיקע שאַפונג און אויפלייזונג, כסדרדיקן אויפקום און אומקום. זיין געמיט האָט זיך אָנגעהויבן באַאומרויִקן: וואָס מאַכט, אַז אין דער נאַטור זאָל פאַרקומען כסדריקע טעטיקייט און באַווע־גונג? דער דירעקטער און אומיטלבאַרער וועג צו פאַרענטפערן די דאָזיקע פראַגע איז געווען: די נאַטור לעבט. די וועלט איז אָנגעפילט מיט פאַרבאָרגן לעבן, וואָס

באַטרייבט זי, באַוועגט זי, און פילט זי אָן מיט אומאויפהערלעכער טעטיקייט. ווי באַלד ס׳רודערט זיך און ס׳טוט זיך און ס׳באַוועגט זיך, מוז דאָך זיין עפּעס וואָס מאַכט ס׳זאָל זיך רודערן און טאָן און באַוועגן; פון זיך אַליין טוט זיך גאָר נישט.

ס׳דאַרף נישט הייסן, אַז די דאָזיקע פראַגעס זיינען געווען דער רעזולטאַט פון אַ שכלדיקע באַטראַכטונג: דער פרייער מענטש האָט אַוועקגעלייגט אַלע אַרבעטן אין אַ זייט און זיך אַוועקגעזעצט באַטראַכטן די וועלט־פראַגע, ניין, די דאָזיקע פראַגעס און ענטפערס זיינען אויפגעקומען פון זיך אַליין אין זיין געמיט. ער האָט זיי מער געפילט, איידער פאַרשטאַנען; ס׳איז געווען אַ מין אינסטינקטיווע איבער־צייגונג, אַז די וועלט איז באַלעבט. ווייסט דען אַ צעשראָקענע חיה, וואָס דער־הערט אַ קנאַל פון אַ פאַלנדיקן בוים אין מיטן וואַלד און אַנטלויפט אין בהלה, פאַר וואָס און פאַר וועמען זי אַנטלויפט? ניין, זי ווייסט גאָר נישט. זי הערט בלויז אַ קנאַל. פון דערפאַרונג ווייסט זי אַז קנאַלן קנאַלט „עמעצער“. איז ווי באַלד עס איז דאָ אַ זיכערער צייכן פון עמעצן, טאָ צו וואָס דאַרף מען אים נאָך אָנקוקן און וויסן גענוי ווי אַזוי ער איז.

אַזוי האָט עס פּאַסירט מיטן אורמענטש. ווען ער האָט געזען אַז אין דער וועלט רודערט זיך אומאויפהערלעך און ער האָט נישט געזען ווער עס רודערט, איז ער געווען זיכער, אַז עס זיינען דאָ פאַרבאָרגענע וועזנס, וואָס מאַכן עס זאָל זיך רודערן, און דאָס האָט אים אַלאַרמירט און צעטומלט. זיין גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט איז געבליבן צוגעשמידט צו אָט דעם כישופדיקן פּונקט און ער האָט מער נישט געקענט אָפּרייסן זיין גייסטיק אויג פון דער געהיימער דערשיינונג און ער האָט מער נישט געקענט אָפּווענדן זיין גייסטיק אויער פון דעם מיסטעריעזן גערויש וואָס ער האָט אַרויסגעהערט פונעם וועלט־לעבן. האָט ער געמעגט נישט זען ווער עס מאַכט־אָן דעם געוויטער אין שוואַרצן מיטן נאַכט; האָט ער געמעגט נישט זען ווער עס צעטרייסלט הימל און ערד אין קנאַלנדיקע דונערן און בליצן און הילט־איין די וועלט אין פינצטערע דיקע וואָלקנס; האָט ער געמעגט נישט זען ווער עס רייסט־אַרויס די שטערן פון זייער אָרט אין הימל־רוים און טרייבט זיי, אַז זיי זאָלן גאָר פּלוצלינג אָנהייבן פליִען — האָט ער געמעגט נישט זען ווער עס טוט דאָס אַלצדינג און דאָך האָבן זיך די דאָזיקע און נאָך אַ סך אַנדערע מאָדנע זאַכן געטאָן, הייסט עס, אַז עס איז דאָ „עמעצער“ וואָס מאַכט ס׳זאָל זיך טאָן, נאָר מ׳זעט אים נישט.

ווען דער פּרימיטיווער מענטש האָט געזען די נאַטור אַ צעכעסטע און אַ בייזע; ווען ער האָט געזען די צעשטערנדיקע קראַפט פון שטורעם און געהערט דעם מוראדיקן געשריי פון געוויטער; ווען ער האָט געזען דעם אויפגעבורזטן ים און געהערט דאָס קראַכן פון דונער אאַ״וו, איז ער געוואָרן דורכגענומען מיט שרעק. עס איז געווען די אויפגעבורזטע שטים פון דער נאַטור, וואָס האָט אים אָריינגעשריגן, אַז ס׳זיינען דאָ אין איר בייז־טוערס; עס איז געווען די „געטלעכע

התגלות", וואָס האָט אים אוממיטלבאַר געלערנט „גלויבן". אַפילו חיות אין וואַלד שוידערן אין אַזאַ מאָמענט אויף פון „גלויבנס־פּחד", ווייל אויך זיי וויסן, אַז דאָס מוז פון עמעצן פאַראורזאַכט ווערן און זיי האָבן פאַר דעם „עמעצן" מורא. נישט מער, זיי קענען וועגן דעם „עמעצן" נישט נאָכדענקען, און דער מענטש האָט יאָ נאָכגעדענקט. דער פּרימיטיווער מענטש האָט זיך געשראָקן פאַר דער „לעבעדיקער" נאַטור און אין דער שרעק דערזען „גאָט"...

II

פון דעסט וועגן האָט עס געמוזט דויערן גענוג לאַנג ביז די נאַטור־שרעק האָט פולשטענדיק באַהערשט דעם מענטשן. ווי אַן אָפּשטאַמלינג פון דער נאַטור, מיט וועלכער ער איז געווען איינגעלעבט פון זיינע פאַר־מענטשישע צייטן, האָט ער געדאַפט זיין אַזוי צוגעווינט צו אַלע נאַטור־פּאַסירונגען, אַז אַפילו די שטאַרקסטע און זעלטנסטע האָבן באַדאַרפט אויסקומען אין זיינע אויגן נאַטירלעך. און אַלץ וואָס אין דער נאַטור „נאַטירלעך", ציט נישט צו די אויפמערקזאַמקייט און קען צו גאָר נישט אָנרעגן.

טויזנטער און טויזנטער יאָרן האָט די שרעק פאַרן וועלט־לעבן געמוזט זיין אַ צופעליקע און פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג. די שרעק פלעגט ווערן אַקטועל און ווירקנדיק נאָר אונטער באַזונדערס גינסטיקע אומשטענדן. פלעגן פאַרשווינדן די אומשטענדן, פלעגן צערונען ווערן די בייזע חלומות און אויס מיטן „גלויבן". גאָר פון אָנפאַנג, האָט גלויבן געמוזט זיין נאָר אַ נאַכט־דערשיינונג און נישט קיין טאָג־דערשיינונג. גלויבן האָט געמוזט אויפקומען אין מאָמענטן פון אויסטערלישע נאַטור־געשעענישן און האָט געמוזט אונטערגיין אין מאָמענטן, ווען עס האָט געהערשט רו און פרידן אין דער נאַטור. דער אורמענטש האָט אַזוי לאַנג געקלערט וועגן די בייזע נאַטור־וואונדער, ווי לאַנג דער איינדרוק פון אַן עפעקטפולן נאַטור־ספּעקטאַקל איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן און געווען פריש אין זיין זכרון, ד"ה אַזוי לאַנג ווי ער האָט דעם פאַל געפילט און זיך געשראָקן. ווען ס'איז דורכגעגאַנגען אַ צייט און ס'איז מער קיין זאַך נישט פאָרגעקומען, די נאַטור איז ווידער געווען פרידלעך און צוגעלאָזן, האָט ער אין דער גאַנצער געשיכטע פאַרגעסן. די אידעע וועגן פאַרבאָרגענע וועזנס, וואָס זיינען פאַראַן אין די נאַטור־זאַכן, איז צו אומעמפּיריש, צו אַבסטראַקט, אַז דער מוח פון פּרימיטיוון מענטשן זאָל איר געווען לייכט אויפנעמען. אַ סך צייט האָט געמוזט דויערן ביז די דאָזיקע אַסעגסועלע אידעע איז אַריינגעדרונגען אין מענטשנס גייסט, זיך דאָרט פאַרוואָרצלט און אים באַצוואונגען אויף שטענדיק. טויזנטער און טויזנטער יאָרן האָט די דאָזיקע אידעע געמוזט לאַנגזאַם און טריט נאָך טריט פערמענטירן און צייטיקן אין מוח פון פּאַ־לעאָליטישן מענטשן. צו שווער האָט עס געמוזט זיין פאַר יענעם "אַמעטנעם מוח

וואָס איז פון זיין סאַמע אורשפּרונג־אָן געוווינט געווען צו דענקען וועגן זאַכן עמפּיריש, אין טערמינען פון הערן און זען און אָנטאַפּן, אַז ער זאָל מיט איין מאָל זיך טאָן אַ כאַפּ־אָן אין דער אידעע פון געשפּענסטלעכע וועזנס. וואָס פילן־אָן די נאַטור. נאָר איז זי, די אידעע וועגן גייסט־וועזנס, איין מאָל אַריינגעדרונגען און זיך באַפעסטיקט איבערן פּרימיטיוון געדאַנק, איז דער זיג געווען אַ פולשטענדי־קער און אייביקער. מ׳קען זיך זייער גוט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ רעוואָלוציע עס האָט אָנגעמאַכט דער פאַרדאַכט וועגן גייסט־וועזנס וואָס באַלעבאַטעווען־אַרום אין דער וועלט. די דאָזיקע אידעע־פיקס איז שוין מער אויף קיין מינוט נישט אַרויס פונעם פּרימיטיוון מוח. ווו ער איז געגאַנגען און ווו ער איז געשטאַנען, איז זי אים נאָכגעגאַנגען אין די פּוסטריט. יעדע פּאַסירונג וואָס ער האָט געזען אַרום זיך פאַרקומען, יעדער שאָרך, יעדער ריר, וואָס ער האָט באַמערקט, איז געווען פאַר־אורזאַכט פון די גייסט־וועזנס. דאָס איז דאָך שרעקלעך! דערזען זיך פלוצלינג אַרומגערינגלט פון אַ וועלט פול מיט לעבעדיקע גייסטן, קעגן וועלכע מען איז מאַכטלאָז און וועלכע קענען אומעטום און שטענדיק פאַרפאָלגן, קיין ערגערס קען דאָך שוין נישט זיין! דאָס לעבן ווערט אַ דורכאַנאַנדיקע בהלה, אַן אומאויפהער־לעכע אָפּקומעניש. מען ווערט כסדר פאַרפאָלגט, גיעאָגט און געפּלאָגט, און ס׳איז נישטאָ קיין אָרט ווו זיך אויסצובאַהאַלטן און קיין אופן ווי זיך צו שיצן. און וואָס מער מען באַמיט זיך נישט צו טראַכטן וועגן „זיי״, אַלץ מער עגבערט זיך איין דער געדאַנק, אַז זיי זיינען דאָ און אַלץ קאָנקרעטער און ממשותדיקער ווערן זיי און אַלץ זיכערער ווערט זייער עקסיסטענץ.

דער דאָזיקער גרויליקער געדאַנק האָט וואָס ווייטער צוגעצויגן צו זיך אַלץ מער אויפמערקזאַמקייט. וואָס ווייטער איז ער אַלץ שטאַרקער אַריינגעדרונגען אין קאָפּ אַריין און מ׳האָט מער נישט געקענט פאַרגעסן אין אים. און טאָמער האָט מען אין אים פאַרגעסן אין אַ שיינעם זוניקן טאָג, האָט מען זיך דערמאָנט אין אים אין אַ שוואַרצער שטורעמדיקער נאַכט. טאָמער איז ער אַרויס פון זינען ווען די נאַטור איז געווען רויק און שטיל, איז ער צוריקגעקומען אין זינען אַריין ווען די נאַטור איז געווען אומרויק און אויפגעבראַויזט. די צווייער־אידעע האָט געוירן אין די פּרימיטיווע מוחות און האָט זיך אָנגענומען. זי איז אַלץ טיפער אַריינגעדרונ־גען אין גייסט און אַלץ פעסטער זיך פאַרנעסטיקט אין דער נשמה.

עלטסטער גלויבן איז געווען פאַרעמלאָזע שרעק. די שרעק איז נאָך נישט געווען געשטאַלטיקט און געפורעמט. זי איז נאָך נישט געווען אַרומגעטרוימט און אַרומגעחלומט. ס׳איז געווען אַ פאַרעמלאָזער געשפּענסט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אַלע נאַטור־זאַכן צום אור־מענטש, און האָט אים פאַרפאָלגט. דער דאָזיקער געשפּענסט האָט נאָך געדאַרפט קריגן אַ געשטאַלט און אַ צורה. פּריסטער גלויבן איז געווען אין גאַנצן אָן אַ צורה. קיין שום וויזיאָנער עלעמענט איז נאָך נישט געווען אַסימילירט אין אים. ער איז געווען אַבסאָלוט געשטאַלטלאָז. גלויבן איז נאָך ערשט פאַרגעשטאַנען דורכצוגיין דעם אומגעהייערן פאַרדרייטן און אויס־

גאַנגלאָזן לאַבירינט פון זעונגען און וויזיעס. די אומאויפהערלעכע בלאָנדזשעניש אין די פינצטערע רעגיאָנען פון דער פאַנטאַזמאַגאָריק האָט זיך נאָך נישט געהאַט אָנגעהויבן. דאָס אור־ערשטע רעליגיעזע וויסן איז באַשטאַנען אין דעם: „ס'איז אַ נישט געוויינטלעכע זאַך; ס'וואַרפט־אָן אַ שרעק". און דער גאַנצער גאָט־דינסט" פון יענער צייט איז באַשטאַנען אין אַנטלויפן אין בהלה אין אַנבליק פון אַזעלכע „געטלעכע" זאַכן און דערשיינונגען, און אַרויסלאָזן דערשראָקענע געשרייען — די עלטסטע תפילה.

שרעק איז געווען דער געפיל, וואָס האָט זיך באַמעכטיקט איבערן פריִען מענטשן; שרעק איז געווען דער געפיל וואָס האָט אָנגעפילט גאָר זיין וועזן; שרעק איז געווען דער געפיל וואָס איז שטענדיק געווען וואַך אין זיין ברוסט; שרעק האָט אים פאַרפאָלגט ביי טאָג און ביי נאַכט, ביים אויפשטיין און לייגן, וואַכעדיק און אין שלאָף, אין דער מחשבה און אין חלום, און ביי יעדן קער און ווענד. נאָך הונ־גער און געשלעכטלעכן חשק איז שרעק געווען יענער מעכטיקער, טיפער און פאַרוואָרצלטער געפיל, וואָס האָט אים אויסגעפילט ביזן לעצטן קעמערל. דאָך, מער ווי ספּאָנטאַנע שרעק איז עס נישט געווען. מען האָט זיך אויסגעבאַהאַלטן אין אַ געפערלעכן מאָמענט; מען האָט מסתמא אויך ספּאָנטאַן אַרויסגעלאָזט שרעק־רופן. נאָך דעם אָבער ווי דער קריטישער מאָמענט איז פאַרביי, האָבן זיך די גע־מיטער באַרויקט און דער שרעק־ספּעקטאַקל איז געווען געענדיקט. געדענקט האָט מען; געפילט האָט מען. אָבער וואָס צו טאָן איז נישט געווען. וואָס קען דען טאָן איינער וואָס זעט, אַז אַרום אים איז עפּעס אָדער עמעצער טעטיק — וואָס דאָס וואַרפט אויף אים אָן אַ שרעק — און ער ווייסט פאָרט נישט ווער דער עפּעס אָדער עמעצער איז: ווי אַזוי עס זעט אויס, וואָס עס וויל, מיט וואָס מ'קען עס מפייס זיין און געווינען זיין גונסט? — מען שרעקט זיך און מער גאָר נישט.

אָבער אייביק אַזוי האָט עס נישט געקאָנט אָנהאַלטן. עס האָט געמוזט קומען אַ מאָמענט ווען די שרעק האָט אָנגעהויבן רייצן די פאַנטאַזיע און אָנגעהויבן באַ־שאַפן שרעק־בילדער און שרעק־וויזיעס. אונטער דער ווירקונג פון דער כסדר־דיקער שרעק האָט דער פּרימיטיווער מענטש זיך אָנגעהויבן פאָרשטעלן מאָדנע צורות און געשטאַלטן, וואָס האָבן געגעבן פאָרעם דער שרעק. זיין דמיון האָט אָנגעהויבן מאָלן פאַר אים פאַרזעענישן און מאָנסטערהאַפטע אויסזענס. זיין צע־שראָקענע פאַנטאַזיע איז געוואָרן טעטיק און אָנגעהויבן שאַפן בייזע פאַנטאַזמאַ־גאָרישע מיראַזשן. זיין אויפגעברויזטע פאָרשטעלונג־קראַפט האָט אָנגעהויבן מאָלן מאָנסטעריעזע פלאַנטער־געשטאַלטן פון אַלע מעגלעכע סאָרטן און קאָמבינאַציעס. און די דאָזיקע פלאָנטער־געשטאַלטן האָבן אָנגעהויבן פּלאָגן זיין געמיט און נישט געגעבן קיין רו זיין גייסט. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די צוריקווירקונג פון כוח־הדמיון אויף דער שרעק. דער פּסיכאָלאָגישער פּראָצעס איז דאָ אַ פּשוטער, פון אָנהייב רייצט שרעק פאַנטאַזיע און רופט־אַרויס שרעק־בילדער און שרעק־זעונגען. נאָך דעם הייבן־אָן די פּירכטלעכע בילדער און זעונגען צוריקצווירקן אויף דער

שרעק און איר פּאַרפּילפּאַכיקן. ווערן די זוונגען נאָך העפּטיקער און שרעקלע־כער; ווערט די שרעק אינטענסיווער און שטאַרקער, ביז פון דעם דאָזיקן פאַר־כישופטן קרייז קומט־אַרויס אַ פולשטענדיקער גייסט־שגעון.

דאָס איז געווען דער טרויעריקער אָנהייב פון גלויבן...

III

דער לאַנגער פּאַלעאָליטישער פּעריאָד דאַרף באַטראַכט ווערן ווי דער פּע־ריאָד וואָס אין אים האָט די מיסטישע שרעק אָנגעהויבן אויפקומען אינעם מענשנס נשמה און דאָרט זיך אָנזאַמלען. דעמאָלט איז צוגעגרייט געוואָרן דער עמאָטיווער באָדן פאַר דער שפּעטערדיקער פּרוכפּעריקער וויזיאָנערער טעטיקייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אויפן פעלד פון גלויבן. די אומגעהייערע מאַסע וועלט־שרעק, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין דער נשמה פונעם פּאַלעאָליטישן מענטשן, האָט נאָך דעם מיט אימפּעטיקער קראַפט זיך אויסגעדריקט אין די כלערליי מיסטישע פאָרשטע־לונגען. ווען מיר זעען די גלויבנס־ליידנשאַפט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם מענטשן פון אַ שפּעטערדיקער צייט, מאַכט עס דעם איינדרוק, ווי אַ פאַרשפּאַרטער קוואַל וואָלט זיך דורכגעריסן אַ וועג פאַר זיין פרייען אויספּלייץ. דער מיסטי־שער שטראָם האָט האַסטיק אַ שלאָג געטאָן און האָט מיטגעריסן דעם בעל־שכל אויף יאָרטויזנטער. דעם מענטשנס גייסט וואָס האָט אָנגעהויבן צו שוואַנגערן מיט מיסטישער שרעק, זינט יענעם ווייטן באַגינען, ווען ער האָט זיך געשטעלט אויף זיינע פיס, האָט נאָך דעם אָנגעהויבן אַרויסצוברענגען פון זיך אַזאַ שפע מיט וויזיאָנערע פּרוכטן, אַז נאָך ביזן היינטיקן טאָג זעטיקן זיך מענטשן מיט זיי...

אין דער פּאַלעאָליטישער צייט איז די שרעק געווען טונקל, קאָנפוז און רוי. בילדערישע פאָרמען האָט זי אָנגעהויבן באַקומען ערשט אין דער נעאָליטישער צייט. ערשט אין איר, האָבן אין מענטשנס מוח אָנגעהויבן שווימלען און גריבלען מיט אַלערליי פאַנטאַזמען און געשפּענסטהאַפטע געשטאַלטן. פריִער איז דאָס נישט געווען. דער פּאַלעאָליטישער מענטש האָט נישט געוווּסט פאַר ווער און פאַר וואָס ער שרעקט זיך. עס איז געווען דערשיטערנדיקער פחד פאַרן וועלט־לעבן, וואָס האָט זיך אַלע מאָל טיפער פאַרנעסטיקט אין זיין האַרץ, און מער גאָר נישט. וואָלט דער שפּעט־פּאַלעאָליטישער מענטש וואָס האָט געקענט אַזוי ווונ־דערלעך גוט מאָלן, געהאַט אין זיין קאָפּ די דאָזיקע אַלע געשפּענסט־בילדער, וואָס דער שפּעטערדיקער מענטש וואָלט עס געווען אוממעגלעך, אַז ער זאָל עס נישט געווען אויפמאָלן. דער פאַקט איז, אַז ער האָט גאָר געמאָלן בעלי־חיים און נישט קיין געשפּענסט־געשטאַלטן: געטער. גאָר זיין מאָלערישן טאַלאַנט האָט ער גע־ווידמעט דער חיות־וועלט. קיין מיסטישע סוזשעטן האָבן אים נישט אינטערעסירט און זיינען אין ערגעץ נישט בנמצא. דאָס איז אַ זיכערער באַווייז, אַז זיין דמיון

איז נאָך פריי געווען פון די אַלערליי פאַרזעענישן, די משונהדיקע גאָט־געשטאַלטן, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם מוח פון שפּעטערדיקן מענטשן.

געלערנטע ווילן אַריינטייטשן געוויסע מאַגישע כוונות אין די הייל־מאָלע־רייען פון שפּעטן פּאַלעאָליטיק. מיר מיינען אַז די דאָזיקע דערשיינונג קען אַ סך בעסער דערקלערט ווערן אויף אַ ריין פּסיכאָלאָגישן אופן, און אָט ווי:

דאָס נעמען מאָלן די יאַגד־חיות איז געקומען אויף אַ ספּאָנטאַנעם אופן. דער־פאַר וואָס די יאַגד־חיה איז געווען דער געגאַרטסטער אָביעקט, וועלכער האָט אין גאַנצן אויסגעפילט דעם גייסט פונעם ווייטן אור־מענטש און וואָס האָט זיך שטענ־דיק געפּלאָנטערט אין זיין מחשבה, האָבן זיך פון זיך אַליין זיינע הענט גענייגט צו צייכענען נאָר די טעמע וואָס האָט געהאַלטן פאַרנומען זיין גייסט. פּונקט ווי אַ פאַרליבטער קינסטלער, וואָס טראַכט טאָג און נאַכט פון זיין מיידל, וועט פאַר יעדעס מאָל וואָס ער וועט אַ פאַרטראַכטער נעמען דעם פּענדזל אין האַנט אַריין, צייכענען גאַנץ אומבאַוווסטזיניק, נאָר דאָס בילד פון זיין געליבטער, אַזוי האָט דאָס געטאָן יענער פּרימיטיווער קינסטלער. אויך ער האָט געצייכנט נאָר דאָס געשטאַלט פון זיינע געליבטע וועזנס. עס האָט זיך אַליין געצייכנט, אָן אַריינטראַכ־טעניש. די דאָזיקע צייכענונגען זיינען געווען מער ספּאָנטאַנע פאַרויסערונגען פון טיפע אינטימע באַגערן, איידער פון וועלכע עס איז באַוווסטזיניקער כוונה. לויט אונדזערע היינטיקע באַגריפן, איז עס אַ ביסל אַ טראַגישע ליבע, אָבער מ׳דאַרף געדענקען אַז פאַר יענעם מענטשן איז דער ענין עסן, געווען גאָר אין גאַנצן אַן אַנדער זאַך וואָס פאַר אונדז. פאַר אים האָט דער ענין עסן געמוזט זיין דאָס וואָס פאַרן היינטיקן מענטשן איז סעקסועלע זעטיקונג, — נישט בלויז אַ פיזישער ענין, נאָר אַ טיף־פּסיכישער, אַ זאַך וואָס האָט צענומען דעם פּרימיטיוון מענטשנס נשמה ביז אין גרונט. דערפאַר וואָס יענע מענטשן האָבן נישט געקענט ווי גע־העריק באַפרידיקן די דאָזיקע עלעמענטאַרסטע פיזיאָלאָגישע באַדערפעניש און זי איז ביי זיי כסדר געווען אַקטועל, איז זי געוואָרן ביי זיי אַ קראַנקהאַפטע דער־שיינונג, וואָס האָט געפּלאָגט זייער גייסט און געהאַלטן זייער פאַרשטעלונג כסדר באַשעפטיקט מיט די וועזנס וואָס האָבן געקענט שטילן זייער הונגער. אָט ווי עס ליידן היינטיקע מענטשן פון אַ קראַנקהאַפטן עראָטיזם, אַזוי האָבן יענע מענטשן געמוזט ליידן פון אַ קראַנקהאַפטער שפּייז־גיריקייט, און די שפּייז־חיה איז געווען דער אָביעקט פון דער דעפעקטירטער שפּייז־פּסיכיק. יענער פּרימיטיווער מאָלער פון די הירשן, ביזאָנען און פערדלעך, האָט זיך געמוזט געפינען מיט זיי אין אַזעל־כע שטאַרקע געפיל־באַציִונגען, ווי אַ היינטצייטיקער ליידנשאַפטלעכער קינסטלער מיט זיינע רייצנדיקע פרויען־שיינהייטן. אויך יענער, דער מאָלער פון די אַלטאַ־מירא־היילן, האָט געמוזט האָבן גלוטיקע חלומות און פיבערהאַפטע זעונגען מיט זיינע הייס געליבטע חיות, ווי דער צווייטער, דער פון תאווה פאַרצערטער קינסט־לער, האָט דאָס מיט זיינע פרויען־געשטאַלטן.

עס קען אויך זיין, אַז דערפאַר וואָס די יאַגד־חיות זיינען יענעם מענטשן גע־

ווען אַזוי „איינגעבאַקן אין האַרצן״, זיינען אים געווען אַזוי נאָענט און טייער, זיי האָבן זיך אים כסדר געפּלאָנטערט אין געדאַנק, — האָט ער געוואָלט אויסמאָלן זייער געשטאַלט, כדי צו קאָנען קוקן אויף זיי און דערפון הנאה האָבן. דאָס אָנקוקן זיינע געליבטע וועזנס, האָט אים געקענט פאַרשאַפן אַזוי פיל געניס, ווי עס פאַרשאַפט אונדז געניס דאָס אויסמאָלן און אָנקוקן אַ שיינעם פרויען־קערפּער. דורכן אויסמאָלן דעם אָביעקט פון זיין שפּייז־תאווה, האָט דער פּרימיטיווער מענטש געשאַפן אַרום זיך אַן אַטמאָספערע פון „ליבע״ און אינטימער אָנגענעמלעכקייט. ווער ווייס, צי דאַרף מען נישט דעריין איינזען דעם ערשטן אָנשטויס וואָס האָט דעם פּרימיטיוון מענטשן באַוויגן אָנצוהייבן צוגעווינען צו זיך חיות. פּשוט: ער האָט ליב געהאַט זיי צו האָבן נעבן זיך, זיין נאָענט מיט זיי; זייער בלויזע אָנוועזנקייט איז אים געפעלן געוואָרן און אים פאַרשאַפט נחת־רוח...

די שפּייז־חיות זיינען געווען זיין ערשטע און גרויסע ליבע, אַ ליבע אַ ווילדע און אַליידנשאַפטלעכע; אַ ליבע פון וועלכער ער איז שטענדיק געווען באַהערשט. אין יענע פרי׳ע צייטן פון אונדזער מין, איז קיין שום זאַך נישט געווען אַזוי פיל אָביעקט פאַר טיפער גלוסטונג און באַגער, פאַר ליידנשאַפטלעכער עמאָציע און דערשיטערנדיקער תאווה, ווי די יאַגד־חיה, — תאווה, בפירוש תאווה. דאָס וואָס אין די שפּעטערדיקע תקופות האָט אָנגעהויבן זיין די סעקסועלע תאווה, דאָס האָט אין יענער פרי׳ער צייט געמוזט זיין די דערנערונג־תאווה. פּונקט ווי ביים היינטיקן מענטשן איז די עראָטיק פּסיכיזירט, אַזוי האָט ביי יענעם מענטשן די דערנערונג־באַדערפעניש געמוזט זיין פּסיכיזירט. שפּייז־וויזיעס האָבן זיך געמוזט פּלאָנטערן אין זיינע געדאַנקען ביי טאָג און פאַרצערן זיינע חלומות ביי נאַכט. ער האָט געמוזט נאָר טראַכטן און חלומען וועגן די יאַגד־חיות. וואָרעם וואָס האָט אין יענער צייט געקענט מער פאַראינטערעסירן דעם מענטשן ווי שפּייז? שפּייז האָט געמוזט זיין דאָס צויבערוואָרט, די כישוף־אידעע פון יענעם מענטשן. ער האָט דעם געמוזט ווידמען און שענקען די גרעסטע מאָס אויפמערקזאַמקייט. די יאַגד־חיה, דאָס האָט געמוזט זיין דער העכסטער אידעאַל, וועגן וועלכן דער פאַרהיסטאָרישער מענטש האָט געטרוימט. ווי אַ ביז משוגעת פאַרליבטער חלומט נישט וועגן קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר וועגן זיין ליבע, אַזוי האָט יענער פרי׳ער מענטש נישט געחלומט וועגן קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר וועגן זיין שפּייז־חיה. עס איז דעריבער קיין חידוש נישט פאַר וואָס די עלטסטע געמעלן וואָס מענטשלעכע באַשעפענישן האָבן געלאָזט, זיינען געמעלן פון יאַגד־חיות, געמעלן וועלכע זיי האָבן געבראַכט צו אַן איבערראַשנדיקער הויכער מדרגה.

עס באַקומט זיך, אַז די חיה־געמעלן אין די אַלטע פאַרהיסטאָרישע הייל, וואַרפן אַ ליכט אויפן אינטימסטן נשמה־מאָמענט פון פרי׳ען אור־מענטש. שפּייז איז געווען דאָס ערשטע פּסיכישע פּראָבלעם פון דער מענטשלעכער באַשעפעניש. דער ראַציאָנעל ווערנדיקער בעל־חי האָט די ערשטע אויפמערקזאַמקייט פון זיין אַנוואַקסנדיקן געדאַנק און פאַנטאַזיע, קאָנצענטרירט אויף דער פונדאַמענטאַלס־

טער נויטווענדיקייט פון זיין עקסיסטענץ — שפייז. צו מאָלן מעטשלעכע גע־שטאַלטן האָט יענער קינסטלער נאָך קיין שום אינטערעס נישט געהאַט. אויך קיין פרויען האָבן אים נאָך, ווייזט־אויס, נישט אינטערעסירט, וואָרעם עס האָבן אין יענער צייט נאָך נישט געמוזט עקסיסטירן קיין שום באַגרענעצונגען אויפן סעקסועלן געביט און קיין עראָטיש פּראָבלעם האָט נאָך נישט געמוזט עקסיסטירן. עס האָבן אים אינטערעסירט צו מאָלן בלויז יאַגד־חיות. פּונקט ווי אונדזערע קונסט־גאַלערייען זיינען פול מיט שאַפונגען אויף דער טעמע: פרוי, וועלכעס ווייזט אויף דעם פּלאַץ וואָס די דאָזיקע טעמע פאַרנעמט אין אונדזער פסיכיש לעבן, אַזוי זיינען קונסט־מאַלערייען פול געווען מיט געמעלן פון יאַגד־חיות, וואָס דאָס דאַרף אונדז דערווייזן די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער טעמע אין זיין פסיכיש לעבן.

וועגן חיות, אַזוי וועגן די וואָס האָבן אים געדינט ווי אַ שפּייז און אויף וועל־כע ער איז געגאַנגען אויף יאַגד, און אַזוי וועגן די וואָס האָבן אים געיאָגט, גע־מאַכט אומזיכער זיין עקסיסטענץ און פאַר וועלכע ער האָט געציטערט אימת־מוות — האָט דער אור־מענטש געמוזט טראַכטן טאָג ווי נאַכט. חיות זיינען פאַר אים געווען די וויטאַלסטע פראַגע, אין וועלכער ער האָט נישט געקענט פאַרגעסן קיין איין מינוט און וועלכע האָט זיך נישט אויפגעהערט פלאָנטערן אין זיין גע־מיט, וואַכעדיק ווי אין חלום. מיטן לעבן פון די חיות איז דער אור־מענטש גע־שטאַנען אין די אינטענסיווסטע געפיל־באַציִונגען. די נוצלעכע האָט ער באַגערט מער פון אַלץ און פאַר די שעדלעכע האָט ער זיך געשראָקן מער ווי פאַר אַלץ. עס איז געווען אומפאַרמיידלעך אַז אַזעלכע טיף־באַגערטע און טיף־געפירכטעטע אָביעקטן, זאָלן פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין זיינע „קונסט־גאַלערייען" און אויך קריגן אויסדרוק אין דער פרימיטיווסטער סאָציאַל־מיסטישער איינשטעלונג: דעם טאָטעם.

קאַפּיטל 2

מיטאָס־שאַפנדיקער געדאַנק

(פאַרגלייך צווישן דער פּסיכאָלאָגיע פון פּרימיטיוון מענטשן און דער קינדער־פּסיכאָלאָגיע)

I

וואָס איז אַ מיטאָס? אַ מיטאָס איז אַ חלום מיט אָפענע אויגן. דער געבוי פונעם מיטאָס איז כמעט דער זעלביקער וואָס פון חלום. אָט ווי: אונדזער מוח איז אַן אומדערשעפּלעכער אַרסענאַל פון געזעענע און פאַרגעשטעלטע בילדער, איינדרוקן, רעפלעקסן, מחשבות, רעמיניסצענצן אאַ״וו. די דאָזיקע אינסטרומענטן פון באַוווסטזיניקן דענקען, ווערן געבראַכט אין באַוועגונג אָדער צילבאַוווסט, אָדער אומבאַוווסטזיניק, מעכאַניש. דער מעכאַנישער אַרט דענקען ווערט אַרויסגערופן אָדער דורך אַן אינערלעכער סיבה, ד״ה דורך עפּעס אַ געהיימען פאַרלאַנג, וואָס טויכט־אויף אין אונדז אין אַ געגעבענעם מאָמענט, אויף וועלכן מיר ווערן נישט אויפמערקזאַם, און ער גיט אַ טרייב אונדזער דענק־אַפּאַראַט, אָדער דורך אַן אויסערלעכער סיבה, דורך אַ וועלכער עס איז אַסאָציאַציע, וואָס איז אומבאַמערקטערהייט אַריינגעקומען אין אונדז און האָט אַרויסגערופן אַ רייעדיקע וויקלונג פון די מיט איר פאַרבונדענע און פאַרקייטלטע סיטואַציעס, בילדער און איבערלעבונגען. היות ווי עס איז כמעט נישטאָ קיין מאָמענט, וואָס מיר זאָלן עפּעס נישט פאַרלאַנגען און היות אויך ווי אין אונדזער סביבה איז שטענדיק פאַראַן עפּעס באַקאַנטס וואָס דרינגט דורך אונדזערע חושים אין אונדזער מוח און טרעפט דאָרט אָן אויף פאַרבינדעטע סיטואַציעס, איז אונדזער מוח כמעט שטענדיק טעטיק. פון זיך אַליין קומט פאָר אַן אויטאָמאַטישע וויקלונג פון אונדזער סערעבראַלן פילם, אָן דעם מיר זאָלן אים צילבאַוווסט ריכטן און ברענגען אין באַוועגונג.

דער הויפּט אונטערשייד צווישן מעכאַנישן דענקען און באַוווסטזיניקן דענ־

קען, באַשטייט אין דעם: ווען מיר דענקען דירעקט און צילבאַוווסט, פירן מיר אָן מיט די דענק־עלעמענטן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן פּראָדוצירן נוצלעכע געדאַנקען און אמתן. מיר, דאָס הייסט, אונדזער באַוווסטזיניקער, אויפמערקזאַמער שכל, איז דער באַלעבאָס איבערן דענק־פּראָצעס, קאָנטראָלירט אים, ריכטעט אים, און זעט אַז ער זאָל געבן גוטע פּרוכטן. ווען מיר דענקען מעכאַניש, באַטייליקט זיך נישט אונדזער באַוווסטזיניקער אָרדענענדיקער שכל, נאָר אין אונדזער „מענטאַלן וואַרשטאַט" אַרבעטן די אינסטרומענטן אָן דעם מייסטער און פּראָדוצירן קריפּלען און פאַרזעענישן. עס שאַפן זיך משונהדיקע פאַרבינדונגען, אוממעגלעכע קאָמבינאַציעס, אומנאַטירלעכע צוזאַמענפּאַרונגען און אַזוי ווייטער.

אַ חלום איז דער קולמינאַציע־פּונקט פון מעכאַנישן דענקען. אין שלאָף ווערט פולשטענדיק פּאַראַליזירט אונדזער באַוווסטזיניקע דענק־פעיִקייט און עס בלייבט בלויז טעטיק די מעכאַנישע דענק־פעיִקייט. אַרויסגערופן פון די זעלביקע סיבות, וואָס דער מעכאַנישער דענקען וואַכעדיקערהייט, קען זיך אָנהייבן, בעת מיר שלאָפן, אין אונדזער מוח, אַ כאַאָטישע דעפּיליע פון אַלץ־אַלץ וואָס איז אין אים אָפּגעדרוקט, אַקומולירט און דעפּאָזיטירט זינט יאָרן און יאָרן, איינגעשלאָסן געהאַטע חלומות, געהאַטע פאַנטאַזיעס און פאַרשטעלונגען, געהאַטע געדאַנקען און ווידעראַנאַנדן מיט זיך אַליין, מיט איין וואָרט: אַלץ וואָס איז אונדז נאָר אַ מאָל דורכן קאָפּ, און האָט, בכן, דאָרט איבערגעלאָזן אַן אָפּדרוק, איז שטאָף פאַר חלום. דערצו דאַרף מען אויך צורעכענען די אומבאַוווסטע איינדרוקן וואָס דרינגען אַריין אין אונדז, אָן דעם אַז מיר זאָלן זיך וועגן דעם געבן חשבון. אונדזערע חושים זיינען שטענדיק אין פונקציע און אונדזער מוח איז שטענדיק אָפן אויפצונעמען, צו אַרכיווירן און רעגיסטרירן אין זיך, אַלץ וואָס די חושים און דער אייגענער דענק־פּראָצעס ליפערן אים. אונדזערע געהירן זיינען אַ זייער סענסיבעלער שטאָף, וואָס זאַפּט אין זיך אַריין יעדע מינדסטע פּאַסירונג, וואָס איז דורך זיי נאָר אַ מאָל דורכגעגאַנגען, דרוקן עס אָפּ, לאָזן עס פאַרצייכנט, און ביי געלעגנהייטן שווימט יעדער איינדרוק אַרויף אויפן אייבערפלאַך און פּרעזענטירט זיך און רופט זיך אָפּ. די פּלאָנטערנישן וואָס מאַכן זיך אין די חלומות, נעמט זיך דערפון, וואָס די אויפטויכונגען פון די איינדרוקן קומען נישט אָרדינירט, נאָר כאַאָטיש. אין אַ וואַכעדיקן צושטאַנד קען נישט קומען צו אַזאַ טאָטאַלער אָפּוועזנקייט פון באַוווסטזיניקן שכל. אַפילו דער גרעסטער פאַנטאַזיאָר און בעל־חלומות, וועט אין זיינע אימפּעטיקסטע טרוימערייען נישט דערגיין צו אַזאַ עקסטרעם פון אומזיניקייט, ווי דאָס קען טרעפן אין חלום. דאָס איז דערפאַר, וואָס וואַכעדיקערהייט איז אונדזער באַוווסטזיניקער שכל פּאַסיוו, אָבער נישט אָפּוועזנדיק. אין קעגנטייל, אין שלאָף, איז ער אין גאַנצן נישט פאַראַן. די „לאָגישע" פונקציע גופא פון שלאָף איז אַ טייל פונעם ספּאָנטאַנעם דענק־פּראָצעס און עס קומען־אַרויס משונהדיקע סינטעזן פון בילדער, פּאַסירונגען און סיטואַציעס, וואָס וואַכעדיקערהייט זיינען אַזעלכע נישט מעגלעך. עס איז גענוג די בלויזע אָנוועזנקייט פון באַוווסטזיין, אַז

מיר זאָלן מיט אונדזערע טרוימערייען נישט פאַרפליִען צו ווייט, און אַז אונדזערע
„וואַכעדיקע חלומות״ זאָלן פאָרט האָבן אַ וועלכן עס איז לאָגישן צוזאַמענהאַנג.

ווען דער מעכאַנישער דענקען קומט פאַר אונטער אַ שטאַרקן אָנדרוק פון
אימפולסן, ווערט ער אַזוי אין גאַנצן באַהערשט און באַצוווּנגען פון זיי, אַז ער
מוז לויפן נאָר אין דער ריכטונג, וווּ זיי טרייבן אים, און מוז פּראָדוצירן נאָר
אַזעלכע פאָרשטעלונגען און געדאַנקען, וואָס אַנטשפּרעכן די רייצונג פון די גע־
געבענע אימפּולסן. אין אַזאַ צושטאַנד פאַרלירן מיר אונדזער דענק־פרייהייט,
גאָר אונדזער געדאַנק ווערט אין גאַנצן נכנע און אונטערגעוואָרפן דער ווילן־
שטרעמונג. נישט נאָר אונדזער באַוווּסטזייקער דענקען ווערט אָפּהענגיק און
משועבד צו אַ צעווירקטן אינטימען, אָרגאַנישן ווילן; נישט נאָר ווערט ער, דער
ווילן, דער לעצטער תּוך פון אַלע אונדזערע פּלענער, איינפאַלן און קאָמבינאַ־
ציעס; נישט נאָר באַוועגט ער אונדז צו אינטענסיווירן אונדזער דענקענדיקע טע־
טיקייט, אָנצושפּיצן, פאַרשאַרפן און פאַרטאָפּלען אונדזער וואַכזאַמקייט, נאָר, וואָס
וויכטיקער איז, ער רייסט זיך אַריין אינעם סאַמע אינגעווייד פון אונדזער דענק־
פעיִקייט בכלל, און ווערט די אומזיכטבאַרע און אומדערמידלעכע האַנט, וואָס
טרייבט אָן אָפּשטעל און אָן אויפהער אונדזער דענק־אַפּאַראַט. מיר קענען שוין
מער וועגן קיין אַנדער זאַך נישט דענקען, ווי נאָר וועגן פּראַגעס וואָס האָבן אַ
שייכות מיטן דאָזיקן ווילן. ווען מיר זאָלן נישט ווערן אויפמערקזאַם, געפינען
מיר אויס, אַז מיר דענקען וועגן דעם ווילנס ענינים. עס ווערט ביי אונדז אַ מאַ־
ניע און אַ קראַנקייט פון גייסט, נאָך דעם, הייבט־אָן צוריקווירקן, ערשטנס, די
אינערציע פונעם דענק־פּראָצעס גופא, און צווייטנס, די סוגעסטיע פון די איינ־
געהזרטע פאָרשטעלונגען און געדאַנקען. וואָס מער מיר ווערן אַריינגעצויגן אי־
נעם קרייז פון אַזעלכע פאַרלאָקנדיקע, ד״ה פון ווילן באַווירקטע אידעען און
פאָרשטעלונגען, אַלץ מער מאַכט קריגן זיי איבער אונדז און אַלץ רעאַלער און
עווידענטער הייבן זיי אונדז אָן אויסצוווייזן, ביז מיר פאַרלירן פולשטענדיק דעם
קאָנטראָל און די אורטייל־פעיִקייט און מיר קענען מער נישט אונטערשיידן צווישן
רעאַליטעט און אויסדאַכטונג. פון געפּלהאַפּטע חלומות ווערט זיכערע וואָר, פון
אומזיכטבאַרע שאָטנס ווערן קאָנקרעטע געשטאַלטן און פון מטושטשע אילוזיעס
ווערט די שטרענגסטעווירקלעכקייט.

דער פּרימיטיווער מענטש איז ווייניק באַזעסן דאָס וואָס מיר רופן ניכטערן,
אָביעקטיוון שכל. זיין דענקען איז געווען כמעט בלויז אַ מעכאַנישס. ער האָט נישט
געדענקט, נאָר געחלומט. זיין קאָפּ איז געווען אָנגעפּילט מיט בילדער, רעפלעקסן
און רעמיניסצענצן, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט אָן אַ צוזאַמענהאַנג און אָן אַ זי־
נען און ער איז נישט בכוח געווען זיי איינצוהאַלטן און צו קאָנטראָלירן. ער איז
נישט געווען דער באַלעבאָס איבער זיין מעכאַנישן דענק־פּראָצעס, נאָר זיין מע־
כאַנישער דענק־פּראָצעס איז געווען באַלעבאָס איבער אים. זיין דענקען איז גע־
ווען ענלעך אויף אונדזער חלומען און זייגע חלומות האָבן געמוזט זיין אַ סך העפּ־

טיקער און פֿאַרפּלאָנטערטער ווי אונדזערע. אונדזער מוח איז פֿאַרט מער רוטי־נירט און פֿאַרמאָגט הינטער זיך עוואָלוציע פֿון אַ סך דורות אָרדינירטן דענקען. דאָס באַוווסטזיניקע, צוועקמעסיקע, פֿאָרויסזעענדיקע און פֿאָרויסבאַשטימענדיקע דענקען, האָט זיך ביים פּרימיטיוון מענטשן געמוזט באַגרענעצן צו די סאַמע עלע־מענטאַרסטע באַדערפֿענישן פֿון זיין עקסיסטענץ. זעען מיר ווי לאַנגזאַם, ווי אומ־געהייער לאַנגזאַם, דער פּרימיטיוועך מענטש האָט פּראָגרעסירט אויפֿן געביט פֿון זיין מאַטעריעלער קולטור און ווי לאַנג עס האָט געדויערט ביז ער האָט געמאַכט די עלעמענטאַרסטע דערפֿינדונגען אויף צו פֿאַרבעסערן זיין לעבן, פֿאַרשטייען מיר דאָך, ווי נישטיק־קליין עס איז ביי אים געווען דאָס ציל־באַוווסטע פּלאַנירטע טראַכטן. און אַזוי ווי ער איז נאָר אַוועק פֿון זיינע „מאַטעריעלע פּראָבלעמען" און ער האָט באַטראַכטן דעם באַדן פֿון „אַבסטראַקטן דענקען", אַזוי גלייך האָט אים אויסגעפּעלט אַפֿילו דאָס קליין ביסעלע שכל, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין זיין פּראַקטישן לעבן. ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן „גייסטיקע פּראָבלע־מען", אַזוי גלייך האָט זיך אָנגעהויבן אין זיין מוח אַ שרעקלעכער כאָאָס און זיין פּיצלדיקער שכל האָט אָנגעהויבן פּלאָנטערן, פֿליען, ברייען. אַלע שרעקן און פּחדים, אַלע איבערגעלעבטע געפֿאַרן, אַלע בייזע געשטאַלטן, אַלע ווילדע און צעדרייטע חלומות, אַלע משונהדיקע איינפֿאַלן, — וואָס פֿלעגן אויפֿקומען אין זיין קאָפּ אונטערן דירעקטן אָנשטויס פֿון איבערגעלעבטע געפֿאַרן און וועלכע דער זכרון האָט פֿאַררעגיסטרירט — דאָס אַלץ פֿלעגט אַרויסשטראָמען פֿון זיינע גע־הירן און האָט זיך אומאויפֿהערלעך געוויקלט און געפּלאָנטערט אין זיין שוואַכן, צעטומלטן קאָפּ. דאָס מין באַטראַכטן זיך, זיך איבערלייגן און אָפּטיילן דאָס וואָר־האַפֿטיקע, דאָס וואַרשיינלעכע, דאָס, וואָס דער שכל־הישר איז מחייב אַז עס קען געמאָלט זיין, פֿון דעם נעפּלהאַפֿטן, פֿאַנטאַסטישן און אוממעגלעכן, אויף דעם איז ער נאָך נישט פֿעיִק געווען. ער איז אין גאַנצן געווען פֿאַרשטעקט אין דעם ספּאָנ־טאַנעם חלומענדיקן דענקען און האָט אים נישט געקענט איינהאַלטן און אָרדע־נען. דער דאָזיקער סאָרט דענקען איז געווען זיין העכסטע מדרגה. אַרויסקריכן פֿון דעם דאָזיקן אויטאָמאַטישן דענקען און אים גופֿא באַאָבאַכטן, זיך אַליין כאַפּן ביים האַנט: אָט דענק איך וועגן דעם און דעם, דענקען, הייסט עס, וועגן דעם אייגענעם דענקען, דאָס האָט ער נאָך נישט געקענט; דאָס וואָלט פֿאַר אים גע־מיינט אַריבערקריכן איבער זיך אַליין.

זאַכן און דערשיינונגען זיינען פֿאַרן פּרימיטיוון מענטשן געווען אויף אַזוי פֿיל אמת, אויף וויפֿל ער האָט זיי געוואָלט און זיך זיי געקענט פֿאָרשטעלן. גאָר זיין אמת־דערקענטעניש איז געווען רעדוצירט צו אימפּולס און צו פֿאָרשטעלונג־קראַפֿט. וואָס בולטער אַ זאַך, מיט וועלכער ער איז געשטאַנען אין פּאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע געפֿיל־באַציִונגען, האָט זיך אים פֿאַרגעשטעלט אין געדאַנק, אַלץווירקלעכער און אמתער איז זי געווען. דער הייַנטיקער מענטש, דער קריטישער דענקער, ווייסט, אַז פֿאַנטאַזירן וועגן זאַכן, מיינט נאָך נישט אַז זיי זיינען ווירק־

לעך דאָ. ער ווייסט, אַז צווישן פאַנטאַזיע און רעאַליטעט איז אַ מהלך רב. דאָס איז דערפאַר, וואָס דער היינטיקער מענטש האָט דעם באַוווסטזיין אַז ער פאַנטאַזירט אָדער חלומט. לולי זאת, זאָל ביי אים אָפּגענומען אָדער דעפעקטירט ווערן דער דאָזיקער באַוווסטזיין — אין שלאָף אָדער משוגעים־הויז — וועט ער אָנהייבן אָננעמען פאַר אמת און ווירקלעך דאָס אַלץ וואָס זיין פאַנטאַזיע וועט פאַר אים אויסמאָלן. אַזוי איז עס געווען מיטן פרימיטיוון מענטשן. ער האָט אָנגענומען פאַר גוט געלט אַלץ וואָס זיין פאַנטאַזיע האָט פאַר אים אויסגעמאָלט. זיין „וועלט־אָנשויונג" האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט: שאַרפע בילדער און וויזיעס וואָס האָבן זיך פּראָדוצירט אין זיין מוח. זיין דענקען איז געווען דער עקיוואַלענט פון שאַרף־רעליעפע וואַכעדיקע חלומות. מיט איין וואָרט: דער פרימיטיווער מענטש איז אַראָפּגעשווענקט געוואָרן פונעם האַסטיקן שטראָם פון מעכאַנישן דענקען. זיין אימפּולסיווער האַלב־באַוווסטזיניקער גייסט האָט אים מיטגעריסן און ער האָט זיך פון אים געלאָזט טראָגן ווו נאָר ער האָט אים פאַרשלעפּט.

און נישט בלויז דאָס, נישט בלויז האָט דער פרימיטיווער אָנגענומען שאַרפע אויסדאַכטונג פאַר וואָר, דערפאַר וואָס זיין ניכטערער שכל איז געווען שוואַך און נישטיק, נאָר אויך דערפאַר, וואָס די מאַכט פון די אימפּולסן איז ביי אים געווען שטאַרק. אונטער יעדער שאַרפער אויסדאַכטונג, מוז שטיין אַ כוח, וואָס טרייבט אַזעלכע צו האָבן. שוין דער אויסדרוק גופא „שאַרפע אויסדאַכטונג", כאָטש ער באַציט זיך בלויז אויף דער טעטיקייט פון דער פאָרשטעלונג־קראַפט, שליסט, נויטווענדיקערווייז אין זיך, אויך די אימפּולסן, וואָס סטימולירן צו האָבן אַזאַ אויסדאַכטונג. דאָס הייסט, אַז פונקט ווי עס איז נייטיק פאַר שאַרפע אויסדאַכטונגען אַ לעבעדיקע פאַנטאַזיע, אַזוי איז אויך נייטיק אימפּולסן, וואָס זאָלן די פאַנטאַזיע רעגן און איר ליפערן סיוזשעטן וועגן וואָס צו פאַנטאַזירן. וועגן קיין אינדיפערענטע זאַכן, באַמיט זיך נישט קיינער אַפילו אין איינציקן פאַנטאַזיר צו טאָן. שוין דאָס גופא וואָס די פאַנטאַזיע ווערט פאַרשאַרפט, נעמט זיך פון אַ סך פאַנטאַזירן. און פאַנטאַזירט מען אַ סך, נאָר וועגן זאַכן וואָס ווילן שטויסט וועגן זיי צו פאַנטאַזירן. ווילן און אימפּולס זיינען, בכן, די הויפּט אָנרעגער פון יעדן דענקען בכלל און פון יעדן אויטאָמאַטישן דענקען בפרט.

די אימפּולסן וואָס האָבן באַטריבן דעם פרימיטיוון מענטשנס געדאַנק זיינען געווען שרעק און באַגער. ער האָט געטראַכט נאָר וועגן זאַכן פאַר וועלכע ער האָט שטאַרק מורא געהאַט, אָדער וועלכע ער האָט שטאַרק באַגערט און געוואָלט האָבן. אין באַצוג צו די דאָזיקע זאַכן — אָדער דערשיינונגען — איז דער מיטאָס־געדאַנק געווען אַ געמיש פון ווייניק וואָר און אַ סך חלום, פון קנאַפּ ווירקלעכקייט און אַ סך אויסדאַכטונג. דער דמיון האָט פאַרשלונגען דעם זיין. די נאַטור איז געווען געשפּענסטהאַפטיק און דאָס לעבן — פאַנטאַזמאַגאָריש. רעאַלע זאַכן האָבן אויסגעזען ווי שאָטנס און שאָטנס ווי רעאַלע זאַכן. די אילוזיע האָט באַהערשט די ווירקלעכע פאַסירונג, און די צעשויבערטע פאָרשטעלונג — דעם עמפּירישן

פאַקט. אַלץ איז געווען ווי אין אַ קאָשמאַר. הימל און ערד, חיה און מענטש, אַלץ האָט געלעבט אַ געשפּענסטהאַפטיק לעבן, האָט גערעדט, געדענקט און געקענט דורכמאַכן די ווייטגייענדיקסטע פאַרוואַנדלונגען. ביי אַזאַ צושטאַנד, איז יעדע משונהדיקע אויסדאַכטונג און יעדער צעדרייטער איינפאַל, וואָס איז געשטיצט געוואָרן פון אַ סך שרעק אָדער אַ סך באַגער, געווען אַ פאַרטיקער מיטאָס.

און נישט בלויז אַבסטראַקט האָט געווירקט דער מיטאָס-געדאַנק, נאָר אויך קאָנקרעט. דער אור-מענטש האָט צונויפגעמישט דאָס איבערגעאַלע מיטן רעאַלן ביז אַזאַ גראַד, אַז זיין טאָגטעגלעך לעבן, זיינע אויפפירונגען און האַנדלונגען, זיינען געווען אינספּירירט פונעם מיטאָס-געדאַנק. ער האָט נישט בלויז געטרוימט מיטאָלאָגיש, נאָר געלעבט מיטאָלאָגיש. ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין באַזונדערע שכלדיקע נאָרמעס פאַרן לעבן און ווירקן און באַזונדערע פאַר חלומען און פאַנ־טאַזירן, נאָר די זעלביקע שכלדיקע נאָרמעס האָבן אים געדינט איןביידע פאַלן. גאָר זיין דענקונג-פעיִקייט איז געווען מיסטיצירט, און נאָר דורך מיסטיש-פאַנ־טאַזמאַגאָרישער זעונג האָט ער פאַרשטאַנען און אויפגעפאַסט אַלע דערשיינונגען פון דער נאַטור און זיין אייגן לעבן.

II

אויך די קינדער-פּסיכאָלאָגיע קען אונדז געבן אַ באַגריף פונעם מיטאָס און זיין אויסטרוימער. די פּסיכישע פונקציע פונעם מיטאָס-שאַפנדיקן מענטשן, ווייזט אונדז אויס צו זיין זייער ענלעך צו דער פּסיכישער פונקציע פון קינד. אויסשטו־דירנדיק אַלע אייגנשאַפטן פון קינדערשן פילן און דענקען, קען מען קריגן אַ באַגריף פונעם פילן און דענקען פון אור-מענטש.

קינדער שאַפן כסדר מיטאָסן. אַ קינדער-מעשה איז אַ מיטאָס פון איין שעה. דער געבורט פון דער קינדער-מעשה און פון מיטאָס זיינען צווישן זיך גלייך. אַ קינד נעמט-אָן פאַר אמת: 1) דאָס וואָס עס קען זיך קלאָר פאָרשטעלן, און 2) וואָס רייצט אים. וואָס מער אַ בילד אָדער אַ דערציילונג צייכענען זיך אויס מיט די דאָזיקע צוויי אייגנשאַפטן, אַלץ מער רעאַליטעט האָבן זיי פאַרן קינד. יענער פּראַק־טישער שכל וואָס זאָגט-אונטער דעם עלטערן, אַז ער זאָל זוכן די רעאַלע מעג־לעכקייט פון געשעענישן, ד"ה, ער זאָל דערלאָזן נאָר אַזעלכע געשעענישן, וואָס דער שכל-הישר און די לעבנס-דערפאַרונג זיינען מחייב, אַז זיי קענען געמאָלט זיין, און זאָל אָפּוואַרפן אַזעלכע געשעענישן, וואָס דער פּראַקטישער פאַרשטאַנד דערלאָזט זיי נישט, — אָט דער פּראַקטישער אָדער דערפאַרענער שכל זיינען נישט פאַראַן ביים קינד. דאָס קינד דערלאָזט אַלץ, וואָס זיין פאַרשטעלונג-קראַפט מאָלט אים אויס און זיינער אַן אימפּולס ווערט געדרייצט. מעג דער סיוזשעט פון אַ קינ־דער-מעשה זיין ווי פאַבלהאַפט, מעגן אין איר צונויפגעפירט ווערן די אוממעג־לעכסטע סיטואַציעס, מעג אין איר געענדערט ווערן דער נאַטירלעכער אויסזען

פון מענטשן, חיות, זאַכן; מעג אין איר איבערגעדרייט ווערן דער סדר פון נאַ־טור־לעבן און מענטשלעכן לעבן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, — איז דאָס אַלץ נישט קיין מאָטיוו אַז דער קינדערשער שכל זאָל זיך פּילן שאָקירט און דערווידערט דערפון, נאָר עס נעמט דאָס אַלץ אויף מיט פאַרגעניגן, אָבי נאָר עס זאָל רייצן און שאַפן איבערלעבונג. דער תנאי פון קלאָרער פאָרשטעלונג, איז, אייגנטלעך, נישט קיין ציל, נאָר אַ מיטל צו שטאַרקער און העפטיקער רייצונג פון די געפילן. וואָס בולטער און רעאַלער מען קען זיך עפּעס פאָרשטעלן, אַלץ שטאַרקער איז די ווירקונג פונעם פאָרגעשטעלטן און אַלץ אינטענסיווער איז די איבערלעבונג. אויב אָבער דער ציל איז בלויז די איבערלעבונג, איז די פאָר־שטעלונג־קראַפט דער נויטווענדיקער און דער איינציקער מיטל דערצו. אָן גוטער און קלאָרער פאָרשטעלונג, קען זיך נישט באַקומען קיין אויפרייצונג פון די גע־פילן. בילדער און פאַסירונגען, וואָס ווערן נישט גוט געשילדערט, אָדער זיינען נישט פאָרשטעלבאַר, לאָזן גלייכגילטיק און רעגן נישט אָן צו קיין שום פילן. נאָר יענע געשטאַלטן וואָס ווערן שאַרף אויסגעמאָלט, און נאָר יענע געשעענישן און סצענעס, וואָס דאָס קינד קען, אין דער פאַנטאַזיע, קלאָר מיטלעבן, נאָר זיי רייצן אים אויף און באַפרידיקן זיין פאַרלאַנג נאָך איבערלעבונג. פון דער צווייטער זייט, ווירקט צוריק ווילן אויף פאַנטאַזיע מיט דעם, וואָס אַ דערציילונג אָדער בילד וואָס רייצן שטאַרק, ווערן דורך ווילן געהאַלטן אין דער פאַנטאַזיע אַ לאַנגע צייט, אָדער ווילן שיקט זיי ווידערהאָלטע מאָל אַהינצו. אין קעגנטייל, ווערן דערציילונ־גען אָדער בילדער אין וועלכע דער ווילן איז נישט פאַראינטערעסירט שנעל פאַרגעסן, ד״ה אַז דער ווילן רוקט נישט אונטער די פאַנטאַזיע וועגן זיי צו טרוי־מען.

דערפאַר אויך האָבן קינדער מורא פאַר וואָרט און זשעסט. ווען מען טוט אַ זאָג אַ קינד: „אַ בער גייט", באַהאַלט עס זיך און באַקומט מורא, אָט ווי ער וואָלט טאַקע געזען דעם בער אַנקומען. מען מעג דאָס זעלביקע וואָרט איבערחזרן אַ סך מאָל, דאָס הייסט, דאָס קינד מעג וויסן, אַז עס איז נישט מער ווי אַ וואָרט, דאָך, אַזוי לאַנג ווי עס וועט ביי אים אַרויסרופן די שרעק־פאָרשטעלונג, אַזוי לאַנג וועט עס מורא האָבן. דאָס זעלבע איז מיט נאָכקרימען פאַרן קינד אַ שרעק־געשטאַלט אָדער אַ שרעק־פּאָזע. מעג דאָס קינד זען אַז ער האָט פאַר זיך אַן אייגענעם מענטשן וואָס קרימט נאָך, דאָך, אויב די נאָכקרימונג וועט ביי אים אַרויסרופן אַ שרעק־פאָרשטעלונג, וועט דער אוממיטלבאַרער איינדרוק זיין שטאַרקער פאַרן ניכטערן וויסן, אַז דער נאָכקרימער איז אַן אייגענער מענטש. אַזוי איז אויך מיט זשעסטן וואָס סימבאַליזירן קלעפּ — מאַכן זיי אויף קינדער אַן איינדרוק און זיי קענען עס נישט פאַרטראָגן.

די דאָזיקע צוויי הויפּט עלעמענטן פון קינדערשן געדאַנק: די קלאָרע פאָר־שטעלונג און דער ווילן פאַר דאָס פאָרגעשטעלטע, זיינען, מיט אַן אמת, אויך די הויפּט עלעמענטן פון דערוואַקסענעם געדאַנק. דאָס וואָס טיילט זיי אָפּ, איז

נישט קיין נייער עלעמענט וואָס קומט אַריין אינעם דענק־פּראָצעס פון דערוואַקסענעם, וואָס פעלט אינעם דענק־פּראָצעס פון קינד, נאָר בלויז די גרעסערע מאָס דערפאַרונג וועגן זאַכן און געשעענישן וואָס דער דערוואַקסענער פאַרמאָגט. דער שכל פון דערוואַקסענעם מענטשן איז דערפאַרענער ווי דער קינדערשער שכל, און אָט די דערפאַרונג מאַכט עס אַז דער דערוואַקסענער זאָל צוריקווייזן זאַכן, וואָס ער ווייס פון לאַנגער דערפאַרונג, אַז זיי קענען נישט געמאָלט זייך, און וואָס קינדער, וועלכע עס פעלט די דערפאַרונג, זאָלן אָננעמען פאַר מעגלעך.

וואָס מער דערפאַרונג אַ מענטש האָט, אַלץ ווייניקער איז ער גענויגט צו גלייבן אין דעם וואָס „מ׳דערציילט". וואָס ווייניקער דערפאַרונג אײנער האָט, אַלץ מער גלייבט ער אין דערציילטע זאַכן. פאַרשטענדלעך, אַז דאָ האָט אַ סך צו זאָגן די אינדיווידועלע פעיִקייט צו קענען לערנען פון דערפאַרונג. ס׳זיינען דאָ מענטשן וואָס בלייבן נאַיִווע און „קינדער" זייער גאַנץ לעבן, און ס׳זיינען דאָ אַנדערע וואָס לערנען זיך אויס „די חכמה פון לעבן" ווען זיי זיינען נאָך גאַנץ יונג. אויך דאָס, די פעיִקייט אָדער אומפעיִקייט צו לערנען פון דערפאַרונג, איז, אין תוך, אָפּהענגיק פון ווילן, טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער און נישט פון שכל. וואָרעם די יעניקע וואָס בלייבן זייער גאַנץ לעבן „קינדער" און נאַיִווע, בלייבן עס נישט דערפאַר, וואָס זיי פאַרמאָגן צו ווייניק שכל, נאָר דערפאַר וואָס זיי פאַרמאָגן צו פיל ווילן פאַר געוויסע זאַכן, וועלכער שטויסט זיי צו דענקען און האַנדלען אַזוי, אַז מ׳זאָל זיי דאַרפן רופן קינדער און נאַיִווע. דאָס גלייכן פאַרקערט, מיט די וואָס ווערן שנעל „ניכטער" און „פּראַקטיש", איז עס ביי זיי נישט אויס קלוגשאַפט, נאָר אויס כאַראַקטער. בדרך כלל, אָבער, איז דאָס וואָס מ׳רופט רייפקייט, ניכטערקייט, „אָפּענער בליק אויף זאַכן", פאַרבונדן מיט דערפאַרונג, און נאַיִווקייט, לייכטגלויביקייט — מיט אומדערפאַרנקייט. אויף די יעניקע געביטן ווו דער דערוואַקסענער האָט נישט מער דערפאַרונג ווי דאָס קינד, זיינען זייערע ביידע שכלען גלייך. עס דעצידירט ווילן און פאַרשטעלבאַרקייט. דערציילונגען וועגן ווייטע און אומבאַקאַנטע לענדער, למשל, ברענגען־אַריין אין פאַרלעגנהייט אַפילו די פּראַקטישסטע קעפּ. מ׳ווייס נישט וואָס צו טראַכטן: צי איז אמת, וואָס יענער דערציילט, אָדער נישט. די פאַרגלייכונג צום אייגענעם אַרום, קען נישט גילטן, ווייל אָט זעט מען אַן אויסטערלישן עקזעמפּלאַר אָדער קעגנשטאַנד, וואָס באַווייזט אומצווייפלהאַפט, אַז אין יענעם ווייטן לאַנד איז אַנדערש ווי ביי אונדז, און דאָך ווייס מען נישט ווי אַזוי ס׳איז דאָרט. דערפאַרונג בלייבט שטום און דער שכל ווערט פאַרקינדישט. אַזוי האָט עס פּאַסירט ווען די קלוגע אייראָפּעער האָבן געלייענט אָדער געהערט די שילדערונגען פון מאַרקאָ פּאָלאָ וועגן כינע און די ווייטע אַזיאַטישע לענדער, אָדער די ערשטע שילדערונגען פון אַמעריקע דורך קאָלאָמבוסן און זיינע מענטשן. דערפאַרענע אַלטע לייט און קינדער האָבן אויפגענומען די אויסטערלישע געשיכטעס מיטן זעלביקן קריטעריום. קיין אַנדער אויסוועג איז נישט געווען.

דער געדאַנק, אַז דאָס וואָס טיילט־אָפּ דעם קינדערשן שכל פון רייפן שכל,
איז בלויז דערפאַרונג און נישט קיין נייער דענק־עלעמענט, איז פון גרויס וויכ־
טיקייט פאַר דעם ענין וואָס מיר באַהאַנדלען. פון דעם דאַרף זיין געדרונגען, אַז
דאָס וואָס עס טיילט־אָפּ דעם שכל פון פרימיטיוון מענטשן, וועלכן מיר פאַר־
גלייכן צום קינדערשן שכל, פון דעם שכל פון היינטצייטיקן מענטשן, איז די
גרויסע מאָס דערפאַרונג. דעם פרימיטיוון מענטשנס מוח האָט נאָך נישט געהאַט
אַריינגעזאַפּט אין זיך אַריין יענע גרויסע סכומים לעבנס־דערפאַרונגען, וואָס דעם
היינטיקן מענטשנס מוח. דעם פרימיטיוון מענטשנס דענקערישע פעיִקייטן, כאָטש
זיי זיינען געווען פון זעלביקן שניט וואָסביים איצטיקן מענטשן, זיינען זיי אָבער
געווען יונג, רוי און — אומדערפאַרן. אונטער „דערפאַרונג“ דאַרף נישט פאַר־
שטאַנען ווערן בלויז די אייבערפלעכלעכע באַוווסטזיניקע דערפאַרונג, נאָר אויך
די טיפע, אומבאַוווסטזיניקע דערפאַרונג, יענער סאָרט דערפאַרונג וואָס דרינגט־
אַריין אין אונדז אומבאַוווסט און מאַכט קליגער אונדזער שכל. עס קען זיין אַ
רייד נישט בלויז וועגן דערפאַרענע מענטשן, נאָר אויך וועגן דערפאַרענע שכלען.
דער פרימיטיווער מענטש האָט געהאַט אַן אומדערפאַרענעם שכל.

אַלזאָ, דאָס קינד נעמט־אָן פאַר ווירקלעך, דאָס אַלץ, וואָס עס וויל עס זאָל
זיין ווירקלעך. די ליאַלקע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ לעבעדיק קינד, ווייל דאָס
מיידעלע וויל אַזוי, ווייל דורך דעם קען זי אויסלאָדן אַ גאַנצע רייע געפילן וואָס
אַנטשטייען אין איר און וואָס דאַרפן באַקומען אויסדרוק. אָט פיעשטשעט דאָס
מיידעלע איר ליאַלקע און לאָדט־אויס אירע געפילן פון צערטלעכקייט און רחמ־
נות. אָט שרייט זי אָן אויף דער ליאַלקע זי זאָל שלאָפן, עסן, זיין אַ גוטע; שלאָגט
איר אָן, קושט איר אאַ״וו, און עס ווערן באַפרידיקט גרויסע סכומים פונעם מיי־
דעלעס ווילן. יענער גרויסער און טיפער קאָמפּלעקס עמאָציעס וואָס מיר זעען
קומען צום אויסדרוק ביי דער מיידעלעס מאַמען לגבי דעם מיידעלע, זעען מיר
קומען צום אויסדרוק פונעם מיידעלע לגבי דער ליאַלקע. די מאַמע פילט אַ באַ־
דערפעניש צו צערטלען איר קינד; דאָס מיידעלע — אויך. ווען דאָס מיידעלע
וואָלט נישט געהאַט קיין באַדערפעניש זיך צו שפּילן מיט איר ליאַלקע, וואָלט
זי, מעגלעך, שפּעטער, אַלס מאַמע, נישט געהאַט קיין באַדערפעניש זיך צו שפּילן
מיט איר קינד. די שפּיל פון דער מיידעלע מיט דער ליאַלקע איז אַן אָנזאָג, אַז
אַ מאָל, וועט דאָס מיידעלע זיך וועלן שפּילן מיט איר קינד. דער איינציקער גע־
פיל וואָס איז פאַראַן ביי דער מאַמען וואָס ביים מיידעלע איז ער נאָך נישט פאַראַן,
איז דער אַחריות־געפיל און די איבערציטערונג פאַרן קינדס עקסיסטענץ און
וווילזיין. דער דאָזיקער געפיל פעלט דער קליינער מיידעלע לגבי איר ליאַלקע.
איז אָבער דער דאָזיקער געפיל אַ דירעקטער פועל־יוצא פון רייפן געדאַנק אויף
וועלכעס דאָס קינד קען נישט פּרעטענדירן. דאָס וואָס איז איצט וויכטיק, איז דער
פאַקט, אַז צוליב דעם וואָס דאָס מיידעלע קען דורך דער באַלעבונג־אילוזיע פון
דער ליאַלקע באַפרידיקן איר דראַנג נאָך איבערלעבונג, קריגט ביי איר די דאַ־

זיקע אילוזיע די קראַפט פוןווירקלעכקייט און זי נעמט באַהאַנדלען און אומגיין אַרום דער ליאַלקע אָט פונקט ווי זי וואָלט ווירקלעך געלעבט. כאָטש דאָס מיידעלע איז שוין גענוג דערוואַקסן צו פאַרשטיין, אַז אַ ליאַלקע איז אַ טויטע זאַך און וויס ניט און פאַרשטייט נישט וואָס מען רעדט צו איר; כאָטש זי, דאָס מיידעלע, וויס, אַז זי „שפּילט זיך", אַז דאָס איז נישט „אויף צו אמתן", דאָך טוט זי עס מיטן גרעסטן ערנסט און אינטערעס. מעג מען איר צען מאָל זאָגן, אַז זי איז אַ נאַר, וואָס זי פירט זיך כסדר אַרום מיט דער ליאַלקע און וויל זיך פון איר נישט אָפּלאָזן אויף קיין מינוט, וועט זי פון דעסט וועגן זיך נישט אויפהערן אַרומצופירן מיט איר און דעם געפּילפּולן מיידעלעס סענטימענטן וועלן אויף קיין האָר נישט געמינערט ווערן צו איר ליאַלקע. פאַרקערט, זי וועט איר נאָך שטאַרקער קושן, האַלדזן, צערטלען און פּיעשטשען. דאָס מיידעלע וועט, אָפּט מאָל, אַפילו נישט הערן וואָס מ׳רעדט צו איר. דעם מיידעלעס געפילן באַהערשן ביז צו אַזאַ גראַד איר שכל, אַז די ליאַלקע ווערט בפועל ממש פאַרוואַנדלט אין אַ לעבעדיק קינד פאַר איר און זי לאָדט אויף איר אויס די גאַנצע מאַסע פילבאַרקייט וואָס איז דאָ אין איר האַרץ. דאָס מיידעלע וויל אַז די ליאַלקע זאָל לעבן, ווערט די ליאַלקע לעבעדיק. די איבערגעוויכט פון ווילן איבערן שכל איז דאָ אַזוי גרויס, אַז מען איז כמעט נישט בכוח דעם קינד אויסצוניכטערן.

אַזוי פּאַסירט מיט אַלע קינדערשע שפּילערייען. אָט שפּילן זיך צוויי גרופּעס ייִנגלעך אין סאָלדאַטן און מלחמה. דאַכט זיך, שוין דערוואַקסענע ייִנגלעך. פון דעסט וועגן וועלן זיי זיך אַזוי לאָזן באַהערשן פון זייער שפּיל־פּסיכיק און וועלן ווערן אַזוי סוגעסטיאָנירט פון זייערע קאָנווענציאָנעלע שפּיל־אידעען, אַז אַ ייִנגל, מעג זיין אַ שול־חבר און אַ היימישער, פון „שונאס" לאַגער, וואָס וועט אַריינפאַלן צו זיי אין די הענט, איז אין דער גרעסטער געפאַר באַהאַנדלט צו ווערן מיט גרויזאַמקייט. נישט זעלטן ענדיקן זיך שפּילן פון ווייסע חברהניקעס אין „פּאָליציי און פאַרברעכערס" מיט אַ פאַטאַלן סוף פאַר די „פאַרברעכערס". די פּאָליציי־כראָניק וויס צו דערציילן וועגן פאַלן, ווען קינדער האָבן ביי אַזעלכע געלעגנהייטן דערשאָסן און אויפגעהאַנגען זייערע חברים.

דאָס הילצערנע פערדל פאַרטרעט דאָס אָרט פון אַ לעבעדיק פערדל, וועלכעס דער קליינער רייטער שמייסט, שרייט אויף דעם און ציט עס פאַרן צוימל. דאָס בלעכענע שווערדל פאַרטרעט דאָס אָרט פון אַן אמתער שווערד מיט וועלכער דער קליינער העלד האַלט אין איין פאַרפאָלגן זיינע „שונאים", דעם שכנס היגער און קאַטשקעס, אָדער זיין קליין שוועסטערל, אָדער די בענקלעך אַרום טיש אאַ״וו.

נאָך אינטענסיווער, ווי געזאָגט, צעווירקט זיך די פאַנטאַזיע און דער איבערלעבונג־דראַנג אין קאָלעקטיווע קינדער־שפּילן, אין וועלכע עס ווערט אימיטירט דאָס לעבן — צום גרעסטן טייל דאָס פיינטלעכע און שלעגערישע — פון די גרויסע. דער קליינער זעלנער, באַנדיט, פּאָליציאַנט, אָדער דאָס קליינע מאַמעלע, לערערקע, ניאַניע אאַ״וו, נעמען זיך מערקווערדיק דורך מיט זייערע ראָלן,

און זיינען פעיִק זיך צו סוגעסטיאָנירן ביזן גראַד פון אָנהייבן דורכצופירן ווירק־לעכע אַקטן, וואָס דריקן־אויס זייער קאָנווענציאָנעלן שפיל־כאַראַקטער. קינדער אין אַזעלכע איינגעפּאַסטע פאַלש־אמתע ראָלן, איז שווער אויסצוניכטערן. מען קען זיי וויפל מאָל פונאַנדערטרייבן, און זיי ציִען זיך צוריק צו דער שפיל און רייסן זיך אין זייערע ראָלן אַריין מיט איינגעשפּאַרטקייט. דאָס איז דער העפטי־קער אָנשטויס פונעם ווילן וואָס טרייבט זיי צו זיין, אין דער שפיל, דאָס, וואָס זיי וואָלטן געוואָלט זיין אין דער אמתן. דער דערוואַקסענער וואָס האָט חשק אַריינצו־קריכן אין אַ וויכטיקער, זיך־אימפּאָנירנדיקער פּערזאָן, מוז זיך דעם דאָזיקן חשק קעגנשטעלן דורכן באַוווסטזיין פון שפּאָט, שאָדן און פאַרפאָלגונג וואָס דאָס קען אים ברענגען. ביים קינד איז דער דאָזיקער טאָרמאָז אָפּוועזנדיק, אָדער שוואַך, און ער לאָזט זיך באַהערשן פון זיינע אימפּולסן און נעמט־אָן אַזאַ כאַראַקטער און אַזאַ פּערזאָן ווי אים געפעלט, אָדער באַלעבט טויטע קעגנשטאַנדן לויט זיין גע־שמאַק, כדי ער זאָל קענען איבער זיי זיך איזדיעקעווען, באַלעבאַטעווען און הערשן.

ווען קינדער זאָלן זיך קענען איזאָלירן פון דער אַרומיקער וועלט און בלייבן אַ לאַנגע צייט אין זייער שפּיל, וואָלטן זיי אַזוי שטאַרק אַריינגעוואַקסן אין זייערע ראָלן, אַז עס וואָלט ביי זיי געוואָרן ווירקלעכקייט. דאָס וואָס קינדער קענען אי־בערגיין פון שפּיל צו וואָר און פון וואָר צו שפּיל נעמט זיך פון דעם, וואָס זיי זיינען אַרומגערינגלט פון עלטערע און זייערע אויפפירונגען. קינדער האָבן אַ פולשטענדיקן באַגריף וועגן דעם אמתן אויסזען פון לעבן, מענטשן און זייערע פאַרהעלטענישן. אין מאָמענט ווען קינדער פאַרלאָזן די ווירקלעכקייט און גייען אַריבער אין דער וועלט פון שפּיל, וויסן זיי, פון דעסט וועגן, ווער און וואָס זיי זיינען אין דער אמתן. ווען עס וואָלט געווען אַ מעגלעכקייט אויסצומעקן פון קינ־דערשן מוח דעם באַוווסטזיין וועגן דעם ווירקלעכן לעבן אַרום זיי, וואָלט די ווירקלעכקייט פון שפּיל געוואָרן די איינציקע און אויסשליסלעכע ווירקלעכקייט; זיי וואָלטן געוואָרן דורכויס דאָס וואָס זיי וואָלטן געוואָלט זיין און וואָס זיי וואָלטן זיך פאַרגעשטעלט אַז זיי זיינען.

דער פּרימיטיוועור מענטש האָט זיך געפונען אין אַזאַ לאַגע. זיין לעבן איז געווען אַ קינדער־שפּיל אָן דעם מינדסטן באַוווסטזיין וועגן אַן אַנדער לעבן. זיין וועלט איז געווען דורך און דורך אַ קינדער־וועלט, ווו עס האָט דאָמינירט פאַנ־טאַזיע און אימפּולס. וואָלט דער פּרימיטיוועור מענטש געהאַט ביי זיין זייט דאָס לעבן פונעם רייפן מענטשן, צו וועלכעס ער זאָל זיך קענען צוקוקן און מיט ווע־מענס דערפאַרונגען ער זאָל זיך, באַוווסטזיניק און אומבאַוווסטזיניק, קענען דורכ־נעמען, וואָלט ער אויך, ווי דאָס קינד, געוווסט, אַז ער שפּילט זיך. ער האָט אָבער ביי זיין זייט נישט געהאַט קיין רייף לעבן און ער האָט אָנגענומען די שפּיל פאַר וואָר.

די סטאַדיע פונעם פּרימיטיוון מענטשן איז די קינדער־סטאַדיע פון אונדזער מין. זיינע געדאַנקען זיינען געווען געדאַנקען פון אַ קינד; זיינע געפילן, געפילן

פון אַ קינד און זיינע מעשים — מעשים פון אַ קינד. אַלץ וואָס די פאַנטאַזיע האָט אים אויסגעמאָלט און צו וועלכן אַן עמאָטיוועער שטראָם האָט אים געשטויסן, צו דעם אַלעם האָט ער זיך געלאָזט פאַרטראָגן און עס אָנגענומען פאַר דער שטרענג־סטער רעאַליטעט און אמת.

ביים פרימיטיוון זיינען די זאַכן שטענדיק געווען אַזוי ווי ער האָט געוואָלט זיי זאָלן זיין. ער האָט געטאָן און געדענקט ווי אים האָט זיך פאַרגלוסט, ווי ער איז געשטויסן געוואָרן פון אַן אוממיטלבאַרן אימפּולס, אָן אַ סך זיך אַריינצו־טראַכטן, צי עס האָט יאָ אַ זינען, וואָס ער טוט, אָדער נישט. ער האָט געגלייבט אין דעם אַלעמען, וואָס אים האָט זיך אויסגעדאַכט און אים געררייצט. מיט דעם זיינען זיינע האַנדלונגען, לויט זייער מהות, געווען ענלעך צו קינדערשע האַנד־לונגען און זיינע גלויבונגען און קאָנצעפּטן זיינען געווען ענלעך צו די גלויבונגען און קאָנצעפּטן פון קינדער, דאָס הייסט, עס איז גענוג געווען אַז די פאָרשטעלונג־קראַפט האָט עס תופס געווען און די געפילן זיינען אויפגערעגט געוואָרן, איז עס געווען אמת. קיין מער זיכערע מאָס צו מעסטן די אמתדיקייט פון די זאַכן, עק־סיסטירט נישט ביי קינדער און האָט, מכתמא, אויך נישט עקסיסטירט ביים פרי־מיטיוון.

דער רייפער שכל וואָס ווירקט ביים היינטיקן מענטשן, אַז ער זאָל זיך קעגנ־שטעלן אַלע איינפאַלן, ווילעניש און פאָרשטעלונגען, וואָס קומען יעדע שעה צו יעדן איינעם פון אונדז אין קאָפּ אַריין, דער דאָזיקער רייפער שכל האָט אים נאָך געפעלט אָדער איז געווען קליין און שוואַך. גענוג איז געווען, אַז עס זאָל אים דורכלויפן דורכן קאָפּ אַ משונהדיקער איינפאַל, וואָס האָט אַ ריר געטאָן אַ סטרונע פון ווילן, און שוין האָט עס צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט און ער האָט וועגן דעם אָנגעהויבן נאָכטראַכטן, דאָס הייסט, חלומען און רעזאָנירן. עס איז אין אים אַריינגעדרונגען אַלע מאָל טיפער און טיפער ביז עס איז ביי אים געוואָרן אַ סטאַ־בילע אידעע־פיקס. דער איצטיקער מענטש באַזיצט די פעיִקייט אָפּצושיידן רע־מיניסצענצן פון פּראַקטישע געדאַנקען. דער פּרימיטיווער מענטש האָט די דאָזיקע פעיִקייט נישט באַזעסן און די ביידע זיינען ביי אים געווען אויסגעמישט. זיינע קאָנקרעטע פּלענער זיינען געווען דורכגעפלאָכטן מיט וויזיעס, און זיינע וויזיעס האָבן, צו מאָל, אַנטהאַלטן אין זיך גענוג ממשותדיקע באַטראַכטונג און באַאָבאַכ־טונג. ער האָט געדענקט און געחלומט צוזאַמענגענומען. אַלץ וואָס האָט זיך אים אויסגעוויזן, איז געווען אַזוי. אויסדאַכטונג האָט פאַרטראָטן דעם זיין. דאָס וואָס קען זיין — איז געווען.

אָבער, אויב מ׳קען פאַרגלייכן דאָס לעבן פונעם פּרימיטיוון מענטשן צו אַ קינדער־שפּיל, קען מען מיט אַ סך מער רעכט פאַרגלייכן דעם פּרימיטיוון מענטשנס אַבסטראַקטע געדאַנקען, זיינע גלויבונגען, זיינע מיטאָסן און לעגענדעס, צו קינ־דער־מעשיות. און אָט פאַר וואָס: סיי אין דער שפּיל פון קינד, סיי אינעם לעבן פון פּרימיטיוון מענטשן, איז די חושימדיקע דערקענטעניש פון דער רעאַליטעט,

געווען אַ קעגנגעוויכט צו דער מאַכט פון דער זעלבסט־איינבילדונג. אַפילו אין די שטאַרקסטע סוגעסטיווע מאָמענטן פון שפּיל און גלויבן, דאָס הייסט יוען דאָס קינד אָדער גלייביקער געפינען זיך צום מערסטן אונטער דער ווירקונג פון ווילן־היפּנאָז און חושים־פאַרבלענדונג, בלייבט נאָך אַלץ אין אַ ווינקל פון זייער מוח דער באַוווסטזיין, אַז זיי נאַרן זיך. טראַץ דעם, למשל, וואָס דער אור־מענטש האָט געגלייבט אַז די נאַטור־זאַכן זיינען באַלעבט, ווען עפּעס אַ זאַך זאָל פּלוצלינג אָנהייבן אַרויסלאָזן קלאַנגען און מאַכן באַוועגונגען, וואָלט דער גלייביקער געוואָרן טיף איבערגעראַשט, ממש דערשיטערט און וואָלט אַנטלאָפן אין בהלה. דאָס זעלביקע וואָלט אויך געטאָן דאָס קינד מיט זיין באַלעבט שפּילעכל. זאָל די ליאַלקע אָדער דאָס פערדל, אַרום וועלכע קינדער גייען־אַרום ווי אַרום לעבעדיקע, זיך פּלוצלינג אָנהייבן אויפפירן ווי לעבעדיקע, וועלן די קינדער אַנטלויפן אין טויט־שרעק און זיך מער נישט וועלן צורירן צו די דאָזיקע „פאַרכישופטע" שפּילעכלעך. — סטייטש, דער גלייביקער און דאָס קינד האָבן זיך דאָך געווענדט צו זייערע ליאַלקע־סטאַטועס ווי צו לעבעדיקע, פאַר וואָס האָבן זיי זיך אַזוי דערשראָקן, ווען די זעלביקע האָט באַשטעטיקט די מיינונג וואָס מען האָט וועגן זיי? איז דער ענטפער: אַז דער באַוווסטזיין פון שפּיל און גלויבן איז איין זאַך, און דער באַוווסטזיין פון דער ווירקלעכקייט איז אַ צווייטע זאַך. אין יעדער שפּיל — און אין יעדער גלויבן — פונקציאָנירן צוויי באַוווסטזיינס. איין באַוווסטזיין, וואָס שטאַמט פון ווילן און איינבילדונג, באַציט זיך צום זיין פון די זאַכן ווי מיר מאַכן זיי, און אַ צווייטער באַוווסטזיין, וואָס שטאַמט פון זיכערער דערפאַרונג, באַציט זיך צום זיין פון די זאַכן ווי זיי זיינען. בכן, אויב אין שפּיל אָדער איינגעבילדעטע אידעען וועגן זינלעך־באַנעמלעכע קעגנשטאַנדן, איז דער פּראַקטיש־עמפּירישער באַוווסטזיין אַ געהיימער קאָנטראָל איבערן איינגעבילדעטן באַוווסטזיין, איז אַזוי נישט דער פאַל מיט איינגעבילדעטע אידעען וועגן דערשיינונגען, וואָס קענען אוממיטלבאַר זינלעך נישט באַנומען ווערן, נאָר מען דאַרף לגבי זיי באַנוצן דעם לאָגישן און ניכטער־דענקענדיקן שפּעקולאַטיוון שכל. דאָ, זיינען ווילן און איינבילדונג די איינציקע וואָרטזאָגערס און זיינען פריי צו באַשאַפן אַזעלכע „אמתן" און „רעאַליטעטן" ווי זייער האַרץ גלוסט. אַזוי איז עס ביי קינדער און אַזוי ביי דערוואַקסענע; אַזוי איז עס געווען ביים אור־מענטשן און אַזוי ביים היינטצייטיקן מענטשן. דאָס וואָס טיילט־אָפּ די דאָזיקע אַלע קאַטעגאָריעס דענקערס, איז נישט מער ווי די פאַרשיידנקייט פון זייערע „ווילנס".

דער פּרימיטיווער מענטש האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין יונגן און צעשטורעמטן געמיט; ער האָט אויפגעכאַפּט יעדן מינדסטן קלאַנג וואָס האָט אַ וויברירן געטאָן אין זיין שרעקעוודיקן גייסט. דאָס אַלץ דורכגעלאָזט דורכן אומגעאיבטן כאַאָטישן דמיון און עס האָבן זיך באַקומען משונהדיקע וויזיעס, מאָדנע צוזאַמענהאַנגען און צעדרייטע אידעען. וואָס מער עס האָט געווייצט און געשראָקן, וואָס מער ווילן האָט געצווי־

בערט און באַפוילן אַז „אַזוי זאָל עס זיין”, אַלץ מער האָט פאַנטאַזיע זיך געפּלאָנ־טערט און פאַרפּלאָנטערט און „עס איז אַזוי געוואָרן”.

צוויי גרונטשטריכן פאַרבינדן די קינדער־מעשה מיטן מיטאָס. דאָס איז ער־שטנס דער אַנטראָפּאָמאָרפישער שטריך, דער שטריך אָנצופילן די גאַנצע נאַטור מיטן מענטשנס כאַראַקטער און אייגנשאַפטן. אַלץ צו וואָס דער מענטש שטרעבט און פאַרלאַנגט, אַלע זיינע אַמביציעס און ליידנשאַפטן, אַלע זיינע נייגונגען און געשמאַקן, אַלע זיינע כיטראָסטן און הינטערגענגלעך, גיסט ער איבער אין אַלע באַשעפענישן און זיי באַקומען דורך דעם אַ רייך פאַרן מענטשן אָריינצוטרעטן מיט זיי אין קאָנפליקט ווי מיט זיינס גלייכן. און צווייטנס דער שטריך צו קענען מאַכן אַלץ ווי מ׳וויל; קענען ענדערן דעם סדר פון דער נאַטור, קענען פאַרוואַנד־לען איין זאַך אין אַ צווייטער; יעדער זאַך זאָל קענען אָננעמען די פאַרשיידנסטע פאָרמען און געשטאַלטן; דער מענטש זאָל זיין דער באַלעבאָס איבער אַלץ און גאָר נישט זיין אונטערגעוואָרפן, כדי אַלץ און אַלעמען צו באַזיגן און פון גאָר נישט און פון קיינעם באַזיגט צו ווערן. מיט די דאָזיקע צוויי עלעמענטן קען מען אויפבויען אַזוי פיל צויבערוועלטן וויפל מ׳וויל נאָר אַליין. דאָס ערשטע דינט אויפ־צורעגן און צו צערייצן די געפילן, און דאָס צווייטע גיט אַ מעגלעכקייט זיי צו באַפרידיקן.

איז וואָס האָט געוואָלט טאָן דער מענטש, דער טרוימער, אויב נישט אויס־טרוימען זיך וווּנדער־וועלטן? דאָס ווירקלעכע לעבן זיינס איז שטענדיק געווען פול מיט ליידן און נויט. זעלטן ווער עס האָט אין דער ווירקלעכקייט געלעבט ווי ער האָט געוואָלט. דאָס לעבן פון דער ווייט גרעסטער מערהייט איז שטענדיק געווען אין אַלע הינזיכטן, קעגנזעצלעך צום ווילן. אַזוי אין מאַטעריעלן ווי אין גייסטיקן זין, — איז דאָס לעבן פון דער מענטשלעכער באַשעפעניש געווען אַ תפיסה. האָט ער, דער אָרעמער און פאַרקנעכטעטער פאַנטאַזיאָר, זיך געבויט שלעסער אין דער לופטן. אַלץ האָט מען ביי אים געקענט צונעמען און פאַר־שקלאַפן, נאָר זיין פאַנטאַזיע איז געבליבן זיין אייגנטום. האָט ער געטרוימט און געחלומט און זיך אויסגעמאָלט זאַכן, וואָס האָבן אַפּעלירט און באַפרידיקט זיין האַרץ. אויב אין דער ווירקלעכער וועלט האָט ער געלעבט געצווונגען און אין נויט, האָט ער אין דער אויסגעטרוימטער וועלט געלעבט אין פאַרגעניגן און פרייהייט.

אין דער וועלט פון דמיון איז גענוג אַז ווילן זאָל באַפעלן און דאָס אוממעגלעכע ווערט מעגלעך; דאָס אומנאַטירלעכע ווערט נאַטירלעך און דאָס צויבערהאַפטיקע ווערט רעאַל. פאַרקערט, וואָס צויבערהאַפטיקער, ד״ה וואָס מער געשפּאַנטקייט פון עמאָציע, אַלץ רעאַלער און אמתער. דאָ זיינען די זאַכן אומגעווינלעך, העראָיש, געפאַרפול, שפּאַנענדיק. דאָ קען מען זיך פילן פולשטענדיק באַפרידיקט און עמאָ־ציאָנעל אויסגעלעבט. דאָ שטערט נישט די טרויעריקע ווירקלעכקייט, נאָר מען

איז פריי צו באַשאַפן די זאַכן לויט דעם אייגענעם געשמאַק, אין ווירקלעכן לעבן, צוימט די ווירקלעכקייט; אין פאַרגעשטעלטן לעבן — צוימט גאָר נישט.

פונקט ווי דאָס קינד הערט־אויס זיין וואונדער־מעשה מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, און זיין פּולס שלאָגט אַלע מאָל שטאַרקער און העפטיקער און ער פילט־דורך אַלץ וואָס מ׳פילט אין די דערציילטע סיטואַציעס. מיט זיינע אַלע חושים ווערט ער אַריינגעצויגן אין דער האַנדלונג פון דער מעשה, און מיט זיין גאַנץ וועזן גאַרט ער ס׳זאָל זיין אַזוי און — ס׳ווערט אַזוי, אַזוי איז דאָס אויך געווען מיטן פרי־מיטיוון מענטשן. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און קלאַפּנדיק האַרץ, האָט די פּרימי־טיווע אוידיטאָריע אויסגעהערט אַלערליי וואונדער־מעשיות וועגן וועלט און מענטש, וועגן הימל און ערד, וועגן זון און לבנה און שטערן, וועגן חיות און פלאַנצן אאַ״וו. און ס׳האָט געגרייצט, געגרעגט און געשאַפן איבערלעבונג. טייל מעשיות האָבן טיף געשראָקן, אַנדערע האָט מען באַגערט זיי זאָלן דיך אַזוי, נאָך אַנדערע זיינען געווען אַ געמיש אי פון שרעק, אי פון האָפענונג. די דאָזיקע אַלע מעשיות האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון און זיך אַריינגעשניטן אין מוח. וואָס מער מען האָט זיי געהערט, אַלץ מער האָבן זיי זיך פאַרגעשטעלט, ד״ה, אַלץ מער האָט מען אָנגעהויבן גלויבן אין זיי, און וואָס מער מען האָט געגלייבט אין זיי, אַלץ מער האָבן זיי זיך פאַרגעשטעלט און אַלץ מער האָט מען זיי דערציילט און איבערגעדערציילט. אַזוי זיינען די אור־ערשטע „רעליגיעז־פילאָסאָפישע״ מעשיות וועגן גאָט, וועלט און מענטש, איבערגעגאַנגען פון טאַטעס צו קינדער און פון זיידעס צו אייניקלעך, ביז זיי זיינען געוואָרן „קאַנאָניזירט״ און „פאַרהייליקט״ און עס איז געוואָרן אַ חוב צו גלויבן אין זיי. די קאַנאָניזירונג און פאַרהייליקונג איז, מסתמא, פאָרגעקומען פון זיך אַליין, דורך טראַדיציע, דורך דעם וואָס אַזוי האָבן געגלייבט די אָבות. ס׳איז מסתמא קיין מאָל נישט פאָרגעקומען קיין שום אַקט דורך וועלכן די וואונדער־מעשיות פון די אור־עלטערן זיינען אָפיציעל, אַזוי צו זאָגן, דערקלערט געוואָרן אַלס חיובדיקע אמונה. פון זיך אַליין איז עס געוואָרן, אַז דאָס וואָס איז געווען פאַר די זיידעס פאַרוויילונג און ליטעראַטור, איז פאַר די אייניקלעך געוואָרן גלויבן, רעליגיע. וועגן לעצטן האָט שוין געזאָרגט די אויפקו־מענדיקע פּריסטער־קאַסטע, וואָס האָט געמאַכט פון דער מענטשלעכער שרעקעוו־דיקייט און טרוימעריי אַ מעכטיק וואָפן אין די אייגענע הענט.

III

מיטאָס און לעגענדע זיינען די ערשטע וואונדער־מעשיות וואָס מענטשן האָבן זיך דערציילט. פון דעמאָלט־אָן ביז דעם היינטיקן טאָג דערציילן זיך מענטשן שטענדיק וואונדער־מעשיות. (אונדזער היינטיקע ליטעראַטור, טעאַטער און פילם וואַקסן־אַרויס פון דער זעלביקער באַדערפעניש וואָס די וואונדער־מעשה, פון דער

באַדערפעניש זיך אַרויסצוהייבן פון דער טרויעריקער און לײדנפולער ווירקלעכ־קייט ווי זי איז, קעגן אונדזער ווילן, און זיך אַריבערצוטראָגן אין אַ לוסטיקער און פריידפולער ווירקלעכקייט, ווי מיר וואָלטן געוואָלט זי זאָל זיין).

דער מיטאָס האָט איינגעשלאָסן אין זיך נישט נאָר מיסטישע און הימלשע סיוזשעטן, נאָר אויך רעאַלע היסטאָרישע פּאַסירונגען און פּערזאָנען. צוליב דעם וואָס דער מיטאָס־שאַפנדיקער מענטש איז נאָך נישט פעיִק געווען אָפּצוטיילן טרוים פון וואָר, האָבן זיך די דאָזיקע צוויי וועלטן, די ווירקלעכע און אויסגע־טרוימטע, צונויפגעמישט אין זיין מוח און געוואָרן איינס. יעדע געשעעניש אַרום זיך האָט ער דערקלערט דורך דער ווירקונג פון גייסטיקע וועזנס וואָס זיינען דאָ אומעטום און אין יעדער זאַך. עס איז פאַרגעקומען אַ שטענדיקער פּאַרקער צווישן דער ווירקלעכער און געשפּענסטהאַפטער וועלט. בעסער געזאָגט, די דאָזיקע צוויי וועלטן זיינען געווען אַזוי אויסגעמישט, אַז מען האָט זיי גאָר נישט געקענט פאַר־נאַנדערטיילן.

אַזוי איז עס געווען ביים פּרימיטיוון מענטשן. ביים פּרימיטיוון איז ווירק־לעכקייט און מיטאָס געווען אַזוי אויסגעמישט, אַז זיי האָבן ביידע געבילדעט איין זאַך. ביים שפּעטערדיקן מענטשן, כאָטש אויך ער האָט זיך דערציילט וווּנדער־מעשיות, איז דאָך דאָס ווירקלעכע לעבן געווען איין זאַך, און די מעשה אַ צווייטע. ביים מענטשן פון דער היסטאָרישער צייט האָט מעשיות דערציילן, זיך גאָר נישט אָנגעקערט מיטן לעבן. צום לעבן איז ער צוגעגאַנגען, מער אָדער ווייניקער, ניכ־טער. לעבן, האָט עס געהייסן, איז לעבן, און אַ מעשה איז אַ מעשה. „ערגעץ“ און „אַמאָל“ — האָט מען געגלייבט — האָט טאַקע אַזאַ וווּנדערלעכע געשיכטע געקענט פּאַסירן, אָבער איצט נישט. עס זיינען שוין רייף געווען די צוויי קריטע־ריעס: די קריטעריע פון לעבן און די קריטעריע פון דער ליטעראַטור.

דער פּרימיטיווער מענטש האָט פון זיין וווּנדער־מעשה געמאַכט אַ דאָגמע, אַ גלויבן; דער שפּעטערדיקער מענטש האָט די וווּנדער־מעשה אויסגעהערט, הנאה געהאַט און — פאַרגעסן. פאַרן ערשטן איז זיין וווּנדער־מעשה געוואָרן לעבן; פאַרן צווייטן איז זי געבליבן ליטעראַטור.

אָן און פאַר זיך האָט זיך די וווּנדער־מעשה נישט קיין סך אונטערגעשיידט פונעם מיטאָס. אין ביידע האָבן פּאַסירט וווּנדער; אין ביידע איז צעשטערט גע־וואָרן די נאַטירלעכע געזעצמעסיקייט פון די זאַכן; אין ביידע האָבן זיך אַריינ־געמישט איבערנאַטירלעכע אַגענטן, וואָס האָבן געמאַכט די זאַך אומגעוויינטלעך און אינטערעסאַנט. דאָך קען מען אָנווייזן אויף געוויסע אונטערשיידן צווישן דער וווּנדער־מעשה און מיטאָס.

דער מיטאָס איז איבערהויפּט אַ וווּנדער־מעשה פון די געטער, אַ דערציי־לונג פונעם לעבן פון די וועלט־גייסטער. נאַטור און מענטש שפּילן דאָרט אויך אַזוי פיל אַ ראָלע, אויף וויפל זיי מוזן געבן פאָרעם די ריין ספּיריטועלע באַגריפן, וואָס זיינען אַנדערש נישט באַנעמלעך. מען דאַרף די נאַטירלעכע און מענטשלע־

כע פאָרמען כדי זיי צו אַנימיזירן. דער ציל פונעם מיטאָס איז די ספּיריטועלע וועלט, נישט די מאַטעריעלע. אויך זיינען די פּראָבלעמען פונעם מיטאָס דורכויס ערנסטע און וויכטיקע. עס ווערן אין זיי באַרירט וועלט־פּראַגעס. דער מיטאָס איז דער עלטסטער און פּרימיטיווסטער פילאָסאָפישער מעטאָד; דאָס איז דער מעטאָד צו לייזן די וועלט־רעטענישן דורך אימפּולס און וויזיע. דער מיטאָס איז נישט קיין ליטעראַטור און נישט קיין צייטפאַרטרייב, נאָר רעליגיע און פילאָסאָפיע פון־נעם האַלב־דענקענדיקן מענטשן. דער סיפּור־המעשה פון מיטאָס, ווי מינדער־וויכטיק און קינדיש ער זאָל נישט זיין, איז — וועלט־אַנשויונג; ס'איז פּרימיטיווע אַנשויונג, אָבער פאָרט אַזעלכע.

גאַנץ אַנדערש איז עס מיט דער וווּנדער־מעשה. זי איז פריִער פון אַלץ אַ געשיכטע. אויב מ'מוז צוניצן איבערנאַטירלעכע אַגענטן, וואָס זאָלן זי מאַכן וווּנדערלעך, שפּאַנענדיק און אַנציִענדיק, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס אַנדערש וואָלט דאָך עס קיין מעשה נישט געווען. מ'איז אָבער נישט אויסן די געשפּענסטן וואָס מישן זיך אַריין, נאָר די מענטשן וואָס מיט זיי פּאַסירט די וווּנדער. אויך האָט די וווּנדער־מעשה נישט קיין רעליגיעזע און נישט קיין פילאָסאָפישע צילן, נאָר איר ציל איז פאַרווייַלונג. די וווּנדער־מעשה קומט נישט פאַרענטפערן קיין וועלט־פּראַגעס, נאָר זי קומט בלויז פאַרענטפערן די באַדערפעניש צו איבערלעבן. אמת, אויך דאָ מישן זיך אַריין איבערנאַטירלעכע פאַרמיטלערס וואָס פירן־צונויף אַ וואָגט מיט אַ וואַנט און אָן זיי וואָלט די מעשה קיין מעשה נישט געווען, איז אָבער קיין אַנדער ברירה נישטאָ. אמת, אַז אויך דאָ גלייבט מען אין דער ווירק־לעכקייט פון דער צויבער־מעשה, איז עס אָבער אַ גלויבן אויף אַ מינוט; פאַרגעסן די מעשה, פאַרגעסן דעם גלויבן.

ווען מיטאָס און וווּנדער־מעשה באַאַרבעטן איין און דעם זעלביקן שטאָף, מאַכט פון דעם יעדער אַ כאַראַקטעריסטישן פּראָדוקט פאַר זיך. אין דער מיטאָס־עפּאָכע, ווען דער מענטשלעכער געדאַנק געפינט זיך נאָך אין דער מיסטיצירנדי־קער פאַזע, ווערן פון מענטשלעכע העלדן — געטער, וואָס פליִען אין הימל אַריין אָדער אויפן אָלימפּ. אַלס געטער, מוז מען צו די העלדן דינען און איינשטעלן פון זייערט וועגן אַ קולט, דאָס הייסט, אַז אינעם דאָזיקן פּעריאָד איז יעדער וווּנדער־מעשה פון זיך אַליין כמעט געוואָרן צו קולט און צו דאָגמע. אין דער וווּנדער־מעשה־עפּאָכע זיינען מענטשלעכע העלדן בלויז אידעאַליזירט געוואָרן, זיי זיינען אָבער געבליבן מענטשן. מען האָט די העלדן צוגעשריבן איבערמענטשלעכע אייגנ־שאַפטן, כדי זיי זאָלן זיין וווּנדערלעכע מענטשן, אָבער נישט קיין געטער. דערי־בער האָט מען אויך נישט געמאַכט פון זיי קיין גלויבן און קיין קולט. דאָס זעל־ביקע איז מיט וויכטיקע היסטאָרישע פּאַסירונגען. אינעם מיטאָס קומען זיי אַרויס נישט ווי קיין ערדישע פּאַסירונגען, נאָר ווי פּאַסירונגען פון „הימל". מעג אַפילו דאָס שויפּלאַץ פון דער פּאַסירונג זיין אויף דער ערד, זעט עס אויס ווי דער הימל וואָלט אַראָפּגענידערט אויף דער ערד און דאָ געמאַכט פון דער ערד

הימל. אין דער וווּנדער־מעשה, כאָטש אויך זי דערקלערט וויכטיקע היסטאָרישע פּאַסירונגען דורך דער אַריינמישונג פון הימלשע כוחות, בלייבט עס אָבער פאָרט נישט מער ווי אַן אויסטערלישע לעבנס־פּאַסירונג.

דאָס באַלערנדיקע פון דעם פאַרגלייך איז אין דער עוואָלוציע פון מענטשלעכן שכל, וואָס מיר זעען דאָ קומען צום אויסדרוק. אין דער פאַזע פון מיטאָס־שאַפן, ווערט אַלץ מיסטיפיצירט. חלום פאַרשלינגט וואָר, דמיון עסט־אויף ווירקלעכקייט; דאָס רעאַלע לייזט זיך אויף אין געשפּענסטהאַפטיקן. גאָר דער וועלטבאַנעם און לעבנס־אויפפיר פונעם מיטאָס־מענטש זיינען פאַנטאַזמאַגאָריש, און יעדער פלוי־דער־מעשה ווערט פאַר אים אמונה און קולט. דער מענטש פון דער היסטאָרישער צייט, שטייט שוין אויף אַ העכערער שטופע, ער איז שוין רייף אָפּצוטיילן חלום פון וואָר, רעאַליטעט פון אויסדאַכטונג. ביי אים איז די וווּנדער־מעשה שוין נישט ווירקלעכקייט, נאָר מעשה; ער פאַרמישט מער נישט די רעאַלע וועלט מיט דער אויסגעדאַכטער, נאָר זיי זיינען פעסט פונאַנדערגעטיילט. דאָך אין גאַנצן אויסגע־ניכטערט איז ער נאָך נישט, מחמת ער גלייבט נאָך אין דער וווּנדער־מעשה. אמת, ער רוקט־אָפּ די מעשה ווייט פונעם „דאָ" און דעם „איצט", דאָך גלייבט ער, אַז ערגעץ און אַמאָל האָט עס פּאַסירט. ערשט אין דער קעגנוואָרט מאַכט דער מענטש דורך די פאַזע פון פולשטענדיקער אויסניכטערונג און נעמט די וווּנ־דער־מעשה נישט מער ווי אַלס ליטעראַטור.

IV

גיין זוכן דעם זינען פון יעדן מיטאָס, איז דאָס זעלביקע וואָס גיין זוכן דעם זינען פון יעדן חלום. כדי זיך צו קענען פונאַנדערקלייבן אין עמעצנס אַ חלום, איז נייטיק, ערשטנס, גרינטלעך צו קענען זיין אינדיווידועלע נשמה; צווייטנס, איז נייטיק גרינטלעך צו קענען זיין סביבה און לעבנס־אומשטענדן; דריטנס, איז ניי־טיק צו וויסן אַלע צופאַלן, איבערלעבונגען, אינצידענטן און פּאַסירונגען, וואָס האָבן, ביודעים צי בלא יודעים, באַאיינפלוסט זיין גייסט; פערטנס, איז נייטיק צו קענען די סימבאָליק פון חלום. ערשט, אַז מען ווייסט דאָס אַלץ גרינטלעך, קען מען מיט מער אָדער ווייניקער שאַנסן אויף דערפאָלג, צוגיין זיך פונאַנדערקלייבן אין באַטייט פון עמעצנס אַ חלום.

דאָס זעלביקע איז מיטן מיטאָס. כדי צו קאָנען צוגיין אויף וויפל עס איז זיך פונאַנדערקלייבן אינעם זינען פון אַ געגעבענעם מיטאָס, וואָלט מען פריִער באַדאַרפט קאָנען גרינטלעך די נשמה פונעם פרימיטיוון מענטשן בכלל, און בפרט די אינדיווידועלע נשמה פון דעם מיטאָס־אַרויסברענגער (און פון אַלע זיינע, דעם מיטאָסעס, שפּעטערדיקע באַאַרבעטער, איבערדערציילער און איבערבאַשאַפער); וויסן אַלע געהיימע באַגערן, פאַרלאַנגען, שטרעבונגען, נויגונ־

געגן און אַלע מינדסטע טענדענצן אין דעם מיטאָס־דיכטערס גייסט; קאָנען גרינטלעך די סביבה אין וועלכער ער האָט געלעבט; וויסן גענוי אַלע זיינע לעבנס־אומשטענדן; קאָנען די מענטשן און די חיות און די פלאַנצן מיט וועלכער ער איז געקומען אין קאָנטאַקט; וויסן די פרימיטיווע שטייגערן, געוווינהייטן, טראַדיציעס און בכלל וויסן גענוי אַלע נאַטירלעכע און געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן וואָס האָבן אים געקענט באַאיינפלוסן; וויסן אַלע צופאַלן, איבערלעבונגען, געשעענישן, אינצידענטן, וואָס האָבן אימפּרעסיאָנירט די נשמה פון דעם מיטאָס־שאַפער; וויסן די סימבאָליק פון פרימיטיווען מענטשנס דענקען, ד״ה קענען די סימבאָלן און די צייכנס וואָס דורך זיי האָבן זיך געהיימע שטרעבונגען פונעם אורמענטשנס נשמה אַנטפּלעקט און אויסגעדריקט אין זיין באַוווּסטזיין. ערשט ווען מ׳וואָלט געהאַט די געהעריקע קענטעניש פון אָט די אַלע זאַכן, וואָלט מען געקענט, מיט געוויסע אויסזיכטן אויף דערפאָלג, זיך נעמען פונאַנדערשיפּרירן אַ מיטאָס. אָבער צי קען מען דען דאָס אַלץ וויסן? ניין, דאָס איז אוממעגלעך צו וויסן! סיי די נשמה פון פרימיטיוון מענטשן, סיי די וועלט אין וועלכער ער האָט געלעבט, זיינען אַזוי וויט פון אונדזער נשמה און פון אונדזער וועלט, אַז עס איז אוממעגלעך, אַפילו פאַרן גרעסטן קענער פון דער מאַטעריע און מיט דער שטאַרקסטער פאַרשטעלונגס־קראַפט, עפּעס גענויס און באַשטימטס צו זאָגן וועגן יענע ערשטע געהיימניספולע שאַפונגען פון דער מענטשהייט. דאָס אַלץ וואָס מ׳קען טאָן, איז זיך לאָזן טרעפן און פּרווון מאַכן השערות. טוען דאָס טאָקע אַנטראָפּאָלאָגן און יעדער טייטשט די זאַכן לויט זיין געשמאַק און גייסט.

אָבער, אויב מ׳קען נישט וויסן דעם זינען פון יעדן קאָמפּליצירטן מיטאָס באַזונדער, קען מען יאָ וויסן דעם אַלגעמיינעם באַדייט פון מיטאָסן און דעם אופן ווי זיי פלעגן אַנטשטיין. אַ מיטאָס איז, יעדנפאַלס, אַ פּראָדוקט פון אימפּולס און פאַרשטעלונג. אַלץ וואָס האָט שטאַרק גערייצט און זיך שאַרף אויסגעדאַכט, איז געוווען שטאָף פאַר מיטאָס.

קיין לאָגיק איז אין מיטאָס נישט שייך צו זוכן, ווייל, פאַרקערט, מיטאָס־געדאַנק איז דער פּראָטאָטיפּ פון אומלאָגישן דענקען. לאָגישער דענקען וואָלט צעשטערט דעם סאַמע עצם זינען פון מיטאָס. לאָגישער דענקען וואָלט געמיינט אויסטרוימען די זאַכן ווי זיי פאַרלויפן אין די ראַמען פון זייערע פעסטגעשטעלטע נאַטירלעכע געזעצן. דאָס איז דאָך פונקט דער היפוך פון מיטאָס. דעם מיטאָס דאַרף מען זוכן צו פאַרשטיין נישט לאָגיש, נאָר פּסיכאָלאָגיש, דאָס הייסט אויסגעפינען וואָס פאַראַ געפילן ער האָט גערייצט און צו וועלכע ער האָט אַפּעלירט. דער שכלדיקער צוזאַמענהאַנג אין מיטאָס איז אַבסאָלוט נישט וויכטיק, ווייל, פאַרקערט, וואָס אומשכלדיקער, וואָס אומגעוויינלעכער און אומנאַטירלעכער, אַלץ מער עמאָציאָנעלע רעגונג און אַלץ מער פּסיכאָלאָגיש באַרעכטיקט.

דאָס וואָס איז אינטערעסאַנט פאַר דער וויסנשאַפט אינעם מיטאָס, אויסער

זיין פּסיכאָלאָגישע זייט, איז די פּרימיטיווע סאָציאַלע און נאַטור־סביבה, וואָס קומט אין אים, אומדירעקט, צום אויסדרוק. ווי פאַנטאַזמאַגאָריש די מיטאָסן זאָלן נישט זיין, זיינען זיי פאָרט אויסגעהאַפּטן אויף דער קאַנווע פון נאַטור־סביבה און לעבנס־אומשטענדן. אויב דער מיטאָס שטעלט מיט זיך פאָר די מיסטיפיציזירונג פון דער נאַטור און מענטשלעכן לעבן, ד״ה, אַז אַלע נאַטור־קעגנשטאַנדן און פּאַסירונגען ווי געזעלשאַפטלעכע שטייגערן און פּאַסירונגען, זיינען געמאַכט געוואָרן צו געשפּענסטהאַפטיקייט, איז אָבער דאָס געשפּענסט־האַפטע דאָך אָנגעפילט מיט סאָציאַלער און נאַטור־סביבה און מיט סאָציאַלע און נאַטור־פּאַסירונגען, און אָט דאָס לעצטע אינטערעסירט אויך דער ווּיסנשאַפט.

אָבער דאָס איז אַ צווייטראַנגיקער ענין. דער עיקר איז דורכן מיטאָס פאַר־שטיין די אינערלעכע וועלט פון פּרימיטיוון מענטשן. און די הויפּט־כאַראַקטע־ריסטיק פון פּרימיטיוון מענטשן איז געווען אין דעם, וואָס ער האָט אָנגענומען פאַר ווירקלעך דאָס אַלץ וואָס אים האָט זיך אויסגעוויזן און מיט וועלכעס ער איז געשטאַנען אין פּאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע ווילנס־באַציִונגען, ד״ה וועלכעס ער האָט באַגערט אָדער פאַר וועלכעס ער האָט זיך געשראָקן. שרעק און באַגער זיינען געווען די דאָמינירנדיקע כוחות אין פּרימיטיוון מענטשנס נשמה און די וועלט איז פאַר אים געווען אַזעלכע, ווי ער האָט זי באַנומען מיט אָט די דאָזיקע „דערקענטעניש מיטלען״. פאַר דער ברייטער אָפּשאַצונג פון פּרימיטיוון גלויבן איז עס גאַנץ אַלץ איינס וואָס פאַרא השערות מ׳זאָל נישט מאַכן וועגן דער אַנט־שטייונג פון דעם אָדער יענעם איינצל־געביט אירן. אין פּרימיטיוון גלויבן איז פאַראַן אַ סך וואָס מ׳קען באַטראַכטן ווי פאַרשוווּנדענער גלויבן, טויטער גלויבן. אין קעגן טייל זיינען דאָ אַנדערע זאַכן, וואָס האָבן נאָך אַפילו איצט נישט פאַר־לוירן זייער אַקטועלקייט. די ערשטע זיינען גאַנץ אַלטע מיסטישע פאָרמען וועל־כע האָבן מער נישט קיין שום באַדייטונג פאַרן איצטיקן מענטשן. די צווייטע אין קעגן טייל זיינען אַרכאַיִשע שטריכן אין מענטשנס גייסט, וועלכע האָבן נאָך ביז איצט אַ באַדייטונג.

דעם אור־מענטשנס גייסט איז געווען איבערגעלאָדן מיט שרעק און האָפע־נונג, מיט פּחד און באַגער. נאָך נוצלעכע אָביעקטן און פּאַסירונגען, האָט ער געבענקט, אויסגעקוקט אויף זיי, געוואָלט זיי זאָלן זיין און פּאַסירן און — מיט דער צייט אָנגעהויבן גלייבן אַז עס איז טאַקע אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, ד״ה ער האָט די נוצלעכע אָביעקטן און דערשיינונגען פּאָזיטיוו ספּיריטואַליזירט, און פאַר שעדלעכע אָביעקטן און דערשיינונגען האָט ער זיך געשראָקן, געוואָלט זיי זאָלן נישט זיין און פּאַסירן, און האָט מיט דער צייט אָנגעהייבן גלייבן, אַז די שרעקן און פּחדים וואָס ווייזן זיך אים אויס, זיינען טאַקע אַזוי; ער האָט די שעדלעכע אָביעקטן און דערשיינונגען נעגאַטיוו ספּיריטואַליזירט. שטענדיק אָבער איז דער ערשטער אָנשטויס אינעם ספּיריטואַליזירונגס־פּראָצעס געווען דער ווילנס־כוח. דער דאָזיקער כוח איז פאַרבליבן ווירקן אין דער מיסטיק

פון איר ערשטן מאָמענט ביז אויף היינטיקן טאָג. די מיסטיק אין אַלע אירע פאָרמען און מדרגהס, איז אַ פּראָדוקט פון שרעק און פאָרשטעלונג וואָס פאַר־טונקלט געדאַנק. גיין זיך אַריינטראַכטן און אַנאַליזירן צי די פאָרשטעלונגען און פּחדים האָבן עפּעס אַ ממש, אויף דעם איז דער אורמענטש נישט פעיִק גע־ווען. זיינע קאָנצעפּטן און אידעען זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורכאויס אויפן גרונט פון אומיטלבאַרע איינדרוקן וואָס ער האָט באַקומען פון זאַכן. אויב עפּעס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ד״ה ס׳האָט געמאַכט אויף אים אַ באַשטימטן איינ־דרוק, האָט ער אָנגעהויבן גלייבן, ד״ה ס׳איז געוואָרן זיין אידעע, אַז ס׳איז אַזוי ווי ס׳ווייזט זיך אים אויס. דער אונטערשייד צווישן פאַרדאַכט און זיכערקייט, האָט אין פרימיטיווער פּסיכיק קיין אָרט נישט געהאַט. „טאָמער איז עס אַזוי", האָט געהייסן „אַזוי איז עס". דער היינטיקער מענטש דענקט־נאָך, אַנאַליזירט, לייגט־זיך־איבער, מעסט צווישן וואַרשיינלעך און אומוואַרשיינלעך, און נעמט־אָן בלויז דאָס, וואָס אַן אָביעקטיווע באַטראַכטונג דערלאָזט אַז עס איז מעגלעך. דער פרימיטיווער מענטש איז נישט פעיִק געווען אויף אַזעלכע אָביעקטיווע באַטראַכטונגען. די קעגנזעצטע מעגלעכקייט צו פאַרדאַכט, האָט ער נישט געקענט זען, ווייל אונטער פאַרדאַכט איז געשטאַנען אימפּולס און דמיון וואָס האָבן גע־שטויסן צו פאַרדעכטיקן, און דאָס האָט באַאייַנפלוסט שוואַכן שכל צו זען נאָר אַזוי ווי פאַרדאַכט האָט געוויזן און נישט אַנדערש.

קאַפּיטל 3

פּרימיטיווע רעליגיע

I

פאַרן פּרימיטיוון מענטשן איז די פראַגע פון גלויבן נישט געווען קיין טעאָרעטישע, וועלט־דערקענעדיקע פראַגע: פאַר אים איז די פראַגע פון גלויבן פון לכתחילה אַן געווען אַ פּראַקטישע לעבנס־פראַגע, אַ פראַגע ווי זיך צו שיצן פון די בייזע וועלט־גייסטער און צו געווינען זייער גונסט. גופא דאָס וואָס האָט אים געשטויסן צו טראַכטן וועגן „גאָט־פּראָבלעם" איז געווען נישט „די ליבע צום אמת", נאָר די מורא אַז עס זאָל קיין בייז נישט געשען. ווען עס וואָלט געגאַנגען בלויז אין פעסטשטעלן דעם אמת, צי געטער זיינען יאָ דאָ, אָדער נישטאָ, און דערביי, ביי דער דאָזיקער פעסטשטעלונג זאָל עס בלייבן, וואָלט די גאַנצע זאַך אַנדערש אויסגעזען, וואָלט די מענטשהייט נאָך ביז היינטיקן טאָג זיך געקליבן די פראַגע צו באַטראַכטן. דער גאַנצער „גליק" פון גלויבן איז געווען אין דעם, וואָס עס איז נישט געגאַנגען אין פעסטשטעלן דעם אמת, נאָר עס איז געגאַנגען אין ראַטעווען זיך פון די גייסטערס צאָרן. און דאָרט ווו עס גייט וועגן ראַטעווען זיך פון צאָרן און אומגליקן, דאָרט וואַרט מען נישט און דאָרט לייגט מען נישט אָפּ; דאָרט מאַכט מען עס שנעל: מען ענטפערט איידער מען פרעגט; מ'גלייבט, איידער מ'ווייסט נאָך אין ווועמען; מ'טוט איידער מ"ווייסט נאָך וואָס צו טאָן. מיט איין וואָרט: מ'מאַכט דעם נעשה פאַרן נשמע.

דאָס אָנהויבן פאַרבינדן די מיסטישע שרעק מיט מענטשלעכע האַנדלונגען, איז געווען אַן אויפטו פון דער גרעסטער וויכטיקייט. גלויבן האָט אָנגעהויבן זיין אַ זאַך, וואָס איז נוגע למעשה. דאָס ברייטע געביט וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר דאָס טעגלעכע לעבן פון מענטשן, האָט אָנגעהויבן איינגענומען צו ווערן פאַר דער מיסטיק. גלויבן האָט אויפגעהערט צו זיין בלויז שרעק, נאָר האָט אָנגעהויבן צו באַרירן דעם לעבנס־פּיר פון די מענטשן. גלויבן האָט אַראָפּגעני־דערט פון „הימל אויף דער ערד"; גלויבן איז געוואָרן סאָציאַלע דערשיינונג.

די מורא פאַר די גייסטער האָט אָנגעהויבן זיין געזעלשאַפטלעכער צוים. די גייסטער האָבן אָנגעהויבן אַרויסווייזן אינטערעס פאַרן מענטשן און זיינע האַנדלונגען. פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך אָנגעהויבן די אַנטשטייונג פון רעליגיע: פון די געשפּענסטער איז געוואָרן געטער, וועלכע עס איז אָנגעגאַנגען די אָרדענונג פון דער וועלט און די אויפירונג פון מענטשן. דער אונטערשייד צווישן געשפּענסטער און געטער באַשטייט אין דעם, וואָס די ערשטע גייט נישט אָן נישט די אָרדענונג פון דער וועלט און נישט די אויפירונג פון מענטשן; די געטער, אין קעגן טייל, גייט עס יאָ אָן. געטער זיינען באַשאַפער פון הימל און ערד, וועלט און מענטש אאַז״וו. געטער, ווי פּרימיטיוו זיי זאָלן נישט זיין, זיינען זיי שוין אַ פּראָדוקט פון אַ מוח וואָס שטעלט וועלט־פראַגן. אַפילו די סאַמע עלטסטע געטער האָבן שוין צו טאָן מיט פּראָבלעמען פון וועלט און מענטש. די וועלט איז זייערס אַ ווערק און דער מענטש זייערס אַ שאַפונג. אַלס אַזעלכע האָבן זיי פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר וועלט און מענטש. אמת, אַז אויך זיי, די פּרימיטיווע געטער, האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק מיט זייער גרויזאַמקייט. אָבער עס איז געווען אַ פרוכטבאַרע שרעק. פאַר די געטער האָט מען זיך געשראָקן, כדי זיי נישט צו דערצערענען, נישט איבערטרעטן זייער ווילן, זיי נישט אַרויסצורופן קעגן זיך. ווען מען איז זיי געווען אונטערגעוואָרפן און מען האָט זיי צופרידנגעשטעלט, האָבן זיי קיין בייז נישט געטאָן. דאָס האָט געפירט דערצו, מען זאָל זיך פלייסן די געטער צו געפעלן און זיי נישט בייז מאַכן. עס האָט אָנגעהויבן אַנטשטיין „פרומקייט און גאָטספאָרטיקייט“, דאָס הייסט, ס׳האָט אָנגעהויבן צו אַנטשטיין רעליגיע, וואָרום רעליגיע איז דאָך טאַקע דאָס: רעליגיע איז, אַז דער מענטש באַמיט זיך מיט זיינע מעשים אין זיין טאָגטעגלעך לעבן, נישט אַרויסצורופן די געטער קעגן זיך. זיין געדאַנק ווערט אָריענטירט צום „הימל“ און אַלע זיינע טאַטן ווערן דורכגעפירט אונטערן קאָנטראָל פון אָט דער אָריענטאַציע.

זאַכן וואָס זיינען געווען שעדלעך פאַר דער פּרימיטיווער געזעלשאַפט און מען האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן נישט געטאָן ווערן, האָט מען „פאַרבאָטן“, ד״ה מען האָט זיי אַרונטערגעשטעלט אונטער דער מיסטישער שרעק און דאָס איז געווען די בעסטע גאַראַנטיע, אַז מען וועט זיי נישט טאָן. מיר האָבן דאָס וואָרט פאַרבאָטן אַריינגענומען אין גענדזנפיסלעך, מחמת אין דער אמתן האָט זיך דאָ נישט געהאַנדלט וועגן קיין פאַרבאָט, נאָר וועגן אַ טאַבו. טאַבו איז האַרבער ווי פאַרבאָט. ביים טאַבו האָט מען זיך אָפּגעהאַלטן פון טאָן זאַכן, מחמת זיי זיינען געווען געפערלעך; זיי האָבן מיטגעבראַכט קאַטאַסטראָפעס און אומגליקן. טאַבו איז געווען דורכאויס אַסאָצייִרט מיט דער מורא פאַר אַן אומגליק. דאָס עובר זיין אויף טאַבו, האָט עס געהייסן, מוז אומפאַרמיידלעך ברענגען אַ צרה: טאַבו האָט געהייסן — טו נישט די זאַך, ווייל זי איז שרעקלעך, ווייל זי איז מוראדיק, זי וועט מיטשלעפּן אַ גרוילעכע טרעפונג. די אומאָפּטיילבאַרע פאַרבונדנקייט פון טאַבו מיט דער גרויליקער פּאַסירונג, וואָס זי מוז ברענגען, האָט דאָס צוגעגעבן

דעם טאַבו אַזאַ גוואַלדיקן כוח. מ'האָט נישט געוווסט, פאַר וואָס עס איז אַזוי; מ'האָט נאָר געוווסט, אַז אַזוי איז עס. יעדע דערקלערונג פאַר טאַבו, וואָלט צו־גענומען ביי אים דעם מאַגישן כוח, ווייל אונטער יעדער דערקלערונג באַהאַלט זיך אויס צווייפל, און טאַבו האָט אַנטהאַלטן אין זיך די פולע זיכערקייט, אַז ס'איז פאַרבאָטן, ד"ה ס'איז געפערלעך. טאַבו האָט ערגעץ געהאַט אַ צווייטן פאַלוס, וואָס אַז מ'האָט עובר געווען אויפן טאַבו, האָט מען דורך דעם אַראָפּ־געשלעפּט אויף זיך דעם אומגליק, וואָס איז דאָרט געווען אַנגעקנופּט. עובר זיין אויף אַ טאַבו, האָט געהייסן אַ ריר טאָן אַ געהיימען מיסטישן מעכאַניזם, וואָס הייבט אָן צו זיין טעטיק און פּראָדוצירן אַן אומגליק. דער אומגליק איז נישט געווען ווי די שטראָף פאַר אַ זינד. שטראָף פאַר אַ זינד האָט געהייסן, אַז דער־פאַר וואָס מ'פאָלגט נישט די געטער, שיקן זיי אָן אַ שטראָף. די שטראָף איז נישט געווען אומיטלבאַר פאַרבונדן מיט די זינד. ווען מ'האָט געבעטן צו די געטער און זיי געגעבן מתנות, האָט מען די שטראָף געקענט פאַרמיידן. אַנדערש איז עס געווען מיט טאַבו. די צרה און דער טאַבו זיינען געווען אומאָפּטיילבאַר. האָט מען געטאָן איינס, האָט געמוזט קומען דאָס צווייטע.

דער פאַקט, אָבער, פון טאָן אָדער נישט טאָן זאַכן צוליב מיסטישע מאָטיוון, האָט געמוזט אַרויפירן אויפן געדאַנק פון פאַרבאָט און פליכט. טאַבו איז געווען דאָס וויגעלע פון מצוות און עבירות. טאַבו איז געווען די בריק וואָס האָט דורכ־געפירט דעם פרימיטיוון מענטשן פון מאַגישע האַנדלונגען צו באַוווסטזיניקער און פּלאַנמעסיקער רעליגיע. שפּעטער, אין די ציימן פון באַוווסטזיניקער און פּלאַנמעסיקער רעליגיע, זיינען די געטער געוואָרן דער צענטער פון אַלע וועלט־דערשיינונגען און די אַלמעכטיקע באַפעלערס פון מענטשנס פירונגען. זיי האָבן אַנגעשיקט צרות און געגעבן מזל ברכה; זיי האָבן באַפוילן וואָס צו טאָן און וואָס נישט צו טאָן; און זיי האָבן באַלוינט און באַשטראָפט. די זאַכן אַנפּאַרזיך האָבן אויפגעהערט צו האָבן אין זיך מיסטישע אייגנשאַפטן. די זאַכן האָבן אָנ־געהויבן צו זיין דערלויבט און פאַרבאָטן, לויט די געטערס ווילן.

דער שטאַנדפּונקט אַז זאַכן און האַנדלונגען, טראָגן אין זיך גופא גוטע און שלעכטע ווירקונגען, איז שפּעטער געוואָרן דער גרונט־געדאַנק פון כישוף, וואָס האָט געשפּילט נישט קיין קלענערע ראָל ווי רעליגיע. און עס קען זיין, אַז אין יענער צייט טאָקע האָט זיך עס די מיסטיק אָנגעהויבן פונאַנדערגיין אין אירע צוויי גרויסע ריכטונגען: רעליגיע און כישוף. רעליגיע איז אַוועק צו גאָט און כישוף צום טיוול.

דער אונטערשייד צווישן די דאָזיקע צוויי מיסטישע ריכטונגען, איז באַ־שטאַנען אין דעם: אין רעליגיע האָט מען אָנגעהויבן האָבן צו טאָן מיט געטער, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיטן מענטשן, האָבן אים געגעבן דירעקטיוון ווי אַזוי ער זאָל זיך פירן און וואָס ער זאָל טאָן; זיינען געווען פאַראינטערעסירט, אַז ער זאָל זייערע געבאָטן מקיים זיין, האָבן אים באַלוינט, ווען ער האָט געפאָלגט

און באַשטראָפט ווען ער האָט נישט געפאָלגט. די געטער האָבן אָנגענומען דעם מענטשנס מתנות און אויסגעהערט זיינע געבעטן. מיט איין וואָרט: זיי זיינען געווען מיטן מענטשן היימיש און דער מענטש האָט זיך געפילט גאַנץ און אינטים מיט זיי. לויט זייערע כאַראַקטערס זיינען די געטער געווען אַ מין כמו־מענטשן — שטאַרקע, מעכטיקע, אַלצקענענדיקע מענטשן, אָבער דאָך מענטשלעך. עס איז אין זיי נישט געווען קיין שום פאַרבאָרגנס און קיין שום מיסטעריעזס, נאָר אַלץ איז געווען קלאָר, אָפן און אויפגעקלערט.

גאָנץ אַנדערש איז עס געווען מיט די גייסטער פון כישוף. זיי איז נישט אָנגעגאַנגען די מענטשלעכע אויפירונג. זיי איז דער עיקר אָנגעגאַנגען דעם מענטשן צו שעדיקן. זיי האָבן נישט דיקטירט דעם מענטשן קיין געבאָטן און זיינען נישט געווען פאַראינטערעסירט אין זיין אָרנטלעכן לעבן. זיי זיינען געווען דורך און דורך שלעכט, בייז און פינצטער, און זיינען געווען באַהערשט פון דעם איינציקן ווילן דעם מענטשן שלעכטס צו טאָן און אים מזיק צו זיין. דאָס איינציקע מיטל זיך צו שיצן פון זיי, איז געווען: טאָן עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל זיי מאַכן אומשעדלעך און מאַכטלאָז. נישט וואָס זאָל ענדערן זייער ווילן צום גוטן. — זייער בייזן פינצטערן ווילן האָט מען נישט געקענט ענדערן, ווייל זיי זיינען געווען דורכאויס שלעכט — נאָר מאַכן זיי מאַכטלאָז, אונטערברעכן זייער בייזע קראַפט. צו די געטער האָט מען געדינט; די דעמאָנען האָט מען באַצווונגען — באַצווונגען מיט השבעות, קמיעות, שפּרוכן און שוואַרצקינצלעריי. זיי איז נישט שייך געווען צו בעטן, ווייל קיין שום געבעט איז צו זיי נישט צוגעשטאַנען. זיי האָט מען נאָר געקענט אומשעדלעך מאַכן, פאַרטרייבן זיי, אָדער אונטערהאַקן זייער שוואַרצע מאַכט. אויך איז זייער וועלט געווען אַ מיסטעריעזע, אַ געהיימניספולע און מ׳האָט נישט געוווסט ווו זיי לויערן און וואָס זיי ווילן. מען האָט נישט געוווסט, צי דאָס וואָס מען טוט און אַזוי ווי מען טוט איז גוט און קען זיי באַרויִקן. מען האָט זיך געפילט נישט זיכער מיט דעם טריט וואָס מען האָט געשטעלט, מיטן בליק וואָס מען האָט געוואָרפן, מיטן וואָרט וואָס מען האָט אַרויסגערעדט, מיט דער האַנט־באַוועגונג וואָס מען האָט געמאַכט — צי האָט עס נישט עפּעס אַ געהיימע ווירקונג אויף זיי. אָבער דאָס אַלץ איז געווען העט שפּעטער. בעת דער פּאַזע פון טאַבו איז עס נאָך אַזוי נישט געווען. בעת דער פּאַזע פון טאַבו האָבן די האַנדלונגען גופא געטראָגן אין זיך מאַגישע ווירקונגען און אומפאַרמיידלעך געבראַכט צרות און פורעניות פאַר זייערע טוערס.

און דאָס וואָס איז געווען מיט טאַבו, איז אויך געווען מיט טאָטעם. ווי באַלד די גאַנצע נאַטור: מענטש, חיה און פלאַנץ, איז געווען ספּיריטואַליזם און אָנגעשטעקט מיט אַ מיסטישן שטראָם, איז עס דאָך געווען מער ווי נאַטירלעך, אַז דער פּרימיטיווער מענטש זאָל זיך אָנהייבן זען פאַרוועבט און צוזאַמענגעגאָסן דורכן דאָזיקן שטראָם מיט דומם, צומח און בעל־חי און בילדן איינס מיט זיי; ער זאָל זיך אָנהייבן זען צוזאַמענגעוואַקסן מיט בעל־חי און פלאַנץ פון זיין סביבה, דורך

דער געמיינזאַמקייט פון ספּיריטועלן פלויד וואָס האָט זיי אַלע פּאַראייניקט און דורך דער גייסטהאַפטער הילע וואָס האָט זיי אַלע אַרומגעהילט. ער איז געווען בלוט פון זייער בלוט און פלייש פון זייער פלייש...

די נעקסטע פּאַזע נאָך טאָטעם און טאַבו, איז געווען די, ווען עס האָבן אַנ־געהויבן אויסגעאַרבעט און אָנגענומען ווערן אַלגעמיין־גילטיקע כּללים פון גלויבן און אויספירונג; ווען דער פּרימיטיווער מענטש האָט די מיסטישע שרעק אָנגעהויבן באַאַרבעטן, דעפינירן און געבן זי סאָציאַלע פאָרעם; ער האָט זי אָנגעהויבן אַריינציִען אין קרייז פון זיין יחידיש און קאָלעקטיוו לעבן; זי האָט זיך אָנגעהויבן אַריינמישן אין זיין טאָגטעגלעכן אויפפיר; ער האָט אָנגעהויבן אויסטראַכטן טעאָרעטישע און גלויבונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט איר. פאַרשטענדלעך, אַז ווי באַלד מ'האָט געמוזט וויסן וואָס צו טאָן און אין וואָס צו גלויבן, האָט געמוזט אויפקומען אַ ספּעציעלער קלאַס מענטשן, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט דער אויסאַרבעטונג פון די ערשטע רעליגיעזע רעגלען און ערשטע רעליגיעזע דאָג־מעס. זיינען אַנטשטאַנען די עלטסטע גייסטער־לייט, די אור־פּריסטערס און כּהנים.

II

די אַנטשטייונג פון אַ קלאַס גייסטער־לייט, וועמענס אויפגאַבע עס איז גע־ווען צו פלעגן דעם עלטסטן רעליגיעזן געדאַנק, זיך צוווידמען דער באַלעבונג און פאַרפלאַנצונג פון פּרימיטיוון גלויבן, איז געווען אַ פאַקט פון אומפאַרגלייכ־לעכער וויכטיקייט. דער דאָזיקער קלאַס מענטשן איז געוואָרן דער פּערמאַנענטער קולטיווירער פון דער מיסטישער פלאַנץ. גלויבן האָט זיך געפונען אין דער פריִער בלי־צייט, ווען אַלץ איז נאָך געווען רוי און פריש און פרוכפּעריק, און רייפקייט און לעבנס־דערפאַרונג האָבן נאָך נישט געהאַמעוועט און געבונדן דעם פרייען פלי פון פּרימיטיווער פאַנטאַזיע. דאָס אויפקומען פון אַ ספּעציעל־געאייגנטן סאָרט מענטש צו פלעגן די יונגע רעליגיעזע פלאַנץ, האָט פאַרחתמעט דעם גורל פון רעליגיע אויף יאָרטויזנטער.

אין יענער פריִער צייט, ווען דער קלאַס גייסטער־לייט האָט זיך אָנגעהויבן אויספאָרמירן און אַנטשטיין, איז ער נאָך נישט געווען אַרומגעצוימט מיט קיין כינעזישער מויער פון קאַסטע און אָפּשטאַם. אור־פּריסטערשאַפט האָט געמוזט זיין אַ „פרייע פּראָפעסיע", צו וועלכער עס האָט געקענט צוקומען יעדער איינער וואָס האָט נאָר געפילט אַן אינערלעכע נייגונג דערצו. טיפּן מאַניאַטיקער, היצקעפּ, האָבן אָנגעהויבן זיך צו ווידמען דעם דינסט פון די גייסטן — צו שטיין אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט זיי, אינספּירירט צו ווערן פון זייער ווילן, זיי אַרייג־צונעמען אין זיך, זיי לאָזן אַרויסריידן פון זיך אאַ"וו. די דאָזיקע היסטערישע טיפּן האָבן אָנגעהויבן אויסאיבן די איינציקע גייסטיקע השפּעה אויף די מענטשן פון

זייער דור. זיי זיינען געוואָרן די איינציקע לערערס, וועגווייזערס און דערציִערס פון דער אַמאָליקער מענטשהייט. אין זייערע קראַנקע געמיטער האָבן זיי קולטיווירט דעם אויפרעגנדיקן רעלידיום און האָבן נאָך דעם אָנגעשטעקט מיט אים יעדן וואָס איז מיט זיי געקומען אין קאָנטאַקט. אַלץ וואָס איז אַנטשטאַנען אין זייערע צעהיצטע און צעפלאַמטע מוחות, אַלע משוגעדיקע פלאָנטערן, אַלע צעדרייטע פאַנטאַזיעס און אומגעלומפּערטע איינפאַלן, אַלץ איז נאָך דעם איבערגעגאָסן געוואָרן אין די מוחות פון פרימיטיוון שבט, און איז געוואָרן „געטלעכע לערע“.

דער דאָזיקער אומשטאַנד, וואָס יעדער איינער וואָס האָט „געהערט אין זיך גאָטס רוף“, האָט געהאַט אַ פרייען צוטריט צו גייסטער־דינסט, האָט געמוזט האָבן אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם שנעלן פונאַנדערבלי פון גלויבן. אַ דאַנק דעם דאָזיקן סאָרט מענטש האָט פריִער גלויבן דורכגעמאַכט זייער אַ שעפערישן פעריאָד. דעמאָלט זיינען עס געשאַפן געוואָרן די אַלערליי מיטאָסן און לעגענדעס און ווילדע גענג, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט די גייסטיקע שפּייז פון דער נאָכקומענדיקער מענטשהייט במשך פון לאַנגע דורות. ווען עס הייבט זיך אָן די היסטאָרישע צייט, האָבן שוין די דאָזיקע שאַפונגען הינטער זיך אַן אַלטע טראַדיציע. זיי געפינען זיך שוין אין אַ צושטאַנד פון באַשטענדיקייט. די שאַפונג־עפּאָכע פון די אַלע ווילד־מיסטישע פאַרפאַסונגען, הייבט זיך אָן פאַר דער צייט פון דאָקומענטירטער געשיכטע. אָט דעמאָלט האָבן עס די „שאַפנדיקע מוחות“ פון יענער פריִער מענטשהייט זיך אָנגעהויבן ווידמען דער „וויסנשאַפט פון די געשפּענסטן“ און האָבן געגעבן זייער פלאָנטערנדיקער און אויפגערעגטער פאַנטאַזיע די פולע פרייהייט צו פליִען און ברייען.

לייענט מען די אור־אַלטע מיטאָלאָגיעס און מען זעט ווי אַזוי די גאַנצע נאַטור איז אין זיי איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף; ווי אַזוי דער גאַנצער באַשאַף איז דורכגעפלאָכטן און דורכגעמישט אין איין שרעקלעכן מישמאַש און פלאָנטער; ווי אַזוי אַלע נאַטור־קעגנשטאַנדן האַלטן זיך אין איין טראַנספאָרמירן איינס אין אַנדערן; די נאַטור איז אַ קאָכיקער און ברויזנדיקער ים פון דעמאָנען און רוחות. חיות און מענטש קרייצן זיך און מישן זיך און געבוירן מאָנסטערן און פאַרזעענישן — ווען מיר לייענען די דאָזיקע אומגעלומפּערטע טרוימערייען, האָבן מיר דעם איינדרוק ווי מיר וואָלטן זיך צוגעקוקט צו אַ פילם געמאַכט פון טויזנט משוגעים. אָבער, ניין, דאָס איז דער אָנהייב פון מענטשלעכן דענקען און טראַכטן. אָט די דאָזיקע פּרוכט פון צעטומלטע מוחות, איז געווען די צוגעפּאַסטע שפּייז פאַר די מענטש־באַשעפענישן פון יענער צייט. די אור־פּריסטער זיינען געווען די גרויסע שאַפערס פון זייער עפּאָכע. זיי האָבן אויסגעדריקט דאָס, וואָס די אור־מאַסע האָט נישט געקענט אויסדריקן. זיי האָבן ריידעוודיק געמאַכט דעם שטומען גייסט פון פרימיטיוון פאָלק. אַ חוץ דעם האָט דאָס פאָלק פאַר זיי מורא געקראָגן, — מורא געקראָגן פאַר אַ שלעכט וואָרט, וואָס

איז אַרויס פון זייער מויל, פאַר אַ שלעכטן זשעסט זייערן, פאַר אַ בייזן בליק. אויך איז די פּערזאָן גופא פון פּריסטער־מכשף פאַרהייליקט געוואָרן; ער איז טיילוויז אַליין געוואָרן אַ גייסט, און נישט פאַלגן אים אין אַ וועלכן עס איז פּרט, האָט געשמעקט מיט געפאַר.

דורך שרעקן און פּחדים איז דער מענטש גלוביק געוואָרן און דורך שרעקן און פּחדים האָט ער אויפגעשטעלט איבער זיך אַ קאַסטע מיסטישע אונטעריאָ־כערס.

III

דאָס אָנהייבן מאַכן געצן און דינען צו זיי, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גוואַלדיקן אויפטו אויפן געביט פון פּרימיטיווער רעליגיע. גאָט איז געוואָרן אַן אָנזעעוודיקער ממש. אויף צו קאָנען עקסיסטירן, האָט גאָט געמוזט אָנהייבן באַ־קומען אַ רעאַלע צורה. גאָט האָט געמוזט ווערן אַ זאַך פון זען. אָן אַן אָנשוילעך בילד איז גאָט געוועזן אַ כימערע; מיטן אָנשוילעכן בילד איז גאָט געוואָרן אַווירקלעכקייט.

דאָס אַנימיזירטע בילד איז געוואָרן דער קאָנקרעטער מאַטעריאַל פון וועלכן דער פּרימיטיווער מענטש האָט אָנגעהויבן אויסמייסטערן זיין גאָט. ערשט ווען ער האָט געהאַט אויף וואָס צו קוקן, האָט דער פּרימיטיווער מענטש געקענט אָנהייבן אַרומטראַכטן גאָט; דער געץ איז געוואָרן דער טייג אויף וועלכן דער פּרימיטיווער מענטש האָט זיך געלערנט אויסקנעטן און אויספורעמען גאָט.

דאָס געטלעכע בילד איז געוועזן פאַרן פּריִען גלויבן דער קאָנקרעטער מאַ־טעריאַל מיט וועלכן געדאַנק האָט אָפּערירט. אָנעם געצל וואָלט גלויבן געבליבן אומאויסדריקלעכע פּאָטענציאַליטעט, וואָס וואָלט אינעם אויסגאַנגלאָזן גרעאַנגל מיט זיך אַליין אומגעקומען. וואָלט דער פּריִער מענטש נישט גענומען מאַכן זיינע גייסטן וויזועל־באַנעמלעך, וואָלט אור־גלויבן צערונען געוואָרן ווי אַ בייזער חלום.

די אויסגעמאָלטע אָדער אויסגעקריצטע צורה, איז געוואָרן די פאַרשטענד־לעכע שפּראַך פון דער מיסטישער וועלט־שרעק; איז געוואָרן דער ליים פון וועלכן מ׳האָט אַלע מאָל פּערפעקטער אויסגעפורעמט דאָס גאָט־געשטאַלט און די גאָט־אידעע. יעדער העכערער געטלעכער אַטריבוט, יעדע נייע גאָט־אייגנשאַפט, יעדער נייער איינפאַל און נייע ווענדונג פונם „גאָט־גדאַנק״, איז אָפּגעשטעמפּלט, פאַר־פיקסירט און קאָנסערווירט געוואָרן אין שטיינערנעם אָדער הילצערנעם געמאַך, דאָס האָט דערמעגלעכט פאַרשריט און שטייגערוג פון די געטער.

די פאַרגעטערונג און דינערייי צום בילד, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע אַזוי פיל טויזנטער יאָרן (און האַלט נאָך אויך איצט אָן!) אויף די פאַרשיידנסטע אופנים און פאַרשיידנסטע קולטור־שטופעס, ביי אַלע אור־

מות און אַלע לשונות, ביי אַלע פעלקער און אַלע ראַסעס — איז דער קלאָרסטער באַוויז, ווי שטאַרק עס איז אין מענטשן די סוגעסטיק פון אויג. געבוג איז געווען אַז דער פרימיטיווער מענטש זאָל זען פאַר זיך אַ צורה, וואָס האָט געהאַלטן אויס־געגלאָצט די אויגן אויף אים, און שוין האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ווילדן טאַנץ אַרום איר — געשריגן, געליאַרעמט און געמאכט אַ טומל. איצט האָט ער שוין געהאַט צו וועמען זיך צו ווענדן; וועך עס זאָל אים אויסהערן, פאַר וועמען דאָס פולע האַרץ מיט שרעק אויסצוגיסן; ביי וועמען חסד צו בעטן; וועמען שירים ותשבחות צו זינגען; פאַר וועמען צו זיין נכנע; וועמען מתנות צו ברענ־גען; וועמען צו פאָלגן און פאַר וועמען צו זיין זינדיק. מיט איין וואָרט: די גאַנצע אומגעהייערע מאַסע שטימונגען, ליידנשאַפטן, אימפּולסן און רעגונגען, וואָס זיינען געווען פאַרשלאָסן אין האַרץ פון פריִען מענטשן, האָבן אָנגעהויבן שטראָמען צום געץ און דורך אים באַקומען אויסדרוק און תיקון.

אָנגעהויבן ווי הוילער שרעק־געשפּענסט, האָט די מיסטישע אידעע כסדר עוואָלוציאָנירט. מען האָט די פאַנטאָמען אָנגעטאָן אין בלוט און פלייש און גע־מאַכט פון זיי „רעאַלע געשטאַלטן“. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנג־לאַנגע עפּאָכע פון געטער באַשאַפונג. די געטער־אינדוסטריע האָט געאַרבעט מיטן פולסטן טעמפּ. מיט דער גרעסטער התמדה און פלייס האָט מען געהאַלטן אין איין פּראָדוצירן אויסגעקריצטע און אויסגעמאָלטע שאָטנס, פון די פאַרשיידנסטע געשטאַלטן, אייגנשאַפטן און גראַדן מאַכט און וויכטיקייט. אָט אין וואָס עס איז הויפּטזאַכלעך באַשטאַנען דער פריִער פּראָגרעס פון מענטשלעכן געדאַנק! אָט אויף וואָס דער דענקענדיקער מין האָט יאָרטויזנט נאָך יאָרטויזנט פאַרטאָן זיין גייסטיקע באַגאַ־בונג און ענערגיע... ווי קען מען צוגיין אויסריידן איין־איינציק וואָרט וועגן מענטשן, נישט האָבנדיק פריִער באַגריפן אין דער גאַנצער ברייט און טיף די וויכטיקייט פון אָט דעם דאָזיקן צענטראַלסטן מאָמענט אין דער מענטשלעכער קולטור־געשיכטע! ווי באַלערנדיק און פילזאָגנדיק איז ער וועגן מענטשנס גייסט און געדאַנק!...

IV

אויך דאָס צערעמאָניען זיך מיט טויטע אין די פריִע פרע־היסטאָרישע צייטן, דאַרף דערקלערט ווערן דורך דער סוגעסטיע פון אויג. ס׳איז געווען אַ שפּיל מיט לעבנס־פאָרעם, פון וועלכער פּרימיטיווער שכל האָט לעבן נישט געקענט אַרויס־טרייבן. פאַר יעדעס מאָל וואָס דאָס אויג האָט געזען, האָט איינדרוק אויפגעטויכט און פיצינקער פאַרשטאַנד האָט נישט געקענט זיך קעגנשטעלן און איז מיטגע־ריסן געוואָרן. פונקט ווי דאָס אויג האָט געמאַכט פון אַ געצקע אַ גאָט, דורך דער נטיה צו אַנימיזירן בילד און געשטאַלט, פונקט ווי דאָס קינד אַנימיזירט איר ליאַלקע, אַזוי האָט אונדזער עלטער־זיידע אַנימיזירט דאָס טויטע בילד פון די

געשטאָרבענע. אַזוי לאַנג ווי ער האָט געזען פאַר זיך דאָס געשטאַלט פון גע־שטאָרבענעם, אַזוי לאַנג האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז לעבן איז דאָ אין דעם, און אַזוי לאַנג האָט ער געגלייבט, אַז דאָס וואָס ס׳ווייזט זיך אים אויס, איז אַזוי.

נאָר אַזוי צוגייענדיק צום ענין ווערט פאַר אונדז פאַרשטענדלעך דער צו־זאַמענהאַנג וואָס איז פון אור־מענטשן ווי פון די ווילדע געמאַכט געוואָרן צווישן קערפּער און לעבן. זייער עסקן זיך מיט טויטע, האָט געהאַט צו טאָן מיטן טויטן קערפּער, ד״ה ס׳איז גענוג געווען אויף וואָס צו קוקן, אַרום וואָס אַרומצוגיין, — „די אויגן האָבן געזען און דאָס האַרץ האָט געפילט״ — האָט מ׳נען זיך צערעמאָניעט.

פון דעסט וועגן האָבן אויסער דער נטיה צו אַנימיזירן פיזיאָנאָמיע און בילד, געמוזט זיין נאָך אַנדערע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געמאַכט גלויבן דעם פּרימיטיוון מענטשן, אַז טויטע לעבן. דער פּרימיטיווער מענטש האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס איז טויט. ווי אַזוי דערקלערט זיך עס, וואָס אַ מינוט פריער האָט דער מענטש געלעבט: געזען, געהערט, געפילט, געטראַכט, גערעדט, זיך באַוועגט, זשעסטיקו־לירט אא״וו, און אין אַ מינוט אַרום איז ער טויט. ווי אַזוי פּאַסירט עס? וואָס קומט דאָ פאָר? אויסערלעך איז אַלץ געבליבן ווי געווען: דער זעלביקער קערפּער, דער זעלביקער אויסזען, אָפט מאָל דער זעלביקער אויסדרוק אַפילו. עס איז נישט פאָרגעקומען קיין שום קענטיקער אומבייט, און דאָך איז לעבן מער נישטאָ. לעבן איז אַוועק פונעם דאָזיקן קערפּער און מען האָט גאָר נישט געזען און גאָר נישט געהערט. איז דען דערפון נישט צו דרינגען, אַז לעבן מוז זיין אַ לופטאַרטיקער שטאָף, וואָס פליט אַריין און פליט אַרויס פון גוף אומבאַמערקטערהייט, נישט אַרויסרופנדיק קיין שום ענדערונגען אין אים? דער נאַטירלעכער אַקט פון שטאַרבן — נישט רייִדנדיק וועגן יענע טויטן וואָס קומען דורך פאַרניכטונג, צעפּערטלונג אָדער פאַרקריפּלונג פון קערפּער — איז פון זיך אַליין כמעט אַ ספּיריטועלע דערשיינונג. אָן קיין שום באַזונדערע קערפּערלעכע שינויים זעט מען לעבן פאַר־שווינדן. אַ ווײַלע פריִער האָט אַ נאָענטער מענטש געהאַט אין זיך לעבן; אַ ווײַלע שפּעטער, און לעבן איז מער נישטאָ אין אים. אָט די פּאַסירונג, דאָס פאַרלאָזן פון לעבן דעם קערפּער, איז אַן אַקט, וואָס קומט נישט באַגלייט מיט קיין שום אָנזיכטיקער פיזיאָלאָגישער ענדערונג, און עס שאַפט דעם איינדרוק ווי לעבן וואָלט געווען אַ זעלבשטענדיק־עקסיסטירנדיקע עססענץ, וואָס איר אָנוועזנהייט אין קערפּער גיט אים לעבן, און איר אָפּוועזנהייט, לאָזט אים אָן לעבן. דאָס איז געווען די ערשטע אָנרעגונג צום באַגריף נשמה. נשמה האָט געמיינט, אַ פאַר זיך עקסיסטירנדיקע לעבנס־עססענץ, וואָס איז נישט אָפּהענגיק פון קערפּער, אָבער וואָס דער קערפּער איז יאָ אָפּהענגיק פון איר. עס הייסט, בכן, אַז די נאַטור גופא, דער נאַטירלעכער אופן פון שטאַרבן, האָט איינגעגעבן דעם מענטשן די אידעע פון אַ נשמה. וואָלט צוזאַמען מיט טויט געקומען קערפּערלעכער אויפלייזונג; וואָלט שטאַרבן געקומען באַגלייט מיט אַן אָנזעעוודיקן אַקט פון אַנאַטאָמישער פאַרענ־דערונג אָדער פאַרניכטונג, וואָלט טויט פאַרן פּרימיטיוון מענטשן געווען פאַר־

שטענדלעך, און מיר וואָלטן אפשר ביזן היינטיקן טאָג געבליבן אָן אַ נשמה. מיט טויט וואָלט געקומען דער סוף פון אינדיווידן אויף דער וועלט און אויף אַלע וועלטן. גייט אָבער די נאַטור איר אייגענעם וועג און איר אַרט ניט, אַז דער קערפּער בלייבט דער זעלביקער נאָך דעם ווי לעבן איז מער נישטאָ אין אים, ווי פאַר דעם, ווען לעבן איז יאָ געווען אין אים. האָט דער פּרימיטיווער מענטש דערפון געדרונגען, אַז לעבן איז אַ זאַך וואָס עקסיסטירט אומאָפּהענגיק פון גוף און קאָן אין אים אַרייַנ־ און אַרויספליִען, אָט ווי אַ פויגל פליט אַרייַן און אַרויס פון אַ נעסט.

לעבן האָט זיך אויסגעלאָשן ווי אַ פלאַם; לעבן איז אויסגעהויכט געוואָרן ווי אַ ווינט און אָן אָטעם. פאַר דער אויסהויכונג, איז לעבן געווען אין דער פּערזאָן; נאָך דער אויסהויכונג און לעבן איז מער נישט געווען אין איר. איז עס דאָך געווען ממש מיט די הענט אָנצוטאַפּן, אַז לעבן איז אָן אָטעם, אַ לעבנס־ווינט, אַ רוח־חיים, וואָס אַז ער איז אין מענטשן, באַלעבט ער אים און אַז ער פאַרלאָזט אים, בלייבט ער טויט... בפרט נאָך, אַז עס זיינען געווען פאַלן פון צייטווייליקן טויט, ווען לויטן אויסזען איז דער קערפּער געווען ענלעך צום קערפּער פון אַ טויטן און דאָך איז ער צוריק לעבעדיק געוואָרן. די דאָזיקע פאַלן האָבן אַנדערש נישט גע־קאָנט דערקלערט ווערן ווי נאָר, אַז דער לעבנס־ווינט איז אַרויסגעפלויגן פון קערפּער און נאָך דעם צוריק אַרייַנגעפלויגן אין אים.

נאָך אַ פאַקטאָר, וואָס האָט געמוזט שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דער אויס־בילדונג פון גלויבן, אַז טויטע לעבן, האָט געמוזט זיין חלום.

דער פריִער מענטש האָט זיכער נישט באַגריפן דעם אמתן באַטייט פון חלום. ער האָט אָנגענומען אַלץ וואָס האָט זיך אים באַוויזן אין חלום פאַר ווירקלעך.

חלום, פאַר דעם יעניקן וואָס איז נישט פעיִק צו באַנעמען זיין ריכטיקן באַ־דייט, שטעלט מיט זיך פאַר אַ ספּיריטועלע דערשיינונג, דאָס אָנשויען און איבער־לעבן אין שלאָף זאַכן, וואָס אויף דער וואָך זיינען זיי נישטאָ, מוז פירן צו דער מסקנה, אַז אויף עפּעס אַן אופן זיינען זיי פאַרט דאָ: עס מוז זיין אויף אַן אומעמ־פּירישן, אוממאַטעריעלן אופן, אויף וועלכע די געחלומטע זאַכן זיינען דאָ. עס פּרעזענטירן זיך צווי קעגנזעצלעכע דערפאַרונגען: איינע זאָגט, יאָ דאָ; די צווייטע זאָגט, נישטאָ. איז פון וואָגנען זאָל מען וויסן וועלכע פון די צווי דערפאַרונגען צו גלויבן? וואָס האָט דעם פּרימיטיוון מענטשן געקענט איבערצייגן, אַז די וואָ־כעדיקע וועלט איז די אמתע און די געחלומטע די פאַלשע, אפשר גאָר פאַרקערט. די חלום־וועלט איז יעדן פאַלס געווען פאַרלאָקנדיקער. דאָרט זיינען די זאַכן און געשעענישן אַרויסגעקומען אָנצוִענדיקער און רייצנדיקער ווי אויף דער וואָך. איז שוין צוליב דעם אַליין האָט ער געקענט זיין געניגט צוצוגעבן מער רעאַלי־טעט דער חלום־וועלט איידער דער רעאַלער. לכל הדעות האָט עס אים געמוזט צעטומלען און אַרייַנפירן אין אַ פאַרלעגנהייט דאָס זיין און נישט־זיין פון זאַכן, דאָס באַוויזן זיך און אַנטלויפן זייערס.

ווען דער פּרימיטיווער מענטש האָט פּלוצלינג דערזען אין חלום טויטע, האָט ער עס נישט אָנגענומען פֿאַר אַן אויסדאַכטונג, נאָר פֿאַר וואָר.

איז וואָס האָט עס געזאָלט הייסן? ווי קומט עס אַז טויטע זאָלן אַרומגיין פֿריש און געזונט און מונטער און זאָלן אויפטאָן וווּנדערלעכע זאַכן, וואָס ביים לעבן זיינען זיי גאָר נישט פֿעיִק געווען עס צו טאָן? נישט אַנדערש נאָר דער מענטש בלייבט ווייטער לעבן נאָכן טויט.

די חלום־באַזוכן פֿון געשטאָרבענע האָבן דעם אור־מענטשן טיף דערשראָקן און דערשיטערט. וואָרעם צום מייַנסטן האָבן זיך אים געחלומט אַזעלכע פֿאַר וועלכע ער האָט ביים לעבן מורא געהאַט. מענטשן, וועלכע זיינען אים ביים לעבן געווען גלייכגילטיק, האָט ער באַלד נאָכן טויט פֿאַרגעסן און זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו טאָן ביי אים אין חלום. געקומען אים צו חלום, זיינען נאָר וויכטיקע פּערזאָנען, צו וועלכע ער האָט געהאַט באַציִונג ביים לעבן, וועמענס אָנדענק עס איז אים געווען טיף איינגעקריצט אין זכרון און אין האַרצן און וועגן וועלכע ער האָט אָפֿט געטראַכט. אַזעלכע טויטע באַלעבט מען פֿון זיך אַרויס. דאָס לעבן וואָס מ׳האָט אַזעלכע צוגעשריבן, איז נישט געווען זייערס, נאָר פֿון די לעבעדיקע, וואָס האָבן דעם טויטנס לעבן געטראָגן אין זיך. זיין לעבן איז געווען אין זיי. און פֿון זיך אַרויס האָבן זיי דעם טויטנס לעבן אַרויסגענומען. טויטע וואָס האָבן נישט איבערגעלאָזט זייער לעבן אין קיינעם נישט, זיינען אויף אַן אמת געשטאָרבן און נאָך זיי איז גאָר נישט געבליבן.

וואָלטן טויטע נישט געקומען צו חלום, וואָלט זיך אפשר זייער עקסיסטענץ אויסגעלאָשן צוזאַמען מיטן לעצטן אָטעם פֿון זייער ברוסט און לעצטן שלאָג פֿון זייער פּולס, און טויט וואָלט געווען דער סוף פֿון מענטשנס אָנוועזנהייט אויף דער ערד. חלום האָט געהאָלפֿן פֿאַרוואַנדלען טויט אין אַן איבערגאַנג־צושטאַנד פֿון איין סאָרט עקסיסטענץ אין אַ צווייטער. טויט איז געוואָרן בלויז פֿיזישער טויט. נאָכן פֿיזישן טויט איז געקומען דאָס לעבן אַלס געשפּענסט...

אויך די נייגונג פֿון פּרימיטיוון מענטשן צוצושרייבן ווערטער און זשעסטן אַ מאַגישע ווירקונג, דאַרף דערקלערט ווערן דורך אוממיטלבאַרן איינדרוק. אונטער וואָרט און זשעסט באַהאַלטן זיך אויס בילדער און פֿאָרשטעלונגען וואָס מאַכן אַן איינדרוק. ווען דער פּרימיטיווער מענטש האָט אַרויסגערעדט, אָדער געהערט אַרויסריידן, אַ שרעקנס־וואָרט, האָט זיך אים באַלד אָנגעהויבן פֿאָרשטעלן דאָס בילד, פּאַסירונג אָדער געשטאַלט, וואָס דאָס וואָרט האָט באַצייכנט און ער האָט פֿאַר דער פֿאָרשטעלונג מורא באַקומען. פּונקט ווי דער איינדרוק פֿון אַ צורה, האָט ביי אים געשאַפֿן דער גלויבן, אַז די צורה האָט טאַקע אין זיך לעבן, אַזוי האָט דער איינדרוק פֿון וואָרט, ביי אים געשאַפֿן גלויבן, אַז דאָס וואָרט האָט טאַקע אין זיך אַ רעאַלן כּוח. דאָס איינדרוקספֿולע וואָרט, איז געווען דער „גען פּונעם אויער״, ווי די איינדרוקספֿולע צורה איז געווען דער „גען פּונעם אויג״. דער פּרימיטיווער מענטש האָט די ווערטער באַלעבט, אַנימיזירט; ער האָט געמאַכט אַ

געצנדינסט פונעם וואָרט. דער ליטעראַרישער כוח פונעם וואָרט, איז ביי אים פאַרביטן געוואָרן אויף אַ רעאַלן כוח. אייגנטלעך ווירקן דאָך וואָרט און זשעסט אויך אויפן היינטיקן מענטשן; מאַכן מיר דאָך אויך סטאַטועס און בילדער, כדי זיי זאָלן אונדז באַווירקן און אַרויסרופן איבערלעבונג. דאָס איז אָבער אַן אילוזאָרישע ווירקונג, אַ ווירקונג וואָס ענדיקט זיך ביי פאָרשטעלונג און ווייטער גייט עס נישט. מעג אַ בילד זיין געמאַכט ווי לעבעדיק און אונדז ווי שטאַרק באַווירקן, וועט אונדז די דאָזיקע ווירקונג דאָך נישט באַוועגן צו גלויבן, אַז דאָס בילד לעבט ווירקלעך. דעם פרימיטיוון מענטשן האָט עס יאָ באַוויזן. בילד, וואָרט און זשעסט, וואָס האָבן ביי אים אַרויסגערופן אַ פאָרשטעלונג און געמאַכט אויף אים אַ רושם, האָבן באַקומען ביי אים די שיין פון רעאַליטעט.

V

דאָס אוניווערסאַלסטע מיטל, וואָס דער פרימיטיווער מענטש האָט אויסגעטראַכט איינצונעמען זיינע געטער, איז געווען אָוועקקוילען פאַר זייערטוועגן לעבעדיקע באַשעפענישן, דעם מענטשן איינגשלאָסן. די דאָזיקע מתנה, דאָס ברענגען קרבנות, האָט געקראָגן די ברייטסטע סאַנקציע פון גאָר דער מענטשהייט דורך טויזנטער יאָרן. קיין שום רעליגיעזער אַקט איז נישט געווען אַזוי פאַרוואָרצלט און אוניווערסאַל, ווי דער אַקט פון ברענגען קרבנות. אָנהייבנדיק פון דעם פרימיטיוון און ווילדן אויף דער נידעריקסטער שטופע פון קולטור, ביז די מאָנאָטעאיסטישע יידן און הויך־ציוויליזירטע גריכן און רוימער, זיינען אַלע געווען איבערגעצייגט, אַז די בעסטע מתנה די געטער, דאָס וואָס שטעלט זיי צום בעסטן צופרידן, שטילט זייער צאָרן און ברענגט זייער גנאָד, איז שעכטן לעבעדיקע באַשעפענישן פאַר זייערטוועגן. טויזנטער יאָרן איז דער גאָטדינסט פון דער מענטשהייט באַשטאַנען, הויפטזאַכלעך אין קוילען און אָוועקלאָזן מיטן רויך גאַנצע מחנות לעבעדיקע באַשעפענישן. קרבן איז געווען דער הויפט־אַקט אין דער רעליגיע פון דער מענטשהייט ביזן קריסטנטום. אַל דאָס איבעריקע איז געווען בלויז ווי באַגלייטונג צום קרבן. אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום מקריב זיין. ווען מ׳וואָלט דעמאָלט אָוועקגענומען קרבן, וואָלט פון דער רעליגיעזער פראַקטיק גאָר נישט געבליבן.

וואָס האָט געקאָנט בעסער אויסנעמען ביים מענטשן, ווי אַן אַקט פון הייליקער רציחה?! קרבן איז געווען אַ טיפּיש־מענטשלעכער, אַן עכט־מענטשלעכער אַקט, און דערפאַר זיין אומפאַרגלייכלעכע אוניווערסאַלקייט, דערפאַר זיין אומפאַרגלייכלעכע לאַנגדויערנדיקייט. אַנטשטאַנען אין דער ווייטער אורצייט, איז קרבן נאָך מאַסנהאַפט פראַקטיצירט געוואָרן, ווי שוין געזאָגט, פון די מאָנאָטעאיסטישע יידן, פון די פילאָסאָפישע גריכן און פראַקטישע רוימער. קיין שום רעליגיעזער אַקט קען אַזאַ דערפאָלג נישט פאַרצייכענען.

שוין בלויז דאָס וואָס אַזאַ לאַנגע צייט זיינען די מענטשן בלינד געווען צו דערזען די יסורים און מאַטערנישן פון זייערע קרבנות, און זייערע אויערן זיינען געווען טויב צו דערהערן די שטומע קרעכצן פון די קרבנות! שוין דאָס גופא וואָס נאָך אַזאַ אומגעהייער לאַנגער צייט, ווען אויף אַלע אַנדערע געביטן האָט רעליגיע דורכגעמאַכט אַן אַ שיער ענדערונגען, איז פון דעסט וועגן קרבן שטענדיק געבליבן אומפאַרענדערט, שוין דאָס גופא באַווייזט, אומצווייפלהאַפט, דעם רוצחישן הינטערגרונט פונעם קרבן־קולט. טיף אין זיך, האָט די פרומע שעכטעריי באַפרידיקט אַ פאַרבאָרגענעם חשק צו בלוט, געשטילט אַ געהיימע אויפפרעסערישע תשוקה, פאַרשאַפט אַ סאַדיסטישע הנאה. אויסער זיין חיהשער אָפּשטאַמונג, האָט דאָס לעבן וואָס דער מענטש האָט געפירט אין משך פון טויזנטער יאָרן שוין אַלס „בעל שכל", אין אים אויפגעהיט און פאַרגעפּלאַנצט זיינע אויפפרעסערישע נייגונגען. באַזונדערס האָבן געווירקט די דאָזיקע בלוטדאָרשטיקע נייגונגען דעמאָלט, ווען עס איז געווען אַ מצווה און אַ טוגנט צו באַגיין ווילדקייטן; ווען עס איז געווען אַ מצווה און אַ טוגנט צו שעכטן און מאָרדן. אַזעלכע מצוות האָט מען מקיים געווען מיטן גאַנצן האַרצן, מיט ברען און לײַדנשאַפט און מיט אַ רויק געוויסן. וואָרעם אויב ביים באַגיין גלאַט סתם מערדערייען און פאַרברעכנס, האָט פּראָטעסטירט דאָס קליין ביסעלע געוויסן וואָס איז דאָך געווען אין יעדן, איז ביים באַגיין מערדערייען, וואָס האָבן געהאַט די אַלגעמיינע — און די געטלעכע — סאַנקציע, האָט מען געקענט אין גאַנצן שלום זיין מיט זיך, און דאָס האָט געבראַכט טאָטאַלע באַפרידיקונג.

דערין ליגט די דערקלערונג פון דער אומפאַרגלייכלעכער אוניווערסאַלקייט און פאַרוואָרצלטקייט פונעם קרבן־קולט: אי מע האָט געקענט שעכטן און בלוט פאַרגיסן, אי מען איז דורך דעם געפעלן געוואָרן גאָט. ביידע זאַכן האָט דער מענטש צום שטאַרקסטן געוואָלט.

אמת, אַז געוווינהייט האָט מיטגעווירקט אָפּצושוואַכן און צו פאַרטעמפּן דעם מיטגעפיל צום קרבן; אמת אויך, אַז די אידעע־קראַפט פון גלויבן האָט פאַרבלענדט דעם קרבן־ברענגער און ס'איז ביי אים אויסגעקומען, אַז מיט דעם וואָס ער שעכט דעם בעל־חי פאַר גאָט וועגן, טוט ער אים מיט דעם די גרעסטע טובה, דאָך, ווען די מענטשן וואָלטן טיף אין זיך געפילט אַן עקל צו בלוט־פאַרגיסונג, ווען זיי וואָלטן טיף אין זיך נישט געקאָנט פאַרשאַפן קיין אומזיסטע יסורים קיין לעבעדיקע באַשעפענישן; ווען פאַרניכטן לעבן וואָלט אויף זיי געמאַכט כאָטש וויפל ס'איז אַן איינדרוק, וואָלט דער דאָזיקער ספּאָנטאַנער געפיל זיי געמוזט אויסניכטערן און זיי שטויסן איבערצושאַצן דעם גאַנצן ענין און דערזען זייך חיהשן כאַראַקטער. אין דערווירקלעכקייט איז אַזוי נישט געווען. נישט נאָר איז נישט פאַרגעקומען קיין פאַרשמעלערונג פונעם דאָזיקן אוניווערסאַלסטן קולט, נאָר פאַרקערט, וואָס ווייטער האָט ער אַלץ שטאַרקער געבליט, סאַמע ביז דער אויסשפרייטונג פון קריסטנטום. אומעטום האָט די מענטשישע חיה געברענט און גע־

שאַכטן פאַר זיינע געטער וועגן — געטער, גרויזאַמע ווי ער אַליין, באַשאַפן פון זיין צעשראָקענעם דמיון און ווילדן געמיט, בלוט פון זיין בלוט און פלייש פון זיין פלייש, וואָרעם — „אין דער פאָרעם פון מענטש איז געמאַכט גאָט״... דער אַקט פון שעכטן און ברענגען לעבנס, איז געווען אַזוי נאָענט דעם מענטשנס גייסט, אַזוי געוויינטלעך און נאַטירלעך האָט עס אויסגעזען אין זיינע אויגן, אַז שוין נאָך דעם אַפילו ווי ער האָט געהאַט אויסגעבויט הויכע ציוויליזאַציעס און קולטורן, האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט געכאַפּט, אַז קרבן איז אַן אַכזריות, וואָס קען נישט געפעלן ווערן גאָט.

נעמען מיר דעם קרבן־קולט אין זיין גאַנצער גרויס און ברייט און מיר זעען אים אַרומנעמען דעם גאַנצן ערדקיילעך, ווו אַ מענטשלעך פוס האָט נאָר אַ מאָל געטראָטן, דעמאָלט דערזעען מיר די געטער און די מענטשן וואָס האָבן זיי באַשאַפן, אין גאָר נישט קיין שיין ליכט. דער מענטש איז אַ ליגנעריש און זעלבסט־גענאַרעריש באַשעפעניש. איינצוויקלען די טומאה אין דער יראה, דאָס איז זיינע אַן אַלטע ספּעציאַליטעט. דעם גרעסטן דערפאָלג אין מענטשלעכן לעבן בכלל און אין רעליגיע בפרט, האָבן געהאַט די יעניקע געניג, ווו „מען שעכט און מען בלייבט גערעכט״...

איין מאָל נאָר האָט אַ פּרימיטיוון פאַנטאַזיאָר באַדאַרפט קומען אויפן געדאַנק, אַז די גייסטן האָבן ליב מען זאָל פון זייערט וועגן שעכטן און ברענגען לעבעדיקע באַשעפענישן, און דער דאָזיקער געדאַנק האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע ערד און די גאַנצע אַלטע געשיכטע. צי האָט ער דען געוווּסט, יענער ווייטער אַנאָנימער קרבן־דערפינדער, יענער צעטומלטער און צעשראָקענער הייל־באַוווינער, וואָס האָט צום ערשטן מאָל בכיוון אָנגעצונדן אַ שייטער און געקוילעט דעם ערשטן קרבן, צי האָט ער דען געוווּסט, וואָס פאַר אַ מעכטיקע גייסט־אינסטיטוציע ער גרינדעט און וואָס פאַר אַ גרויסע לייסטונג ער מאַכט פאַר די נאָכקומענדיקע דורות?!... קיין שום דערפינדונג האָט נישט געקענט מער אויסנעמען, מער באַגייסטערן, מער פאַרכאַפּן ווי די דאָזיקע. דער אור־מענטש האָט זיך מיט איין מאָל דערזען אַ דערלייזער. די אומבאַזיגלעכע גייסטער, זיינע שטענדיקע שונאים, האָבן געשלאָסן מיט אים שלום. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן לאָזן דינען און אָננעמען מתנות. די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון געדאַנק און געפיל האָט אָנגעהויבן לויפן אין דער ריכטונג פון קרבן. איז געוואָרן אַ געיעג אויף שעכטן און ברענגען לעבעדיקע באַשעפענישן פאַר די גייסטער, כדי עס זאָל שמעקן אין זייערע נאָזלעכער און זיי זאָלן ווערן לייטזעליק. קרבן איז געוואָרן דער הויפּט אַקט פון גאָר דער פרומער מענטשהייט. וואָס פייערלעכער ס׳איז געווען דער מאָמענט און וואָס מער מ׳האָט געפּאָדערט ביי די געטער, אַלץ גרעסער די צאָל קרבנות, אַלץ מער בלוט האָט מען פאַרגאָסן, אַלץ געדיכטער די מזבחות און אַלץ געדיכטער די רויך־וואָלקנס וואָס האָבן זיך געטראָגן צום הימל...

VI

דאָס עסקן זיך מיטן קרבן, האָט געמוזט אַרויסרופן אַ גאַנצע רייע נייע רעליגיעזע אידעען און שטייגערן. עס איז געווען נאַטירלעך, אַז דער פּרימיטיווער מענטש זאָל פאַרשטיין, אַז אַזאַ וויכטיקן אַקט ווי קרבן, דאַרף מען דורכפירן מיט פייערלעכקייט און אָפּגעהיטקייט. מאַכן עס נאַכלעסיק און נישט מיט דער געהעריקער אויפמערקזאַמקייט, וואָלט דער קרבן באַליידיקט די גייסטער, און אָנשטאָט אַרויסצורופן זייער חסד און גוטן ווילן צו די מענטשן, וואָלט עס זיי דערצאָרנט און אַרויסגערופן זייער כעס און בייזע געפילן. עס האָט דעריבער, צוליב דעם עצם זינען פון קרבן, געמוזט אויפקומען גלייך מיט אים, אַ גאַנצע רייע פאָרשריפטן, ווי אַזוי אויף אַ בכבודיקן אופן אים צו ברענגען. די דאָזיקע פאָרשריפטן זיינען געווען פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער. אַזעלכע וואָס האָבן זיך באַצויגן דירעקט צום קרבן, אַז ער דאַרף זיין פון אַ באַשטימטן מין; אַז ער דאַרף זיין אין אַ גוטן צושטאַנד, נישט באַשעדיקט און אָן אַ פעלער; אַזעלכע וואָס האָבן זיך באַצויגן צו דעם אויספירער פונעם קרבן־אַקט, צום כוהן, אַז ער מוז זיין אַ באַהאַוונטער און ספּעציעל דערצו געהייליקטער מאַן; אַזעלכע וואָס האָבן זיך באַצויגן צו דעם אַקט פון מקריב זיין, ווי אַזוי ער דאַרף דורכגעפירט ווערן, מיט אַלע פּרטים און קלייניקייטן; אַזעלכע וואָס האָבן זיך באַצויגן צום אָרט, ווו דער קרבן דאַרף דורכגעפירט ווערן, צום מזבח, און אַזעלכע וואָס האָבן זיך באַצויגן צו דער צייט, ווען דער קרבן דאַרף געבראַכט ווערן. קרבן האָט געשאַפן די נייטיקייט נאָכצודענקען און איבערצוקלערן וועגן די אומענדלעכע פּרטים, וואָס זיינען מיטן דאָזיקן אַקט פאַרבונדן געווען. עס האָבן אָנגעהויבן געשאַפן ווערן דינים, תקנות און מנהגים, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיטן מקריב זיין. דאָס גאַנצע פּראַקטישע פרי־רעליגיעזע וויסן, איז, הויפּטזאַכלעך, געווען פאַרבונדן מיט קרבן. די דינים פון קרבן זיינען געווען די ערשטע פעסטגעשטעלטע רעגלען, וועלכע מ'איז מחויב געווען אויפצוהיטן אין גאָר זייער ריינקייט, ווייל זיי זיינען געווען נוגע די פּינקטלעכע דורכפירונג פונעם גאָט־דינסט. און דורכפירן דעם גאָט־דינסט פּינקטלעך, איז, ווי געזאָגט, געווען אַ זאַך פון דער גרעסטער וויכטיקייט, וואָרעם מאַכן עס נישט פּינקטלעך איז געווען געפערלעך. דאָ איז שוין מער נישט געגאַנגען וועגן קיין אַבסטראַקטע שרעקן, נאָר וועגן נאָרמעס וואָס זיינען געווען נוגע למעשה. דאָרט ווו עס גייט וועגן באַשטימטע האַנדלונגען, מוז מען גענוי וויסן וואָס מען טוט און ווי אַזוי מען טוט. פאַרן פּרימיטיוון מענטשן זיינען אַבסטראַקטע טעאָריעס געווען אַ שוואַכער אָנשפּאַר־פּונקט. אַבסטראַקטע גלויבונגען זיינען פאַר אים נישט געווען קיין באַזע אויף וועלכער ער זאָל זיך קענען אַוועקשטעלן, און זיי האָבן נישט געקאָנט צוזאַמענבינדן און צוזאַמענהאַלטן קיין רעליגיעזע געמיינשאַפט. עס האָט זיך געפאָדערט איינצושטעלן באַשטימטע האַנדלונגען, וועלכע זאָלן דורכגעפירט ווערן פון אַלע אויף אַן איינהייטלעכן אופן. נאָר

דאָס האָט געקאָנט פאַראייניקן און פאַרבינדן. מחמת דעם האָבן די קרבן־פאַר־שריפטן אָנגעהויבן פאַרשטעלן מיט זיך אַ הייליקע לערע, וואָס מ׳טאָר נישט בייטן, נאָר וועלכע מ׳מוז זיך אונטערוואַרפן און שטרענג אָפּהיטן.

דריי הויפּט וויכטיקע זאַכן, וואָס זיינען נייטיק פאַר יעדער סאָציאַלער אינס־טיטוציע, אַז זי זאָל קענען ווערן באַשטענדיק און זיך ווי געהעריק אַנטוויקלען, האָט קרבן געגעבן רעליגיע. קרבן האָט געגעבן רעליגיע אַ קלאַס מענטשן, וועמענס אויסשליסלעכע אויפגאַבע עס איז געווען צו פלעגן און היטן דעם קרבן־קולט; האָט געגעבן רעליגיע אַ הייליקן צענטער, ווו ס׳איז דורכגעפירט געוואָרן דער גאָט־דינסט — דעם מזבח און טעמפּל, און קרבן האָט געגעבן רעליגיע אַ רייע פעסטגעשטעלטע כללים ווי זיך נוהג צו זיין אין אַלע פאַלן פון גאָט־דינסט.

אַזוי האָבן אין צוזאַמענהאַנג מיט קרבן אָנגעהויבן אויפקומען רעגלען פון ריינקייט און אומריינקייט, פון טומאה און טהרה. כדי צו קאָנען ברענגען דעם קרבן, האָט מען זיך באַדאַרפט ווי געהעריק אָרומריייניקן. ברענגען דעם קרבן אין אַ צושטאַנד פון אומריינקייט, וואָלט געווען אַ באַליידיקונג פאַר די געטער. טומאה און טהרה קערן זיך אָן מיט קראַנקייטן און דער כהן־מכשף האָט געמוזט זיך אָנהויבן איינשאַפן קענטעניש אויך אויף דעם געביט פון היילן קראַנקע.

און נאָך זייער אַ וויכטיקער געביט איז געווען דירעקט פאַרבונדן מיט קרבן: דער געביט פון תפילה און שפּרוך, וואָס מ׳האָט געדאַרפט זאָגן בעתן מקריב זיין. דאָס האָט געעפנט אַ ברייט פעלד פאַר פּריסטער ליטעראַרישער שאַפונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּרוכטבאַרע טעטיקייט אויפן געביט פון פאַר־פאַסן תפילות און שפּרוכן, וואָס האָבן געדאַרפט געזאָגט ווערן בעתן ברענגען פאַרשיידענע קרבנות. די דאָזיקע קרבן־שפּרוכן שטעלן מיט זיך פאָר די עלטסטע ליטעראַרישע שאַפונגען. אָן קרבן איז קיין תפילה נישט געווען. ווענדן אַ געבעט צו די געטער אָן אַ קרבן, ד״ה אָן אַ מתנה צו זיי, האָט מסתמא אין די אויגן פון פריִען גלויביקן אויסגעזען אָן עזות און בכלל אָן אומזין. תפילה־טאָן, אָדער זאָגן אַ מאַגישן שפּרוך, איז פּאַסיק געווען נאָר ביי דער געלעגנהייט פון מקריב זיין.

און דאָס וואָס איז געווען מיט תפילה און שפּרוך, איז אויך געווען מיט מוזיק און טענץ. די עלטסטע מוזיק און די עלטסטע טענץ, זיינען געווען פאַר־בונדן מיט קרבן.

אָבער די וויכטיקסטע איינשטעלונג וואָס איז פאַרבונדן געווען מיט קרבן, איז געווען דער טעמפּל. אין טעמפּל האָבן געוווינט די געטער און אין טעמפּל איז דאָס פאָלק געקומען זיך פאַרשטענדיקן און דערנענטערן צו זיי: שעפּן מיסטישע אינספּיראַציע, באַמונטערן און אויפרעגן און קולטיווירן די מיסטישע שטימונגען, ליידנשאַפטן און וויזיעס. דער טעמפּל איז געוואָרן דער צענטער וואָס האָט אָנגעהויבן משפּיע זיין אויפן אַלגעמיינעם גייסטיקן לעבן פון דער יונגער מענטשהייט און אים געגעבן זינען, אינהאַלט און ריכטונג אויף דור־דורות.

אַזוי איז קרבן געוואָרן דער גרונטשטיין פונעם רעליגיעזן בנין. מיט קרבן זיינען פֿאַרבונדן געווען — און דירעקט צי אומדירעקט פון אים פֿאַראורזאַכט געוואָרן — יענע אַלע גרונטשטייגערן, וואָס צוזאַמענגענומען האָבן זיי געבילדעט דאָס פּראַקטישע רעליגיעזע פירן זיך פון מענטשן. דער וועג וואָס דער מענטש האָט אויסגעלייגט צווישן זיך און גאָט, איז געגאַנגען דורך טייכן בלוט פון לעבע־דיקע באַשעפעניש. צעשטערן און פֿאַרניכטן לעבן, שעכטן און בלוט פֿאַרגיסן, איז געווען דער הויפּט־אַקט פון גאָט דינען און פרום זיין פון גאָר דער פֿאַר־צייטיקער מענטשהייט דורך טויזנטער און טויזנטער יאָרן!...

קאַפּיטל 4

רעליגיע אין אַלטערטום

ווו נאָר מיר ווענדן אונדזער בליק איבער דער היסטאָרישער פּאַנאָראַמע פון דער אַלטער וועלט, זעען מיר דינסט צו שאָטנס. אומעטום טעמפּלען, אַלטאַרן, מיסטישע הייזער.

אין די טעמפּלען, צו די סקולפּטירטע און געמאָלטע שאָטנס, שטראָמען אומ־אויפהערלעך די מענטשלעכע דורות. זיי קומען בעטן די שאָטנס זאָלן זיי קיין בייז נישט טאָן; זיי קומען דאַנקען די שאָטנס פאַר אָפּגעהאַלטענע נצחונות און בעטן שטיצע אין געליטענע מפּלות; ביי די שאָטנס קומען זיי זוכן געזונג פאַר זייערע קראַנקע און הילף פאַר ליידנדיקע; ביי די שאָטנס קומען זיי בעטן רעטונג פאַר זייער קערפּער אויף דער וועלט און פאַר זייער נשמה אויף יענער וועלט. הונדערטער און נאָך הונדערטער און טויזנטער יאָרן געשעט דאָס זעלבע. אָן אויפהער, אָן אויפהער, זעען מיר דעם „קלוגן מין" שטיין און בעטן זיך און ריידן צו אויסגעמאָלטע פאַנטאָמען, זיך בוקן צו זיי, קני:ען פאַר זיי, וויינען פאַר זיי מיט ביטערע טרערן, אָדער ברויזן פאַר זיי מיט צעשוימטער פרייד; מאַכן האַרצרייסנדע, פאַרצווייפלטע הילפסרופן אין מאָמענטן פון אומגליקן, און מאַכן ענטוזיאַסטישע יובל־רופן אין מאָמענטן פון פייערלעכקייט, אין מאָמענטן פון טריומף און אויפשטייג.

נישטאָ קיין אָרט און קיין ווינקל אויף דער ערד, ווו מיר זאָלן נישט קאָנען זען דאָס דאָזיקע בילד. אומעטום, הערשן די שאָטנס מיט אומבאַגרענעצטער, גרויזאַמער מאַכט. אין איין אָרט זיינען זיי געמאַכט גראַנדיעז, מעכטיק, אימפּאָ־נענט; אין אַן אַנדער אָרט — רוי, פּרימיטיוו, נעבעכדיק און צעקאַליעטשעט; אין איין אָרט זיינען זיי איינפאַך, אין אַ צווייטן — קאָמפּליצירט. אומעטום אָבער זיינען עס די זעלבע שאָטנס, די זעלבע געשפּענסטערס — פּראָדוקטן פונעם מענטשנס צעשראָקענעם דימיון. און אומעטום שפּילן זיי די ערשטע ראָלע. אומעטום זיינען זיי דער צענטער פון גאָר דעם מענטשנס גייסטיקער אויפמערק־

זאַמקייט, אומעטום איז גאָר דעם מענטשנס שאַפונג און געדאַנק פאַרנומען מיט זיי.

יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט און יאָרטויזנט נאָך יאָרטויזנט, אַלע מאָל פון דאָס ניי און אַלע מאָל אַנדערש וואַריִירט, האַלט אָן די וועלט־באַהערשונג פון די שאַטנס. דורות פאַרגייען און דורות קומען אויף; עס קומען פאָר טיפע ענדערונגען אין לעבן פון די מענטשן, — עס קומען פאָר מלחמות, קאַטאַסטראָפעס, וואַנדערונגען; דאָס לעבן נעמט אָן אַלע מאָל נייע פאָרמען און נייע געשטאַלטיקונגען; עס שאַפן זיך נייע באַדינגונגען און נייע פאַרהעלטענישן; ראַסן מישן זיך אויס מיט ראַסן און פעלקער מישן זיך אויס מיט פעלקער; עס קומען אויף נייע געוווינהייטן און נייע קולטורן. איין זאַך בלייבט אומפאַרענדערט — די מיסטישע וועלט־באַהערשונג. וואָס עס זאָל נישט פּאַסירן מיט די מענטשן: מעגן זיי אויפשטייגן פון דער לאַגע פון קנעכט צו הערשערס, אָדער אַראָפּגידערן פון דער לאַגע פון הערשערס צו קנעכט; אין דער גרעסטער מיזעריע ווי אין דער גרעסטער רייכקייט — אין געטער, גייסטערס, דעמאָנען, רוחות, פאַרגעסן זיי קיין מאָל נישט. אין אַלע לענגען און ברייטן פון אונדזער פּלאַנעט, אין אַלע פיר זייטן פון אונדזער ערד־קיילער, ביי אַלע קלימאַטן און אונטער אַלע געאָגראַפישע תנאים, אויפן פאַרוואָרפנסטן אינדזל און אין אָפּגעלעגנסטן ווינקל פון דער ערד — אומעטום און אין אַלע צייטן זינט דער מענטש עקסיסטירט, איז זיין הויפּט־אויפמערקזאַמקייט געווענדט צו — גייסט־וועזנס.

אויב דער מענטש האָט אַ מאָל אָנגעהויבן באַאָבאַכטן די נאַטור און זיך עטוואָס וועגן איר דערוווסט, איז עס געווען אַ דאַנק דער מורא פאַר די גייסטערס; אויב דער מענטש האָט אַ מאָל אָנגעהויבן רייסן די אויגן צום הימל און באַאָבאַכטן דעם גאַנג פון זון, לבנה און שטערן, איז עס געווען אַ דאַנק דער מורא פאַר די גייסטערס. פון די שאָטנס־וועגן האָט דער מענטש אָנגעהויבן אָפּהיטן די ערשטע כללים פון ריינלעכקייט און היגיענע, פון זייערטוועגן האָט דער מענטש אָנגעהויבן צו פאַרצייכענען און פאַרגעדענקען דאַטן און געשעענישן; פון זייערטוועגן האָט דער מענטש אויסגעזונגען דאָס ערשטע ליד, אויפגעבויט דעם ערשטן שיינעם בנין — דעם טעמפּל, פון זייערטוועגן האָט ער געמאַכט די ערשטע מאָנומענטן און סטאַטועס; פון זייערטוועגן האָט ער געדענקט, פון זייערטוועגן האָט ער געפּילט, פון זייערטוועגן האָט ער געדיכטעט און פאַרפאַסט, פון זייערטוועגן מעשיות דערציילט, מיטאָסן אויסגעטרוימט, לעגענדעס צוזאַמענגעשטעלט. אַלע וויסנשאַפטן און אַלע קונסטן האָבן זייער אושפרונג און ערשטן אָנשטויס אין דער מיסטישער שרעק.

די מיסטיק איז געווען אי אַ ברכה, אי אַ קללה פאַרן מענטשנס גייסט. פון אָנפאַנג איז זי געווען דער ערשטער אימפּולס זיך צו פאַרטראַכטן וועג אַ סך וויכטיקע זאַכן און אויפטועך. דורך איר איז צום ערשטן מאָל אָנגערעגט און באַפרוכפּערט געוואָרן דער מענטשלעכער געדאַנק און געפיל צו זיין שעפעריש און

אַקטיוו. ווען עס וואָלט נישט געווען קיין שטאַרקע אינערלעכע טרייבקראַפט, וואָס זאָל דעם פּרימיטיוון מענטשן געווען צעטרייסלען ביזן גרונט און אים צווינגען צו טראַכטן און צו האַלטן וואַכזאַם און טעטיק זיין גייסט, וואָלט ער זיך נאָך אפשר ביזן היינטיקן טאָג געפונען אין יענער טעמפּער גלייכגילטיקייט, פוילקייט און פאַרשטאַרטקייט פון גייסט אין וועלכן ער האָט זיך געפונען צענ־דליקער אויב נישט הונדערטער טויזנטער יאָרן. אָבער אויב פון אָנפאַנג האָט די מיסטיק געווירקט פּרוכטבאַר אַלס אָנרעגונג צו טראַכטן און צו פילן, האָט זי זיך נאָך דעם פאַרוואַנדלט אין דער גרעסטער שטערונג פון מענטשלעכן פּראָגרעס.

בערגער מיט גלויבונגען, מיטאָסן, לעגענדעס און מעשיות האָט דער מענטש אויסגעצאָלט אויפן חשבון פון זיינע שאָטנס. אין לויף פון דורות און דורות האָבן די מיסטישע שאַפונגען אויסגעפּילט די הערצער און מוחות פון גאָר דער מענטשהייט. ווען מיר לייענען די דאָזיקע שאַפונגען, קען מען גלויבן, אַז דאָס האָבן אויסגעטראַכט שכלדיקע וועזנס און אַז שכלדיקע וועזנס האָבן אין לויף פון טויזנטער יאָרן הייליק געגלויבט אין דעם.

און דאָך איז עס אַזוי געווען — דער בעל שכל האָט געגלויבט! נישט געווען גאָר אַזעלכעס אין וועלכעס מענטשן זאָלן נישט געווען גלויבן. וואָס אויסטערלי־שער, וואָס פאַבלהאַפטער, וואָס מאָנסטעריעזער, אַלץ מער האָבן זיי געגלויבט...

פון זינט די עלטסטע פּרעהיסטאָרישע צייטן (ביז היינטיקן טאָג, קען מען זאָגן), פאַרנעמט די מיסטיק דעם סאַמע אויבנאָן אין דער מענטשהייטס גייסטי־קער קולטור. נישטאָ נאָך איין קולטור־געביט וואָס זאָל זיך צו איר קאָנען פאַר־גלייכן. זינט דעם פריסטן באַגינען פון דער מענטשהייט ביז אין אונדזער קעגנ־וואַרט, שטראָמט אַ לאַנגע, אומענדלעכע, אומאיבערגעריסענע, איבער דורות, עפּאָכעס און יאָרטויזנטער זיך ציִענדיקע כוואַליע פון מיסטישן וואַנזין. אומעטום און איבעראַל אומזיניקע טווגען און באַנעמונגען; אומעטום און איבע־ראַל אומפאַרשטענדלעכע ריטואַלן און צערעמאָניאַלן און ווילדע געגנג.

איז אַנשטאַנען כשוף און מאַגיע און שוואַרצקינצלעריי פון די פאַרשיידענע מינים און די ערד איז פול געוואָרן און פול געבליבן פאַר לאַנגע יאָרטויזנטער און פאַר אַלע געשיכטלעכע דורות — מיט מכשפים, מכשפות, טייוול־יאָגערס, אָפּשפּרעכערס, באַשווערער, חלומות־באַשיידער און מטורפים פון אַלע סאָרטן. תקופה נאָך תקופה און יאָרטויזנט נאָך יאָרטויזנט, אונטער די פאַרשיידנסטע לעבנס־אומשטענדן, ביי אַלע ראַסן, ביי אַלע פעלקער און ביי אַלע קלאַסן. אומע־טום און אָן אָן אָפּשטעל זעען מיר בושעווען די שוואַרצע כוואַליע פון דער מיסטיק. קיינער איז פון איר נישט פריי. אַלע־אַלע זיינען אָנגעגריפן פון דער דאָזיקער אוניווערסאַלער גייסט־קראַנקייט. אַלעמענס קעפּ פאַרטשאַדעט, אַלע־מענס אויגן פאַרבלענדט, אַלעמענס הערצער צעטומלט און צעשראָקן. אַלע אַנט־

לויפן, אַלע האָבן מורא, אַלע זעען זיך פאַרפאָלגט. יעדער איינער איז דער אויפמערקזאַמקייט־צענטער פון גאַר דעם וועלט־דעמאָנענטום.

איז אַנשטאָנען אַ אוניווערסאַלער קרבן־קולט, אַ קולט בלוט צו פאַרגיסן, צו קוילן און צו ברענגען לעבעדיקע באַשעפענישן, מענטשן אַריינגערעכנט — פאַר די שאַטנס־וועגן. אין לויף פון אַן אַ שיר צייט איז גאַר די מענטשלעכע ערד באַדעקט געווען מיט מיסטישע שעכט־ און פאַרברען־הייזער. צאָללאָזע מתנות פריסטער זיינען געווען באַשעפטיקט ביי דער דאָזיקער הייליקער אַרבעט פון שטילן דעם בלוטדורשט פון די גייסטער. טייכן בלוט האָבן זיך געגאָסן אומאויפהערלעך פאַר די וועלט־געשפענסטן. שוואַרצע זיילן קרבנות־רויך האָבן פאַרטונקלט די בלויע הימלען איבערן מענטשנס קאָפּ. ווו ערגעץ אַ בערגל האָט זיך געוויכבערט און געפלאַקערט אַן אַלטאַר צו די געשפּענסטער; ווו ערגעץ אַ הויכעניש האָט זיך געטראָגן אַ ביטער געיאָמער פון אויסגייענדיקע קרבנות, באַגלייט מיט פאַררוקטע עקסטאַטישע געשרייען, געזאַנגען און רופן פון די פון בלוט־פאַרשיכורטע כוהנים און קרבן־ברענגער.

וואָס האָט פאַסירט? — אַ מין, אַ גאַנצער מין, דער שכלדיקער מין, דער האָמאָ סאַפּיענס, איז גייסטיק קראַנק געווען. ער האָט געליטן פון גייסטער־פאַרפאָלגונג, פון דעמאָנען־וויזיעס און האַלוצינאַציעס. ער האָט זיך געזען כסדר נאָכגעיאָגט פון גייסטער, געטער, געשפענסטער, פאַנטאַזמען. אומעטום ווו נאָר מיר ווענדן אונדזער בליק איבער לענדער און צייטן, טרעפן מיר דאָס זעלבע בילד. אָט איז, למשל, דאָס אַלטע אינדיע. זינט אומגעדענקבאַרע צייטן, זיינען דאָ די מענטשן פאַרזונקען אין אַ טיפן גלויבנס־לעטאַרג. זיי זיינען ביז אַזאַ גראַד באַווירקט פון דער גלויבנס־סוגעסטיע, אַז עס איז דאָ אָפּגעווישט יעדער גרענעץ צווישן ווירקלעכקייט און טרוים, צווישן קערפּער און גייסט, צווישן לעבן און טויט. דער שטאַרקסטער כוח אין דער וועלט — דער ווילן צו לעבן, איז דאָ געבראָכן און אָפּגעשוואַכט. רעליגיעזער זעלבסטמאָרד איז דאָ אַן אָפטע דערשיינונג. זיך לאָזן צעקוועטשן פון הייליקע וועגענער, זיך וואַרפן אין הייליקן גאַנגעס, זיך לאָזן פאַרברענען צוזאַמען מיט די טויטע אויף שייטערהויפנס, לאָזן רייסן פון זיך שטיקער און פאַרפייניקן פון די געטערס־וועגן, איז דאָ אַ געוויינלעכע אַלטעגלעכע זאַך. דאָס אויסהונגערן זיך און דאָס אויסצערן און פאַרמוטשען זיך און דאָס אָפּזאָגן זיך פון יעדער טעטיקייט, כדי זיך אַריינצולאָזן אין אַן אָפּגעלאָזענער אַסקעזיע און זעלבסטפאַרגעסנקייט, איז דאָ אין אַלגעמיין פאַרשפּרייט און אָנגענומען. די בראַמאַנען, די גייסטלעכע קאַסטע, זיינען דאָ די העכסטע באַלעבאַטים און הערשערס איבערן לעבן. זיי פאַרוויגן דאָס אַלטע פילמיליאָניקע פאָלק אין זיסן חלום פון דער מיסטיק און דערציילן אים צויבער־מעשיות פון געטער, נשמות, גילגולים אאַז״וו.

דאָס זעלבע איז אין אַלטן עגיפּטן. אויך דאָ זעען מיר אַ גרויס לאַנד אָנגעפילט און פאַרפלייצט מיט געצן און געצקעס און טעמפּלען און הייליקטימער און

כוהנים און כישופמאַכערס. מיר זעען ווי אַ גאַנץ פֿאָלק איז באַשעפטיקט, אין לויף פון דורות און דורות, מיט אָנשטאָפּן די בייכער און שאַרבנס פון זייערע טויטע און בויען פאַר זיי טויטנוווינונגען. די מאַגיע צום לעבן נאָכן טויט, האָט דאָ דערגרייכט צום העכסטן פּונקט. די גרעסטע מאָס אויפמערקזאַמקייט פון ווירקלעכן לעבן, איז דאָ געווענדט צום געשפּענסטהאַפטיקן לעבן אין מלכות פון שאַטנס. דאָס גאַנצע לאַנד איז איין גרויסער בית־עולם איבער וועלכן עס יאָגן אַרום די געשפּענסטער פון די פאַרשטאָרבענע דורות. זיי, די געשפּענסטער פון די געשטאָרבענע, מישן זיך אויס מיט די געשפּענסטער פון געטער און דעמאָנען און רוחות און מיט די בייזע געשטאַלטן פון די געהיימנישפולע פּריסטערס און כישוף־לייט.

דאָס זעלבע בילד זעען מיר ווען מיר ווענדן אונדזער בליק צו די אַלטע פעלקער פון אָריענט: צו שומר און צו אכד, צו אשור און צו בבל, צו כנען און צו פעניציע. אויך דאָ זעען מיר איבעראַל געצן, אַלטאַרן, טעמפּלען, קרבן־בלוט און קרבן־רויך, מכשפים און מכשפות פולן אָן און פאַרפלייצן גאָר די מענטשלעכע ישובים פון דאַנען. דאָ זעען מיר ווילדע און אָפּשוילעכע ספּעקטאַקלען פון ברענגען מענטשלעכע קרבנות פאַר די געטער. דאָ הערשט דער בלוטדורשטיקער מולך פאַר וועמענס־וועגן מען שעכט און מען ברענט יונגע קינדער. דאָ פרעסן אויף די בייזע געטער דאָס לעבן פון יונגפרויען און יונגעלייט. דאָ פראַוועט מען רעליגיעזן זנות און הייליקע אויסגעלאַסנקייט צו די געשלעכט־גאָטהייטן. די געטער זיינען דאָ בייז, גרויזאַם, נקמהדיק און בלוטדורשטיק.

דאָס זעלבע איז צו זען ביי די באַרבאַרישע געצנדינערישע פעלקער פון אַלטן אייראָפּע. אויך דאָ זיינען די געטער צאָרנדיק און בייז. אויך דאָ הערן די פּריסטער־מכשפים און מכשפות נישט אויף צו פאַרגיסן בלוט פאַר די געטערוועגן. אויך דאָ הערשט איבעראַל פינצטערער אַבערגלויבן און כישוף־קולט.

און אַז מיר ווענדן, ענדלעך, אונדזער בליק צו די פאַרגעשריטענסטע פעלקער פון גריכנלאַנד און צו רוים, טרעפן מיר אויך דאָ די הערשאַפט פון די שאַטנס. דאָ זיינען די געטער אַ ביסל מילדער, געמיטלעכער ווי ערגעץ אַנדערש. דאָ זיינען די געטער אויסגעמישט מיט די מענטשן און פירן מיט זיי, אַזוי צו זאָגן, אַ געמיינזאַם לעבן. די געטער אינטריגירן דאָ און פאַרראַטן און שטעלן־אונטער פיסלעך, סיי איינער דעם אַנדערן און סיי די מענטשן; דאָ זיינען די געטער פאַראינטערעסירט אין יעדער קלייניקייט פון מענטשלעכן לעבן, אַזוי פון קאָלעקטיוון ווי פון פּריוואַטן, און זיי האַלטן אין איין געבן צייכנס די מענטשן וועגן אַלץ וואָס עס שטייט זיי פאַר. צו דעם צוועק זיינען דאָ געשאַפן גוואַלדיקע אינסטיטוציעס און שטייגערן. עס איז דאָ פאַראַן אַן אָראַקול, אָנגעפירט פון אַ היסטערישער מויד־פּריסטערין, דורך וועמענס מויל די געטער גיבן ענטפערס אויף אַלערליי פראַגן; עס איז דאָ פאַראַן אַ שטייגער פון זוכן די געטערס ווילן אין די איינגעווייידן פון נאָר וואָס געשאָכטענע בהמות; עס איז דאָ פאַראַן

אַ שטייגער צו זוכן דעם ווילן פון די געטער אין פלי פון די פייגל, אין קוואַקעו פון די הינער, אין הירזשען פון די פערד אאַז״וו, א״וו. קיין איין טריט האָט דאָ קיינער נישט געמאַכט, נישט דאָס פאָלק און נישט דער איינצלנער מענטש, אין די קלענסטע ווי אין די גרעסטע אונטערנעמונגען, אָן דעם פריִער אָנצופרעגן דורך די בהמשע קישקעס און אַנדערע צאָללאָזע אַבערגלויבערישע צייכנס — דעם ווילן פון די געטער... און אַז די געטער האָבן גענומען שטעלונג צו יעדער מינדסטער קלייניקייט אין לעבן פון די מענטשן, האָט מען זיי דאָך דערפאַר געמוזט באַגיטיקן. האָט מען דעריבער געהאַלטן אין איין שעכטן קרבנות, נישט איינצלנע קרבנות, נאָר צענדליקער און הונדערטער — העקאַטאָמבן. אָפט מאָל האָט מען דעם איינדרוק, לייענענדיק די אַנטיקע אויטאָרן, ווי מען וואָלט זיך געפונען אין אַ גרויס שלאַכטהויז. כסדר און אָן אָפּשטעל האַלט מען אין איין שעכטן גאַנצע סטאַדעס מיט אַלערליי בהמות. טייכן בלוט גיסן זיך צופוסנס די אַלטאַרן. און ביי די אויפגעשניטענע בייכער פון די קרבנות שטייען פריסטערס און באַגרעבן זיך אין די וואַרעמע קישקעס און זוכן צייכנס פון די וועלט-באַלע־באַטים צו די מענטשן. — אָט דאָס איז געווען איינע פון די פּאָפּולערסטע און פאַרשפּרייטסטע טואונגען פון די קולטורעלסטע פעלקער פון דער אַלטער וועלט.

קען מען עס פאַרשטיין?! קען מען פאַרשטיין דעם גאַנצן אָבערגלויבערישן טשאַד וואָס האָט אָנגעפילט די מוחות פון די דאָזיקע בראַווע, שעפערישע מענטשן? לייענט מען זייערע ווערק, וואָס פון שטאַנדפּונקט פון פאָרעם און סטיל, זייבען זיי מאָנומענטן פון שיינקייט און פולקאָמקייט פאַר אַלע צייטן — און מען זעט ווי כמעט אַלע די ווערק זייגען פול מיט די אומזיניקסטע געטער־געשיכטעס, גע־טער־מעטאַמאָרפאָזעס, געטער־קאַמפן, געטער־אינטריגעס, געטער־ריוואַליטעטן, געטער־ראָמאַנסן, געטער־פאַרראַטן; לייענט מען זייערע טעאָגעניעס און קאָסמאָ־געניעס און מיטאָסן און לעגענדעס און זאַגעס אאַ״וו און מען זעט ווי אַזוי זייער גאַנץ לעבן איז געווען דורכגעדרונגען מיט משונהדיקע גלויבונגען און פירונגען, מוז מען פול ווערן מיט דער גרעסטער פאַרוווּנדערונג: וואָס האָט פאָרט פּאַסירט מיט די מענטשן?! אָט רײדן זיי דאָך אַזוי שיין, ניכטער, זאַכלעך קלוג און ערנסט, און צום סוף גייט גאָר דאָס גערייד וועגן פאַנטאָמען און שאָטנס. אמת, די שאָטנס זיינען שיינע, פּולירטע, עלעגאַנטע, גראַציעזע, עסטעטישע, אָבער דאָך נישט מער ווי שאָטנס!... אַזאַ פיינע ראַפינירטע, אײדעלע פאָרעם — פון וואָרט און פון בילד — אַ פאָרעם וואָס האָט באַגייסטערט און באַאיינפלוסט אַלע נאָכקומענדיקע דורות, — און אַזאַ קינדערשער, אומזיניקער אינהאַלט!

די זעלביקע מענטשן וואָס האָבן געשאַפן אַזאַ פיינע קולטור און ציוויליזאַציע; וואָס האָבן געלייגט דעם גרונטשטיין פון דער מענטשהייטס פילאָסאָפיע און קונסט, אָט די זעלביקע מענטשן האָבן דאָך געהאַט פולע קעפּ מיט אָבערגלויבערישן טשאַד. ווען מען זאָל צונויפקלייבן די אָבערגלויבערישע מעשיות וואָס בלויז אין

פלוטאַרך באַשרייבט אין זיינע באַלד צוויי טויזנט יאָר באַרימטע ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן, וואָלט מען מיט דעם געקענט אָנפילן אַ דיקן באַנד.

גריכנלאַנד און רוים — די צוויי לענדער ווו עס איז געגרינדעט געוואָרן די וועלטלעכע קולטור, פון וועלכער מיר זיינען היינט אַ ווייטערדיקע פאָרזעצונג; די צוויי קלאַסישע לענדער פון וועלטלעכקייט, ווו די מענטשן האָבן געלעבט מיטביידע פיס אויף דער ערד און האָבן געזוכט צו מאַכן דאָס לעבן וואָס באַקוועמער, אָנגענעמער און פאַרגעניגנפולער — שוין צו פיל פאַרגעניגנפול! גריכנלאַנד און רוים, די צוויי קלאַסישע לענדער פון עולם־הזה, ווו די מענטשן זיינען געווען רעאַליסטן, פּראַקטיקער, ניכטער־דענקענדיקע אין זייערע פּריוואַטע און מלוכהשע אָנגעלעגנהייטן, — גריכנלאַנד און רוים זיינען דאָך געווען פול אָנגעפּראַפּט מיט די פאַרשיידנסטע אָבערגלויבענישן, אין געדאַנק ווי אין טאַט!

אָפּט מאָל קען מען עס נישט תופס זיין און נישט באַגרייפן: וואָס פאָרט איז געווען דער מער מיטן מין מענטש? וואָס פאָרט האָט עס אַזוי צעטומלט און דערשיטערט די מענטשן? וואָס פאָרט האָט עס אַזוי צעדרייט זייער גייסט און פאַרפלאָנטערט זייערע מוחות, אַז זיי זאָלן לעבן אין אַ צושטאַנד פון אַנהאַלטנדיקער פאַרבלענדקייט, אַז אין לויף פון יאָרטויזנטער זאָלן זיי האַלטן אין איין זען ווי־זיעס און חלומות און פלאָנטערן און ברייען און פלעכטן נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע זאַכן?! וואָס פאָרט האָט עס געמאַכט אַז דאָס לעבן פון מענטשן, זאָל דורך זיין גאַנצער געשיכטע, זיין אַזוי דורכויס, אַזוי טאָטאַל, אַזוי פולשטענדיק דורכגעדרונגען מיט פאַנטאַזמאַגאָרישן געדאַנק?

אָבער ווי מען זאָל עס נישט דערקלערן, בלייבט דער פאַקט אַ פאַקט. דער פאַקט איז, אַז אָן איבעררייס און אָן איבערשלאָג האָט זיך געצויגן דער לאַנגער מיסטישער לעטאַרג. איין דור האָט פאַרוויגט דעם צווייטן; זיידעס האָבן פאַרוויגט טאַטעס, טאַטעס האָבן פאַרוויגט קינדער, קינדער האָבן פאַרוויגט קינדס־קינדער. עס האָט זיך געביטן דער אויסערלעכער אויסזען פון מענטשלעכן לעבן. דעם מענטשנס מאַטעריעלע קולטור האָט זיך פאַרפיינערט, דעם מענטשנס קענטענישן זיינען געשטיגן. ער האָט זיך אויסגעלערנט צו אַרבעטן און צו געברויכן. ער האָט זיך אויסגעלערנט בויען און שאַפן. ער האָט אָרגאַניזירט שטאַטן און געגרינדעט אימפּעריעס. ער האָט זיך איינגעשאַפט רייכקייט און באַקוועמלעכקייט. ער האָט אַנטוויקלט קולטור און ציוויליזאַציע. איין זאַך איז געבליבן, אין תוך, אומגעענדערט: — די מיסטישע וועלט־שרעק. זי איז אומעטום געווען די זעלביקע. די זעלביקע ביים ווילדן אינדזל־באַוווינער ווי ביים ציוויליזירטן עגיפּטער; ביים אָפּגעשטאַנענעם אויסטראַליער און ביים פאַרגעשריטענעם גריך; ביים פּרימיטיוון פון דער פאַרגעשיכטע ווי ביים ראַפינירטן רוימער; די זעלביקע שאַטנס, די זעלביקע געצן, די זעלביקע אַלטאַרן, די זעלביקע קרבנות, די זעלביקע ריטואַלן; דער זעלביקער כישוף און דער זעלביקער אָבערגלויבן. עס האָט זיך בלויז געביטן און פאַרפיינערט די פאָרעם; דער אינהאַלט איז געבליבן דער זעלביקער.

II

קיין מאָל איז עס נישט געלונגען ווי געהעריק צו דעפינירן גאָט. נישט נאָר איז וועגן דעם אָנגעגאַנגען די ווייטגייענדיקסטע חילוקי־דעות צווישן פאַרשיידענע גלויבנס, נאָר אַפילו אינערהאַלב איין און דעם זעלביקן גלויבן, האָט יעדער איינער זיך אַ ביסל אַנדערש דערקלערט די זאַך. אָפּהענגיק פון זיין גראַד קולטור און ערנסטקייט פון זיין געדאַנק. די באַגריפן וועגן גאָט וואָס זיינען געווען פאַרשפּרייט צווישן המון־עם, זיינען געווען פאַרשיידן פון די באַגריפן וואָס עס האָבן געהאַט די געלערנטע; די גאָט־פאָרשטעלונג פון דעם פּראָסטן מענטשן, איז געווען אַן אַנדערע ווי די גאָט־פאָרשטעלונג פון דעם אויפגעקלערטן און אינטעליגענטן. די געדאַנקען און קאָנצעפּטן וועגן גאָט, זיינען שטענדיק געווען אַזוי לויז און עלאַסטיש, אַז זיי האָבן זיך געלאָזט טייטשן און איבערטייטשן אויף אָן אַ שיעור אופנים, ווי דאָס איז נאָר איינעם געפעלן. נישט זעלטן פלעגן די אויסטייטשונגען פון גאָט גיין קעגן דעם טעקסט פון די רעליגיעזע הויפּט ביכער. דאָס איז אַ פאַקט וואָס לאָזט זיך אָנמערקן אין אַלע גרויסע רעליגיעס. אומעטום, נישט קוקנדיק אויף דער פילאָסאָפישער הייך פון די גאָט־קאָנצעפּטן, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון די רעליגיעזע דענקערס און פילאָסאָפן, איז אָבער אין פּרט פון שאַפן אַן אַלגעמיין אָנגענומענע און קלאָר דעפינירטע גאָט־פאָרשטעלונג, געווען אַ בלויז. קיין איין רעליגיע איז נישט געלונגען צו שאַפן אַ פעסטגעשטעלט גאָט־בילד. אויף אַלע אירע שטופעס איז די גאָט־אידעע געבליבן אומקלאָר און פאַרנעפּלט. דאָס אינטערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע איז דאָס, וואָס פאַר די גלויביקע איז די אומקלאָרקייט פון דעם סאַמע יסוד פון זייער גלויבן נישט געווען קיין חסרון. פאַרקערט, וואָס אומקלאָרער און פאַרנעפּלטער, אַלץ בעסער איז עס געווען. גלויביקע האָבן קיין מאָל נישט געשטעלט קיין צו פיל פראַגעס וועגן גאָט: ווער איז גאָט? וואָס איז גאָט? ווו איז גאָט? (ווען איינער האָט זיך אָנגעהויבן שטעלן אַזעלכע פראַגעס, האָט שוין אין אים געשפּראָצט דער זוימען פון אומגלויבן). זיי האָבן אָנגענומען פאַר גוט געלט יעדע פאָרשטעלונג וואָס מ׳האָט בײַ זיי געשאַפן וועגן גאָט, אַבי עס האָט גערייצט די פאַנטאַזיע און עס האָט געשראָקן. וועגן לאָגישער אויסגעהאַלטנקייט פון דער גאָט־פאָרשטעלונג, איז געווען דורכויס איבעריק צו ריידן. זעען מיר טאַקע, אַז נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער גלויבנס־פענאָמען אַן און פאַר זיך איז אַזוי אוניווערסאַל איינהייטלעך, זיינען פון דעסט וועגן זיינע קאָנקרעטיזאַציעס ביז גאָר פאַרשיידן. די גלויב־אימפּולסן זיינען אומעטום די זעלביקע; די גלויב־געדאַנקען זיינען אומעטום פאַרשיידן; דאָס וואָס טרייבט צו גלויבן און סטימולירט גלויבן, איז ביי דער גאַנצער מענטשהייט איינהייטלעך; דאָס, אין וואָס מ׳האָט געגלייבט און ווי אַזוי מ׳האָט געגלייבט, דאָס איז פילהייטלעך.

און דאָס איז ביז גאָר מערקווערדיק: גאָט, אָדער געטער, זיינען דאָך געווען דער הויפּט מאָמענט, די הויפּט באַזע פון רעליגיע בכלל און פון יעדער רעליגיע־זער שיטה בפרט, איז ווי זשע האָט עס געקאָנט געמאָלט זיין, אַז דער דאָזיקער יסוד כל היסודות און דער עיקר כל העיקרים זאָל בלייבן אַזוי טונקל, כאַאָטיש און אומקלאָר? דאָס ערשטע וואָס האָט, על פּי שכל, באַדאַרפט קלאָר געמאַכט ווערן, האָט באַדאַרפט זיין דער וועזן און מהות פון גאָט און דער אופן פון זיין ווירקן אויף דער נאַטור און אויפן מענטשן. ווי געשיקט זיך עס, אַז מ׳האָט די דאָזיקע הויפּט־פראַגעס נישט פּרעציז און גענוי פאַרענטפערט גלייך פון אָנהייב־אָן? ווי אַזוי האָבן מענטשן אָנגעהויבן גלויבן, נישט ווייסנדיק גענוי אין וואָס זיי גלויבן?

וואַרפן מיר אַ בליק אויף דער אומגעהייערער צאָל אופנים, ווי אַזוי די מענטשהייט האָט זיך אין פאַרשיידענע צייטן און ערטער געפּרווט אויסמאָלן דאָס גאָט־בילד, זעען מיר ווי אומקאָנסטאַנט און כסדר דינאַמיש ס׳איז געווען די גאָט־פאָרשטעלונג ביי פאַרשיידענע פעלקער; זעען מיר די אומאויפהערלעכע זוכעניש, וואָס איז אָנגעגאַנגען סיי אויפן געביט פון לאָקאַליזירן די געטלעכקייט און סיי אויפן געביט פון געפינען אַ פּאַסיקע גאָט־דעפיניציע. זעען מיר דאָס אַלץ, דאַן ווערט פאַר אונדז באַזונדערס קלאָר דער אומראַציאָנעלער, נאָר דורכויס עמאָטי־ווער תוך פון גאָט.

און נישט נאָר וואָס איז שייך דער דעפיניציע פון גאָט איז געווען כאַאָס און פלאָנטער, נאָר אויך וואָס איז שייך דעם גאַנצן גרויסן און ברייטן דאָמיניום פון דער מיסטיק: וואָס איז הימל? וואָס איז יענע וועלט? וואָס איז נשמה? וואָס זיינען מלאכים? וואָס זיינען טייוולאָנים? וואָס זיינען די אַלע אומאויסרעכנבאַרע מינים גייסטיקע ברואים פון די פאַרשיידנסטע געשטאַלטן, יעראַרכיעס, אייגנשאַפטן און פונקציעס, וואָס די מענטשלעכע פאַנטאַזיע האָט זיך אויסגעמאָלן און וואָס האָבן יאָרטויזנטער און יאָרטויזנטער אַרומגעשוועבט אין זיין מוח? וואָס זיינען זיי, די דאָזיקע ספּיריטועלע וועזנס, וואָס זיינען אינעם מענטשנס קולטור־היסטאָריש לעבן געווען מער רעאַליטעט, ווי דאָס וואָס ער האָט געזען, געהערט און באַנומען מיט זיינע חושים און פאַרשטאַנד?

קיינער האָט עס נישט געוווסט, קיינער ווייסט עס נישט און קיינער וועט עס נישט וויסן!

אומוויסנדיקייט, טונקלקייט, מיסטעריעזקייט — דאָס איז דער סוד און דער אויפהאַלט־כוח פונעם גלויבן. וואָלט אין גלויבן אַלץ געווען קלאָר און פאַר־שטענדלעך, וואָלט עס דאָך קיין גלויבן נישט געווען! שכלדיקייט, וויסן און קלאָר־קייט זיינען עסענציעל קעגנזעצלעכע עלעמענטן צום גלויבן. די עלעמענטן פון גלויבן זיינען מיסטעריעזקייט, פאַרהוילנקייט און פאַרבאָרגנקייט — דאָס וואָס מ׳ווייסט נישט און דאָס וואָס מ׳פאַרשטייט נישט. דאָס אומפאַרשטענדלעכע און דאָס געהיימע, — דאָס לאָקט, דאָס צויבערט, דאָס רייצט. די מעכטיקייט פון גאָט

באַשטייט אין זיין פאַרהוילנקייט: טויבקייט, שטומקייט און אומזעעבאַרקייט. שטענדיק האָט עס פּאַסירט, אַז ווען מענטשן האָבן גערופן גאָט און ער האָט זיי נישט געענטפערט און זיך נישט „באַוויזן“, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן זייער אמונה אין אים און אַלץ מער באַוויזן איז עס געווען אַז ער איז דאָ, נאָר ער וויל נישט ענטפערן. און וואָלט זיך גאָט אָנגעהויבן באַוויזן צו מענטשן, וואָלטן זיי אויפגעהערט צו גלויבן אין אים.

ווען גלויבן וואָלט געווען קלאָר, וואָלט ער זיך מיט דעם פאַרמישפּט צום אונטערגאַנג. גלויבן איז געבוירן געוואָרן איינגעהילט אין זיבן שלייערן און די וואָס האָבן קולטיווירט און געפלעגט די דאָזיקע מיסטיש־מיסטעריעזע פלאַנץ, האָבן זיך שטענדיק באַמיט — באַוווסטזיניק צי אומבאַוווסטזיניק, ערלעך, צי אומערלעך — גלויבן נאָך מער צו פאַרהוילן און צו פאַרבאַרגן. וואָס געהיימניספולער די גלויבנס־זאַכן זיינען געווען, אַלץ באַגלויבטער, און וואָס וווּנדערלעכער אַלץ מער למעלה מן השכל, אַלץ געטלעכער... געבוג איז געווען אַז אימפּולסן זאָלן רעגן, און שוין איז געקומען אמונה, נישט וויסנדיק אין וואָס און אין וועמען; נישט וויסנדיק וואָס דאָס איז אין וואָס מ׳גלויבט און ווי אַזוי ס׳איז. מ׳האָט געגלויבט לכל הדעות. דער „וויסן“ און דער „פאַרשטיין“, איז שטענדיק געקומען נאָכן גלויבן. מ׳האָט „פאַרשטאַנען“ דאָס אין וואָס מ׳האָט געגלויבט. נישט פריִער האָט מען פאַרשטאַנען און נאָך דעם געגלויבט, נאָר פריִער האָט מען געגלויבט און נאָך דעם „פאַרשטאַנען“; דער „שכל“ האָט „דערוויזן“, אַז דאָס אין וואָס מ׳גלויבט איז דאָס וואָרהאַפטיקסטע און קליגסטע וואָס קען נאָר געבן!

III

די אַלטערטימלעכע רעליגיעס, שטעלן מיט זיך נישט פאָר קיין שום נייעס און קיין שום תוכיקן פּראָגראַם לגבי פרימיטיווער רעליגיע. זיי שטייען העכער פאַר דער לעצטער, בלויז מיט זייער אויסערלעכן פּאַרנעם. מחדש געווען האָבן זיי גאָר נישט. זייער פּראָגרעס איז נישט קיין קוואַליטאַטיווער, נאָר בלויז אַ קוואַנטיטאַטיווער. רעליגיע איז פון איר פרימיטיווער פאַזע ביז איר עטישמאָנאָטעיִסטישער פאַזע, געשטיגן נישט אין דער טיף, נאָר אין דער ברייט.

ווען מיר קוקן זיך צו צו די קאָמפּליצירטע און מעכטיקע גאָטהייטן פון די אַלטערטימלעכע רעליגיעס, זעען מיר אין זיי בלויז אַן אויסערלעכע, אַ טעכנישע און דעקאָראַטיווע העכערקייט לגבי די פרימיטיווע גאָטהייטן. אין תוך זיינען עס די זעלבע שאָטנס, פאַרפיקסירטע אין שטיינערנע אָדער הילצערנע געמאַכן. טייל זיינען מער קאָמפּליצירט, טייל זיינען מער אימפּאָנענט און גרויס. פון אָנפאַנג איז די מיסטישע אינדוסטריע געווען רוי, פרימיטיוו, טעכניש־אָרעם. ערשט ווען דער מענטש איז געשטיגן אויפן לייטער פון ציוויליזאַציע און האָט זיך אויס־

געלערנט בעסער אַרבעטן, בעסער בויען, בעסער מאָלן, בעסער סקולפּטירן אאַז״וו. איז אויך די אויסאַרבעטונג און געשטאַלטונג פון די שאַטנס געשטיגן. אויך האָט די אָרגאַניזאַציאָנעלע זייט פון גלויבן פּראָגרעסירט אין אָנקלאַנג צום אַלגע־מיינעם פּראָגרעס פון די געזעלשאַפטלעכע פאָרמען. אין די אַלטערטימלעכע געטער־סטאַטועס, טעמפּלען, צערעמאָניאַלן, כוהנים־קלאַס, איז פאַראַן ברייטער פאַרנעם און אַ סך פּראַכט און גלאַנץ. די רעליגיעזע איינריכטונגען האָבן דער־גרייכט פון איין זייט צו דער העכסטער מאָס פון טעכנישער פּולקאָמענהייט, און פון דער צווייטער זייט צו דער העכסטער שטופע פון סאָציאַלער מאַכט און איינ־פלוס. אָבער דאָס זיינען אַלץ אויסערלעכע שטייגערונגען. די געדאַנקען, געפילן און קאָנצעפּטן, זיינען, אין תוך, געבליבן די זעלבע וואָס אין אָנהייב.

אַפילו די רעליגיע פון די גריכן און רוימערס, שטעלט נישט פאָר מיט זיך קיין וועזנטלעך־העכערן טיפּ רעליגיע ווי די אַנדערע. עס זיינען די זעלבע מיטאָסן, די זעלבע אָבערגלויבנס, די זעלבע צערעמאָניעס, דער זעלבער קרבן־קולט וואָס אומעטום. נישט מער, דאָ איז די מיסטיק רייך אין אַ פּאָעטישן עלעמענט. די געטער זיינען דאָ מער פּאָעטישע נאַטור־סימבאָלן איידער שרעקנס־גייסטער. אָט דער דאָזיקער אומשטאַנד, די רייכע פּאָעטישע פאָרעם און די הויך־קינסטלערישע געשטאַלטונג פון די דאָזיקע גאָטהייטן, האָט עס געווירקט אַז די שפּעטערדיקע דורות זאָלן זיי אויסטיילן פון די אַנדערע. אויך זיינען די דאָזיקע גאָטהייטן מילדער, געמיטלעכער און געזעלשאַפטלעכער ווי אַנדערע. דאָך, פון געדאַנקלעכן שטאַנדפּונקט, זיינען עס די זעלבע שאָטנס, די זעלבע פאַנטאָמען וואָס אין אַלע אַנדערע רעליגיעס און שטעלן נישט פאָר מיט זיך קיין שום העכערע אויפפאַסונג פון דער וועלט.

אין אַלגעמיין וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז דער אונטערשייד צווישן פּרימי־טיווער רעליגיע און די רעליגיעס פון אַלטערטום, איז נישט אַזוי אין די רעליגיעס ווי אין די מענטשן. דער פּרימיטיווער מענטש איז געווען דורך און דורך וויזיאָנער. ער האָט אין גאַנצן געשטעקט אין גלויבנס־געדאַנק, ד״ה, אין חלום־געדאַנק. די נאַטור, אירע דערשיינונגען און קעגנשטאַנדן, זיינען פאַרן פּרימיטיוון מענטשן געווען אויסער מאַטעריעל־עמפּירישע רעאַליטעט, אויך פאַנטאַזמאַגאָרישע רעאַ־ליטעט. דער אימפּולסיווער און וויזיאָנערער עלעמענט איז אין פּרימיטיווער פּסיכיק נאָך געווען אַזוי שטאַרק, אַז די דרויסנדיקע וועלט איז געזען געוואָרן נאָר אין ליכט פון דער אינעווייניקסטער צעטומלטער דערקענטעניש, און נישט פאַרקערט, אַז די אויסווייניקסטע פירמע רעאַליטעט האָט באַשטימט די אינע־ווייניקסטע כאַאָטישע הכרה זיינע. די וועלט וואָס דער פּרימיטיווער מענטש האָט געזען, געהערט און אָנגעטאַפּט, האָט פאַר אים געהאַט ווייניק ממשותדיקייט. ער האָט געגלייבט זיין שרעקעווודיק געמיט און זיין מאַלנדיקער פאַנטאַזיע מער ווי זיינע חושים. זיין גאַנץ לעבן און שטרעבן און זיינע אַלע מעשים, זיינען דעריבער צוגעפּאַסט געוואָרן צו אָט דעם דאָזיקן דימיונדיקן וועלט־באַנעם. דער אורמענטש

האָט געלעבט און געווירקט אויף אַן אופן, וואָס מיטן שכל קען מע עס נישט פאַרשטיין. זיין געדאַנק און זיין טאָט האָבן זיך באַוועגט אין אַן אַנדער וועלט, ווי די אין וועלכער ער איז געווען אַנוועזנד. זיין געדאַנק און זיין טאָט האָבן זיך באַוועגט אין אַ וועלט פון וויזיעס און אויסדאַכטונגען. אין איינקלאַנג מיט דער דאָזיקער אויסגעדאַכטער וועלט, האָט ער געסדרט זיינע טאָטן און אויפפי־רונגען, זיינע מעשים זיינען געווען סימבאָלן, זיינע ווערטער סימבאָלן, זיינע זשעסטן סימבאָלן. ער האָט געזען אומגעזענס, געהערט אומגעהערטס, און ער האָט געטאָן זאַכן, וועמענס ווירקונג איז געווען נישט דאָ, נאָר אין דער אויסגע־דאַכטער וועלט.

לעבן און ווירקן האָט פאַרן פרימיטיוון מענטשן געמיינט דאָס זעלבע וואָס גלויבן; לעבן, דענקען און גלויבן, איז געווען איין און די זעלבע זאַך. אַלע האַנדלונגען, אַלע מחשבות, יעדער קער און ווענד, איז געווען דורכגעדרונגען פון דעם מיסטישן בליק. זיין אויג איז געווען אַ מיסטישס. זיינע חושים זיינען געווען מיסטישע. ער איז נישט פעיִק געווען גאָר נישט צו זען, גאָר נישט צו הערן און גאָר נישט צו טראַכטן אויסער דער מיסטיק. גלויבן האָט אים אין גאַנצן גע־האַלטן אין זיך; גלויבנס־חלום האָט אים אַרומגעהילט פון אַלע זייטן, און ווי נאָר ער האָט געווענדט זיין בליק, האָט ער זיך געזען אַרומגערינגלט פון דער דאָזיקער חלום־וועלט. גלויבן איז נישט געווען קיין נטיה פון זיין גייסט, נאָר איז געווען זיין גייסט אין גאַנצן. ס׳האָט ביי אים נישט געקענט זיין קיין רייד פון יאָ אָדער נישט גלויבן, מחמת גלויבן איז געווען די טיפסטע גרונטלאַגע פון זיין איך, און נישט גלויבן, וואָלט געמיינט פאַר אים אויפהערן זיין דאָס וואָס ער איז געווען. פרימיטיווער גייסט און פרימיטיווער שכל האָט נישט געהאַט קיין אַנדער טייטש, ווי נאָר גייסט און שכל, וואָס גיבן אַרויס פון זיך, שטראַלן אַרויס, מיסטישע זעונגען, חלומות און סימבאָלן.

גאַנץ אַנדערש איז עס געווען מיטן גלויבן פון היסטאָרישן־מענטשן. אויך ער, האָט געגלויבט. ער האָט אָבער געקענט דענקען אויך אויסערהאַלב גלויבן. זיין עצם דענקען איז מער נישט געווען קיין מיסטישס. ער האָט געזען די נאַטור און אירע קעגנשטאַנדן אין אַ רעאַלער שיין. די וועלט פון וועלכער ער האָט זיך געזען אַרומגערינגלט, האָט פאַר אים געהאַט אַ מאַטעריעל־עמפירישע ווירקלעכ־קייט. זיין מוח האָט מער נישט פּראָדוצירט וויזיעס און שאָטנס, נאָר זאַכלעכע געדאַנקען און באַאָבאַכטונגען. דער מענטש פון דער היסטאָרישער צייט — זיינע אויגן זיינען שוין געווען אָפן, און זיינע חושים און שכל רייף צו באַנעמען די זאַכן ווי זיי זיינען. גלויבן און מיסטיק זיינען געוואָרן אָפּגעטיילט אין אַ באַ־זונדער וועלט. אמת, אַז גלויבן און מיסטיק זיינען נאָך ווייט נישט געווען אָפּ־געפרעגט. פונקט פאַרקערט, עס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן פאַר זיי אַ בייע בלי־צייט; זיי האָבן ערשט אָנגעהויבן פירן אַ זעלבשטענדיקע עקסיסטענץ אין ווייטע „הימלשע וועלטן״. דאָך, וויכטיק איז, אַז עס איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אַ

פעסטע מחיצה צווישןווירקלעכער וועלט און ווירקלעכער דערקענטעניש און ספּיריטועלער וועלט און ספּיריטועלער דערקענטעניש. גלויבן און לעבן, הימלשער חלום און ערדישע וואָר, זיינען געוואָרן פונאַנדערגעטיילט.

אין דעם איז באַשטאַנען דער פאָרשריט וואָס דער מענטשלעכער געדאַנק האָט דורכגעמאַכט פון פּרימיטיווער פאַזע צו קולטור־פאַזע. אין פּרימיטיווער פאַזע איז געדאַנק געווען דורכאויס פאַנטאַזמאַגאָריש. אַלץ וואָס פּרימיטיווער געדאַנק האָט אַרויסגעבראַכט איז געווען מיטאָסמעסיק. דער אורמענטש האָט כסדר געשאַפן לעגענדעס, ער האָט געדענקט מיט לעגענדעס, זיין געוויינלעכסטער געדאַנק איז געווען ענלעך אויף אַ לעגענדע. זיין טאָגטעגלעכער שכל איז געווען מיסטיפיצירט. ער האָט נישט געקענט טראַכטן וועגן איין זאַך פּראַקטיש און וועגן אַ צווייטער מיסטיש, נאָר ער האָט וועגן אַלץ געמוזט טראַכטן מיסטיש. זיין טאָטאַלער דענקען האָט זיך באַוועגט אינערהאַלב אַ מיסטיש־פאַנטאַזמאַגאָרישער ספּערע. וועגן זיינע אַלע לעבנס־פראַגן האָט ער געדענקט מיטן זעלבן דימיונדיקן קריטעריום און מיט דעם זעלבן ברייענדיקן שכל, ווי וועגן זיינע וועלט־פּראָבלעמען. גאָר זיין באַוווסטזיין און גאָר זיינע דערקענטעניש־פעיִקייטן זיינען געווען איינהייטלעך — איינהייטלעך מיסטיש.

אויף דער היסטאָרישער שטופע איז שוין געדאַנק און באַוווסטזיין געווען צעטיילט אויף צווייען. דער גלויביקער מענטש פון דער היסטאָרישער צייט האָט געהאַט — און האָט! — צוויי שכלען, צוויי קריטעריעס, צוויי דערקענטעניש־סיסטעמען. איין שכל און איין קריטעריע האָט ער באַנוצט אין טאָגטעגלעכן לעבן, פאַר פּראַקטישע צוועקן, און אַן אַנדער שכל און אַן אַנדער קריטעריע האָט ער באַנוצט פאַר טראַנסצעדענטע צוועקן, פאַר וועלט־באַטראַכטונג, פאַר מעטאַפיזישע פּראָבלעמען און פראַגעס.

אַלץ וואָס איז געלעגן מחוץ די ראַמען פון גלויבן און גלויבנס־דאָגמע, איז דער גלויביקער מענטש פון דער היסטאָרישער צייט דערצו צוגעגאַנגען מיט דער פולסטער מאָס ניכטערקייט און זאַכלעכקייט. ער האָט נישט באַשלאָסן קיין שום פּראַקטישע פראַגע, אַזוי לאַנג ער האָט נישט באַטראַכט, נאָכגעפאָרשט, אויסגעפּרוווט און נישט געקראָגן קיין זיכערע באַווייזן פאַר אָדער קעגן, און ערשט נאָך דעם האָט ער געאורטיילט און באַשלאָסן. אין פּראַקטישן לעבן איז דער גלויביקער מענטש געווען ניכטער, לאָגיש און עקספּערימענטאַל. די אומפּראַקטישקייט און די אומלאָגישקייט האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן ערשט דעמאָלט ווען ער איז באַטראָטן דעם באָדן פון גלויבן. דעמאָלט האָט ביי אים אָנגעהויבן פונקציאָנירן אַן אַנדער שכל און אַן אַנדער דערקענטעניש־פעיִקייט. די דאָגמעס און גלויבנס־אמתן, זיינען נישט געווען קיין שלוסן פון דער זעלביקער ניכטערער קריטעריע, וואָס ער האָט באַנוצט פאַר נישט־גלויבנס־פראַגעס, נאָר זיי זיינען געווען שלוסן פון אַן אַנדער מין קריטעריע, פון אַן אַנדער דערקענטעניש־אופן, וואָס אין פּראַק־

טישן טאָגטעגלעכן לעבן וואָלט ער זיך אויף זיי קיין מאָל נישט סומך געווען און זיי אַפילו אין אַכט נישט גענומען.

דער היסטאָרישער מענטש האָט געגלייבט אָן שכל, טראָץ שכל. ווען ס׳איז געקומען צו גלויבן, האָט ער דעם שכל אָוועקגעלייגט אין אַ זייט. „דער שכל קען עס נישט משיג זיין" — האָט ער זיך איינגערעדט. די יעניקע פאַקטאָרן וואָס האָבן געווירקט אים צו מאַכן גלויביק, זיינען געווען פון אַן אַנדער מין ווי זיין שכלדיקע פונקציע. ווען ער איז באַטראַכטן דאָס פעלד פון גלויבן, איז ער געוואָרן אויס זאַכלעכער דענקער. דער פּראַקטישער שכל האָט אויפגעהערט צו זיין טעטיק און עס האָט אָנגעהויבן זיין טעטיק אין אים עפּעס אַ מין „איבערשטער שכל", אַ „חכמה עליונה".

פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע טראַנסמיסיע פון די שכלען איז פאָרגעקומען נאָר ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אייגענעם גלויבן. ווען עס האָט זיך גע־האַנדלט וועגן אַ פרעמדן גלויבן, האָט מען דעם אייגענעם פּראַקטישן שכל נישט פאַרלוירן, נאָר פאַרקערט, מען פלעגט זיך וווּנדערן און חידושן איבער דער נאַ־רישקייט און אומזיניקייט פון פרעמדן גלויבן. פאַרן פרעמדגלויביקן ווידער זיינען זיינע גלויבונגען געווען אַזוי איבערמענטשלעך און ווונדערלעך קלוג, אַז מיטן פּשוטן שכל האָט מען זיי נישט געקענט משיג זיין, און נאַריש און אומזיניק זיינען אים אויסגעקומען די גלויבונגען פון ערשטן.

פרעמדע גלויבנס, דאָס הייסט, אַלע גלויבנס אויסער דעם אייגענעם, האָט דער קולטור־מענטש געזען מיט אָפענע, קלאָרע אויגן; אַלע רעליגיעס אויסער די איי־גענע, איז ער צוגעגאַנגען באַטראַכטן ניכטער, לאָגיש און מיט קאָפּ. אומניכטער, אומלאָגיש, קאָפּלאָז, פלעגט ער ווערן נאָר לגבי זיין אייגענער רעליגיע.

אין אור־גלויבן האָט עס געמוזט זיין אַנדערש. אויפן פרימיטיוון מענטשן האָט געמוזט מאַכן אַ טיפן רושם אַלץ וואָס האָט גערייצט זיין מיסטישע מורא און זיין פאַנטאַזיע, — אין דעם אַלעמען האָט ער געגלייבט. דער פרימיטיווער מענטש וואָלט געגלייבט אין אַלע רעליגיעס און אין אַלע געטער, אַבי זיי וואָלטן נאָר גע־ווען געגנוג פאַנטאַסטיש און איינדרוקפול. דאָס צוגיין צו אַלע גלויבנס אין דער וועלט מיט פּראַקטישן שכל און נאָר בלויז צו אייגעם, צום אייגענעם, מיט אַן „איבערפּראַקטישן" שכל, נעמט זיך דערפון, וואָס לגבי דעם אייגענעם איז מען פאַרבלענדט. דער פרימיטיווער מענטש איז געווען לגבי אַלע פאַרבלענדט. ביים פרימיטיוון איז גלויבן אַרויסגעוואַקסן פון זיין נידעריקן טיף שכל, פון דעם טיף שכל וואָס האָט זיך אויסשליסלעך געשטיצט אויף אימפּולס און פאַנטאַזיע און אין וועלכן רעאַלער ניכטערער אַנאַליז פון זאַכן און דערשיינונגען האָט קיין שום ראָל נישט געשפּילט. דער היסטאָרישער מענטש האָט געדענקט איין מאָל און געגלייבט אַ צווייטן מאָל. דער פרימיטיווער מענטש, אין קעגנטייל, האָט בלויז געדענקט, ד״ה בלויז געגלייבט, וואָרעם דענקען און גלויבן איז ביי אים געווען איינע און די זעלביקע זאַך.

דער פּרימיטיווער מענטש האָט זיך געפונען אין דער סטאַדיע פון כסדר דערפינדן מיסטיק. דער טיפּ גייסט וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די מיסטיק און זיין טיפּ גייסט, זיינען זיך געווען אַבסאָלוט גלייך. ער האָט זיך נישט באַדאַרפט אַראָפּלאָזן צום מיסטישן וועלטבאַנעם, ווייל ער איז נאָך נישט געשטאַנען העכער פון אים. ער האָט געקענט יאָ אָדער נישט האָבן געוויסע גלויבנס־קאָנצעפּטן, אָבער דאָס איז נישט געווען וויכטיק. וויכטיק איז געווען דאָס, אַז זיין פּסיכיק און דער טיפּ פּסיכיק וואָס די מיסטישע וועלט־אויפפאַסונג האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, זיינען זיך געווען אידענטיש. דער מיסטישער וועלטבאַנעם איז ביי אים געווען אַ ספּאָנטאַנע דערשיינונג; ער איז געווען דער מיסטיצירנדיקער מענטש.

דער מענטש פון דער היסטאָרישער צייט איז שוין געהאַט דורכגעגאַנגען די דאָזיקע פאַזע. ער האָט זיך שוין צום מיסטישן וועלטבאַנעם באַדאַרפט אַראָפּלאָזן. ווען ער איז באַטראַכטן דעם באָדן פון גלויבן, האָט ער געמאַכט אַ צוריקשריט צום פּרימיטיוון שכל, דער שכל פון זיין טאָגטעגלעכן לעבן איז שוין געשטאַנען אויף אַ העכערער מדרגה. דאָרט ווו רעליגיע האָט זיך נישט אַריינגעמישט, האָט ער געדענקט רעאַל און ניכטער און נישט מיסטיש. אין לעבן זיינען זיינע גייסטיקע אויגן געווען פולשטענדיק אָפן; שליסן פלעגן זיי זיך נאָר דעמאָלט ווען ער איז אַריין אין היכל פון רעליגיע. דעמאָלט פלעגן אויפהערן גילטן די אמתן, געזעענע מיט „אָפענע אויגן", נאָר עס פלעגן אָנהויבן גילטן די אמתן געזעענע מיט „געשלאָסענע אויגן". ביים פּרימיטיוון מענטשן, אין קעגנטייל, איז דער מיסטישער וועלט־בליק געווען זיין נאַטירלעכער מצב, זיין צוגעפּאַסטע סטאַדיע. נישט ער איז מיט זיין פּראַקטישן לעבנס־געדאַנק געשטאַנען העכער, און נישט מיט זיין טעאָרעטישן גלויבנס־געדאַנק נידעריקער. אין ביידע געביטן: אין לעבן און אין גלויבן, איז ער געווען דער זעלביקער, — דער זעלביקער מיטאָס־שאַפער און דער זעלביקער געשפּענסטהאַפטער פאַנטאַזיאָר.

קאַפּיטל 5

גלויבן און אַגנאָסטיציזם

I

עס זעט אויס, אַז די באַצייכענונג „האָמאָ סאַפּיענס" פֿאַרן מענטשן, איז נישט זייער קיין פּאַסיקע. באַאָבאַכטנדיק דאָס מענטשלעכע לעבן פֿון אַלע צייטן, איז צו געפֿינען גאָר ווייניק שכל אין דעם.

אַלץ אין מענטשלעכן לעבן איז אומשכלדיק ביז גאָר. דאָס לעבן פֿון דער מענטשהייט בכלל און פֿון מענטשלעכן יחיד בפֿרט, איז אינספּירירט, געסדרט און געפֿורעמט פֿון קרעפֿטן און אימפּולסן, לגבי וועלכע דער שכל שפּילט לחלוטין קיין ראָלע נישט. דער שכל איז דורכויס אָפּהענגיק פֿון די קרעפֿטן און אימפּולסן; ער איז זיי אונטערגעוואָרפֿן און פֿירט־אויס זייערע באַפֿעלן. אַלץ וואָס ווילן באַפֿעלט, גיט שכל דערויף זיין הסכמה.

מער ווי אַלע אַנדערע איינשטעלונגען, באַווייזט די אומבאַגרענעצטע מאַכט פֿון ווילן איבער פֿאַרשטאַנד — גלויבן.

גלויבן, די דאָזיקע מאָדנע, אומפֿאַרשטענדלעכע דערשיינונג, וואָס באַגלייט דעם מענטשן פֿון זיין פֿריסטער יוגנט אָן, וועמענס אָנהייב מיר האָבן נאָך נישט דערגרונטעוועט און וועמענס סוף מיר ווייסן נישט — גלויבן איז די יעניקע איינשטעלונג, וואָס אָנטפּלעקט און באַווייזט אונדז קלאָרער ווי אַלע אַנדערע איינשטעלונגען, אויף ווי ווייט נישטיק און מינדערוויכטיק עס איז די ראָלע פֿון שכל אינעם מענטשלעכן לעבן.

גלייך ווי מיר הייבן נאָר אָן זיך צו באַקענען מיט די ערשטע פּרוכט פֿונעם מענטשלעכן דענקען, אַזוי גלייך לאָזן מיר זיך אָוועק שווימען אויף אַן אומענדלעכן ים פֿון משונהדיקע און אומפֿאַרשטענדלעכע גלויבונגען. יאָרטויזנט נאָך יאָרטויזנט און יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט.

ווער עס האָט אַזוי צעטומלט דעם מענטשלעכן גייסט? ווער האָט עס אים אויסגעלערנט די דאָזיקע אַלע „קענטעניש"? ווער האָט אַריינגעטאָן אין זיין מוח

דאָס דאָזיקע „וויסן"? — וואָס פֿאַר אַ דערקלערונג מען זאָל דערצו נישט געבן, איין זאַך איז זיכער, אַז דאָס אַלץ אין וואָס די מענטשהייט האָט געגלייבט דורך אַלע יאָרטויזנטער איז געווען חלום, אילוזיע, אָן דער מינדסטער רעאַליטעט און ממשות. און פֿון דעסט וועגן האָבן שטענדיק און אייביק די מענטשלעכע דורות געגלייבט און געווען איבערגעצייגט אין דעם אמת פֿון זייערע זעלבסט־איינגעביל־דעטע אילוזיעס מער ווי אין דעם וואָס זייערע חושים און זייער שכל האָבן פֿאַר זיי פֿאַרגעשטעלט. וואָס זאָגט דאָס אונדז וועגן ווערט פֿונעם מענטשלעכן שכל!

פֿון זינט אינעם מענטשנס מוח האָבן אָנגעהויבן אויפֿשיינען די ערשטע שפּורן פֿון געדאַנק, איז ער באַלד אַרומגעהילט געוואָרן פֿון אַ כאַאָס, פֿול מיט שרעק־בילדער און צעטומלענדיקע דמיונות. נאָך איידער זיין שוואַכער פֿאַרשטאַנד האָט באַוויזן וויפֿל ס'איז ניכטער צו באַטראַכטן די וועלט וואָס רינגלט אים אַרום, איז ער שוין געווען פֿאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ פֿון שרעקן און פּחדים, און נאָך איי־דער ער האָט געמאַכט איין־איינציקן שריט ווי אַ באַוווסטזיניקער וועזן, איז ער שוין געווען אַריינגעפֿאַלן אין אַ מיסטישן דעליריום, וואָס האַלט־אָן אין מענטש־לעכן לעבן ביז היינט צו טאָג.

גלויבן — שוין דאָס דאָזיקע וואָרט אַליין דיסקרעדיטירט דאָך דעם מענטשן אַלס דענקער. וואָרעם וואָס מיינט דען גלויבן? גלויבן מיינט: איז זע נישט, איך הער נישט, איך דערפֿאַר נישט, און איך פֿאַרשטיי נישט, באַר איך גלויב. פֿאַרוואָס זשע גלויב איך? וואָס צווינגט מיר צו גלויבן אין אַ זאַך, וואָס נישט מיינע חושים, נישט מיין פֿאַרשטאַנד זאָגן מיר אַז עס איז אַזוי? — קרעדאָ קוִאַ אַבסורדום (איך גלויב, ווייל עס איז אָן אומזין).

ס'איז, למשל זיכער, אַז זינט עס זיינען דאָ מענטשן אויף דער וועלט, האָט קיין מאָל קיינער נישט געזען, נישט געהערט, נישט אָנגעטאַפּט און נישט באַגר־מען מיט וועלכן עס איז אַנדערן דערקענטעניש־מיטל, די עקסיסטענץ פֿון גייסט־וועזנס. און פֿון דעסט וועגן האָט די מענטשהייט געגלייבט טויזנטער און טויזנטער יאָרן, און איז געווען איבערגעצייגט — און נישט ווייניק זיינען נאָך איצט פֿאַראַן אַזעלכע גלויביקע און איבערגעצייגטע — אַז ס'עקסיסטירן יאָ גייסט־וועזנס. ווי זאָלן מיר עס פֿאַרשטיין? ווי זאָלן מיר פֿאַרשטיין און וואָס באַדייט דער פֿאַקט, וואָס דורך דורות און עפּאָכעס און דורך דער גאַנצער מענטשלעכער אייביקייט, האָט דער קלוגער מין געגלייבט אין אַ זאַך, וואָס איז קיין מאָל נישט באַגומען געוואָרן מיט קיין שום זיכערן דערקענטעניש־מיטל? ס'גייט נישט איצט וועגן דער דער־קלערונג פֿון דעם פֿענאָמען, דאָס הייסט, פֿאַר וואָס און ווי אַזוי ס'איז געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז ס'קאָן זיין עפּעס אַזאַ מין זאַך ווי גייסט־באַשעפֿענישן; עס גייט בלויז וועגן דעם פֿאַקט, אַז אַלע מענטשן פֿון אַלע ערטער און אַלע צייטן, האָבן אָנגענומען דעם דאָזיקן גלויבן ווי דאָס זיכערסטע אויף דער וועלט און זיינען געווען איבערגעצייגט אין דעם נאָך מער ווי אין דעם שיין פֿון זייערע אויגן, און

האָבן זיך אַזוי צונויפֿגעקלעפּט צו דעם, אַז מ׳קען זיי גאָר נישט אָפּרייסן דערפֿון, וואָס לערנט עס אונדז וועגן מענטשן!

און וואָס לערנט אונדז וועגן מענטשן דער פֿאַקט וואָס ער האָט זיך זינט ווײַטע יאָרטויזנטער געהאַלטן אין איין גרייטן צו אַ געשפּענסטהאַפֿטיק לעבן נאָכן טויט; דאָס גאַנצע רעאַלע לעבן זײַנס איז געווען ניט מער ווי אַ צוגרייטונג־עפּיזאָד צום געשפּענסטהאַפֿטיקן לעבן נאָכן טויט? ווער האָט ווען עס איז געהאַט די מינדסטע דערפֿאַרונג וועגן דער עקסיסטענץ פֿון אַט דער וועלט פֿון שאָטנס? קיינער נישט, קיינער נישט! און דאָך האָט דער „קלוגער מין" שטענדיק געגלייבט אין דער עקסיסטענץ פֿון אַט דער געשפּענסטהאַפֿטער וועלט און געהאַט די פֿולע זיכערקייט און די פֿולע איבערצייגונג אַז אַזעלכע איז דאָ. וואָס זאָלן מיר טראַכטן וועגן אַזאַ קלוגן מין!...

ווען דער מענטש וואָלט באמת געווען אַ דענקער, וואָלט אין זײַן שפּראַך נישט עקסיסטירט אַזאַ וואָרט ווי „גלויבן". ער וואָלט אַנגעגנומען באַר אַלגעמיין־גילטיק, מאַטעמאַטיש־זיכער וויסן, און דאָס אַלץ וואָס וואָלט נישט געהערט צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע, וואָלט ער געזאָגט: איך ווייס נישט. אין דער אמתן מיינט דאָך טאַקע גלויבן: איך ווייס נישט, וואָרעם ווען עס וואָלט געווען זיכער, דערוויזן וויסן, וואָלט מען דאָך נישט געדאַרפֿט גלויבן, נאָר מען וואָלט געוווּסט. גלויבן, גלייבט מען אין זאַכן וואָס מען ווייס נישט. גלויבן און וויסן, שליסן זיך אויס איינס דאָס אַנדערע. ווען ס׳אַז דאָ וויסן, דאַרף מען קיין גלויבן נישט, און ווען ס׳איז נישטאָ קיין וויסן — דאַרף זײַן אומוויסן, דאַרף זײַן ספֿק, דאָס הייסט, עס קען זײַן אי אַזוי, אי אַנדערש, אי נאָך אַנדערש, אויף אַן אַ שיעור אופֿנים. וואָלט גלויבן געווען אַ היפּאָטעזע, וואָלט ער געווען באַרעכטיקט. ווען גלויבן זאָגט אָבער: דערפֿאַר וואָס מ׳קען נישט וויסן, איז עס „העכערער וויסן", איז עס „אוממיטלבאַרער וויסן", — איז עס אומזין.

און דאָך איז עס געווען, אַז זינט דער בעל־שׂכל איז צו זײַן שׂכל געקומען, האָט ער געמאַכט פֿאַרן יסוד פֿון זײַן גײַסטיקן לעבן, נישט וויסן, נאָר גלויבן. און אין אַלע עפּאָכעס און אין אַלע דורות זײַנען אויפֿגעקומען אַן אומענדלעכע צאָל גלויבנס, וואָס יעדער איינער האָט אָפּגעלייקנט דעם צווייטן, און יעדער גלויבי־קער איז געווען אַבסאָלוט איבערגעצייגט אַז בלויז זײַן גלויבן איז דער איינציק־ריכטיקער און די גלויבנס פֿון די אַנדערע מילי־מיליאָנען מענטשן זײַנען נישטי־קע איינבילדונגען און שטותערייען...

אַזוי איז די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע איבערגעפּולט מיט גלויבונגען. נישטאָ אין ערגעץ קיין מענטשלעכע געמיינשאַפֿט וואָס זאָל זײַן אויסגענומען פֿון דעם. ווו מיר זאָלן זיך נישט קערן און ווענדן, אויף וואָס פֿאַר אַ פּונקט אָרט אויף דער ערד און אויף וואָס פֿאַר אַ פּונקט צײַט אין דער היסטאָריע, וועלן מיר אומעטום טרעפֿן דאָס לעבן איבערגעלאָדן מיט די משונהדיקסטע גלויבונגען. ווען מ׳וואָלט געוואָלט צונויפֿזאַמלען די גלויבונגען פֿון דער מענטשהייט, וואָלטן די

דיקסטע בענדער געווען צו ווייניק. פאַר וואָס איבערראַשט עס אונדז נישט? פאַר וואָס ראַשט אונדז נישט איבער דער פאַקט, אַז דער אוניווערסאַלסטער אויסדרוק פון מענטשלעכער קולטור, זיינען משונהדיקע, אומפאַרשטענדלעכע גלויבונגען? ווען עס וואָלט ערגעץ געווען אַ באמת פאַרנונפטיקע וועלט, ווו דאָס לעבן וואָלט באמת געווען באַזירט אויף וויסנשאַפט און שכל, ווען אַ מענטש פון אַזאַ שכלדיקער וועלט וואָלט אַראָפּגעקומען צו אונדז און וואָלט זיך באַקענט מיט אַלץ וואָס מיר מענטשן האָבן געגלייבט, וואָלט ער געמוזט קומען צום אויספיר, אַז אונדזער קולטור איז אַ קולטור פון חסר־דעהדיקע ברואים. און ווען מיר וואָלטן אים געזאָגט, אַז מיר זיינען שכלדיקע וועזנס, וואָלט ער עס אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס.

און גלויבן איז נישט קיין זאַך פון פאַרגאַנגענע צייטן און פון אַ פאַרגאַנגענעם, פסיכיש נידעריקן סאָרט מענטש ווי מיר, נאָר גלויבן איז אַ זאַך פון היינטיקן מענטשן און פון אונדז אַליין. פּאָטענציעל זיינען מיר די זעלביקע גלויביקע וואָס אונדזערע עלטערן. מיטן פאַרשן און פאַרשטיין רעליגיע, פאַרשן מיר נישט דעם מענטשן פון עבר, נאָר מיר פאָרשן דעם מענטשן פון איצט. מיר פאָרשן זיך אַליין. דער איצטיקער מענטש איז מסוגל צו גלויבן אין דעם אַלעמען אין וואָס עס האָבן געגלייבט זיינע אָבות.

II

די ביז איצטיקע פאָרשונג אויפן געביט פון רעליגיע, איז געווען אויסצוגעפינען דעם „פאַרוואָס" פון די אָדער יענע רעליגיעזע איינשטעלונגען. דעם אומגעהייער טיפן און וויכטיקן באַדייט דערפון, וואָס ס'איז בכלל דאָ אַזאַ זאַך ווי רעליגיע, אין וועלכער די מענטשהייט האַלט זיך אַזוי פעסט איינגעקלאַמערט, אַז מ'קען זי בשום אופן נישט אַרויסשלאָגן פון אירע הענט, דאָס האָט מען נישט געשאַנקען גענוג אויפמערקזאַמקייט.

מיר מיינען, אַז פריִער פון אַלץ דאַרף מען אונטערשרייַכן און באַטאָנען די אומגעהייערע וויכטיקייט פון דעם פאַקט גופא, וואָס ס'איז בכלל דאָ אַזאַ דערשיינונג ווי גלויבן, פון וועלכער די מענטשהייט וויל זיך נישט אָפּלאָזן. גלויבן איז די אוניווערסאַלסטע דערשיינונג אין דער מענטשלעכער קולטור. איז ווי קענען מיר צוגיין פאַרשטיין דעם מענטשן און זיין לעבן, נישט אויספאָרשנדיק און נישט פאַרשטייענדיק פריִער זיין אוניווערסאַלסטע קולטור־דערשיינונג?

אין רעליגיע איז וויכטיק אָנצוווייזן נישט אַזוי דעם „פאַרוואָס" די אָדער יענע מיסטישע אידעע איז אַנטשטאַנען, נאָר פאַר וואָס די מיסטישע אידעען האָבן זיך פאַרוואָרצלט, זיינען אַריינגעדרונגען אין לעבן, און האָבן אויף לאַנגע יאָרטויזנטער פאַרבלענדט די מענטשן. נישט די איינצלנע געדאַנקען־אַרויסברענגערס אינטערעסירן אין רעליגיע, נאָר די מיליאָנען געדאַנקען־אויפנעמערס. וואָלט עס

געבליבן בלויז ביי די ערשטע, וואָלט עס געווען אַ פראַגע פון איינצלנע אומנאָר־מאַלע אינדיווידן, וואָס ווערן געבוירן אין יעדן דור, און זיי וואָלטן געווען אַ שטודיר־אָביעקט פאַר דער פסיכיאַטריע. איז עס אָבער אַ זאַך פון דער מענטש־הייט אין אַלע אירע איביקייטן, און עס איז דאָס פונדאַמענטאַלסטע סאָציאַל־פסי־כאָלאָגישע פראָבלעם וואָס עס איז דאָ אויפצוקלערן. ווייל, וואָלטן די מיסטישע אידעען נישט געפונען אויף וואָסער ס׳איז אופן אַן אָפקלאַנג אין די הערצער און במילא אין די מוחות פון די מיליאָנען; וואָלטן די מיסטישע אידעען זיי נישט מיט עפעס איבערגעצייגט; וואָלטן די אידעען זיי נישט אָנגערעגט, נישט באַווירקט און נישט אַפעלירט צו זיי, וואָלטן דאָך די מיליאָנען די דאָזיקע אידעען נישט אויפגענומען און ס׳וואָלט פון זיי קיין שפור נישט געבליבן. אויב די מאַסן פון אַלע צייטן האָבן די דאָזיקע אידעען יאָ אויפגענומען, איז עס דאָך אַ קלאָרער באַווייז, אַז די אידעען האָבן יאָ געפונען ביי זיי אַן אָפקלאַנג. איז, בכן, דאָס וויכ־טיקסטע אין רעליגיע־פאָרשונג אויסצוגעפינען נישט די לאָגיק פון דעם, פאַר וואָס ס׳האָט זיך אַ מאָל אין איינעם אַן אומנאָרמאַלן מוח געשאַפן אַזאַ און אַזאַ מאָדנער איינפאַל, אַזאַ און אַזאַ צעדרייטע סימבאָליק און פאַרקריפלטע פאַרבינ־דונג פון זאַכן, וואָס מיר, היינט, זיינען עס גאָר נישט בכוח אָנצוהייבן פאַרשטיין, נאָר דאָס וויכטיקסטע איז אויסצוגעפינען יענע כוחות וואָס האָבן באַוויגן די מאַסן זיך אָנצוכאַפן, זיך איינצוקלאַמערן, אויפהיטן און קולטיווירן די ווילדע פלאַנצן פון קראַנקע טרוימערס.

די אוניווערסאַלע אידעען וואָס באַהערשן די מענטשלעכע מאַסן, זיינען וויכ־טיק נישט אַלס אידעען, נאָר זיינען וויכטיק דורך זייער פאַרוואָרצלטקייט און פאַרשפרייטקייט. דערפינדן אַן אידעע, איז אַ זאַך פון איינעם; די פאַרוואָרצלונג און פאַרשפרייטונג פון אַן אידעע, איז די זאַך פון אַ סך. אויפנעמען אַ אידעע און נאָך מער, זיך איינקלאַמערן אין איר, הייסט, זי פאַראייגענען, הייסט דער־קלערן: אַט די אידעע אַנטשפרעכט, דירעקט־אויס און באַפרידיקט מיין אינערלעכ־קייט; ס׳איז מיין אידעע. וואָס שנעלער אידעען פאַרשפרייטן זיך און וואָס שטאַר־קער זיי פאַרוואָרצלען זיך, אַלץ מער געהערן זיי צו זייערע אויפנעמערס און אַלץ מער קען מען דורך זיי דערקענען די אויפנעמערס.

אַן און פאַר זיך, זיינען די ברייטע אידעען אין וועלכע די מענטשלעכע מאַסן האָבן שטענדיק געגלייבט, געווען איבערגעצייגט אין זייער ריכטיקייט און לויט די געהאַנדלט און געווירקט, לחלוטין נישט אינטערעסאַנט. פאַרקערט, עס איז נישטאָ קיין מער אומאינטערעסאַנטע זאַך, ווי פאָפולערע ברייט־פאַרשפרייטע, אַלגעמיין־אָנגענומענע אידעען. פונעם שטאַנדפונקט פון די אידעען, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז וואָס ווייניקער פאָפולער, וואָס ווייניקער אוניווערסאַל, אַלץ אי־טערעסאַנטער און וויכטיקער. דעם סאָציאַל־פילאָסאָף אינטערעסירן אָבער נישט די אינטערעסאַנטע און וויכטיקע אידעען פון די ווייניקע, נאָר די אומאינטערע־סאַנטע און אומוויכטיקע פון די סך.

דער אומאָפּשאַצלעכער ווערט פון די רעליגיעזע אידעען באַשטייט אין דעם, וואָס זיי זיינען די אוניווערסאַלסטע אידעען פון דער מענטשהייט, און דורך זיי קען מען מער ווי דורך אַלע אַנדערע דערקענען ווער און וואָס דער מענטש איז. דער גרויסער ווערט פון רעליגיע, איז נישט אין איר פילאָסאָפיע, נאָר אין איר פסיכאָלאָגיע. ווען מ'ווייס אין וואָס איינער גלייבט, ווייס מען ווער ער איז. „זאָג מיר דיין גלויבן, און איך וועל דיר זאָגן ווער דו ביסט".

באַזונדערס וואָלט סאָציאָלאָגיע זיך באַדאַרפט פאַרנעמען, אויפן ערשטן פּלאַץ, מיט פאַרשטיין רעליגיע, ווייל דאָס איז די אוניווערסאַלסטע קולטור־היסטאָרישע דערשיינונג, וואָס פאַרבינדט אַלע מענטשלעכע קיבוצים פון די ווייטסטע צייטן און פון די ווייטסטע מקומות. פאַרשטיין די אומעטומיקייט און שטענדיקייט פון רעליגיע, מיינט אַריינדרינגען אין די טיפסטע טיפענישן פון די קולטור־היסטאָרישע טרייב־כוחות. מיטן באַגרייפן פאַר וואָס די מענטשהייט איז אַזוי צוגעהאַ־מעטעוועט צו גלויבן, קריגן מיר דעם שליסל צו פאַרשטיין איר אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע פסיכאָלאָגיע.

דער חסרון פון דער ביז איצטיקער רעליגיע־פאָרשונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס צוגייענדיק פאָרשן רעליגיע, האָט מען נישט באַקומען, ביים ערשטן אָנבליק, די שטאַרקע איבערראַשונג פון דער מאָדנעקייט, אומגעוויינטלעכקייט און אומפאַרשטענדלעכקייט פון איר אַנווּזנהייט. מ'נעמט־אָן רעליגיע ווי אַ פאַר־שטענדלעכע זאַך, וואָס מ'דאַרף אַ ביסל אויפקלערן. דאָס נעמט זיך אַוודאי פון דעם, וואָס פון דער פריסטער קינדהייט־אָן זיינען מיר געוווינט מיטן דאָזיקן געדאַנק און ער מאַכט אויף אונדז קיין איינדרוק נישט. זיין בייקיים גיט נישט קיין שלאָג אויף אונדזער גייסטיק אויג און צווינגט אונדז נישט זיך צו איבערראַשן. עס נעמט זיך אויך דערפון, וואָס די דאָזיקע וואָס באַאָבאַכטן און פאָרשן, גע־הערן דאָך, סוף־כל־סוף, אויך צו דעם זעלביקן מין מענטש וואָס אַלע, און די זעלביקע פסיכישע סיבות, וואָס האָבן באַוועגט און באַוועגן מילי־מיליאָנען מענ־טשן צו גלויבן, באַוועגן זיי אויך צו אַ מין אינערלעכן מיטפילן די זאַך, און דאָס טעמפּט־אָפּ די שאַרפקייט פון דער פאַרחידושונג, וואָס דאָס איז דער וויכטיקסטער תנאי פאַרן ריכטיקן פאָרשן.

כדי מיר זאָלן קענען באַנעמען די גאַנצע גרויסע באַדייטונג וואָס עס האָט די אוניווערסאַלקייט פון די מענטשלעכע גלויבונגען פאַר פאַרשטיין זיין גייסט און זיין לעבן, מוזן מיר זיך אָנשטרענגען צו קוקן אויף זיי מיט דעם מאַקסימום אָביעקטיווקייט. מיר מוזן זיך אַזוי פאַרויסערן און דערווייטערן פון די גלויבונ־גען, אַז מיר זאָלן פאַרווישן אין זיך יעדן שפּור פון מיטגעפיל צו זיי, אינערלעך פאַרלירן מיט זיי יעדן קאָנטאַקט.

עס איז זיכער אַז פאַרן אויפהאַלט פונעם גלויבן האָבן מיטגעווירקט טראַ־דיציע און דערציִונג. עס איז מער ווי באַטירלעך, אַז גלויבונגען, וואָס מענטשן האַלטן פאַר דאָס וויכטיקסטע אין זייער לעבן, זאָלן זיי מיטן גרעסטן פלייס, איי־

פער און עקשנות, זוכן איבערצוגעבן צו זייערע קינדער. די מענטשלעכע דורות זיינען פון דער פריסטער קינדהייט אָן דערצויגן געוואָרן אויפן שטרענגסטן אופן אינעם גלויבן פון זייערע אָבות און פון זייער געמיינדע. נישט בלויז האָבן לע־רערס און טאַטע־מאַמע געזאָרגט, אַז דאָס קינד זאָל גלויבן אין דעם וואָס זיינע עלטערן, נאָר די סביבה גופא האָט געווירקט אויפן קינד גלייך פון געבוירנטאָג אָן, אַז ער זאָל אַריינזאַפּן אין זיך אַריין דעם גלויבן פון זיין סביבה. צוגלייך מיט דעם רייף ווערן פון זיין באַוווסטזיין, האָט דאָס קינד אין זיך אַריינגענומען די אמונה און מנהגים פון זיינע פאָרגייערס. און, די פּריסטע, ספּאָנטאַנע דערציִונג פון אַרומיקן לעבן זעלבסט, ווירקט מעכטיק און דאָמינירנדיק אויפן מענטשנס גייסט. ספּאָנטאַן און אומבאַמערקט דרינגען־אַריין רייד, טועכצן, באַנעמונגען און געוווינהייטן פון דער סביבה אין דעם קינדערשן מוח און ווערן אַ באַשטאַנדטייל פון זיין באַוווסטזיין. פּונקט ווי עס ווערט פאַר אים נאַטירלעך און בויטוועגדיק, אַז די זון זאָל יעדן פרימאָרגן אויפגיין און יעדן פאַר נאַכט אונטערגיין, אַזוי ווערט פאַר אים נאַטירלעך און בויטוועגדיק אַפילו דער משונהדיקסטער מנהג פון זיין אַרום מיט וועלכן ער איז אויסגעוואַקסן. דאָס אַלץ וואָס מיר זעען, הערן, פילן פאָרקומען אַרום אונדז, ווען מיר זיינען נאָך קינדער, איידער עס הייבט־אָן צו דערוואַכן אין אונדז דער זעלבסט טעטיקער דענקען, דרינגט־אַריין אין אונדזער מוח און לאָזט דאָרט איבער אַ טיפן איינדרוק.

די געוווינהייטן, שטייגערס און גלויבונגען, וואָס ריגגלען אַרום דעם קינד, האָבן אַ דעצידירנדיקע ווירקונג פאַר דער אינטעלעקטועלער און גייסטיקער איינ־שטעלונג פון גאַר זיין לעבן. ווען דער יונגער אינדיווידואום ווערט רייף אָנצוהייבן זעלבשטענדיק נאָכדענקען וועגן זאַכן און דערשיינונגען, טרעפט ער שוין אין זיין מוח אַ גאַנצן אַרסענאַל פון קענטעניש; זיינע געהירן שטעלן שוין פאַר מיט זיך אַ גאַנצע ענציקלאָפּעדיע פון סאָציאַלן־ און וועלט־וויסן. און אַזוי ווערט דער מענטשלעכער שכל, נאָך איידער ער איז געבוירן, שוין געפאַנגען און פאַרפלאָנ־טערט אין אַן אויסגעאַנגלאָזן לאַבירינט. דער גרעסטער טייל מענטשן לערנען זיך אויס זייער „סאָציאַלע־ און וועלט־פילאָסאָפיע" אין די ערשטע עטלעכע יאָר פון זייער לעבן... בלויז גרויסע און געוואַגטע מוחות, וועמענס צאָל איז, צום באַ־דויערן, זייער קליין צווישן די מענטשן, און וועלכע זיינען באַשאָנקען מיט אַן אומבאַזיגלעכער ליבע צום אמת און מיט אַ זעלבשטענדיקן כאַראַקטער, בלויז די דאָזיקע וואַגן אַראָפּצוואַרפן פון זייער געדאַנק די פענטעס פון דערציִונג און סביבה; בלויז זיי, די דאָזיקע נאָבעלע מורדים אין די פּרעפּאָטענטע געצן פון דער געזעלשאַפט; בלויז זיי, די פּאָרויסטרייבערס פון דער געשיכטע און שמידערס פון מענטשלעכן פּראָגרעס — בלויז זיי זיינען פעיִק זיך צו באַפרייען פון די גייסטיקע קייטן, וואָס דערציִונג און סביבה האָבן אויף זיי אָנגעטאָן אין דער קינדהייט, און כאָטש איינזאַמע, פאַרשטויסענע און פאַרפאָלגטע, פאָדערן זיי דאָך אַן איבערשאַ־

צוגג פון די אָנגענומענע ווערטן און ווערן די נביאים פון נייע און צוקונפטיקע מענטש־ און וועלט־אמתן.

די מענטשהייט — האָט געזאָגט אַן אַלטער דענקער — טיילט זיך אויף צוויי טיילן: אויף דער גרויסער מערהייט וואָס גלייבט און דענקט נישט, און אויף אַ קליינער מינדערהייט, וואָס דענקט און גלייבט נישט.

איז כאָטש גלויבן איז פאָרסירט און אונטערגעהאַלטן געוואָרן פון טראַדיציע און דערציונג, דאָך, ווען גלויבן וואָלט געווען בלויז אַ מין דערפינדונג וואָס איז אַמאָל, צוליב די אָדער אַנדערע סיבות געמאַכט געוואָרן, וואָלט ער זיך, מיטן כוח פון דערציונג און טראַדיציע, געקענט האַלטן בלויז אין איין באַשטימטער תקופה. גלויבן איז אָבער אַן אַלהיסטאָרישע דערשיינונג. און דערצו קלעקט שוין נישט די דערקלערונג פון דערצונג און טראַדיציע. אײַנגעשטעלטע שטייגערס, האַלטן זיך מיטן כוח פון טראַדיציע אַזוי לאַנג ווי לאַנג עס קומט נישט קיין אָבדראַנג פון אַ נייער קולטור וואָס צעשטערט די פריערדיקע. ווי באַלד אָבער עס קומט יאָ אַ נייע קולטור און צעשטערט די פריערדיקע, הערט־אויף טראַדיציע צו ווירקן. גלויבן האָט זיך, דורך אַלע היסטאָרישע פּאַזעס, אין תוך, דערהאַלטן אומפאַרענדערט, און יעדע נייע וואַריאַציע אירע פלעגט זיך ווידער און אָבער אַ מאָל אָנגעמען און אַריינדרינגען אין לעבן. איז עס אַ באַווייז, אַז דאָ האָט נישט געווירקט בלויז דערציונג און טראַדיציע, נאָר אַז גלויבן, אין איר יעדער נייער פאָרעם, האָט שטענדיק געהאַט אַ גינסטיקן באָדן אין מענטשן. געוווינהייט און טראַדיציע קענען בלויז מיטווירקן צו פאַרשטאַרקן און פאַרפעסטיקן די אויפהאַלטעוודיקייט פון אַ געוויסן גלויבנס־אופן נאָך דעם ווי ער איז שוין אײַנגעשטעלט, אָבער קענען נישט מחייב זיין זיין עצם אַנטשטייונג. עס זעט אויס ווי יעדער נייער דור, כאָטש ער האָט איבערגענומען פון דעם פאָריקן די ריין פאָרמעלע זייט פון גלויבן, האָט ער דאָך גלויבן אָנגעפילט מיט זיין אייגענעם עמאָטיוון אינהאַלט; עמאָטיוו, האָט יעדער דור פון ס׳ניי דערפונדן רעליגיע. ווען רעליגיע וואָלט נישט געווען דערפונדן געוואָרן פון די פריערדיקע דורות, וואָלט יעדער שפּעטערדיקער דור איר אַליין דערפונדן. די „טעאָלאָגיע“ וואָלט אין יעדן דור געווען אַ ביסל פאַרשיידן; די אינערלעכע אינהאַלטן אָבער, די פסיכישע באַזע, וואָלט שטענדיק געווען די זעלביקע, אָפּהענגיק, באַטירלעך, פון דער מדרגה אַנטוויקלונג אויף וועלכער עס וואָלט זיך געפונען דעם מענטשנס גייסט.

בכן, נישט ווען רעליגיע וואָלט געווען אַ פּראָדוקט פון סביבה־ווירקונג, נישט ווען זי וואָלט געווען אַ פּראָדוקט פונעם מענטשלעכן אינטעלעקט, וואָלט זי געקענט זיין אַזוי דויערהאַפטיק און אומעטומיק. נאָר דערפאַר וואָס רעליגיע, אין אַלע אירע פאָרמען און מדרגהס, איז אַ פּראָדוקט פונעם מענטשנס ווילן און פילן, נאָר דערפאַר קען זי זיין אַזוי קאָנסטאַנט און טיף פאַרגראָבן אינעם מענטשלעכן לעבן פון אַלע צייטן. ווען ווילן באַפעלט, דעמאָלט איז גאָר נישט פאַראַן אַזאַ אומ־

מעגלעכקייט אויף וועלכער שכל זאָל נישט געבן זיין הסכמה, וועלכעס שכל זאָל נישט קענען „דערוויזן" און „איבערצייגן" אין דעם...

פאָרשן און פאַרשטיין רעליגיע מיינט: אויסגעפינען די מעכטיקע ווילנס־קרעפטן וואָס האָבן געשטויסן צו איר; מיינט, אָנווייזן און אידענטיפיצירן די טיפע און אָרגאַנישע כוחות, די שלאָגנדיקע און שטראָמענדיקע עמאָציעס און אימפּולסן וואָס האָבן איביק און שטענדיק מיטגעריסן און אַראָפּגעשווענקט דעם מענטש־לעכן שכל אין דער ריכטונג צו רעליגיע.

ייד און גאט

**
*

דער מחבר פון די דאָזיקע שורות האַלט, אַז די אַנטשטייונג און פריִע אַנט־וויקלונג פון ייִדישקייט קען מען נישט אַנדערש דערקלערן, ווי נאָר דורך דער ווירקונג פון גרויסע שעפערישע יחידים. דער ערשטער אַנשטויס איז געווען די מאָנאָטעיִסטישע אידעע, וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון זעלבשטענדיק־דענקענדיקע ייִדן, וועלכע האָבן זיך באַמיט זי צו פאַרשפּרייטן און פאַרוואָרצלען אין זייער פּרימיטיוון אַרום. עס זיינען נאָך דעם געקומען די עטישע נביאים, ד״ה, יחידים מיט אַ שטאַרקן מאָראַלישן געפיל אין זיך, וואָס האָבן די מאָנאָטעיִסטישע אידעע עטיזירט, און עס איז געקומען דער עטישער מאָנאָטעיִזם. עס האָבן אויך מיטגעווירקט יחידים מיט גרויסע ליטעראַרישע טאַלאַנטן, ערשטקלאַסיקע וואָרט־מייסטערס, וואָס האָבן אָנגעשריבן די פאַרשיידענע ביכער פון תנ״ך און געשאַפן דעם ספר־הספרים. כאָטש אַ סך אין תנ״ך איז געשאַפן אונטער פרעמדער השפעה, דאָך האָבן די טאָטאַלע צופּאַסונג פון די פרעמדע מקורים צום מאָנאָטעיִסטישן געדאַנק און די הויכע ליטעראַרישע קוואַליטעט פונעם דאָזיקן ווערק, אים גע־מאַכט פאַר דער אוניווערסאַלסטער מענטשלעכער שאַפונג. דער תנ״ך איז געווען אַ כסדרדיקער טרייב־כוח פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון די ייִדישע רעליגיעזע אידעען. בכן, איז ייִדישקייט פריִער פון אַלץ און איבער אַלץ אַ פּראָדוקט פון גרויסע שעפערישע יחידים. די שעפערישע יחידים זיינען נישט קיין פּראָדוקט פון קיין פאָלק און נישט פון קיין סביבה; זיי זיינען אַ פּראָדוקט פון זיך אַליין, אַזוי ווערן זיי געבוירן; זיי זיינען אַ ביאָלאָגישער פענאָמען. פאָלק און סביבה העלפן זיי בלויז זיך רעאַליזירן. די שעפערישע יחידים זיינען דער זאָמען וואָס פאַלט אין באָדן. כדי דער זאָמען זאָל זיך אָננעמען, זיך צעבליִען און צעוואַקסן, מוז קומען די מיטווירקונג פון באָדן און קלימאַטישע באַדינגונגען. דער געדאַנק וועגן אַן איינציקן גאָט, איז נישט געווען קיין נייס. אָבער אין ערגעץ איז פון דאָזיקן געדאַנק נישט געוואָרן קיין רעליגיע, נאָר בלויז ביי ייִדן. דאָס איז געווען דערפאַר וואָס אַ גאַנצע רייע אויסוויקלונגען אין דער אור־געשיכטע פון אונדזער שטאַם און דער ספּעציפישער אַרום אין וועלכן ער האָט זיך באַוועגט, האָבן דערצו מיטגעהאָלפן. אָט דעם ספּעציפישן אַרום און אָט די אויסוויקלונגען דאַרף מען אויפמערקזאַם באַטראַכטן און אויספאָרשן. עטישע אינדיווידן זיינען געבוירן גע־וואָרן נישט בלויז ביי ייִדן, נאָר אויך ביי אַנדערע פעלקער. דאָך זיינען אין אַ

באַשטימטן מאָמענט געשאַפן געוואָרן די נייטיקע תנאים, אַז עטישע יחידים זאָלן זיך קענען פאַרוואַנדלען אין נביאים. דאָס זעלביקע איז מיט אַ סך אַנדערע איינ־שטעלונגען אין דער ייִדישער אמונה. דער געדאַנק פון אַן אַבסטראַקטן, בילדלאָזן גאָט, למשל, איז אין אַלטערטום נישט געווען קיין נייס. פון דעסט וועגן האָט זיך דער דאָזיקער געדאַנק אין קיין רעליגיע נישט אָנגענומען, נאָר בלויז אין דער ייִדישער. דעם פאַרוואָס דערפון איז מען באַרעכטיקט צו זוכן אין דעם ספּעציפישן ייִדישן אַרום. דאָס זעלביקע איז מיט אַ סך מצוות און געבאָטן.

די ייִדישע אמונה — און בכן דאָס ייִדישע פאָלק — איז אַ פּראָדוקט פון גרויסע יחידים, צוזעהאָלפן און באַגינסטיקט פון די ספּעציפישע תנאים פון דעם דעמאָלטיקן ייִדישן לעבן.

קאַפּיטל 1

די מאַנאָטעיסטישע אידעע

פון וואַנען האָבן זיך גענומען ייִדן אויף דער וועלט? — קיין פּראָדוקט פון דער נאַטור־סביבה האָבן ייִדן נישט געקענט זיין. זייט זייער פריסטן באַגינען האָבן ייִדן געלעבט צווישן זייערע סעמיטישע שטאַם־ברידער און זיי זיינען אין אַלע היבזיכטן געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון זיי. בשום אופן קען מען נישט אָנווייזן, אַז ייִדן זאָלן האָבן געלעבט אונטער אַנדערע נאַטור־תנאים ווי אַלע סעמיטישע גרופּעס און פעלקער, און אַז די דאָזיקע אַנדערע תנאים האָבן עס משפּיע געווען אויף דער אויסבילדונג פון זייער כאַראַקטער און אַרט דענקען און אַז דער וועלט־געדאַנק, וועלכן זיי האָבן נאָך דעם אַרויסגעשטעלט, און וועלכער האָט געשפּילט אַזאַ גוואַלדיקע און דעצידירנדיקע ראָל אין דער מענטשלעכער געשיכטע, איז געווען אַ פּראָדוקט פון די דאָזיקע תנאים. דורך דעם גאַנצן לאַנגן וואַנדער־וועג וואָס די אור־ייִדן האָבן דורכגעמאַכט, האָבן זיי אין אַלע פּרטים געלעבט אין דער זעלבער אומגעבונג און ביי אַבסאָלוט די זעלבע תנאים, וואָס אַלע אַלט־סעמיטישע פעלקער און זיך מיט גאָר נישט אונטערגעשיידט — און זיך נישט געקענט אונטערשיידן — פון יענע: אויב אַזוי פרעגט זיך: פאַר וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אויסטיילן פון דעם גרויסן האָמאָגענישן סעמיטישן קאָנגלאָמעראַט די נייע איינהייט, פון וועלכער ס'איז נאָך דעם אַרויסגעקומען דאָס מערקווירדיקסטע פאָלק אין דער וועלט און צו וועמענס ראָל אין דער אַלגעמיין־מענטשלעכער געשיכטע קיין אומה ולשון קען זיך נישט גלייכן?

נישט אַנדערש נאָר אַז דער ערשטער אָנשטויס, די סיבה ראשונה פאַר דעם דאָזיקן דיפערענציע־פּראָצעס, איז געווען די מאָנאָטעיִסטישע אידעע.

ווער עס האָט די דאָזיקע אידעע אַרויסגעבראַכט און ווען זי איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן, אויף דעם איז שווער צו געבן אַ באַשטימטן ענטפער. עס איז אָבער זיכער אַז אַ דענקענדיקער ייִד פון דער אור־צייט האָט אַרויסגעבראַכט דעם איין־גאָט־געדאַנק און זיך געמיט אים צו פאַרפלאַנצן צווישן זיינע נאָענטע שטאַם־ברידער. דער מקור פון מאָנאָטעיִזם איז דער חומש. און דער חומש האָט דאָך ווען עס איז געמוזט געשאַפן ווערן. הייסט עס, אַז ייִדן זיינען די עווענטועלע אַרויסברענגערס פון מאָנאָטעיִסטישן געדאַנק. די פראַגע ווער און ווען, איז פון צווייטראַנגיקער וויכטיקייט. סיי ווען דאָס איז געווען משה, סיי ווען דאָס זיינען

געווען כוהנים און נביאים פון צוויי־מלוכות פעריאָד. סיי ווען דאָס איז געווען עזרא הסופר, אַלץ אײנס זײנען עס געווען ייִדן, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט דעם איין־גאָט געדאַנק אין מיטן פון אַ געצנדינערישער וועלט.

לויט דער ייִדישער מסורה, איז אַברהם אָבינו געווען דער ערשטער וואָס האָט אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק וועגן איין גאָט. קען מען גישט וויסן אויף וויפל עס איז דאָ ממשות אין דער אַברהם־לעגענדע און צי ס'איז טאַקע אמת די מעשה, אַז ס'האָט אַמאָל געלעבט אַ סעמיטישער פּאַטריאַרך מיטן דאָזיקן נאָמען און אַז ער איז געווען דער שטאַם־פאָטער פון די ייִדן. דאָס איינציקע וואָס מיר ווייסן איז, אַז עס האָט געמוזט זיין אַן ערשטער פרעדיקער פון איין־גאָט געדאַנק און דאָס האָט זייער גוט געקענט זיין אַ קלוגער מאַן פון דער שטאָט אור כשדים, איינער פון די גרעסטע קולטור־צענטערס פון יענער וויטער צייט. דאָס האָט באַדאַרפט זיין אַ מין פאַרצייטיקער חכם, מיט וועלכער דער אַלטער אָריענט איז געווען פול. עס קען זייער זיין, אַז כדי אויסצומיידן צוזאַמענשטויסן מיט זיין אַרום, איז דער דאָזיקער איינזאַמער דענקער־פּאַטריאַרך געווען געצוווּנגען צו פאַר־לאָזן זיין שטאַם־לאַנד און זיך לאָזן זוכן אַ נייע היים, ווו צו שלאָגן וואָרצלען.

עס וואָלט אַוודאי גוט געווען, ווען דער חומש וואָלט אונדז עפּעס דערציילט וועגן דעם שווערן לעבנס־וועג פון דעם דאָזיקן ערשטן גאָט־זוכער, וועגן זיינע ספקות און אינערלעכע ראַנגלעניש, וועגן זיין מעדיטירן און נאָכדענקען. אָבער דער חומש איז נישט דאָס בוך זיך צו פאַרנעמען מיט אַזעלכע זאַכן — אונדז צו דערציילן עמיצנס אינערלעך לעבן און שילדערן דעם דערנער־וועג פון זיין אידעיִשן אויפשטייג, מעג עס אַפילו זיין פון דעם ערשטן אָנזאָגער פון אַ איינ־ציקן גאָט.

דאָס וואָס באַוועגט איינעם זיך צו פאַרנעמען מיט דער אַברהם־פיגור, איז דער איינדרוק, אַז די ייִדישע מסורה, וואָס הייבט אָן די געשיכטע פון ייִדישן פאָלק און ייִדישן גלויבן מיט אַברהם אָבינו, האָט אַ געוויסן גרונט. עס גלייבט זיך נישט, אַז דאָס זאָל זיין אין גאַנצן אַן אויסטראַכטעניש. אַזעלכע זאַכן טראַכט מען נישט אויס גלאַט אַזוי, אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועך. עפּעס מוז די אָבות־לעגענדע האָבן אַ וועלכן עס איז רעאַלן גרונט. אַזעלכע טראַדיציעס האַלטן זיך אויף אינערהאַלב די מענטשלעכע שטאַמען במשך פון לאַנגע תקופות. דער אָנדענק וועגן זיי גייט איבער פון טאַטעס צו קינדער און פון דור צו דור. די געדעכעניש פון אַ ייִדישן שטאַם־פאָטער, וואָס איז גלייכצייטיק געווען דער ערשטער גאָט־טרוימער, איז געווען, זעט אויס, טיף פאַרוואָרצלט צווישן די אַלטע עברים און מען מוז עס נעמען אין אַכט ביים צוגיין באַטראַכטן דעם ייִדישן אורשפּרונג. בפרט אַז אין דער אָבות־לעגענדע איז נישטאָ קיין שום אוממעגלעכע זאַך. דער שכל הישר דערלאָזט, אַז עס קענען האָבן געלעבט אַ ריי פילאָסאָפיש געשטימטע פּאַטריאַרכן וואָס האָבן געגלויבט אין אַ איינציקן גאָט און אַז דער דאָזיקער גלויבן איז געוואָרן דער צענטער אַרום וועלכן עס האָט זיך אָנגעהויבן

וועבן די איינהייט פון יידישן שטאַם. עס מוז נישט הייסן, אַז אַלע אָנגעהעריקע צום שטאַם, האָבן שוין באַלד אָנגעהויבן פּראַקטיצירן אַ וועלכע עס איז מאָנאָ־טעיִסטישע רעליגיע אָדער האָבן מאָנאָטעיִסטישע דאָגמען. אָ, ניין, עס איז נאָך גאַנץ ווייט געווען דערפון ביז עס האָט אָנגעהויבן אויפקומען עטוואָס אַזעלכעס, וואָס מ'קען אָנרופן רעליגיע. דאָ איז די רייד בלויז וועגן אַן אומקלאָרער, מטושטשער אידעע וועגן אַן איינציקן גאָט. אַרום דער דאָזיקער אידעע האָט זיך אָנגעהויבן גרופּירן, פאָרמירן און אויסקריסטאַליזירן די גרופּע עברים. די דאָ־זיקע אידעע האָט אָנגעהויבן צו פאַרבינדן די בני ישראל; צו באַפעסטיקן זייער איינהייט און שאַפן פון זיי אַ גאַנצקייט. אין אַלע היגזיכטן זיינען זיי געווען אַ סעמיטישער שבט, גלייך ווי אַלע סעמיטישע שבטים אַרום זיי. נישט מער זיי האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ אַבונג וועגן איין גאָט, וועלכן מען האָט אָנגעהויבן רופן דער גאָט פון די עברים.

***

די אויסגראָבונגען אין די ערטער פון וואַנען עס שטאַמען די פּרימיטיווע עברים, ווייזן אַז מיר יידן שטאַמען פון אַ שבט פּראָפעסיאָנעלע קריגערס. אונ־דזערע אור־עלטערן האָבן געהאַט אַלס זייער נאַציאָנאַלע אינדוסטריע — קריג. זיי האָבן געלעבט דערפון וואָס זיי פלעגן באַפאַלן זייערע שכנים און צונעמען זייער פאַרמעגן.

זינט דעם 19טן י"ה פ"ק (אומגעפער אין דער זעלבער צייט ווען עס זאָל האָבן געלעבט אַברהם אָבינו), הייבט מען אָן צו געפינען אין די אויסגראָבונגען פון מעסעפּאָטאַמיע, סיריע און עגיפּטן דערמאָנען דעם נאָמען כאַבירי. זיי ווערן זייער אַ סך דערמאָנט אין די דאָקומענטן פון מארי און נוזי, אין חיתישע קוועלן און אין תל אל אַמאַרנאַ. אין די דאָקומענטן פון מעסאָפּאָטאַמיע און סיריע פון 19טן און 18טן י"ה פ"ק, ווערן זיי געשילדערט אַלס לאַנדלאָזע קריגערס, רייטערס, געפאַנגענע און שקלאַפן, פון אַ געמישטן עטנישן אָפּשטאַם. אין כנענישע מקורים ווערן זיי אָפט דערמאָנט אין בריוו פון אָנהויב 14טן י"ה פ"ק (אומגעפער אין דער צייט, ווען עס זאָל האָבן פאָרגעקומען די אַריינדרינגונג פון די יידן קיין כנען), אַלס רייטערס און אַלס רעבעלן קעגן דער עגיפּטישער אויטאָריטעט, טייל מאָל אין אַליאַנץ מיט כנענישע פירשטן.

נאָר אַזוי, נאָר ווען מען דערלאָזט אַז מיר שטאַמען פון אַ קריגערישן סעמי־טישן שבט, ווערט קלאָר פון וואַנען עס שטאַמען די קריגערישע אַטריבוטן פון גאָט פון די עברים, יהוה צבאות און יהוה איש מלחמה. וואָרום וואָס דען פאַר אַ גאָט זאָל האָבן אַ שבט, וואָס האָט געלעבט פון מלחמה, ווי נישט אַ גאָט פון אַרמייען און אַ מאַן פון מלחמה.

ווען די יידישע געשיכטע וואָלט זיך אָנגעהויבן מיט די אויסגעגראָבענע דאָקומענטן וועגן די כאַבירי און וואָלט פאַרגעזעצט געוואָרן מיטן ספר יהושע, וואָלט זי געווען איין גאַנצקייט. וואָרום די דערציילונגען וועגן דער דעראָבערונג

פון כנען און די אויסראָטונג פון דער דאָרטיקער באַפעלקערונג, שטעלן מיט זיך פאָר אַ ווייטערדיקע פאָרזעצונג פון דעם וואָס עס האָבן געטאָן די עברים־שבטים אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטערס פאַר דעם. עס וואָלט מיט דעם פאָרענטפערט געוואָרן אויך נאָך אַ פראַגע: ווי אַזוי האָט געקאָנט זיין, אַז די ייִדן זאָלן איינגעמען די שטאַרקע כנענישע פעלקערשאַפטן, וועלכע זיינען באַשטאַנען פון געניטע קריגסלייט און האָבן געהאַט באַפעסטיקטע שטעט? נאָר ווען מען נעמט אָן די ווערסיע פון די כאביר, און מ׳גלייבט אין דעם וואָס די אויסגראָבונגען דערציילן, דעמאָלט באַקומט זיך אַז די עברים זיינען געווען קריגערס זינט דור דורות און זיי האָבן זיך געקענט פאַרמעסטן און בייקומען ווען עס זאָל נישט זיין.

פאַרשטייט זיך, אַז אויף אַזאַ אופן וואָלט זיך געענדערט די גאַנצע פּאַנאָראַמע פון דער אור־אַלטער ייִדישער געשיכטע. איבערהויפּט וואָלט פאַרשוווּנדן דער עטישער אָרעאָל מיט וועלכן עס איז אַרומגעהילט די געשטאַלט פון די אָבות. די אָבות וואָלטן געמוזט דערשיינען ווי קריגערישע שבט־עלטסטע, וואָס זיינען גאַנץ ווייט געווען פון צו זיין גוטמוטיקע זקנים, אַט ווי מ׳האָט זיי אויסגעמאָלט פאַר אונדזער קינדערשער פאַנטאַזיע פון חדר־ייִנגלעך. די אָבות האָבן געמוזט זיין פאַרהאַרטעוועטע שעפן פון אַגרעסיווע קריגער־מחנות, ווי עס איז צו זען פון די שילדערונגען אין ספר יהושע. וואָרום פאַר וואָס זאָלן די ייִדן פון 18טן אָדער 19טן י״ה פ״ק, ד״ה די ייִדן פון אַברהם אָבינוס צייט געווען זיין בעסער פון די ייִדן פון 13טן י״ה פ״ק, ד״ה די ייִדן וואָס האָבן דעראָבערט כנען און אויסגעראָטן איר באַפעלקערונג? צי קען מען דען זאָגן, אַז די געשיכטע איז געגאַנגען צוריק? אַנשטאָט די ייִדן זאָלן אין זעקס אָדער זיבן הונדערט יאָר ווערן בעסער, זיינען זיי גאָר געוואָרן ערגער. אָ, ניין, די ייִדן זיינען בשום אופן נישט געווען בעסער אין די צייטן פון די אָבות, ווי אין די צייטן פון יהושע. און וויבאַלד מיר זעען מיט דער גאַנצער קלאָרקייט די מאָראַלישע מדרגה פון די עברים אין 13טן י״ה, מעגן מיר פון דעם אָפּלערנען ווי אַזוי זי איז געווען מיט יאָרהונדערטער פריִער, און נישט לאָזן זיך פאַרבלענדן פון קיין פאַנטאַזיע־ליטעראַטור.

פון דעסט וועגן איז דאָס אַלץ גערעדט געוואָרן בלויז וואָס שייך דעם מאָראַלישן אַספעקט פון ענין. וואָס שייך אָבער דעם פילאָסאָפישן אַספעקט, אַזוי צו זאָגן, מוז מען מאַכן געוויסע באַוואָרענישן. די ייִדישע מסורה הייבט אָן צו ציִען דעם גלויבן אין איין גאָט פון אַברהם אָבינו. אַז אַברהם איז געווען אַזאַ צדיק ווי די מסורה וויל האָבן, האָבן מיר באַוויזן, וואָס לייקענען עס אָפּ. מיר האָבן אָבער נישט קיין באַווייזן, וואָס זאָלן אָפּלייקענען די טייל פון דער מסורה, וואָס פאַרבינדט דעם אָנהויב פון ייִדישן מאָנאָטעיִזם מיטן נאָמען פון אַברהם העברי. עס קען זייער גוט זיין, אַז אַ פילאָסאָפיש־געשטימטער שבט־עלטסטער פון די

קריגערישע כאַבירי האָט זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן מיט געדאַנקען וועגן אַ איינציקן גאָט, וועלכן ער האָט פאַרבונדן מיטן קריגערישן שבט־גאָט יהוה.

אָט די דאָזיקע צוויי מאָמענטן — זיין אַ דענקענדיקע, גאָט־זוכנדיקע פער־זענלעכקייט און אַ קריגערישער שבט־עלטסטער, וואָס לויט אונדזער היינטיקער ייִדישער פסיכאָלאָגיע איז עס אַ סתירה — איז געווען אין גייסט פון יענער צייט. מלחמה און קאַמף איז געווען דער הערשנדיקער שטייגער פון יענער וועלט (און צי טאַקע בלויז פון יענער?) און געטער און מענטשן האָבן עס פּראַקטיצירט ווי אַ נאָרמאַלן לעבנס־פּיר.

מיר באַשטייען דערויף, אַז די ערשטע שפּראָצן פון ייִדישן פאָלק דאַרף מען זוכן צו דערקלערן נאָר דורך דער ווירקונג פון אַ אידעישער קראַפט, וואָרום מיט קיין אַנדערע אויסערלעכע סיבות קען מען עס בשום אופן נישט דערקלערן. די אויסערלעכע סביבה איז געווען פאַרן ייִדישן שבט, זינט די עלטסטע צייטן אָן, אַבסאָלוט אידענטיש מיט דער סביבה אין וועלכער עס האָבן געלעבט אַלע סעמיטישע פעלקער און שבטים. אויב דער מאָנאָטעיזם איז נישט אויפגעקומען, זיך אַנטוויקלט און זיך אָנגענומען ביי קיין שום סעמיטיש פאָלק, נאָר ביי ייִדן, שטעקט די סיבה דערפון נאָר אין יחידים פון ייִדישן פאָלק גופא און דעם ערשטן אָנשטויס פאַרן אַרויסשפּראָץ פון מאָנאָטעיִסטישן געדאַנק דאַרף מען זוכן אין געניוס פון אַ ייִדישן יחיד, אָדער פון ייִדישע יחידים. פאַרשטייט זיך, אַז עס זיינען נאָך דעם געווען אַנטוויקלונגען, צופּאַסונגען, אויספורעמונגען. דער הויפּט־געדאַנק, אָבער, איז געבליבן. און דער הויפּט־געדאַנק איז געווען, אַז עס איז דאָ בלויז איין־איינציקער בילדלאָזער גאָט. — נישט קיין געטער, נישט קיין געטינס און נישט קיין גאָט־בילדער, נאָר איין־איינציקער בילדלאָזער גאָט. דאָס איז געווען אַזוי פאַרשיידן פון דעם אין וואָס עס האָבן געגלויבט אַלע פעלקער פון אַרום, אַז עס בלייבט בלויז איבער זיך צו וווּנדערן, ווי אַזוי ייִדן האָבן גע־קענט מאַכן אַזאַ רעוואָלוציאָנערן געדאַנקלעכן שריט פאָרויס און זיך קעגנשטעלן די גאַנצע וועלט וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט.

***

ווי געשיקט זיך עס, אַז אַ גרופּע סעמיטן, וואָס האָט געלעבט אַ לאַנגע צייט אין עגיפּטן, איז מיט גאָר נישט באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער מעכטיקער עגיפּ־טישער קולטור, פון אירע גראַנדיעזע געטער און רעליגיע? פאַר וואָס האָט זיי דאָס גרויסע עגיפּטן נישט פאַרשלונגען? פאַר וואָס האָבן זיי זיך נישט אַסימילירט און אויפגעלייזט אינערהאַלב דעם דאָזיקן גרויסן און מעכטיקן פאָלק? אַפילו די היקסן וואָס האָבן איינגענומען מצרים און זי באַהערשט און געגרינדעט אייגע־נע דינאַסטיעס, זיינען קולטורעל באַזיגט געוואָרן פון דעם עגיפּטישן גיגאַנט. נאָר דער קליינער שבט עברים איז קעגנגעשטאַנען און זיך נישט אויסגעמישט

מיט די עגיפּטערס. עפּעס האָט דאָ געמוזט ווירקן אַ שטאַרקער כוח וואָס האָט זיי געהאַלטן אָפּגעזונדערט און נישט צוגעלאָזט צו זיי קיין שום אויסערלעכע השפּעות. טאָ וועלכער האָט געקענט זיין דער כוח? עס האָט שוין אין יענער צייט געמוזט זיין אַ טראַדיציע אין שבט, אַז עס איז דאָ נאָר איין גאָט און מען טאָר נישט גלויבן אין קיין אַנדערע געטער. גלויבן אין אַנדערע געטער וואָלט געווען אַ פאַראַט צום שבט; וואָלט געהייסן ברעכן די דיסציפּלין און די איינהייט פון שבט און דאָס איז, ווייסט אויס, שוין אַפילו אין יענעם פריִען באַגינען פון דער ייִדישער עקסיסטענץ געווען אַן אוממעגלעכע זאַך.

מסתמא האָבן זיך אַ סך שכנישע שטאַמען אויסגעמישט מיטן עגיפּטישן פאָלק; מסתמא האָט די עגיפּטישע קולטור צוגעצויגן אַ סך שכנישע פעלקערשאַפטן. אַלע האָבן דאָס געקענט טאָן, נאָר נישט דער קליינער עברים־שבט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן מיטן געדאַנק וועגן אַן איינציקן גאָט. אָט דער איין־גאָט־געדאַנק האָט זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ כינעזישע מויער צווישן אים און דער רעשט וועלט.

פרעגט זיך: אויב אַזוי, וואָס־זשע האָט דאָ משה אויפגעטאָן? אויב די בני ישראל האָבן זיך שוין אַלץ איינס אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק וועגן איין גאָט, וואָס האָט דאָ משה מחדש געווען? משה האָט, ווייזט אויס, באַקרעפטיקט דעם דאָזיקן געדאַנק און אים פאַרוואַנדלט אין אַ צעמענטירנדיקן כוח. די ייִדישע מסורה זאָגט, אַז משה האָט אין נאָמען פון גאָט פון די אָבות, גאָט פון די עברים, זיי אַרויסגעפירט פון מצרים און זיי געגעבן די תורה, דאָס מיינט, אַז דער איין־גאָט־געדאַנק האָט שוין פון פריִער געלעבט אין ייִדישן שטאַם. און אַנדערש האָט עס אויך נישט געקענט זייך, וואָרום ווען משה וואָלט געקומען צו די בני ישראל ריידן אין נאָמען פון אין גאַנצן אַ נייעם גאָט, וואָס די ייִדן האָבן אים נישט געקענט, וואָלטן זיי אים נישט אויסגעהערט. נישט אַזוי לייכט לאָזט מען זיך ריידן אין נאָמען פון אַ נייעם גאָט. אַ גאָט נעמט מען נישט אָן פון היינט אויף מאָרגן. אויב דער גאָט פון די עברים איז געווען אַ כוח, וואָס האָט זיי געקענט באַוועגן צו אַ רעוואָלט קעגן פּרעהן, איז אַ סימן, אַז דער דאָזיקער גאָט האָט געהאַט אַ שטאַרקע אחיזה אין זייער גייסט.

דער גאָט פון ישראל האָט די ייִדן אימון געמאַכט קעגן עגיפּטישער אָנשטעקונג און זיי פאַרהיט פון אַסימילאַציע. זיי זיינען טאַקע געווען קנעכט ביי פּרעהן, אָבער גייסטיק אומאָפּהענגיקע קנעכט. אין פּרעהס געטער און אין פּרעהס קולטור האָבן זיי נישט געגלויבט.

קאַפּיטל 2

השפעות פון דער מדבר

זינט זייער אורשפרונג האָבן זיך די ייִדן באַוועגט אויף די ראַנד־געביטן פון ציוויליזאַציע און מדבר. אַ מאָל זײַנען זיי געווען שטאָט־באַווינער און אַ מאָל פאַסטוך־נאָמאַדן אין מדבר. די נאָענטקייט צו דער שטאָטישער ציוויליזאַציע און צו איר אַנטוויקלט לעבן, האָט געוועקט און סטימולירט דעם געדאַנק, און די נאָענטקייט צום מדבר האָט געגעבן נאַטור־קאָלאָריט די רעליגיעזע פאָרשטעלונגען. די גרויסשטאָטישע רעליגיעס זײַנען געווען פול מיט ספעקטאַקולאַרע פאָרמען, ריטואַלן און קולטן: ריזיקע טעמפלען, אימפאָזאַנטע סטאַטועס פון געטער און געטינס, גלאַנצפולע צערעמאָניעס, קאַסטעס כוהנים און כוהנטעס, אַנדערש איז געווען די ווירקונג פון מדבר. די סביבה פון דער מדבר האָט אינספּירירט גאָר אין גאַנצן אַנדערע געדאַנקען און מחשבות. אין דער מדבר ווירקט אוממיטלבאַר די גראַנדיעזקייט פון דער נאַטור. נישטאָ דאָ דער רייץ פון די פאַבריצירטע געטער־פאָרמען. אין מדבר ווירקן די נאַטור־עלעמענטן. דערפאַר זעען מיר די אַלטע סעמיטישע רעליגיעס צעטיילט אין צוויי טיפן: איינע פון די שטאָט־צענטערן, מיט טעמפלען, געטער־סטאַטועס, כוהנים, צערעמאָניאַלן, און די צווייטע פון מדבר־טיפ, ווו עס ווערן פאַרגעטערט נאַטור־קעגנשטאַנדן און נאַטור־כוחות. באַזונדערס זײַנען בערג, אײַנגעהילטע אין שטענדיקע נעפלען און וואָלקנס, געאייגנט צו זײַן די ווינפלעצער פון גאָטהייטן. אַזעלכע גאָטהייטן מוזן זײַן פאָרעמלאָזע וועזנס. אין מדבר איז שווער אָנצוקליידן די גאָטהייטן אין זעבאַרע פאָרמען. אין מדבר איז שווער צו מאָלן, צו צייכענען, צו קריצן און שניצן די צורות פון די געטער. די גאָט־סטאַטוע, דער געץ, האָט אין דער מדבר בשום אופן נישט געקענט ווערן קיין שטייגער. אין מדבר קען מען בלויז ריידן וועגן אַ גאָט וואָס נידערט אין וואָלקן, אָדער וועגן אַ גאָט וואָס ברענט אויפן סנה. אים אויסקריצן, אָדער אויסמאָלן — דאָס איז אין מדבר נישט געווען שייך. דער געבאָט פון „לא תעשה לך כל פסל וכל תמונה", האָט נאָר געקענט אויפקומען בײַ מענטשן פון אַ מדבר־סביבה. דאָס האָט נישט געקענט אויפקומען נישט אין בבל, נישט אין מצרים און נישט אַפילו אין כנען. אַלע די דאָזיקע לענדער און פעלקער זײַנען געווען פאַרזונקען אין געצנדינסט און האָבן אַפילו נישט געקענט תופס זײַן, ווי אַזוי אַ רעכט־דענקענדיקן מענטשלעכן מוח קען אײַנפאַלן אַזאַ

ווילדער געדאַנק צו פאַרבאָטן מאַכן בילדער פון גאָט. אַזעלכעס איז אין ערגעץ נאָך נישט געהערט געוואָרן. אַלע רעליגיעס פון גאָר דעם ערדקיילעך, אָנהייבנדיק פון די פרימיטיוואָסטע ביז די העכסט־אַנטוויקלטע, זיינען אַלע געווען באַזירט אויף גענץ, אויפן גאָט־בילד. בלויז דער מדבר־מענטש איז נישט געווען צוגעוווינט צום אייגנפיר אָנצוקוקן גאָט. ער איז געווען אייגנעוווינט צו טראַכטן וועגן גאָט נישט וויסנדיק זיין אויסזען.

פון דעסט וועגן אַז יידן זיינען געקומען קיין כנען, אין אַ לאַנד מיט טעמפּלען און סטאַטועס, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן רייסן צום געצנדינסט, דאָס הייסט, גיין אין די וועגן פון אַלע פעלקער פון יענער צייט. אָבער אין יידישן שטייגער, וואָס זיי האָבן זיך צוגעאייגנט, ווען זיי זיינען געווען אַ מדבר־פאָלק, איז געווען דער געבאָט פון בילדלאָזיקייט און דער דאָזיקער געבאָט האָט זיך סוף־כל־סוף איינ־פאַנירט.

ווען די יידן האָבן זיך ענדגילטיק באַקערט צו דעם בילדלאָזן הימל־גאָט, האָבן זיי אָנגעהויבן איינצוזען די לעכערלעכקייט פון געצנדינסט און האָבן עס אָנ־געהויבן אויסלאַכן: עצביהם כסף וזהב מעשי ידי אדם אא״וו. פאַר די וואָס גלויבן אַז די סטאַטוע איז דעיפיצירט, דאָס הייסט, אַז אין איר וווינט דער גייסט פון דער גאָטהייט, פאַר זיי איז זי נישט קיין שטיק האָלץ און נישט קיין שטיק ליים, נאָר אַ באַזעלטע זאַך, אַ לעבעדיקע זאַך, אַ זאַך וואָס הערט, זעט, פילט און דענקט. זיי פאַרשטייען נישט דאָס יידישע חוזק־צעטל אויפן חשבון פון גענץ. זיי זאָגן, אַז ער, דער גענץ, האָט אויגן און ער זעט, ער האָט אויערן און ער הערט אא״וו. פאַר די יידן, פאַר זיי איז ער אַ שטיק האָלץ און ליים, ווייל זיי גלויבן נישט אין גייסט וואָס זיצט אין גענץ.

דורכן גלויבן קען מען אַלץ באַלעבן, אַלץ באַזעלן, אַלץ דעיפיצירן, באַזונ־דערס צורות, בילדער, געמעלן — פון מענטש און פון חיה און פון אַ געמיש פון ביידע. נישט געווען דער מאָנסטער, פאַרזעעניש און פאַרקרימעניש, וואָס די מענטשלעכע פאַנטאַזיע האָט נאָר געקענט אויסמאָלן, אַז עס זאָל נישט פאַרגעטערט ווערן. אַבי עס האָט נאָר אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן און אָנגעקוקט, איז עס שוין געווען אַ גענץ און דו האָסט געגלייבט אין דעם און געדינט צו דעם. אַזוי זייט די פּרעהיסטאָרישע צייטן. דורך גלויבן אין צורה און בילד איז די מענטשלעכע באַ־שעפעניש אַרויפגעטראָטן אויף דער אַרענע פון זיין עקסיסטענץ אַלס דענקענדיק וועזן. מיט צורה און בילד איז געווען פאַרקניפּט און פאַרבונדן זיין עלטסטע און אוניווערסאַלסטע קולטור־שאַפונג — זיין גלויבן. זיינען געקומען די יידן און אַרויסגעגעבן אַ פאַרבאָט קעגן צורה און בילד.

מיטן מדבר־שטייגער וואָלט מען געקענט דערקלערן אַ סך באַזישע איינשטע־לונגען אין דער תורה און אין שפּעטערדיקן יידישן אויפפיר, ווען זיי זיינען שוין אַריבערגעגאַנגען צו אַ באַזעסן לעבן אין שטעט און אין דערפער.

אויפן ערשטן פּלאַץ בעט זיך דאָ אָנצווייזן אויפן פאַרבאָט פון ערד־אייגנ־

טום — „והאָרץ לא תמכר לצמיתות" (ויקרא כ"ה, 23). קיין שום פֿאָלק מיט אַן אַלטער אַקערבויערישער טראַדיציע, וואָלט נישט אַרויסגעבראַכט אַזאַ פֿאַרבאָט אויף ערד־באַזיץ. דאָס אייגענע שטיקל ערד איז דאָס טייערסטע ביי אַ פּויער. עס איז זיין לעבנס־חלום און זיין טרוים, אַז דאָס שטיקל באָדן וואָס ער באַאַרבעט, זאָל זיין זיינס, זיין אייגנס, זיין אייגנס אויף שטענדיק, און ער וועט טאָן אַל דאָס מעגלעכע זיך איינצושאַפֿן נאָך אַ שפּאַן באָדן און נאָך אַ שפּאַן. ער וועט זיך און זיין הויזגעזינד פֿאַרקנאַפּן פֿון נייטיקסטן, אַבי צו דעראָבערן פֿאַר זיך אַ וואָס גרעסערן באָדן און גיכער וועט ער אָפּגעבן זיין לעבן, איידער זיין שטיקל ערד. נאָר מענטשן וואָס זיינען געווען נאָמאַדן און זיינען געווען געצוווּנגען צו בייטן זייערע ווינטערטער', כדי צו געפֿינען נייע פּיטער־פּלעצער פֿאַר זייערע סטאַדעס; נאָר מענטשן וואָס האָבן קיין מאָל די ערד נישט באַאַרבעט און נישט געוווּסט וואָס ס'הייסט צוגעבונדנקייט צום אייגענעם שטיקל באָדן, נישט געפֿילט קיין ליבע צו דער אייגענער נחלה וואָס זיי האָבן פֿרוכפּעריק געמאַכט מיט זייער בלוט און שווייס, האָבן געקענט אַרויסקומען מיט אַ געזעץ וואָס פֿאַרבאָט באָדן־באַזיץ. פֿאַר דעם וואַנדערער איז די איינגעוואַקסנקייט אין באָדן אַ פֿרעמד געפֿיל. ער פֿאַרשטייט נישט דעם אמתן באַדייט פֿון ערד־אייגנטום. היינט איז ער דאָ און מאָרגן ערגעץ אַנדערשוווּ.

די זעלבע נאָמאַדישע באַציִונג צו דער ערד און צו ערד־אַרבעט, קען מען אויך אַרויסזען אין דעם געבאָט וועגן שמיטה, וואָס פֿאַרווערט יעדן זיבעטן יאָר צו אַקערן און זייען די פֿעלדער. פֿאַר אמתע ערד־אַרבעטער איז נישטאָ קיין גרעסערע שטראָף, ווי זיי פֿאַרבאָטן אַ יאָר צו באַאַרבעטן די ערד, דאָס מיינט, זיי פֿאַרמשפּטן אויף אַ יאָר פֿיינלעכער ליידיקגייעריי. מ'רעדט שוין נישט וועגן דער אָרעמקייט און נויט וואָס דאָס ברענגט אַריין אין דער פּויערים־פֿאַמיליע, נאָר וועגן דעם וואָס דאָס פֿאַרמשפּט זיי צו אַ יאָר פּוילענצעריי. נישט דערלויבן דעם פּויער אַ יאָר באַאַרבעטן זיין ערד, הייסט אים פֿאַרמשפּטן צו אַ יאָר שווערע ליידן, און קיין שום פֿאָלק מיט אַן אַלטער אַגראַר־טראַדיציע, וואָלט אַזאַ געבאָט נישט אַרויסגעבראַכט. דאָס האָבן נאָר געקענט טאָן וואַנדערנדיקע פּאַסטוכער וואָס זיינען אַריבער צו ערד־אַרבעט און האָבן נאָך נישט געהאַט קיין טיפֿע אַחיזה אין ערד־לעבן, זיינען נאָך נישט געווען פֿאַרוואָרצלט אין דער באָדן־באַאַרבעטונג. האָבן זיי געמאַכט געזעצן וואָס האָבן זיי דיקטירט אונטערצוברעכן די ערד־אַרבעט יעדן זיבעטן יאָר, אויפֿן שטייגער ווי זיי האָבן איינגעפֿירט יעדן זיבעטן טאָג פֿון דער וואָך אַלס רו־טאָג פֿון דער וואָך.

און גופא דער וועכנטלעכער רו־טאָג, דער שבת, באַווייזט, אַז די וואָס האָבן אים איינגעפֿירט, זיינען געווען נייע אַרבעט־עלעמענטן. קיין מענטשן וואָס זיינען געוווינט צו אַרבעט, וואָס האָבן אַן אַלטע טראַדיציע פֿון טאָג־טעגלעכער אַרבעט, וועלן נישט איינפֿירן קיין שטייגער פֿון אונטערברעכן די אַרבעט יעדן זיבעטן טאָג. און ווידער, טאַקע, קען אַזאַ זאַך נישט טאָן דער ערד־אַרבעטער, וואָס אין

זיי־ און שניט־סעזאָן איז ביי אים אונטערברעכן יעדן זיבעטן טאָג די אַרבעט, אַ פראַגע פון פאַרלירן אַ יאָר פראַצע. ער קען זיך פאַרגינען אָפּצורוען אין די צווישנצייטן, ווען די תבואה וואַקסט אויפן פעלד. אָבער נישט אונטערברעכן די אַרבעט אַ טאָג יעדע וואָך, ווען ער דאַרף זייען אָדער שניידן, ווען די אַרבעט ברענט ביי אים אונטער די הענט. דעריבער קען מען אויך אין דעם דאָזיקן באַזישן ייִדישן איינפיר פון דעם שבתדיקן רו־טאָג איינזען די מדבר־השפעה אין דער ייִדישער תורה. פאַסטוך־נאָמאַדן קענען זיך פאַרגינען דעם לוקסוס פון לאָזן דיקטירן זייער גאָט יעדן זיבעטן טאָג רו. קיין פאָלק מיט קיין אַלטער אַגראַרער פאַרגאַנגענהייט, וואָלט זיין גאָט בשום אופן נישט געלאָזט געבן אַזאַ געבאָט פון אַ וועכנטלעכן רו־טאָג, ווייל דאָס וואָלט באַדראָט זיין עצם עקסיסטענץ *.

בכלל קען מען פון אַלע סאָציאַלע געזעצן אין חומש אַרויסזען, אַז זיי זייַנען געשאַפן געוואָרן פון מענטשן וואָס זיינען נאָך געווען נייע אויף די געביטן פון שטאָטישער און דאָרפישער ווירטשאַפט, און זייער אַלטער נאָמאַדישער שטייגער האָט זיי דיקטירט צו זיין ליבעראַל אַזוי אין היִנזיכט פון אומגיין מיט געלט (פאַר־באָט אויף פראָצענט, וואָס האָט אין שפּעטערדיקע צייטן געמוזט אָפּגעשאַפט ווערן דורך אַ תלמודיש דריידל), ווי אין דער באַציִונג צווישן אַרבעטערס און אַרבעט־געבערס.

און אַז מ׳רעדט שוין וועגן מדבר, ווילט זיך מאַכן אַ זייטיקע באַמערקונג וועגן באַשרייבונגען אין חומש וואָס באַציִען זיך צו טעטיקייטן פון דער מדבר, וואָס האָבן אין דער מדבר בשום אופן נישט געקענט פאָרקומען. מיר מיינען דאָ די טעטיקייטן, וואָס ווערן באַשריבן אין די סדרהס תרומה, תצוה, ויקהל און פקודי. דאָרט רעדט זיך וועגן משכן, אָרון, כפורת, כרובים, חושן ואפוד, שולחן, מנורה, קליידער פאַרן כוהן גדול אאַ״וו. עס פאָדערן זיך צו דעם ריזיקע סכומים גאָלד, זילבער, קופּער און אַלע מעגלעכע סאָרטן איידלשטיינער און איידעלע געוועבן און ביימלען און בשמים, און מייסטערס וואָס זאָלן קענען אַרבעטן מיט גאָלד: שמעלצן, פּייקלען, קריצן און אויספורעמען אַלערליי קונציקייטן. דאָס גלייכן, מייסטערס פון טייערן געשטיין, פון טייערע געוואַנטן, פון טייער געהילץ, מיט איין וואָרט — זאַכן וואָס האָבן זיך געפונען אין די רייכסטע קעניגלעכע פּאַלאַצן פון יענער צייט

---

* די דאָזיקע וואָס וועלן טענהן, אַז מ׳קען אין אַ סך לענדער פון אַלטן אָריענט געפינען די דאָזיקע איינשטעלונגען: פאַרבאָט פון ערד־פאַרקויף, פעריאָדישער פריילאָזן די ערד און וועכנטלעכן רו־טאָג, וועלן מיר ענטפערן, אַז אַזוי ווי די ייִדן האָבן בלויז איבערגענומען ביי די פעלקער דאָס וואָס איז זיי געווען געפעלן און צוריקגעוויזן דאָס וואָס איז זיי געווען הער־ווידער, איז שוין דאָס אַליין, וואָס זיי האָבן יובל, שמיטה און שבת איינגעשלאָסן אין זייער תורה, דער בעסטער באַווייז אַז זיי זיינען געווען נייע אַקערבויער. ווען זיי וואָלטן געווען אַלטע אַגריקולטור־מענטשן, וואָלטן זיי עס צוריקגעוויזן. אויסער דעם, ווי אַלט די דאָזיקע איינפירונגען זאָלן נישט זיין און ווו זיי זאָלן נישט האָבן אויפגעקומען, ווייזן זיי אַלץ איינס אויף דער השפעה פון נאָמאַדנטום.

— זאָל מען דאָס אַלץ צונויפנעמען אין ווּיסטן, ברענענדיקן מדבר, אין אַן אָרט פון נחשים און עקרבים, צו אַ געזעמל וואַנדער־מחנות, וואָס זייַנען נאָר וואָס אַנטלאָפן פון מצרים און זייַנען געווען נאַקעט און באָרוועס, האָבן געוווינט אין געצעלטן פון ציגן־ און שעפסן־פעלכלעך, געליטן הונגער און דאָרשט, זיי מיט זייערע אויסגעדאָרטע ווייבער און ראַכיטישע קינדער — זאָל מען צו די דאָזיקע „פריגצן" צונויפברענגען די גאָרע אוצרות פון מזרח, וואָרעם זיי דאַרפן אויס־בויען אין דער וויסטעניש דעם רייכסטן טעמפּל, וואָס די אָריענטאַלישע פאַנטאַזיע האָט זיך נאָר געקענט אויסמאָלן! איז עס נישט אַן אמתער מדבר־מיראַזש? לפּחות דערוויַיזט עס, אַז דער וואָס האָט געשריבן די דאָזיקע קאַפּיטלעך פון חומש, האָט געלעבט אין אַ גרויסן און רייכן צענטער און האָט געהאַט אַ גרויסע ידיעה אין אַלע לוקסוס־אויסאַרבעטונגען; האָט געוווּסט די נעמען פון די אַלערליי סאָרטן איידלשטיינער, טייערע שטאָפן, טייערע געהילצן און טייערע בוימלען.

דאָס וואָס רופט־אַרויס פאַרוווּנדערונג איז, וואָס אין גאַנצן חומש איז נישטאָ קיין איין באמת מדברדיקער פּייזאַזש, קיין איין מדבר־באַשרייבונג, קיין איין זאַמד־שטורעם, קיין איין קאַראַוואַנע. ווער ווייס, ווי דער מדבר־באַשרייבער פון חומש האָט געלעבט? צי האָט ער אויף זיין לעבן אַנגעקוקט אַן אמתן מדבר.

און דער זעלבער איינדרוק וואָס מיט דער פאַנטאַזיע וועגן גאָלדענעם אַלטאַר, באַקומט זיך אויך וועגן דער מעשה מיט די סוכות. כדי צו פייערן דעם אָנדענק פון דער ייִדישער וואַנדערונג אין דער מדבר נאָך יציאת־מצרים, דאַרף מען מאַכןביידלעך געדעקט מיט גרינעם סכך. — ווי קומט גרינער סכך אין מדבר? ווען דער חומש וואָלט געהייסן מאַכן געצעלטן פון שעפסן־פעלן און אָנשיטן אַרום זאַמד, וואָלט עס געהאַט אַ זינען; וואָלט עס געווען אַ זכר נאָך די מדבר־וואַנדערונגען. אָבער אַז מ'הייסט פייערן דעם אָנדענק פון דער מדבר מיט ביידלעך געדעקט מיט גרינע צווייגן, וואָס פאַר אַ זינען האָט עס? ווי קומען ביידלעך מיט צווייגן אין מדבר אַריין? דאָס באַווייזט, אַז דעם וואָס איז איינגעפאַלן די מעשה מיט די סוכות האָט געוווינט אין אַ לאַנד מיט גערטנער און סעדער און אים איז געווען באַקאַנט די בויד פון סאָד, וואָס ווערט געמאַכט פון צווייגן און געדעקט מיט סכך. האָט ער גענומען די דאָזיקע טיפּישע גערטנער־בויד און זי פאַרשלעפּט אין מדבר אַריין און אין איר באַזעצט די בני־ישראל, ווען זיי זייַנען אַרויס פון מצרים, און אַזוי אַרום איז אונדז פאַרבליבן אונדזער ליבע, אַלט־היימישע סוכה מיטן גרינעם דאַך, באַפּוצט מיט כלערליי צאַצקעס פון פילקאָלירטע פּאַפּירן, ווי אַן אויטענטי־שער אָנדענק פון אונדזערע עלטערן אין דעם וויסטן מדבר...

קאַפּיטל 3

ווען איז אַקטועל געוואָרן די תורת משה?

ביז נאָכן גלות בבל איז די תורת משה לחלוטין נישט אַריינגעדרונגען אין ייִדישן לעבן און האָט נישט געהאַט די מינדסטע השפּעה אויף דעם. און אויב אַפילו ס׳איז אמת, אַז משהס תורה איז שוין געווען אָנגעשריבן און זי איז ערגעץ געלעגן באַהאַלטן, האָט זי אַלץ איינס פּאַקטיש נישט עקסיסטירט; פּאַקטיש איז זי געווען כלא היה. דאָס ייִדישע לעבן אין די צייטן פון בית ראשון, האָט נישט געהאַט די מינדסטע שייכות מיט דער תורה. די ייִדן האָבן געפירט אַ לעבן פון געצנדינערס, וואָס אַפילו דאָס דינען צו יהוהן איז געווען מער ענלעך צו געצנ־דינסט אײדער צו ייִדישקייט. בלויז וואו־נישט־וואו איז פאַראַן אַ שוואַכער אָנדייט וועגן אָפּהיטן געוויסע מצוות. נישט פון געזעץ פון דער תורה און נישט פון גייסט פון דער תורה איז אין ייִדישן לעבן פון יענער צייט קיין סימן און קיין זכר נישטאָ. איז וואָס קומט אַרויס דערפון וואָס מ׳שרייבט־צו די תורה צו משהן, אַז אַלץ איינס האָט פון איר קיינער נישט געוווּסט; אַז ס׳איז געווען אַן אַנאָנימע תורה, אַ באַהאַל־טענע, וואָס איז צום פאָלק נישט דערגאַנגען און פון וועלכער דאָס פאָלק האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן אָנונג? עס הייסט, אַז למעשה איז די תורה עווענטועל אַ דערשיינונג פון נאָכן גלות בבל.

דער וויכטיקסטער שטריך פון דער תקופה פון בית ראשון, איז געווען די מאָראַל־עוואָלוציע פון ייִדישן גאָט־באַגריף, וואָס מיר זעען אָפּגעשפּיגלט אין ספר פון די נביאים אַחרונים, אין פאַרגלייך מיטן קריגערישן גאָט פון די נביאים ראשונים. אין ערשטן טייל, אין די אַזוי גערופענע נביאים ראשונים, לעבן די ייִדן פולשטענדיק לויטן עשו־פּרינציפּ פון „על חרבך תחיה״. ערשט אין צווייטן טייל פון דאָזיקן ספר, אין די נביאים אַחרונים, הייבט מען אָן דערהערן דעם קול יעקב, הייבן ייִדישע מאָראַל־יחידים אָן צו פּריידיקן און צו מאָנען יושר. צי דאָס פאָלק הערט זיי, דאָס איז אַ באַזונדערע פראַגע, אָבער לכל הפּחות זיינען דאָ מאָנערס, זיינען דאָ שטראָפערס. אין ערשטן טייל איז אַפילו קיין שפּור פון קיין מאָראַלישע פּרינציפּן נישטאָ. די דאָזיקע צוויי טיילן פון איין און דעם זעלביקן ספר, זעען אויס ווי זיי וואָלטן געהערט צו צוויי אין גרונט פאַרשיידענע רעליגיעס. דער גאָט פון ערשטן טייל איז אַ בייזער און נקמהדיקער, און דער גאָט פון צווייטן — איז אַ גאָט פון חסד און פון רחמים. דער גאָט פון יהושוע און דער גאָט פון ישעיה זיינען צוויי זייער פאַרשיידענע געטער...

די ביכער פֿון די נביאים ראשונים זייַנען ביכער פֿון אַגרעסיווע קריגערס, וואָס ברענגען־אום די באַזיגטע באַפֿעלקערונג אָן רחמנות. דאָס טוען זיי אונטערן דיקטאַט און באַפֿעל פֿון אַ בייזן קריגערישן גאָט, וואָס פֿאָדערט די פֿאַרניכטונג פֿון דער איינגעגנומענער באַפֿעלקערונג, ווערמענס אייַנציקער חטא איז געווען דאָס באַזיצן שטעט און לענדער, וואָס זייַנען געפֿעלן געוואָרן די ייִדן און אין וועלכע די ייִדן האָבן זיך געוואָלט באַזעצן.

פֿון די דאָזיקע ביכער ווערט אונדז קלאָר, פֿון וואַנען עס שטימט די אַזוי פּאָפּולערע באַצייכענונג פֿון ייִדישן גאָט ווי דער גאָט פֿון די אַרמייען — יהוה צבאות. פֿון וואַנען קומט צום ייִדישן גאָט צו זייַן אַ גאָט פֿון אַרמייען? ווער האָט געוואָגט אָנצורופֿן דעם ייִדישן גאָט, דעם אל רחום וחנון — איש מלחמה, יהוה איש מלחמה יהוה שמו (דער דאָזיקער אויסדרוק באַווייַזט, אַז די עצם דערקלערונג פֿון נאָמען יהוה דאַרף מען זוכן אין די אייגנשאַפֿטן פֿון גאָט אַלס קריגער), וואָס אַז ער „שיקט־אַרויס זייַן גרימצאָרן פֿאַרברענט ער זיין שונא ווי שטרוי" און אַז „ער גיט אַ בלאָז מיט זייַנע נאָזלעכער, טורעמען זיך די וואַסערן" (אין „אָז ישיר"), אָדער, ווי קומען צו אונדזער ליבן רבונו־של־עולם אַזעלכע שרעקלעכע רייד, ווי: „איך וועל אָנשיכורן מייַנע פֿייַלן מיט בלוט און מייַן שווערד וועט זיך אָנעסן מיט פֿלייש, מיט בלוט פֿון דערשלאָגענע און געפֿאַנגענע, מיט די לאַנגהאָריקע קעפּ פֿון דעם פֿייַנט" (דברים ל"ב, 42). פֿון וואַנען האָט זיך צו אונדז גענומען אַזאַ גרוייזאַמער גאָט? אפֿשר שטעקט דאָ עפּעס אַ טעות? ניין, דאָ שטעקט נישט קיין שום טעות. אַזוי האָט אויסגעזען יהוה דער גאָט פֿון ישראל אין זייַנע ערשטע יאָרן, ביז דער דערשייַנונג פֿון די עטישע נביאים.

מען דאַרף זיך שאַפֿן אַ ריכטיקן באַגריף וועגן אורשפּרונג פֿון ייִדישן פֿאָלק און ייִדישן גאָט. די ערשטע ייִדן זייַנען געווען בייזע קריגערס, און דער ייִדישער גאָט איז די ערשטע צייַטן געווען אַ בייזער, צאָרנדיקער קריג־גאָט, ווערמענס גע־באָט איז געווען: פֿאַרניכטן ביזן גרונט און נישט איבערלאָזן קיין לעבעדיקן אָטעם פֿון די באַזיגטע פֿעלקער.

עס זעט אויס, אַז אין דער פֿאָרמולע פֿון עטישן מאָנאָטעיִזם, איז די מאָנאָ־טעיִסטישע טייל געווען אַ סך עלטער פֿאַר דער עטישער. גאָר אַ סך צייַט האָט דער גאָט פֿון די עברים געמוזט זייַן אַזוי גרויזאַם ווי עס זייַנען געווען די געטער פֿון אַרום. מיר וועלן דאָך נישט זאָגן, אַז אין די צייַטן פֿון יהושוע איז דער גאָט פֿון ישראל געוואָרן ערגער ווי ער איז דאָס געווען אין די צייַטן פֿון די אָבות. דער איינדרוק וואָס מ'האָט ביי אונדז געשאַפֿן, אַז דער גאָט פֿון אַברהם, יצחק און יעקב איז געווען אַ גוטער, ליבער און מילדער גאָט, איז אַ טעות אין וועלכן עס זייַנען שולדיק די מעשיות־שרייבערס פֿון חומש. אין דער אמתן האָט די זאַך באַדאַרפֿט זייַן אַנדערש. דער גאָט פֿון די אָבות, וועלכע זאָלן האָבן געלעבט אומגעפֿער מיט אַ האַלבן יאָרטויזנט פֿאַר יהושוען, האָט בשום אופֿן נישט געקענט זייַן מילדער ווי דער גאָט פֿון דער צייַט פֿון כיבוש. די געשיכטע — האָבן מיר אַ כלל — גייט

נישט צוריק. ווען דער גאָט פון אַברהמען וואָלט טאַקע מיט אַן אמת געווען אַ צדיק, וואָלט דער גאָט פון יהושוען נישט געקענט ווערן קיין רשע און אָטעמען מיט אַזאַ גייסט פון צעשטערונג און פאַרניכטונג. פונקט פאַרקערט, עס וואָלט זיך גיכער געלייגט אויפן שׂכל, אַז איז משך פון דעם האַלבן יאָרטויזנט וואָס איז דורך פון אַברהמען ביז יהושוען, וואָלט גאָט באַדאַרפט דורכמאַכן אַ געוויסע מאָ־ראַלישע עוואָלוציע, און נישט פאַרקערט.

קאַפּיטל 4

עם סגולה און עם קשה־עורף

אויב עס זאָל זיין ריכטיק דער געדאַנק וואָס מיר שטעלן דאָ אַרויס, אַז דער שטאַמפּאָטער פון די עברים איז געווען אַ פילאָסאָפיש־געניגטער קריגער, וואָס האָט דער ערשטער אַרויסגעשטעלט די פאָרמולע פון „האל הגדול, הגיבור והנורא, אל עליון קונה שמים וארץ", וואָלט עס אונדז געהאָלפן פאַרשטיין אַ זייער באַזישן שטריך אין ידישן כאַראַקטער — דער גלויבן אין זיך אַליין, אין דער אייגענער העכערקייט, אין דער אייגענער וויכטיקייט. עס וואָלט זיך דאַן באַקומען, אַז דער אַראַגאַנטער, האַרטנעקיקער קריגערישער שבט עברים, איז געווען באַזונדערס געניגט אויפצונעמען דעם געדאַנק וועגן אַן איינציקן וועלט־גאָט, צו וועלכן עס האָט אָנגעהויבן דערהייבן ווערן זיין שבט־גאָט. די אוניווערסאַלע אַט־ריבוטן, וואָס דער גאָט פון די עברים האָט אָנגעהויבן באַקומען, האָט אַנטשפּראָכן דעם שטאָלצן כאַראַקטער פון זיינע מאמינים. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער לאַנגער פּראָצעס פון קעגנזייטיקער סובלימירונג פון גאָט און פאָלק. ישראל האָט אויפ־געהויבן יהוהן צו דער העכסטער מדרגה פון די געטער און אים פּראָקלאַמירט אַלס איינציקן גאָט, און גאָט האָט אויפגעהויבן ישראלן צו דער העכסטער מדרגה פון די פעלקער און אים פּראָקלאַמירט אַלס אויסדערווילט פאָלק.

דער ידישער אתה בחרתנו־קאָמפּלעקס האָט געמוזט האָבן היינטער זיך אַ פאָרגעשיכטע פון אַ סך טויזנטער יאָרן. לאַנג נאָך איידער זיי האָבן אויסגעטראַכט דעם איינציקן וועלט־גאָט, וואָס האָט אַלץ געשאַפן פון זייערט וועגן, האָבן די ידן מי יודע ווי לאַנג זיך געמוזט אַרומטראָגן מיט אַ סופּעריאָריטעט־קאָמפּלעקס, וואָס האָט זיי נישט דערלאָזט זיך אויסצומישן מיט די פעלקער פון אַרום. נישט דער גרויסער גאָט האָט געמאַכט דאָס גרויסע פאָלק, נאָר פאַרקערט, פריִער האָט דאָס גרויסקייט־געפיל געלעבט אין הארץ פון די ידישע שטאַמפּאָטערס און ערשט נאָך דעם איז דער גרויסער גאָט געווען אַ פּראָדוקט פון דעם דאָזיקן געפיל. פאַר־שטענדלעך, אַז נאָך דעם האָט דער גרויסער גאָט אָנגעהויבן צוריקווירקן און באַ־קרעפטיקן און אַנטוויקלען דעם געפיל פון העכערקייט און אויסדערוויילטקייט. אָנגעהויבן האָט זיך עס אָבער אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם עברים־שבט, און פון דאָרט־אַרויס האָט עס געקראָגן אויסדרוק אין זייער גלויבן. דער מענטש באַ־שאַפט אַלע אידעאָלאָגישע ווערטן פון זיך אַרויס. דאָס וואָס מען פילט נישט, דאָס

דענקט מען נישט און אין דעם גלייבט מען נישט. אויב ייִדן האָבן זיך פאַרוויגט מיט לויב־געזאַנגען פון אַן עם סגולה און עם הנבחר, איז עס געווען דערפאַר, וואָס דאָס דאָזיקע געפיל איז געווען לאַטענט אין זיי זינט די אורצייטן. דער ייִדי־שער כאַראַקטער איז עלטער ווי די ייִדישע רעליגיע; די ייִדישע רעליגיע איז אַ פּראָדוקט פון ייִדישן כאַראַקטער און נישט פאַרקערט.

שוין אין די גאָר ערשטע צייטן פון דער ייִדישער געשיכטע, זעען מיר קומען צום אויסדרוק דעם ייִדישן שטאָלץ. אָט נעמען מיר זייער עקסיסטענץ אין מצרים. אַ קליינער שבט נאָמאַדן האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט אויסמישן מיטן מעצ־טיקן עגיפּטישן פאָלק, מיטן פאָלק וואָס איז געווען די גרעסטע מאַכט אין דער וועלט, האָט פאַרמאָגט דאָס גרעסטע רייכטום פון דער וועלט, האָט געהאַט די גרעסטע שטעט אין דער וועלט. די גראַנדיעזסטע טעמפּלען און געטער — איז דעם קליינעם שבט עברים, וואָס קיינער האָט אים נישט געזען, נישט געהערט און זיך נישט אומגעקוקט אויף אים — איז אים נישט אָנגעשטאַנען זיך אויסצומישן, זיך צונויפצוגיסן מיטן מעכטיקן מצרים, נאָר האָט פאַרגעצויגן אַוועקצוגיין אין מדבר דינען זיין אייגענעם גאָט, וואָס קיינער האָט נישט געקענט און פון וועלכן קיינער האָט נישט געוווּסט.

איז דאָך שוין דער דאָזיקער פאַקט אַליין גענוג צו דערציילן ווער די עברים זיינען געווען, קומט נאָך דערצו צו דער אופן ווי אַזוי זיי האָבן געוואָלט דורכ־פירן דעם עקזאָדוס פון מצרים. זיי האָבן גענומען צוויי מענטשן פון די זייעריקע און זיי אַוועקגעשיקט צום מעכטיקן פּרעה און אים געזאָגט: לאָז אונדז אַרויס פון דיין לאַנד, וואָרעם טאָמער נישט, וועסטו טייער באַצאָלן. — קען מען זיך פאַרשטעלן נאָך עפּעס מער געוואָגטס?!

(מען מוז נישט גלויבן אין דעם היסטאָרישן אמת פון דער דאָזיקער מעשה, כדי אָפּצולערנען פון איר דעם פסיכאָלאָגישן מוסר־השכל וואָס מיר ווילן. גענוג איז אַז מען האָט די דאָזיקע מעשה אויסגעטראַכט און דאָס פאָלק האָט געגלייבט אין איר ווי אין אַ רעאַליטעט. אַזוי פאַר דער פסיכאָלאָגיע פון יחידים, ווי פאַר דער פסיכאָלאָגיע פון די פעלקער, זיינען די מעשיות וואָס זיי טראַכטן־אויס, אַזוי באַלערנדיק ווי אמתע מעשיות).

און דאָס זעלבע איז, ווי אַזוי דער אַקט פון יציאת־מצרים איז פאָרגעקומען: „ובני ישראל יוצאים ביד רמה, ביד חזקה ובזרוע נטויה; אשירה לי׳ כי גאה גאה, וברב גאנך תהרס קמיך״ — שטאָלץ, מאַכט, קראַפט. ווער מיר שקלאַפן, וואָס מיר שקלאַפן! עס זעט־אויס ווי די שקלאַפן וואָלטן גאָר געווען די עגיפּטער, און די ייִדן וואָלטן געווען די האַרן. (נישט אומזיסט איז אין דער ייִדישער פסח־פייערונג, אין דעם באַרימטן געוואָרענעם סדר, איינגעשלאָסן געוואָרן די קלאַסישע האַרן־פּאָזיציע פון מסיבת־שמאל, אויפן שטייגער פון די רוימישע גראַנדן).

דאָס זעלבע איז געווען אין מדבר. אַזוי ווי מ׳איז נאָר אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער מדבר און מען האָט זיך אָנגעשטויסן אין געוויסע שוועריקייטן,

האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן געשרייען און פּראָטעסטן און רעבעליאָנען: מיר ווילן נישט און מיר דאַרפן נישט און מ'האָט אונדז אָפּגענאַרט — „וילונו כל עדת בני ישראל על משה ועל אהרן... מי יתן מותנו על סיר הבשר... נתנה ראש ונשובה מצרימה". און באַלד דערנאָך איז געקומען די מעשה מיטן עגל און עס איז דער־גאַנגען אַזוי ווייט, אַז גאָט האָט חרטה געהאַט אויפן גאַנצן עסק און האָט זיך גע־בעטן ביי משהן, אַז ער זאָל אים לאָזן פאַרענדיקן מיטן דאָזיקן עם קשה עורף. די באַצייכענונג „עם קשה עורף" איז שוין נאָך דעם פאַרבליבן דעם ייִדישן פאָלק דורך זיין גאַנצן לעבנס־וועג.

און דאָס וואָס ס'איז געווען אין מצרים, איז נאָך דעם געווען אין בבל. נישט קוקנדיק וואָס די ייִדן זיינען אַוועק קיין בבל קנאַפּע מאַנאָטעזסטן, האָבן זיי זיך פון דעסט וועגן נישט אויסגעמישט מיטן אַרום, נאָר געשאַפן געשלאָסענע ייִדישע קיבוצים און אָנגעהויבן לייגן דעם גרונטשטיין פאַרן גרויסן רעליגיעזן בנין, וואָס האָט זיי נאָך דעם אויפגעהאַלטן במשך פון גאָר זייער עקסיסטענץ. פרעגט זיך: פאַר וואָס? פאַר וואָס האָבן די ייִדן, וואָס זיינען געקומען קיין בבל כמעט געצנ־דינערס, פאַר וואָס האָבן זיי זיך נישט אַסימילירט מיטן אַרום? די גרויסע ייִדישע רעליגיע, וואָס האָט זיי נאָך דעם אויפגעהאַלטן, האָט דאָך נאָך נישט עקסיסטירט; זייער פאָטערלאַנד איז געווען חרוב ביזן גרונט, טאָ פאַר וואָס האָבן זיי זיך נישט אויסגעמישט מיט די גוים און געלייזט די ייִדן־פראַגע נאָך איידער זי איז אויפ־געקומען? איז דער תירוץ: דער ייִדישער כאַראַקטער. דער ייִדישער כאַראַקטער האָט זיך די ייִדן קיין מאָל נישט געלאָזט אויסמישן מיט די גוים. פונקט פאַר־קערט, ווען די ייִדן האָבן געלעבט צווישן די גוים, האָבן זיי מער דערפילט זיך אַליין, איידער ווען זיי האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט. אַזוי איז געווען אין מצרים און אַזוי איז געווען אין בבל. אין מצרים האָבן זיי זיך צוגעגרייט צו דער תורה שבכתב און אין בבל האָבן זיי זיך צוגעגרייט צו דער תורה שבעל־פּה. סיי אין ערשטן, סיי אין צווייטן פאַל, איז פריִער געווען דער ווילן זיך נישט אויסצומישן מיט די אומות און ערשט נאָך דעם איז געקומען די שאַפונג, וואָס האָט באַרעכ־טיקט די אָפּגעזונדערטקייט. באַזונדערס איז עס אַזוי געווען אין בבל. זייענדיק ביי זיך אין לאַנד, האָט מען אַ מאָל געדינט צום בעל און אַ מאָל צו יהוהן; איז מען אָבער אַוועק אין גלות, איז געוואָרן אויס מיטן בעל, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק איז נאָכגעגאַנגען יהוהן. דאָס עם קשה עורף האָט זייענדיק צווישן די גוים אָנ־געהויבן שאַפן זיין אייגענע תורה און זיינע אייגענע מצוות.

נאָכן אומקער פון בבל, האָט מען אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין פאָלק די תורה און איינפלאַנצן דעם גלויבן אין איר הייליקייט און געטלעכקייט. — משה קיבל תורה מסיני. אַלץ וואָס עס שטייט אין דער תורה איז הייליק; אַלץ שטאַמט פון גאָט אַליין. בישטאָ דאָרט קיין איבעריק וואָרט, קיין איבעריקער אות. אַלץ האָט אַ באַדייטונג און אַלץ האָט אַ מיין. בכן, מוז מען אַלץ לערנען, אין אַלץ זיך פאַר־טיפן און אַלץ דער גרונטעווען.

וועלכער איז געווען דער פּסיכישער אָנשטויס צו דער דאָזיקער שעפערישער רעליגיעזער טעטיקייט? — די אויטאָ־סובלימאַציע. דעם דאָזיקן אָפּגעזונדערטן פאָלק איז ווילגעפעלן דער געדאַנק וועגן תורה מן השמים; אַז דער חומש איז פון גאָט; אַז ער איז געשריבן על פּי יי׳ ביד משה; אַז יעדעס וואָרט איז גאָטס וואָרט, במילא מוז עס ישראל לערנען; ער מוז עס אָפּהיטן און מקיים זיין. אָט דער דאָזיקער נייער באַוווסטזיין האָט אַנטשפּראָכן און באַפרידיקט דעם ייִדנס ווילן צו אַנדערשקייט, צו אויסגעטיילטקייט און אויסגעוויילטקייט. וואָלט דער ייִד נישט געגלייבט אין זיך, וואָלט ער נישט דעיפיצירט דעם חומש, וואָלט ער נישט געוואַגט צו נעמען אַן אַלט־אָריענטאַלישע קאָמפּילאַציע און עס דערקלערן פאַר אַ בוך וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין הימל פון דעם אייניציקן וועלט־גאָט און דערפון אַרויסדרינגען אַלץ נייע און נייע געטלעכע לערעס, אָן אַ שיעור און אָן אַ סוף.

אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיטן ייִדישן זיין, אַזוי זיין תורה ווי זיין לעבן, זיין טעאָריע ווי זיין פּראַקטיק, זיין געדאַנק ווי זיין טאַט, אַלץ דאַרף מען זוכן צו פאַרשטיין אין ליכט פון דער ייִדישער פּסיכאָלאָגיע. דער וויסנשאַפטלעכער קוק אויף רעליגיע איז, אַז זי איז אַ מענטשלעכע שאַפונג; דער מענטש האָט געשאַפן זיין גאָט בצלמו ובדמותו. דורך זיין גאָט קען מען דערקענען דעם מענטשן, זיין שאַפער. דורך דעם ייִדישן גאָט קען מען דערקענען דעם ייִדן. בכן, דאַרף מען די גאַנצע ייִדישע רעליגיע־פאָרשונג אַריבערטראָגן אין ייִדן אַריין, און אַלע מאַני־פעסטירונגען פון ייִדישן גאָט, זיינע מאַניפעסטירונגען פון ייִדנס אופן פון זיין, פון זיין גייסט און כאַראַקטער.

קאַפּיטל 5

יעקב און עשו

אין חומש שטייט, אַז גאָט האָט געזאָגט צו רבקהן: „צוויי אומות זײַנען אין דײַן לײַב און צוויי פעלקער וועלן זיך פון דײַן אינגעווייד צעשיידן און אַ פאָלק פון אַ פאָלק וועט זײַן שטאַרקער און דער עלטערער וועט דינען דעם ייִנגערן". געוויינטלעך האָט מען דעם פּסוק פאַרטײַטשט אין זינען פון ייִדן מיט גויִים, און עס האָט באַדאַרפט אויסקומען, אַז דער עלטערער, עשו, דאָס מיינט מען די גויִים, וועט דינען דעם ייִנגערן, יעקבן, דאָס מיינט מען די ייִדן. ווי אַזוי די גויִים האָבן געדינט די ייִדן, ווייסן מיר שוין אַ ביסל צו־גוט פון לאַנגער דערפאַרונג און עס איז נישט כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויפן פּסוק און אים דרשנען. דאָס וואָס מיר ווילן יאָ דרשענען, איז דעם אָנהייב פון פּסוק — דעם „שני גויים בבטנך". ווילן מיר זאָגן, אַז דאָס איז נישט געווען קיין פאָרויסזאָגונג אויף להבא, נאָר עס איז געווען אַ פעסטשטעלונג פון אַ פאַקט. דער „שני גויים בבטנך" האָט געמיינט, נישט אַז עס וועט פון די דאָזיקע צוויי פאַרשיידענע קינדער אַרויסקומען צוויי פאַרשיידענע פעלקער, נאָר אַז די דאָזיקע צוויי קינדער זײַנען געווען דער רעזולטאַט פון צוויי פאַרשיידענע פעלקער (ראַסן) וואָס האָבן זיך אויסגעמישט אין ייִדישן בלוט. די מעשה מיט יעקב און עשו דאַרף מען פאַרשטיין ווי די ערשטע פעסטשטעלונג פון אַלטער ייִדישער ראַסן־מישונג. ווען מען זאָל אָננעמען די דאָזיקע השערה, וואָלטן זיך אויסגעצייכנט דערקלערט אַ סך ווײַטערדיקע פּסוקים. עס זאָגט זיך ווײַטער: „ויצא הראשון אדמוני, כולו כאדרת שער", און נאָך ווײַטער: „ויגדלו הנערים ויהי עשו איש יודע ציד, איש שדה, ויעקב איש תם יושב אהלים". דאָ האָבן מיר אַ זייער קאָנצענטרירטע שילדערונג פון צוויי פיזיש און פּסיכיש ראַדיקאַל־פאַרשיידענע טיפּן. אויב מ'זאָל עס נישט דערקלערן מיט צוויי פאַרשיידענע ראַסעס, בלײַבט דער פאַקט אַבסאָלוט אומדערקלערלעך. סײַ דער קערפּערלעכער און סײַ דער גײַסטיקער אונטערשייד זײַנען צו־טיפֿע, אַז מ'זאָל זיי קענען דערקלערן מיט געוויינטלעכער געבורט־דיפערענציאַציע. אין קעגנטייל דערקלערט זיך עס זייער גוט, ווען מ'דערלאָזט די מעגלעכקייט פון ראַסע־מישונג און מען נעמט דעם „שני גויים בבטנך" אין בוכשטאַבלעכן זינען פון די ווערטער. מען דאַרף זיך דערבײַ דערמאָנען אין דעם עדות זאָגן פון נביא יחזקאל. דער נביא יחזקאל האָט געזאָגט: „אביך אמורי ואמך חתית" (יחזקאל ט"ז 3). עס הייסט,

אַז יצחק אָבינו איז געווען דער ערשטער דור פון ראַסע־מישונג, און עס איז נאָך־טירלעך, אַז אין זיינע קינדער זאָל די דאָזיקע מישונג קומען צום קלאָרן אויס־דרוק. דערמיט וואָלט זיך אויך דערקלערט, פאַר וואָס יצחק האָט ליב געהאַט עשון און רבקה האָט ליב געהאַט יעקבן. עשו האָט געמוזט אַריינגעטראָטן אין יצחקס מאַמען, אין דער חתישער באָבע שרה, און יעקב האָט אַריינגעראָטן אין רבקהס צד, אין די סעמיטן פון דמשק. מיט דעם וואָלטן אויך אויפגעקלערט געוואָרן נאָך מערקווערדיקע שטעלעס אין חומש. עס וואָלט אויפגעקלערט געוואָרן די שייכות פון אַברהם אָבינו מיט די חתים, ביים גיין איינשאַפן זיך אַ קבר־פּלאַץ פאַר דער מוטער שרה. וואָרעם עס פרעגט זיך: פאַר וואָס איז עפּעס אַברהם געגאַנגען פונקט צו די חתים קויפן אַ קבר פאַר זיין ווייב און נישט צו קיין מענטשן פון זיין שטאַם? ווען מען זאָל דערלאָזן אַז שרה האָט געשטאַמט פון די חתים, וואָלט די פראַגע גע־ווען פאַרענטפערט.

און נאָך אַן אומפאַרשטענדלעכער פסוק וואָלט געווען פאַרענטפערט. דער פסוק 46 פון קאַפּיטל כ״ז, בראשית, זאָגט: „און רבקה האָט געזאָגט צו יצחקן. ס׳איז מיר נמאס דאָס לעבן צוליב די טעכטער פון חת. אויב יעקב וועט נעמען אַ פרוי פון די טעכטער פון חת ווי פון די לאַנד־מיידלעך, טאָ צו וואָס טויג מיר דאָס לעבן״. פרעגט זיך: וואָס עפּעס די טעכטער פון חת? ווו איז דען גע־ווען אַ רייד פון חתימשע מיידלעך? איז דער תירוץ — די שוויגער. אויב שרה איז געווען אַ חתימשע, איז שוין במילא שטענדיק געווען אַקטועל די פראַגע פון חתימשע מיידלעך, און דערפאַר אויך די היסטעריקע פון דער מוטער רבקה ווען זי רעדט פון די בנות־חת.

אָבער דאָס אַלץ איז אַגב־אורחא. דאָס וואָס אונדז אינטערעסירט בעיקר, איז דעם ענין יעקב־עשו איז וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר. די יידישע מסורה האָט די נעמען פון דעם דאָזיקן צווילינג פאַרוואַנדלט אין די עקסטרעמסטע קעגנזאַצן וואָס קען נאָר זיין. יעקב איז געווען דער סימבאָל פון איידעלן מענטשן, פון תורה־לערנער, פון צדיק, און עשו איז געווען דער סימבאָל פון פאַרגרעבטן מענטשן, פון מגושמדיקן גוי, פון רשע. יעקב איז געווען הוילע גייסט, און עשו הוילע חומר. יעקב האָט געווירקט דורך זיין איידעלן באַלערנדיקן וואָרט; עשו האָט גענוצט די הענט, די פויסט — הקול קול יעקב והידים ידי עשו. האָט מען געזאָגט עשו, האָט מען זיך דערמאָנט אין דעם על חרבך תחיה. עשו איז געווען אידענטיש מיט שווערד, מיט איבערפאַל, מיט בלוט־פאַרגיסונג. יעקב איז געווען אידענטיש מיט בוך, מיט גייסט, מיט מאָראַל. אַזוי איז עס אַרויס־געקומען ביים יידן פון בית־מדרש. ער האָט זיך אויסגעחלומט און אויסגעטרוימט די געשטאַלטן פון יעקב און עשו לויט זיין געשמאַק נאָך. וויל מען זיך אָבער נישט לאָזן פאַרטונקלען פון דעם דאָזיקן סוביעקטיוויזם, נאָר מען וויל זען די זאַכן אין אַן אָביעקטיוו ליכט, ווי זיי ווערן דערציילט אין חומש, איז עשו נישט

אַזאַ רשע און יעקב נישט אַזאַ צדיק. דער חומש דערציילט גאָר נישט וועגן עשוס שלעכטסקייט און נישט וועגן יעקבס גוטסקייט.

יעקב און עשו, אויב זיי האָבן אַ וועלכן עס איז ממשות און באַדייט, איז עס נאָר ווי אַ צווילינג־באַשאַף אין יידישן כאַראַקטער, אין יידישן בלוט און גייסט. דער עשויזם איז פונקט אַזוי אַ טייל פון יידישן גייסט ווי דער יעקביזם. דער על חרבך תחיה, איז געווען פונקט אַזאַ אייגנשאַפט פון די אַלטע עברים, ווי דער קול יעקב. דער אכזריותדיקער ספר יהושע איז פונקט אַזוי אַ יידישע שאַפונג ווי דער מאָראַלישער ספר ישעיה. דער ואהבת לרעך כמוך און דער לא תחיה כל נשמה, שטייען ביידע אין דער זעלבער תורה און זיינען ביידע געבאָטן פון זעלבן גאָט. די שווערד און די גערעכטיקייט זיינען ביידע דער אויסדרוק פון יידישן זיין. דער חומש ווי דער תנ״ך בכלל, זיינען פול מיטן דאָזיקן דואַליזם. אין דער אַלטער צייט זיינען יידן געווען פונקט אַזוי שלעגעריש ווי די גוייִם. אָנהייבנדיק פון די חשמונאים־מלחמות ביז טיף אין דער תקופה פון גלות, האָבן יידן זיך כסדר געכאַפּט צו דער שווערד. און נישט בלויז אין ארץ־ישראל, נאָר אויך אין די תפוצות. אין 2טן י״ה למשל, האָבן יידן אַזוי געהרגעט גוייִם, ווי גוייִם האָבן געהרגעט יידן. יידן האָבן דורכגעפירט שחיטות אויף גוייִם אין אַלעקסאַנדריע, אין מעסאָפּאָטאַמיע, אין ציפּערן, אין ליביע, אין קירענאיקע א״אַ. יידן זיינען געווען פּראָפּעסיאָנעלע זעלנער און מיליטערלייט. אין דער אַלטער צייט האָט זיך די וואָגשאָל צווישן שווערד און גייסט כסדר געוויגט אין יידישן לעבן. ביידע וועגן זיינען געווען יידישע. סיי די פּאַציפיסטישע עסייער און סיי די קנאים־סיקאַריער זיינען ביידע געווען יידישע פּאַרטייען. ערשט שפּעטער, ווען יידן זיינען אַוועק אין לאַנגן גלות און האָבן געבילדעט קליינע מינדערהייטן צווישן ריזיקע גוייִשע מערהייטן און קיין באַוואָפנטער קאַמף האָט נישט געגעבן די מינדסטע אויסזיכטן פאַר נצחון, האָבן די יידן דעפיניטיוו אַוועקגעוואָרפן די שווערד און זיך אָנגעקלאַמערט אין גייסט אַלס וואָפן פאַר איבערלעבונג. דעמאָלט האָט זיך עס אָנגעהויבן וועבן די לעגענדע וועגן דער קללה פון על חרבך תחיה און די ברכה פון קול יעקב. דעמאָלט איז עשו געוואָרן די פאַרקערפּערונג פון אַלדאָס בייז, גראָבקייט און רשעות, און יעקב איז געוואָרן די פאַרקערפּערונג פון אַלדאָס גוטס, איידלקייט און צדקות. יידן האָבן געמאַכט פון דער שוואַכקייט אַ טוגנט. דערפאַר וואָס עס איז אַבסאָלוט אוממעגלעך געווען צו נוצן פיזישע קראַפט אַלס מיטל פאַר עקסיסטענץ, נאָר פאַרקערט, עס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די גרעסטע געפאַר פאַרן יידישן קיום, האָט מען אָנגעהויבן פאַרמיאוסן יצחקס ברכה צו עשון צוזאַמען מיט עשון גופא, נאָר מען האָט אָנגעהויבן סובלימירן גייסט, תורה, גוטסקייט און פרומקייט. פיזישער כוח, פויסט, שווערד, האָט געפאַסט פאַרן גוי, פאַרן כאַמולע — הידים ידי עשו. פאַרן איידעלן יעקב, דעם איש תם יושב אהל — יושב באהלי של

תורה— פאַר אים האָט געפּאַסט קידוש השם, מאַרטירערטום, מסירת נפש — גייסטיקע גבורה...

מען האָט געקענט מיינען, אַז ייִדן האָבן שוין אין גאַנצן פאַרלוירן זייער אוראַלטע אייגנשאַפט צו זיין שווערד־מענטשן. זיינען געקומען די געשעענישן פון אונדזער צייט און האָבן באַוויזן אַז נייך, ייִדן האָבן נאָך נישט פאַרלוירן זייער פעיִקייט מלחמה צו האַלטן; ייִדן זיינען נאָך אַלץ גוטע קריגערס און בלייבן נישט דערונטער אויפן שלאַכט־פעלד ווי די בעסטע זעלנערס. דער אַלטער יהוה צבאות, דער איש מלחמה, באַזעלט נאָך אַלץ זיינע אייניקלעך און אור־אייניקלעך און גיט זיי מיליטערישע נצחונות...

דאָס ייִדישע פאָלק האָט זיך אין דער קעגנוואַרט ווידעראַמאָל אויסגעדרייט אויף דער זייט פון זיין לייבלעכן פעטער עשו און גענומען געניסן פון דער ברכה וואָס זיין טאַטע יצחק האָט אים געגעבן — על חרבך תחיה...

קאַפּיטל 6

ייִדן, די צעשטערערס פון געץ

אַלץ איינס ווער עס האָט געשריבן דעם חומש און ווען ער איז געשריבן געוואָרן, — צי אין מצרים, צי אין כנען אָדער בבל — אַלץ איינס איז עס געווען אין דער זעלבער וועלט מיט איינגעגעסענער פּיל־געטעריי און געצנ־דינסט, און דאָס אַרויסקומען מיט אַ תורה, וואָס הייבט זיך אָן מיט בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ און מיטן פאַרבאָט פון לא תעשה לך כל פסל וכל תמונה, איז געווען די גרעסטע געדאַנק־רעוואָלוציע, וואָס די מענטשהייט האָט ביז יענער צייט געמאַכט.

איין גאָט, נישט מער ווי איין גאָט. נישטאָ קיין געטער און נישט קיין גע־טינס. בלויז איין גאָט, דער באַשאַפער און אויפהאַלטער פון דער וועלט. בלויז אין אים דאַרף מען גלויבן און בלויז אים דאַרף מען דינען.

אין דעם בראשית ברא אלהים, איז מער דירעקט אויסגעדריקט דער איין־גאָט געדאַנק ווי אין „אנכי", וואָרום אויב מ'אַנערקענט, אַז ס'איז דאָ נאָר איין בורא עולם, גיט מען שוין במילא צו, אַז מער קיין געטער זיינען נישטאָ. אין קעגנטייל אין אנכי זאָגט זיך: לא יהיה לך אלהים אחרים על פני, ייִדן זאָלן נישט האָבן קיין אַנדערע געטער אויסער יהוהן, אָבער עס זאָגט זיך נישט, אַז קיין אַנדערע געטער זיינען נישטאָ. אַנדערע פעלקער, קען עס הייסן, מעגן יאָ האָבן אַנדערע געטער. אויך אין שמע ישראל איז קלאָר פּראָקלאַמירט די איינ־ציקייט פון גאָט.

געוויס, נאָכן בראשית ברא אלהים, קומט די שומעריש־בבלישע מעשה וועגן בריאת עולם, און נאָך דער לעגענדע וועגן בריאת עולם, קומט די לעגענדע וועגן מבול, גענומען פון די זעלבע קוועלן. און די געזעצן פון ספר הברית, זיינען מיט קליינע אויסנאַמען צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך צו די געזעצן פון האַמוראַבי־קאָדעקס. און פאַר דער גרעסטער טייל מצוות פון דער תורה, קען מען געפינען אַנדייטונגען אין די אַלט־סעמיטישע רעליגיעס, און די ייִדישע קרבנות זיינען זייער ענלעך צו די כנענישע קרבנות. עס איז אָן ספק, אַז ייִדן האָבן גענומען ביי די פעלקער אַרום זיי, אָנהויבנדיק פון אַלטן בבל, דורך כנען, ביזן נייעם בבל און פּערסיע, כמעט אַלע פאָרמען און אויסדרוק־מיטלען פון זייער רעלי־גיע. דער תוך, אָבער, די איין־גאָט־אידעע, איז געווען זייער אייגענע. די ייִדן

האָבן אַלע לעגענדעס, געבאָטן, לערעס, געדאַנקען, ליטעראַרישע שאַפונגען, אָנגעגאָסן מיט זייער מאָנאָטעיִסטישן אינהאַלט און עס האָבן זיך באַקומען גאָר אין גאַנצן נייע גייסטיקע ווערטן. די זעלבע מעשה וועגן וועלט־שאַפונג, אַז מ׳דערציילט זי אין נאָמען פון אַ סך געטער און געטינס, איז עס איין זאַך, און אַז מ׳דערציילט זיי אין נאָמען פון אַן איינציקן גאָט, שאַפער פון וועלט און מענטש, איז עס שוין גאָר אין גאַנצן אַן אַנדער זאַך. אין ערשטן פאַל איז עס אַ גלויבן פון ווילדע, און אין צווייטן פאַל, איז עס שוין אַ באַשטימטע וועלט־פילאָסאָפיע. די צענטראַלע אידעע דערהויבט און באַוועטיקט די פּרטים. אמת טאַקע מ׳קען רעדן וועגן אַ שומעריש־בבלישן חומש און אַ ייִדישן חומש און מ׳קען דערווייזן, אַז די ייִדן זיינען געווען אימיטאַטאָרס. אָבער אימיטאַטאָרס בלויז פון פּרטים, נישט פון קיין הויפּט־אידעען. וויכטיק איז דאָ די היופּט־אידעע, און וואָס שייך דער הויפּט־אידעע פון אַן אַבסטראַקטן איינציקן וועלט־גאָט, איז זי ביי די ייִדן געווען הימל־הויך איבער דער אידעע פון דער געצנדינערישער פּילגעטעריי.

אין גאַנצן תנ״ך, אַזוי אין תורה ווי אין נביאים און כתובים, קען מען אָנווייזן, אַז ייִדן האָבן נאָכגעמאַכט פרעמדע מוסטערן. אָבער די אַלע נאָכמאַכונ־גען זיינען געווען בלויז אין פאָרעם, נישט אין אינהאַלט. דער אינהאַלט איז שטענדיק געבליבן ייִדיש. די ייִדן האָבן אָנגעפילט מיט זייער גלויבן אין איין גאָט אַלץ צו וואָס זיי האָבן זיך צוגערירט און דערמיט באַוועטיקט און געגעבן אַ נייעם זינען דאָס וואָס זיי האָבן אויסגעבאָרגט ביי זייער אַרום. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס אַרויסטרייבן די אַלערליי געטער און געטינס פון די אַלט־רעליגיעזע שאַפונגען און זיי אָנפילן מיטן גלויבן אין איין וועלט־שאַפנדיקן גאָט, איז געווען אַזאַ גרעסטענער אויפטו, אַז דאָס איז נאָך דעם געוואָרן די אוניווער־סאַלסטע קולטור־דערשיינונג פון דער מענטשהייט פאַר יאָרטויזנטער. נישט בלויז האָט דער בילדלאָזער גאָט פון ישראל באַזיגט די געטער און געטינס פון אַלטן אָריענט, נאָר אַפילו אַזעלכע מעכטיקע געטער און געטינס ווי די פון עגיפּטן, גריכנלאַנד און רוים, זיינען געפאַלן צעשמעטערט דורך דעם ייִדישן גאָט, וואָס קיינער ווייסט נישט גענוי ווער עס האָט אים געשאַפן און ווי אַזוי ער איז אויפגעקומען.

די חריפות איז דאָ געווען נישט אין אויסטראַכטן, אַז עס איז דאָ נאָר איין גאָט, אַזעלכע געדאַנקען זיינען אַ סך מאָל אויפגעקומען, נאָר אין דעם וואָס אין ערגעץ זיינען זיי נישט געוואָרן צו קיין רעליגיע, און ביי ייִדן יאָ. אומעטום זיינען זיי געבליבן דאָס אייגנטום פון פאַראיינצלטע דענקערס. צו קיין רעליגיע און גלויבן פון אַ גאַנץ פאָלק זיינען זיי נישט געוואָרן. בלויז ביי ייִדן האָט אויף דער באַזע פון פילאָסאָפישן איין־גאָט געדאַנק, אָנגעהויבן אויפקומען אַ רעליגיע.

עס איז געווען מער ווי נאַטירלעך, אַז אַזאַ איבערבייט ווי עס איז געווען פון געצנדינערישער פּילגעטעריי צו אַבסטראַקטן מאָנאָטעיִזם, זאָל געווען נעמען אַ סך צייט און אָנקומען מיט גרויסע שוועריקייטן. עס איז געווען אַ בייט פון

עקסטרעם צו עקסטרעם. פּילגעטריי איז נישט קיין וועלט־געדאַנק, נאָר אַנימי־זירטע נאַטור, אַ פּראָדוקט פון שרעק און פאַנטאַזיע, אין קעגנטייל איז גלויבן אין איין גאָט דורכויס אַ פּראָדוקט פון געדאַנק.

דאָס זעלבע איז אויך מיטן צווייטן אַספּעקט פון מאָנאָטעיִזם, מיט זיין אַבסטראַקטקייט. זינט דער מענטש איז געוואָרן מענטש און האָט אָנגעהויבן אויס־צופאַנטאַזירן גאָטהייטן, האָט ער זיי געגעבן אַ וויזועלע פאָרעם. ער האָט געמוזט האָבן אויף וואָס צו קוקן; ער האָט געמוזט זען זיין גאָט; ער האָט געמוזט זען זיין בילד און זיין סטאַטוע, אַז נישט, האָט ער נישט געהאַט צו וועמען צו דינען און אין וועמען צו גלויבן. דאָ האָט געווירקט די סוגעסטיע פון אויג, וואָס האָט אים געהאַלטן צוגעבונדן צו זיין געץ. האָט ער געמעגט זיין ווי פּרימיטיוו געמאַכט, האָט ער אָנגעהאַלטן דעם גייסט פון דער באַטרעפנדיקער גאָטהייט. ס'איז נישט געווען קיין טויט הילצערן אָדער שטיינערן בילד, נאָר ס'איז געווען אַן אַנימיזיר־טער קעגנשטאַנד. פון די קליינע צעקאַליעטשעטע סטאַטועטקעס, מיט וועלכע ס'איז אָנגעפילט דער באָדן פון אַלע אַלטע לענדער, ביז די מייסטערהאַפט־געמאַכטע סטאַטועס פון מצרים, גריכנלאַנד און רוים, זיינען אַלע געצן געווען אַנימיזירטע סקולפּטורן, דורכגעגייסטיקטע. אין זיי האָט געוווינט דער גייסט פון דער גאָטהייט. אַז מ'האָט געקוקט אויף דער צורה פון געץ, האָט מען געזען אַ לעבעדיקע זאַך. זייערע אויפגעריסענע אויגן, האָבן אַריינגעקוקט דעם גלויביקן גלייך אין האַרץ אַריין.

די אויגן זיינען די פענצטערס פון דער נשמה. אַז מ'זעט גאָר נישט, פילט מען גאָר נישט. מיט דעם דערקלערט זיך די אוניווערסאַלקייט און די אייביקייט פון געץ. זינט די עלטסטע צייטן און ביז אויפן היינטיקן טאָג מוז דער מענטש זען זיין גאָט, מוז ער קוקן אויף אים. פאַרן קריסט, איז די יעזוס־סטאַטוע, אָדער די סטאַטוע פון דער הייליקער יונגפרוי — „לעבעדיקע״ וועזנס, ד״ה, וועזנס וואָס האָבן אין זיך גייסט. זיך האַלטנדיק ביים כלל, אַז אַלטע, פאַרוואָרצלטע אינסטיטו־ציעס, וואָס עקסיסטירן אין דער מענטשלעכער געשיכטע זינט טויזנטער יאָרן, ווייזן אַז די דאָזיקע אינסטיטוציעס האָבן אַ טיפע אחיזה אין מענטשנס גייסט, איז צו דרינגען, אַז דאָס מאַכן בילדער פון די געטער, אַנטשפּרעכט אַ טיפע מענטש־לעכע אייגנשפט. זען עפּעס מיט די אויגן — קיין שטאַרקערער ווירקונגס מיטל קען נישט זיין. דאָס איז געווען דער סוד פון דער אוניווערסאַלקייט און פאַר־וואָרצלטקייט פון דינסט צום געץ.

זיינען געקומען די ייִדן און אַרויסגעטראָטן קעגן דעם: — „לא תעשה לך כל פסל וכל תמונה״. מ'טאָר נישט זען גאָט, נאָר מ'דאַרף דענקען וועגן אים. גאָט איז נישט קיין זאַך אויף צו קוקן, נאָר צו באַגרייפן. גאָט איז נישט קיין עמפּיריש וועזן, נאָר אַן אַבסטראַקט וועזן. די ייִדן זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אַוועקגעשטעלט רעליגיע אויף פילאָסאָפישע יסודות. דער גלויבן אין איין אַב־סטראַקטן גאָט, איז דורכויס אַן ענין פון ריינעם געדאַנק. האָבן די ייִדן דערויף

אויפגעבויט אַ רעליגיע מיט דאָגמעס, מצוות און עבירהס, באַלוינונג און באַ־שטראָפונג אאַ״וו.

די עטישע נביאים האָבן אָנגעהויבן צו עטיזירן דעם ידישן גאָט, ווי דאָס איז אויסגעדריקט אין די ספרים פון די עטישע נביאים און אין די עטישע טיילן פון חומש. ביז זיי האָט יהוה, דער גאָט פון די עברים נישט געהאַט קיין עטישע אַטריבוטן, נאָר איז געווען אַ קריגסמאַן. ערשט דורך די עטישע נביאים האָט יהוה, דער „איש מלחמה״ און דער „אל קנא״ אָנגעהויבן באַקומען אַן עטישן גייסט און אָנגעהויבן ווערן אַן „אל רחום״. עס האָט געדויערט אומגעהייער לאַנג זינט דער ערשטער פראָקלאַמירונג פון איין־גאָט־געדאַנק ביז דאָס פאָלק אַלס גאַנצעס האָט דעם דאָזיקן געדאַנק אָנגענומען.

קאַפּיטל 7

נביאים און נבואה

פאַר וואָס זיינען בלויז ביי ייִדן געווען עטישע נביאים און נישט ביי קיין אַנדערע פעלקער? זאָל זיין אַז בלויז ביי ייִדן זיינען געבוירן געוואָרן עטישע פּערזענלעכקייטן און ביי די גויים נישט? דאָס קען נישט זיין. גיכער דאַרף מען די זאַך דערקלערן מיט דער נייקייט פון דער ייִדישער רעליגיע, מיט דער נייקייט פון ייִדישן גאָט. די אַלטע געצנדינערישע געטער און געטינס האָבן שוין געהאַט זייערע דעפינירטע, פעסטגעשטעלטע רעליגיעס, פון וועלכע מ'האָט גאָר נישט געקענט אַראָפּנעמען און צו וועלכע מ'האָט גאָר נישט געקענט צוגעבן. בלויז דער ייִדישער גאָט האָט נאָך נישט געהאַט קיין באַשטימט געשטאַלט; בלויז די ייִדישע רעליגיע האָט זיך נאָך געפונען אין צושטאַנד פון אויספורעמונג און יעדער איז פריי געווען צו זאָגן אין גאָטס נאָמען וואָס נאָר ער האָט געוואָלט; יעדער איינער איז פריי געווען צו מאָדעלירן גאָט לויט זיין אייגענעם גייסט. דעריבער האָבן מענטשן, אידעאַליסטן און ליבהאָבערס פון גערעכטיקייט, געקענט קומען און זאָגן אין יהוהס נאָמען, דאָס וואָס זייער אייגן האַרץ האָט געפילט. עטישע אינדיווידן ביי ייִדן האָבן ליב געהאַט צדק און יושר, האָבן זיי מיט דער דאָזיקער ליבע אָנגעפילט גאָט און באַשאַפן דעם „אל רחום וחנון". עס זיינען ביי ייִדן געווען אויך בייזע גאָט־פּריידיקערס, איז ביי זיי גאָט אַרויסגעקומען לויטן נוסח פון די בייזע געצן־דינערישע געטער — אַן „אל קנא ונוקם". דערפאַר וואָס עס איז נאָך נישט געווען קיין דעפינירט גאָט־געשטאַלט, האָט יעדער איינער אָפּגעשפּיגלט אין גאָט זיין אייגן געשטאַלט. מיט דעם דערקלערט זיך די טאָפּלטקייט פון ייִדישן גאָט און זיין תורה. פון איין זייט דער „ואהבת לרעך כמוך", און פון דער צווייטער זייט דער „לא תחיה כל נשמה". עס איז אין יהוהן איבערגעבליבן אַ סך פון די אַלטע בלוט־דאָרשטיקע געטער. מ'האָט נישט געקענט מיט איין מאָל געבן אַ באַשאַף אַן עטישן גאָט, וואָס זאָל זיין כולו צדק. די עטיזירונג פון גאָט איז צוגעגאַנגען זייער לאַנגזאַם, איז אָבער דאָך צוגעגאַנגען. אַלע מאָל פון דאָס ניי און אַלע מאָל מער, זיינען אויפגעשטאַנען עטישע טרוימערס, וואָס האָבן איבערגעגאָסן אין גאָט זייער עטישן ענטוזיאַזם און זייער אייגענע עטישע לײדנשאַפט. אין דעם איז באַשטאַנען די נייקייט פון דער ייִדישער רעליגיע — זי האָט דערמעגלעכט די גערעכטיקייט־ליבנדיקע יחידים, די ענטוזיאַסטן פון יושר, אַז זיי זאָלן די מאָראַלישע פּאַסטער־

לאַטן, וואָס זיינען געווען אויסגעקריצט אין זייער אייגן בלוט און גייסט, אָנהייבן פריידיקן אין נאָמען פון איינציקן גאָט. די עטישע מענטשן ביי די אַנדערע פעלקער האָבן אַזאַ זאַך נישט געקענט טאָן, וואָרעם מיט די אַלטע געטער פון פּאָליטעיזם האָט עס לחלוטין נישט געשטימט. בלויז ביים נייעם איינציקן גאָט פון ישראל, האָט עס געקענט געמאָלט זיין, אַז עטישע יחידים זאָלן זיך איבערגיסן אין גאָט אַריין און אָנהויבן פריידיקן זייער אינערלעכע מאָראַל אין זיין נאָמען. עס הייסט נישט, אַז בלויז ייִדן האָבן געהאַט עטישע מענטשן און די גויים נישט. ניין, ביי גויים זיינען געווען די זעלביקע עטישע מענטשן וואָס ביי ייִדן, נישט מער, ביי די גויים האָבן זיי געמוזט בלייבן אָן רעליגיעזן אויסדרוק, ווייל זיי האָבן זייער מאָראַלן ווילן נישט געקענט אַריינטאָן אין די געטער פון געצנדינסט. דער גייסט פון די אַלטע געטער איז געווען קעגנזעצלעך צום גייסט פון די עטישע מענטשן. ביי די ייִדן זיינען די אומשטענדן געווען אַנדערע. די ייִדן האָבן אויפגעהערט צו גלויבן אין די אַלטע געטער און דעם נייעם גאָט האָט מען ערשט באַדאַרפט דעפינירן און אים געבן אַ באַשטימט געשטאַלט. עס האָבן זיך געפּאָדערט גאָט-פורעמערס און גאָט-געשטאַלטיקערס. דער וועג צו גאָט איז נאָך געווען אין גאַנצן פריי. די אַלע וואָס האָבן „דערהערט אין זיך גאָטס רוף", האָבן געקענט קומען און ריידן אין זיין נאָמען. זיינען צווישן די דאָזיקע אויך געווען מאָראַל-ענטוזיאַסטן, גערעכטיקייט-זוכער, עטישע בעל-חלומות, צו וועלכע יהוה האָט זיך באַוויזן און געשיקט ריידן אין זיין נאָמען.

וואָס שייך דאָס נביאות-זאָגן בכלל, איז עס לחלוטין נישט געווען קיין ייִדישע זאַך. דער גאַנצער אָריענט איז אין יענער צייט פול געווען מיט אַלערליי העלזעערס און וויזיאָנערן. ווו נאָר אַן אינדיווידו מיט אינערלעכן אומרו, האָט ער געהאַט חלומות און געטלעכע זעונגען. דאָס איז לחלוטין נישט געווען קיין ייִדישע זאַך, נאָר אַן אַלגעמיינע, אין אַלע רעליגיעס און גלויבנס. דער אונטערשייד צווישן די ייִדישע נביאים און די נביאים פון די אַנדערע געטער, איז באַשטאַנען נישט אין דער „זעעריי" אַלס אַזעלכע, נאָר אין זייער אינהאַלט, אין דעם וואָס מ'האָט „געזען". די עטישע ייִדישע נביאים האָבן געהאַט „זעונגען" מיט אַן עטישן אינהאַלט, און די נביאים פון די גוייִשע געטער האָבן געהאַט שלעכטע „זעונגען". דער ייִדישער אויפטו איז געווען די מאָראַליזירונג פון דער זעעריי, פון דער נבואה. די ייִדן זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן אָנגעהויבן אָנגיסן מיט מאָראַלישן אינהאַלט די אַלערליי געטלעכע אַנטפּלעקונגען און חלומות.

מיט דעם וואָס די ייִדישע נביאים האָבן אָנגעפילט זייערע האַלוצינאַציעס מיט אַ סאָציאַל-עטישן אינהאַלט און האָבן זיי פאַרשריבן אין אַ גוטן פּאָעטישן סטיל, האָבן זיי מיט דעם געשאַפן ווערק פון אומגעהייערער השפעה און דויער. די נביאים-ביכער האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין דעם גרעסטן סאָציאַל-עטישן ליטעראַרישן מאָנומענט, וואָס איבט כסדר און פערמאַנענט אויס זיין השפעה אויפן גייסטיקן לעבן פון די מענטשן. ווי פּעסימיסטיש מ'זאָל נישט קוקן אויפן מאָראַלישן

מצב פון דער מענטשהייט, מוז מען אָבער אָנערקענען די גרויסע ווירקונג, וואָס די עטישע נביאים־ביכער האָבן אויסגעאיבט. עס איז אומגעהייער שווער אויפצוהייבן דעם מאָראַלישן ניווא פון דער מענטשהייט.

צווישן די מאָראַל־ביכער און מאָראַל־פּריידיקערס פון דער מענטשהייט, פאַרנעמען די ייִדישע נביאים און זייערע ביכער דאָס ערשטע פּלאַץ. מ׳קען זאָגן, אַז זיי, די ייִדישע נביאים, זיינען געווען די גרונטלייגערס פון דעם מאָראַלן קאַמף אין מענטשלעכן לעבן, און אַלע סאָרטן מאָראַל־באַוועגונגען, וואָס זיינען נאָך דעם אַנטשטאַנען, זיינען געווען אינספּירירט פון זייערע געדאַנקען און פון זייער ווערק, און איז געווען אַ פאָרזעצונג פון דער טעטיקייט וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן.

ייִדישע אַפּאָלאָגעטן און זינגערס פון ייִדישן זעלבסטלויב, רופן־אָן די ייִדן „פאָלק פון נביאים". די נביאים גופא האָבן געהאַט וועגן די ייִדן אַן אַנדער מיינונג. אַלע ספרים פון די עטישע נביאים זיינען פול מיט זידל־רייד קעגן די ייִדן פאַר זייער זינדיקייט. זיי האָבן גאָרנישט געגנוג שאַרפע ווערטער צו באַצייכענען די ייִדישע זינד. אָנהייבנדיק פון הושע און עמוס ביז די לעצטע נביאים, שטראָפן אַלע די ייִדן מיט די שטאַרקסטע רייד. אָט זיינען אַ רייע אויסדרוקן, צוואָרפענע איבער די פאַרשיידענע ספרים פון די נביאים וועגן די ייִדן:

„ווייִ, זינדיקע אומה, פאָלק מיט פאַרברעכן באַלאָדן, קינדער פון שלעכטסטוערס, זין פאַרדאָרבענע; פירערס פון סדום. אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט; ווי איז אַ זונה געוואָרן די געטרייע שטאָט, געווען פול מיט גערעכטיקייט און אַצינד מערדערס. דיינע האַרן זיינען אָפּקערערס און חברים פון גנבים. יעדער האָט ליב שוחד און יאָגט זיך נאָך געצאָלטס. דעם יתום טוען זיי נישט קיין רעכט און פאַר דער קריוודע פון דער אַלמנה נעמען זיי זיך נישט אָן (אין ערשטן קאַפּיטל פון ישעיה). דער צדיק גייט אונטער און קיינער קוקט זיך נישט אום, און פרומע לייט שטאַרבן און קיינער פאַרשטייט נישט, אַז צוליב דער שלעכטקייט איז דער צדיק געשטאָרבן. קומט אַהער זין פון אַ מכשפה, קינדער פון אַ נואף און אַ זונה. אויף וועמען מאַכט איר אייך לוסטיק? אויף וועמען רייסט איר אויף דאָס מויל, שטעקט איר די צונג אַרויס? איר זייט קינדער פון פאַרברעכן, זין פון ליגן (אין ישעיה נ"ז). אין דיינע פאָלעס געפינט זיך בלוט פון נפשות פון אומשולדיקע, אָרעמע (אין ירמיה ב׳). און דו האָסט זינדיק געמאַכט דאָס לאַנד מיט דיין זנות און מיט דיין שלעכטקייט; אָבער אַ שטערן פון אַ זונה איז ביי דיר, האָסט זיך נישט געוואָלט שעמען (אין ירמיה ג׳). אַז איך האָב זיי געזעטיקט, האָבן זיי מזנה געווען. און אין הייזער פון זנות קלייבן זיי זיך צונויף. אָנגעפרעסענע פערד, אָגערס זיינען זיי. איטלעכער צו זיין חברס ווייב הירזשען זיי. וואָרעם צווישן מיין פאָלק געפינען זיך רשעים. אַזוי ווי פייגלפאַנגערס לויערן זיי. זיי שטעלן אַ פאַסטקע; מענטשן פאַנגען זיי. ווי אַ שטייג פול מיט פייגלען, אַזוי זיינען זייערע הייזער פול מיט פאַלשקייט. דעריבער זיינען זיי גרויס און רייך געוואָרן. פעט, גראָב זיינען זיי געוואָרן. זיי שטייגן זיך איבער אין בייזע מעשים (ירמיה ה׳). וואָרעם אַלע זיינען

זיי נואפים, אַ געזעמל פון פאַררעטערס. היט אייך איטלעכער פון זיין חבר און אויף קיין ברודער זאָלט איר אייך נישט פאַרזיכערן. וואָרעם נאַרן נאַרט איטלעכער ברודער און איטלעכער חבר טרייבט רכילות, און איינער דעם אַנדערן נאַרן זיי, און אמת זאָגן זיי נישט. זיי האָבן איינגעוווינט זייער צונג צו זאָגן ליגן. זיי מאַטערן זיך צו פאַרברעכן (ירמיה ט׳). אָבער ביי די נביאים פון ירושלים האָב איך שוידערהאַפטיק געזען: מזנה זיין און אַרומגייען מיט ליגן, און זיי שטאַרקן די הענט פון די שלעכטס־טוערס, אַז זיי זאָלן זיך נישט אומקערן קיינער פון זיין בייז (ירמיה כ״ג). שווערן און לייקענען און טויטן און גנבענען און מזנה זיין, זיינען פאַרשפרייט, און בלוט רירט זיך אָן אין בלוט. איך בין נישט אין כעס אויף אייערע טעכטער וואָס זיי זיינען מזנה און אויף אייערע שניר, וואָס זיינען אומטריי, וואָרעם זיי אַליין גייען מיט זונות אַוועק און מיט הייליקע פראָסטיטוטקעס ברענגען זיי קרבנות (הושע ד׳). און ווי באַנדעס וואָס לויערן אויף מענטשן, איז די חברה פון כוהנים. זיי טויטן אויפן וועג קיין שכם. שענדלעכקייט באַגייען זיי (הושע ו׳). ...פאַר זייער פאַרקויפן פאַר געלט דעם גערעכטן און דעם אביון פאַר אַ פאָר שיך. זיי, וואָס ווילן איינשלינגען דעם שטויב ערד אויפן קאָפּ פון די אָרעמע און דעם וועג פון די געדריקטע פאַרדרייען זיי. און אַ מאַן און זיין פאָטער גייען צו איין מיידל, כדי צו פאַרשוועכן מיין הייליקן נאָמען, און אויף פאַרמשכנטע קליידער ציִען זיי זיך אויס נעבן איטלעכן מזבח און וויין פון באַשטראָפטע טרינקען זיי אין הויז פון זייער גאָט (עמוס ב׳). אונטערגעגאַנגען איז דער פרומער פון לאַנד און קיין רעכטפאַרטיקער צווישן מענטשן איז נישטאָ. אַלע לויערן זיי אויף בלוט. איינער דעם אַנדערן פאַנגען זיי אין נעץ. אויף שלעכטס זיינען די הענט וואָס דאַרפן טאָן גוטס. דער שרה וויל געלט און דער ריכטער איז פאַר געצאָלטס" (מיכה ז׳).

ווי עס איז צו זען פון די געבראַכטע ציטאַטן, האָבן די נביאים געהאַט וועגן די ייִדן גאָר נישט קיין געהויבענע מיינונג. פון דעסט וועגן, אַנשטאָט די ייִדן זאָלן זיך אַליין זען אין ליכט ווי זייערע נביאים האָבן זיי געשילדערט, זעען זיי זיך גאָר ווי אַ נביאים־פאָלק. אויב די ייִדן זיינען אַ הייליק, אויסדערוויילט פאָלק, טאָ ווער זיינען די מערדערס, די ליגנערס, די גנבים און די נואפים? סיידן מ׳זאָל זאָגן, אַז די נביאים האָבן אויסגעטראַכט אַ בילבול אויף די ייִדן.

ניין, די נביאים האָבן נישט אויסגעטראַכט קיין בילבול. דאָס אַלץ וואָס זיי האָבן געזאָגט וועגן די ייִדן פון זייער צייט איז געווען אמת, און וועגן די ייִדן פון אַנדערע צייטן וואָלט עס אויך געווען אמת, ווען מ׳וואָלט נאָר געביטן די פאָרמען פון די זינד, וואָס בייטן זיך אין צייט און אָרט. און דאָך איז עס אַ פאַקט, אַז דאָס ייִדישע פאָלק האָט אַרויסגעגעבן נביאים. טאָ ווי אַזוי איז עס? עס איז אַזוי: נביאים זיינען איין זאַך, און פאָלק איז אַן אַנדער זאַך. נביאים זיינען יחידים, וואָס שטייען ביאָלאָגיש אויף אַ הויכער מאָראַלישער מדרגה, ווערן געבוירן מיט אַ הויך־עטישער נאַטור, און פאָלק איז אַ מאַסע וואָס שטייט ביאָלאָגיש אויף אַ

סך אַ נידעריקערער מאָראַלישער מדרגה. אַלע טעותן נעמען זיך דאָ פון די פּאַראַלגעמיינערונגען וואָס מען מאַכט. מען זעט געמיינזאַמקייט דאָרט ווו עס איז דאָ פאַרשיידנקייט. נישט אַלע מענטשן וואָס געהערן צו איין פאָלק, זייַנען פון דער זעלביקער מאָראַלישער קוואַליטעט. ווי באַלד אַ פאָלק גיט אַרויס פון זיך נביאים — זאָגט מען נביאים-פאָלק. דאָס איז נישט אַזוי. די מאָראַלישע הייך פון יחידים איז נישט מאַסגעבנדיק פאַרן פאָלק אַלס גאַנצס. נביאים קענען טאַקע זיין הייליקע לייט און דאָס פאָלק זאָל זיין באַלאָדן מיט זינד.

דער אינהאַלט פון די עטישע נביאים-ביכער באַשטייט הויפּטזעכלעך פון שטראָף-רייד קעגן די ייִדן פאַר זייער זינדיקייט, און פון דראָונגען, אַז זיי וועלן שטרענג באַשטראָפט ווערן פאַר זייערע זינד. די שטראָף וועט באַשטיין אין אָנשיקן מעכטיקע שונאים אויף זיי, וואָס וועלן חרוב מאַכן דאָס לאַנד, אויסראָטן די באַפעלקערונג און זיי אַוועקפירן אין שקלאַפעריי.

די ייִדישע זינד קען מען איינטיילן אין דריי סאָרטן: סאָציאַלע אומגערעכ־טיקייט, זנות און דינען פרעמדע געטער. דאָס וואָס איז אומפאַרשטענדלעך היינטיקע צייטן, איז די מעשה מיטן ייִדישן זנות. פאַרן היינטצייטיקן ייִדן קלינגט עס פרעמד און אומפאַרשטענדלעך דאָס כסדרדיקע פאָרוואַרפן די עבירה פון זנות. ייִדן זייַנען נישט באַקאַנט אַלס אַזעלכע, וואָס האָבן אַ ספּעציעלע נייגונג צו זנות. פונקט פאַרקערט: ייִדן זייַנען באַקאַנט מיט זייער קאָרעקטער אויפירונג אינערהאַלב זייער פאַמיליע-לעבן אַלס געטרייע מענער און קיינער קען זיי נישט פאָרוואַרפן דאָס יאָגן זיך נאָך פרעמדע ווייבער און דאָס זיין להוט נאָך פּרויען. עס קלינגט דעריבער זייער מאָדנע די ווערטער פון ירמיהו הנביא וואָס זידלט די ייִדן אַלס אָנגעפּרעסענע פערד, אָגערס, וואָס איטלעכער הירזשעט צו זיין חברס ווייב, אָדער די ווערטער פון הושע, וואָס זאָגט, אַז ער איז נישט אין כעס אויף די ייִדן, וואָס זייערע טעכטער זייַנען מזנה און זייערע שנירן זייַנען אומ־טריי, וואָרעם זיי אַליין גייען מיט זונות אַוועק און מיט הייליקע פּראָסטיטוטקעס ברענגען זיי קרבנות, און ענלעכס ביי אַנדערע נביאים. סיידן מ'זאָל זאָגן, אַז אין יענע אַלטע צייטן, ווען די ייִדן האָבן געלעבט צווישן די כנענים און אונטער זייער השפעה, האָבן זיי זיך אָנגענומען מיט זייער איבערגעטריבענער סעקסואַלי־טעט. בכלל איז דער עראָטישער עלעמענט שטאַרק פאַרטראָטן אין די ספרים פון די נביאים, אָבער גאַנץ באַזונדער ביים נביא יחזקאל אין די קאַפּיטלען 16 און 23. אין די דאָזיקע קאַפּיטלען זייַנען פאַראַן שילדערונגען פון אַן עקסטרעם־פּאָרנאָגראַפישן רעאַליזם און מ'זעט באַשיינפּערלעך ווי דער מחבר האָט הנאה פון זייַנע עראָטישע שילדערונגען.

נבואה איז נישט קיין ריין-ייִדישע זאַך, נאָר אַן אַלגעמיינע. ביי אַלע פעל־קער זייַנען געווען העלזעער און וואָרזאָגערס און טרעפערס און בעל חלומות, וואָס זייַנען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט פאַרשיידענע מיסטישע אינסטאַנצן וואָס האָבן זיי צוגעשטעלט אינפאָרמאַציע. פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע מיסטישע

אינסטאַנצן זיינען געווען די פּרוכט פון זייערע אייגענע פאַנטאַזיעס. זינט דער מענטש איז אויף דער וועלט געקומען, ליידט ער פון כלערליי האַלוצינאַציעס און וויזיעס און פאַרשטעלונגען, און די דאָזיקע פרוכט פון זיין דמיון און פאַנטאַזיע, שפּילן אַ גרעסערע ראָל אין זיין לעבן ווי די רעאַלע זאַכן.

אין פאַרשיידענע עפּאָכעס און אין פאַרשיידענע ערטער, האָבן די דאָזיקע מיסטישע טרוימערייען אָנגענומען פאַרשידענע פאָרמען. אין דער עפּאָכע פון וועלכער מיר רעדן, איז פּאָפּולער געווען אַ פאָרעם פון מיסטישער קאָמוניקאַציע מיט די געטער וואָס מ׳האָט אָנגערופן „זעעריי" אָדער נבואה. אַ באַטרעפנדן וויזיאָנער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער זעט אָדער הערט זיין גאָטהייט רעדן צו אים און ער הייסט אים זאָגן דאָס וואָס ער אַליין, דער וויזיאָנער, האָט געוואָלט. ביי יידן האָט דאָס ערשטע מאָל געטראָפן, וואָס אויך עטישע יחידים האָבן אָנגעהויבן „זען" און „הערן" גאָט רעדן צו זיי און זיי דיקטירן עטישן געבאָטן פאַר זייער פאָלק. מען דאַרף נישט מיינען, אַז דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס אַן אָפּנאַרעריי, אַז דער „זעער" האָט גאָר נישט געזען און גאָר נישט געהערט, נאָר געזאָגט ליגן. ניין, ער האָט בפירוש „געזען" און בפירוש „גע־הערט". נישט מער, דאָס איז געווען די פרוכט פון זיין אייגענער צעהיצטער פאַנטאַזיע. דערפאַר וואָס ער האָט שטאַרק און טיף געגלויבט אין דער עקסיסטענץ פון די געטער און גייסטער און דערפאַר וואָס ער האָט געהאַט אַ פיבערדיקן מוח, האָט זיין פאַנטאַזיע אים געוויזן בילדער און אים געמאַכט הערן רייד אַזוי רעאַל און קלאָר, ווי זיי וואָלטן געוועןווירקלעכקייט. אַלץ וואָס די „זעער" האָבן געזאָגט, אַז זיי זעען און הערן, האָבן זיי ווירקלעך געזען און געהערט. נישט מער דאָס זיינען געווען פּראָדוקטן פון זייער קראַנקער פאַרשטעלונגס־קראַפט. אין פאַרשיידענע עפּאָכעס און אין פאַרשיידענע גלויבנס, האָבן די דאָזיקע קראַנ־קע פאַנטאַזיאָרן געהאַט פאַרשיידענע זעונגען. ביי די יידן האָבן זיי געזען דעם יידישן גאָט; ביי די געצנדינערס — זייערע אָפּגעטער; ביי די קריסטן האָבן זיך צו די דאָזיקע „זעער" באַוויזן געשטאַלטן פון יעזוסן און פון דער הייליקער יונגפרוי. די גרויסע צאָל וווּנדער־סטאַטועס פון גאָטס מאַמע, וואָס עקסיסטירן אין דער קריסטלעכער וועלט, נעמען זיך פון זעונגען וואָס קראַנקע פאַנטאַזיאָרן, איבערהויפּט פרויען, האָבן געהאַט פון דער הייליקער יונגפרוי. דאָ האַנדלט זיך נישט פון קיין שווינדל, נאָר פון קראַנקייט. זיי האָבן ווירקלעך געזען און געהערט דאָס וואָס זיי האָבן געזאָגט. אָבער דאָס האָט זיך געשאַפן אין זייערע קראַנקע דימיונות. פונקט ווי דער מיראַזש אין מדבר איז נישט מער ווי אַ זעונג, וואָס ווערט פאַראורזאַכט פון אַ רייע אַטמאָספערישע און ליכט פענאָמענס, אַזוי איז די מיסטישע זעונג נישט מער ווי אַ פאַרשטעלונג וואָס ווערט פאַראורזאַכט פון אַן אומנאָרמאַלער פונקציע פון מוח. דער מוח פון גלויביקן איז פול מיט מיס־טישע בילדער און פאַרשטעלונגען. אין אַן איינזאַם אָרט, אין אַ סביבה וואָס רופט אַרויס מורא און נערוועזע שפּאַנונג, נעמט די פאַנטאַזיע אַרבעטן און עס

גיט אַ בליק־אויף אַ בילד, אַ זעונג; עס גיט זיך אַ באַווייז אַ געשטאַלט; מען זעט געשטאַלטן און מען הערט רייד, וואָס לעבן אין אַ לאַטענטן צושטאַנד אין דער אייגענער פאָרשטעלונג. דער דאָזיקער אויפבליק פון געשטאַלטן און רייד וואָס מ׳הערט אין זיך, קומט פאָר אומדערוואַרט. עס איז נישט קיין פאָרויס באַטראַכטע זאַך, נאָר אַ פלוצלונגער אויפשיין, אַן אויפבליק. אייגנטלעך איז עס די זעלבע דערשיינונג, וואָס יעדער איינפאַל, וואָס בליצט פלוצלונג אויף אין אונדזער געדאַנק. נישט מער, וואָס דאָ קומט עס אין דער פאָרעם פון אַ ספּיריטועל געשטאַלט און ספּיריטועלע רייד, וואָס דערשרעקן און דערשיטערן. יעדער ענין וואָס באַשעפטיקט אונדז און ליגט אין דער פּעריפעריע פון אונדזער געדאַנק, פּראָדוצירט איינפאַלן, ד״ה אויפבליצן פון געדאַנק, פון בילד, פון וואָרט, פון קלאַנג (ביי מוזיקער). עס ווענד זיך מיט וואָס איינעמס מוח איז פול. דער וואָס האָט אַ פולן מוח מיט מיסטישע דימיונות, דער איז אויסגעשטעלט צו האָבן אַלערליי זעונגען, אַנטפּלעקונגען און פאָרשטעלונגען פון געשטאַלטן, שאָטנס און גייסטער. פון דעם עלטסטן כהן־מכשף אין דער ווייטסטער פּרעהיסטאָריע ביז אַלערליי וויזיאָנערן און הימל־פליער פון די שפּעטערדיקע צייטן, זיינען אַלע אונטערגעוואָרפן אין זייערע געשפּאַנסטהאַפטע זעונגען דעם זעלבן פסיכישן פּראָצעס. דאָס וואָס בייט זיך אין צייט און אָרט, זיינען בלויז די פאָרמען פון די זעונגען. דער פּראָצעס ווי אַזוי זיי קומען פאָר, איז שטענדיק דער זעלבער.

קאַפּיטל 8

תהילים

דער תהילים איז דאָס הויפּט־געבעט בוך פון דער מענטשהייט. קיין שום אַנדער בוך אין דער וועלט, איז נישט אַזוי פיל געלייענט געוואָרן ווי דאָס דאָזיקע. קיין שום אַנדער בוך האָט נישט געשפּילט אַזאַ ראָל אין גייסטיקן לעבן פון די מענטשן ווי דאָס דאָזיקע. מיליאָנען מענטשלעכע וועזנס האָבן אין משך פון העכער צוויי טויזנט יאָר אויסגעגאָסן זייערע שווערע הערצער דורכן דאָזיקן בוך; האָבן געלינדערט זייערע ליידן, האָבן געשטילט זייערע ווייטיקן, האָבן אויסגעדריקט זייער באַגייסטערונג אָדער אויסגעוויינט זייער יאוש און פאַרצווייפלונג דורכן דאָזיקן בוך. דאָס דאָזיקע בוך האָט געלינדערט ליידן, האָט געטרייסט אין האָפענונגסלאָזע מאָמענטן; האָט געבראַכט דערלייכטערונגען אין שווערע סיטואַציעס. מיט איין וואָרט: איז געווען אַן אומפאַרגלייכלעכע גייסטיקע הילף פאַר דער ליידנדיקער מענטשהייט.

ביי ייִדן איז דאָס תהילים־זאָגן געווען דער אויסדרוק פון פרומקייט ביים פּשוטן מענטשן. אויב דער ייִד דער יודע ספר, פלעגט זיין פרייע צייט פאַרברענגען ביי אַ בלאַט גמרא און אַ פּרק משניות, האָט דער פּראָסטער ייִד געדינט גאָט דורך תהילים־זאָגן. אין שבתים, אין יום־טובים און אין וואָכנטעג, ווען ער איז נאָר געווען פריי, איז דער פרומער ייִדישער בעל־מלאכה, דער האָרעפּאַשניק, געזעסן און געזאָגט תהילים. — געזאָגט, נישט מער ווי געזאָגט. פאַרשטאַנען האָט ער ווייניק, איין וואָרט פון הונדערט. אַפילו ייִדן וואָס האָבן געקענט לערנען, האָבן קנאַפּ־וואָס פאַרשטאַנען אין די שווערע קאַפּיטלעך תהילים און אין די שווערע פּסוקים פון תהילים. אָבער צו וואָס האָט מען דען געדאַרפט פאַרשטיין? תהילים האָט מען באַדאַרפט זאָגן — זאָגן מיט כוונה, מיט אַן ערלעך האַרץ און מיט אַ פרום געפיל. מען האָט דאָס אַרויסגעזאָגטע וואָרט באַדאַרפט מכוון זיין לשם שמים. דאָס וואָס עס שטייט אינעווייניק — איז מען געווען זיכער — איז קודש קדשים. וויכטיק איז געווען דאָס זאָגן תהילים, נישט פאַרשטיין דעם תהילים. אינעם זאָגן דעם תהילים איז געווען די פרומקייט; אינעם אַרויסברענגען מיט די ליפּן די ווערטער איז געווען די גאָטס־פאָרכטיקייט. ווען דער פּראָסטער ייִד איז געזעסן און געזאָגט דעם אומפאַרשטענדלעכן תהילים, האָט ער אין דעם אַריינגעלייגט זיין גאַנצע תמימות און ערלעכקייט, די גאַנצע ריינקייט און אומ־

שולדיקייט פון זיין נשמה. ער האָט געפילט אַז מיט דעם, מיטן אַרויסזאָגן די הייליקע רייד, דינט ער גאָט, און גאָט באַוויליקט זיין דינסט. דאָס האָט אים פאַרשאַפט גייסטיקן געגוס; ער האָט הנאה געהאַט פון זיין פרומקייט. דאָס האָט אים דערהויבן און געלייטערט און געמאַכט בעסער און שענער דאָס האַרץ פון דעם פשוטן ייִדן. אַזאַ מין תמימותדיק זאָגן די תהילים־ווערטער, האָט פאַרגע־שטעלט מיט זיך אַ באמת רעליגיעזן אַקט.

אָבער דאָס איז אַלץ גערעדט וועגן דעם פרומען תהילים־זאָגן. נעמט מען אָבער פאַרשטיין וואָס אין תהילים שטייט, באַקומט זיך גאָר אין גאַנצן אַן אַנדער רעזולטאַט. דאָס דאָזיקע בוך איז פול מיט קללות און מיט האַס. דער לייטמאָטיוו פון דאָזיקן בוך, איז שעלטן די שונאים. פאַר דעם צוועק האַלטן די מחברים פון תהילים אין איין בעטן גאָטס הילף. גאָט זאָל פאַרניכטן, צעשמעטערן, אונטער־ברענגען, אָפּמעקן, אָפּווישן די שונאים, די רשעים, און זאָל אָנשיקן אויף זיי אַלערליי צרות און שלעק. נישטאָ גאָר געגוג קללות און שעלט־ווערטער פאַר די שלעכטס־טוער און שאַלקהאַפטיקע לייט. בכלל איז דער טאָן אַ בייזער. אַפילו דאָרט ווו די פאַרפאַסערס ווענדן זיך צו גאָט נאָך הילף און לויבן זיין גרויס־קייט, מאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן גערעדט צו אַ בייזן אָפּגאָט און נישט צום ליבן רבונו של עולם, צום גוטן טאַטן אין הימל, וואָס איז פול מיט דערבאַ־רעמדיקייט און פאַרגעבונג. מיט געוויסע אויסנאַמען מאַכט דער תהילים דעם איינדרוק פון אַ געצנדינעריש בוך, וואָס אָטעמט מיט האַס, מיט בייזקייט, מיט אַ ווילן צו נקמה און צו זען ליידן און זיך פייניקן דעם שונא. מיר וועלן דאָ ברענגען אַ רייע ציטאַטן אויף צו באַשטעטיקן אונדזערע רייד:

„...וואָרום נישטאָ אין זייער מויל קיין ריכטיקייט, זייער אינגעווייד איז אַן אונטערגאַנג, אַן אָפענער קבר איז זייער קעל; זייער צונג מאַכן זיי גלאַט. פאַר־משפּט זיי גאָט, זאָלן זיי פאַלן דורך זייערע באַראַטן, פאַרשטויס זיי פאַר זייערע פיל פאַרברעכנס, ווייל זיי האָבן ווידערשפעניקט אין דיר (קאַפּיטל ה׳, 10, 11). שטיי אויף גאָט אין דיין כעס, דערהויב דיך אין גרימצאָרן קעגן מיינע פיינט. פאַר וואָס ער שלייפט נאָכאַנאַנד זיין שווערד, ער שפּאַנט זיין בויגן און שטעלט אים אָן און ער גרייט זיך אָן געצייג פון טויט, ער מאַכט ברענענדיק שאַרף זיינע פיילן. זע, ער אַנטפאַנגט אומרעכט און ער טראָגט אומגליק און געבערט ליגן. ער גראָבט אַ גרוב און הוילט זי אויס און פאַלט אין דעם אָפּגרונט וואָס ער מאַכט. זיין אומרעכט וועט זיך אומקערן אויף זיין קאָפּ און אויף זיין שאַרבן וועט נידערן זיין פאַרברעך (אין קאַפּ׳ ז׳). מיט קללות איז פול זיין מויל און מיט באַ־טרוג און דריקונג, אונטער זיין צונג איז אומרעכט און פאַרברעכן. ער זיצט אין לויער פון די געהעפטן, אין פאַרבאָרגענישן הרגעט ער דעם אומשולדיקן; דיינע אויגן לאָקערן אויפן אומגליקלעכן. ער לויערט אין פאַרבאָרגעניש ווי אַ לייב אין זיין צודעק, ער לויערט צו כאַפּן דעם אָרעמאַן; ער כאַפּט דעם אָרעמאַן, אַז ער ציט אים אין זיין נעץ. ער דריקט זיך, ער בייגט זיך, ביז די אומגליקלעכע

פאַלן אין זיינע קלויען. שטיי אויף יהוה, גאָט, הייב אויף דיין האַנט, זאָלסט נישט פאַרגעסן די געדריקטע. (אין קאַפּ׳ י׳). ער וועט מאַכן רעגענען אויף די רשעים קוילן, פייער און שוועבל. און אַ ברענענדיקער ווינט איז זייער צוגעטייל־טער כוס. (אין י״א). פון די רשעים וואָס באַרויבן מיך, מיינע שונאים אום לעבן וואָס רענגלען מיך אַרום. זייער פעט האַרץ האָבן זיי פאַרשלאָסן, מיט זייער מויל רעדן זיי האָפּערדיק, אויף אונדזערע טריט האָבן זיי אונדז אַרומגערינגלט. זייערע אויגן שטעלן זיי אָן אונדז צו בייגן צו דער ערד. ער איז געגליכן צו אַ לייב וואָס גלוסט צו פאַרצוקן און צו אַ יונגלייב וואָס זיצט אין פאַרבאָרגענישן. שטיי אויף, גאָט, גיי אים אַנטקעגן, וואַרף אים אַנידער, מאַך אַנטרינען מיין זעל פון דעם רשע מיט דיין שווערד (אין י״ז). איך האָב געיאָגט מיינע פיינט און זיי דער־גרייכט און זיך ניט אומגעקערט ביז איך האָב זיי פאַרחלעגדעט. איך האָב זיי צעהאַקט, אַז זיי קענען נישט אויפשטיין. זיי זיינען געפאַלן אונטער מיינע פיס. און האָסט מיך באַגורט מיט שטאַרקייט פאַר מלחמה. האָסט געבויגן מיינע קעגנשטייער אונטער מיר. און מיינע פיינט האָסטו געמאַכט מיטן נאַקן צו מיר, און מיינע שונאים, זיי האָב איך פאַרשניטן. זיי האָבן געשריגן און קיין העלפערס איז נישט געווען, צו גאָט — און ער האָט זיי נישט געענטפערט. און איך האָב זיי צעריבן ווי שטויב פאַרן ווינט, ווי גאַסנקויט זיי אַרויסגעוואָרפן (אין י״ח). דיין האַנט וועט דערגרייכן אַלע דיינע פיינט, דיין רעכטע וועט דערגרייכן דיינע שונאים. וועסט זיי מאַכן ווי אַ פייעראויוון אין צייט פון דיין צאָרן; גאָט וועט זיי אומברענגען אין זיין כעס, און אַ פייער וועט זיי פאַרצערן. זייער פרוכט וועסטו אונטערברענגען פון דער ערד און זייער זוימען פון מענטשנקינדער. וואָרום זיי האָבן אָנגעצויגן שלעכט קעגן דיר; זיי האָבן געטראַכט בייזע געדאַנקען, וועלן זיי נישט אויספירן. וואָרום וועסט זיי מאַכן אומקערן דעם רוקן, מיט דיין בויגנשטריק וועסטו צילן אויף זייער פנים (אין כ״א). זאָלן פאַרשעמט ווערן די רשעים, זאָלן זיי אַנטשוויגן ווערן אין אונטערערד. זאָלן שטום ווערן די ליפּן פון ליגן, וואָס רעדן אויף צדיק פאַרשייט (אין ל״א). קריג, גאָט מיט מיינע קריי־קריגערס, שטרייט מיט מיינע שטרייטערס. נעם אַ שילד און אַ פאַנצער און שטיי אויף מיר צו הילף. און צי אַרויס דעם שפּיז און די האַק אַקעגן מיינע נאָכיאָגערס. זאָג צו מיין זעל: דיין ישועה בין איך. זאָלן פאַרשעמט און צו שאַנד ווערן די וואָס זוכן מיין לעבן. זאָל אָפּטרעטן אַהינטער און זיך שעמען די וואָס טראַכטן אויף מיר בייז. זאָלן זיי זיין ווי שפּריי פאַרן ווינט און דער מלאך פון גאָט זאָל זיי שטויסן. זאָל זייער וועג זיין חושך און גליטשיק און דער מלאך פון גאָט זאָל זיי יאָגן. וואָרום פאַר אומזיסט האָבן זיי מיר אונטערגעלייגט זייער נעץ פון אונטערגאַנג, פאַר אומזיסט האָבן זיי געגראָבן אויף מיין זעל. זאָל קומען אויף אים אַ בראָך אומגעריכט און זיין נעץ וואָס ער האָט אונטערגעלייגט זאָל אים באַצווינגען; מיט שטורעם זאָל ער פאַלן דערין (אין ל״ה). די רשעים ציִען אַרויס די שווערד און שפּאַנען זייער בויגן, צו מאַכן פאַלן דעם אָרעמאַן און דעם אביון,

צו שעכטן די וואָס זייער וועג איז גלייך. וועט זייער שווערד אַריין אין זייער האַרצן און זייערע בויגנס וועלן צעבראָכן ווערן (ל״ז). זאָל ער אָנרייצן דעם טויט אויף זיי. זאָלן זיי נידערן לעבעדיקערהייט אין אונטערערד, וואָרום בייז איז אין זייער וווינונג, צווישן זיי. אָבער דו גאָט וועסט זיי נידערן אין קבר־גרוב, די לייט פון בלוט און באַטרוג וועלן נישט אויסלעבן האַלב זייערע טעג (אין נ״ה). די רשעים זיינען אָפּגעקערט פון טראַכט אָן. פון מוטערלייב אָן בלאָנדזשען די ליגן־זאָגערס. אַ גיפט איז ביי זיי גלייך ווי גיפט פון אַ שלאַנג. גאָט, צעברעך זייערע ציין אין זייער מויל. די באַקציין פון די יונגלייבן האַק אויס, יהוה. זאָלן זיי צעגיין ווי וואַסער וואָס צעלויפן זיך. שפּאַנט ער זיינע פיילן, זאָלן זיי ווי אָפּגעשניטן ווערן. ווי אַ צעקראָכענער שנעק זאָל ער פאַרגיין, ווי אַ מפּיל, ווי אַ קראָט וואָס האָט די זון נישט געזען. דער צדיק וועט זיך פרייען, אַז ער זעט נקמה. זייערע טריט וועט ער וואַשן אין בלוט פון רשע. (אין נ״ח). אַלע אָוונטן קומען זיי ווידער. זיי וואָיען ווי אַ הונט און דרייען זיך אום אין שטאָט. זע, זיי גאַווערן מיט זייער מויל. שווערדן זיינען אין זייערע ליפּן. צעטרייסל זיי מיט דיין מאַכט און וואַרף זיי אַנידער, גאָט אונדזער שילד. פאַרלענד אין גרימצאָרן, פאַרלענד, אַז זיי זאָלן מער נישט זיין (אין נ״ט). און די וואָס זוכן מיין זעל אויף אומצוברענגען, וועלן אַריין אין דער טיפעניש פון דער ערד; מען וועט זיי שליידערן אין מאַכט פון דער שווערד (אין ס״ג). פאַר וואָס גאָט וועסט צעלע־כערן די קעפּ פון זיינע פיינט, דעם האָריקן שאַרבן פון דעם וואָס גייט אין זיינע זינד. כדי זאָלסט טונקען אין בלוט דיין פוס. די צונג פון דיינע הינט זאָלן האָבן איר חלק פון די פיינט (אין ס״ח). זאָל זייער טיש פאַר זיי, ווערן אַ נעץ און אין מיטן פון פרייד פאַר אַ פּאַסטקע. זאָלן זייערע אויגן פינצטער ווערן נישט צו זען און זייערע לענדן מאַך וואַקלען תמיד. גיס אויס אויף זיי דיין כעס און דיין גרימצאָרן זאָל זיי דערגרייכן. זאָל זייער ישוב זיין פאַרוויסט און אין זייער גע־צעלט זאָל נישט זיין קיין באַווינערס. זאָלן זיי אויסגעמעקט ווערן פון בוך פון די לעבעדיקע און מיט די גערעכטע זאָלן זיי נישט פאַרשריבן ווערן (אין ס״ט). זיינע טעג זאָלן זיין ווינציק, זיין אָפּגעשפּאָרטס זאָל צונעמען אַן אַנדערער. זיינע קינדער זאָלן ווערן יתומים און זיין ווייב אַן אלמנה. און וואָגלען זאָלן וואָגלען זיינע קינדער און בעטלען און זוכן ברויט פון זיינע חורבות אַרויס. פאַרנעמען זאָל אַ בעל חוב אַלץ וואָס ער האָט און פרעמדע זאָלן אַוועקרויבן זייער מי. קיינער זאָל נישט נויגן צו אים גענאָד און קיינער זאָל נישט לייטזעליקן זיינע יתומים. זיין נאָכקום זאָל פאַרשניטן ווערן. אין אַנדערן דור זאָל זייער נאָמען זיין אויסגעמעקט. זאָל די זינד פון זייערע פאָטערס דערמאָנט ווערן פאַר גאָט און דער חטא פון זיין מוטער זאָל נישט פאַרמעקט ווערן. זיי זאָלן זיין אַנטקעגן גאָט תמיד און ער זאָל פאַרשניידן פון דער ערד זייער געדעכעניש (אין ק״ט). טאָכטער בבל.. ווויל צו דעם וואָס וועט אָננעמען און צעהאַקן דיינע קליינע קינדער אָן פעלדז (אין קל״ז).

קלינגט נישט דאָס אַלץ בייז און ווילד ביזן העכסטן גראַד? אַנטהאַלטן אין זיך די דאָזיקע שטעלן דאָס געבעטבוך פון דער מענטשהייט — דאָס בוך אויף וועלכע די מענטשלעכע דורות האָבן פאַרבראַכט אין פרומע תפילות צו גאָט, אין ליידנדיקע האַרץ־אויסגוסן צום אויבערשטן?! ניין, די וועגן פון רעליגיע זיינען נישט צו פאַרשטיין.

אינטערעסאַנט נאָך צוצוגעבן, אַז אין די אויסגעגראָבענע כנענישע פאָעמען פון ראס שאמרא, האָט מען געפונען אַ סך שטאָף וואָס ווערט גענוצט אין תהילים. איבער גאָר אַ גרויסן טייל פון דאָזיקן הייליקן ספר פון דער מענטשהייט, שוועבט דער גייסט פון די בלוטדורשטיקע געטער און געטינס פון אַלטן אָריענט.

קאַפּיטל 9

די רעליגיע פון דער ביבל און די רעליגיע פון שולחן ערוך

די רעליגיע פון דער ביבל איז נישט די רעליגיע פון די ייִדן. מיט דער רעליגיע פון דער ביבל האָבן די ייִדן גאַנץ קנאַפּ געלעבט. ביז גלות בבל זיינען זיי געווען כמעט געצנדינערס, און נאָך גלות בבל האָט זיך שוין אָנגעהויבן די עפּאָכע פון תלמודישער אויספורעמונג.

די אמתע ייִדישע רעליגיע הויבט זיך אָן מיטן תלמוד. די רעליגיע מיט וועל־כער ייִדן האָבן געלעבט העכער צוויי טויזנט יאָר, איז געווען די רעליגיע פון דער גמרא און שולחן ערוך. די גמרא און דער שולחן ערוך, דאָס איז געווען די לעבעדיקע, די ווירקנדיקע און די ווירקלעכע ייִדישע תורה אין משך פון גאָר זייער לאַנגער עקסיסטענץ.

די אמתע ייִדישע רעליגיע איז געווען די בית־מדרש רעליגיע: דאָס לערנען און דאָס דאַווענען און דאָס אָפּהיטן די טויזנטער דינים און האַלב־דינים און אַלערליי רעליגיעזע מנהגים און פּירונגען און שטייגערן, וואָס האָבן זיך פּאַרפּעס־טיקט אין ייִדישן לעבן. די דאָזיקע פּאַקטישע רעליגיע קער זיך גאָר נישט אָן מיט דער רעליגיע פון חומש און נישט מיט די פּרינציפּן פון די נביאים. די דאָזיקע רעליגיע איז געשאַפן געוואָרן פון די רבנים און פון פאָלק גופא. זי האָט אָנגעהויבן איר פולן פונאַנדערבלי ערשט נאָכן חורבן בית־שני, ווען דער בית־מדרש, די תפילה, דער רב און דער דין, זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין צענטער פון ייִדישן גייסטיקן לעבן. דער בית־מדרש האָט פאַרביטן דעם בית־המקדש, די תפילה האָט פאַרביטן דעם קרבן, דער רב האָט פאַרביטן דעם כהן, און דער דין האָט פאַרביטן דעם ביבלישן געבאָט. נישט בית־המקדש, נישט קרבן און נישט כהן זיינען ייִדישע זאַכן. מיט דער אמתער, אויטענטישער ייִדיש־קייט קערן זיך די דאָזיקער זאַכן גאָר נישט אָן.

מיט די סופרים האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע וויכטיקע תקופה אין ייִדישן לעבן. די וויכטיקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן אַנטדעקט די תורה און זי פאַרשפּרייט צווישן פאָלק. פּאַקטיש האָבן זיי געגעבן דעם פאָלק די תורה. ביז עזראן האָט דאָס פאָלק נישט געוווּסט פון קיין תורה און נאָך עזראן האָט

עס יאָ אָנגעהויבן צו וויסן. מען האָט זי אָנגעהויבן ביי יעדער געלעגנהייט פאַר־לייענען; מען האָט זי אָנגעהויבן לערנען און זי געמאַכט פאַרן גרונטבוך אין גייסטיקן לעבן פון פאָלק. עזרא האָט געשאַפן אַ סופרים־שול און סופרים־באַוועגונג, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן די תורה צווישן פאָלק; זי באַליבט מאַכן ביים פאָלק, צו מאַכן גלויבן דאָס פאָלק, אַז דאָס איז די תורה, וואָס גאָט האָט געגעבן צו משהן אויפן באַרג סיני; אַז יעדעס וואָרט אירס איז הייליק, אַז מען דאַרף אין איר טראַכטן טאָג און נאַכט; מען דאַרף וועגן איר רעדן ווען מען זיצט אין שטוב און ווען מען גייט אין וועג, ביים לייגן און ביים אויפשטיין אאַז״וו. מען האָט אָנגעהויבן דרשנען אויף יעדן אות פון דער תורה תלי־תלים של הלכה. יעדער קוצי של יוד האָט געקריגן אַ באַדייטונג; יעדעס וואָרט, יעדער אויסדרוק, יעדער פראַזע, איז געוווען אַן אומדער־שעפּלעכער קוואַל פון תלמודישע דיסקוסיעס, פלוגתאס, הלכות און דינים אָן אַ סוף און אָן אַ שיער.

וואָס איז תלמוד? — תלמוד איז די קלאָר־מאַכונג פון דער תורה שבכתב. היות ווי דער חומש איז געשריבן אומקלאָר און אומפאַרשטענדלעך וואָס איז נוגע די מצוות מעשיות, איז געקומען דער תלמוד אויפקלערן, קלאָר־מאַכן, געבן צו פאַרשטיין, און מאַכן פון חומש אַ [נוצבאַר בוך פאַרן טאָגטעגלעכן רעליגיעזן געברויך. וואָס האָט פאַסירט? עס האָט פאַסירט, אַז דער ערשטער טייל פון תלמוד, די משנה, וואָס איז געקומען קלאָר מאַכן דעם חומש, האָט אַליין איבער־געחזרט דעם פעלער וואָס דער חומש האָט געמאַכט — האָט ווייטער גערעדט נישט קלאָר און מען האָט געדאַרפט אַ נייעם טייל תלמוד, די גמרא, וואָס זאָל אויפקלערן די טונקלקייט און נישט קלאָרקייט פון דער משנה. וואָלט מען דאָך געקענט מיינען, אַז דאָ, ביי דער גמרא, ענדיקט זיך עס שוין, איז עס נישט אַזוי. ביי דער גמרא הויבט זיך עס ערשט אָן. די גמרא — וואָס איז געקומען קלאָר מאַכן די משנה, וועלכע איז געקומען קלאָר מאַכן די תורה שבכתב — איז ווידער אַ מאָל אַ מוסטער פון אומקלאָרקייט און טונקלקייט און מען האָט צו איר געמוזט האָבן נייע קאָמענטאַרן, נייע אויפקלערונגען און נייע פירושים אָן אַן עק און אַ סוף. אַזוי האָט זיך עס געצויגן פון באַרג סיני ביזן לעצטן רבנישן מחבר — נאָר מען האָט אויפגעקלערט, נאָר מען האָט געגעבן צו פאַרשטיין, נאָר מען האָט איינגעטייטשט און אויסגעטייטשט. מען זעט דעם דאָזיקן אומענד־לעכן ים פון תלמודישער ליטעראַטור און מען טראַכט ביי זיך: וואָס וואָלט געוווען ווען גאָט וואָלט אויפן באַרג סיני געגעבן אַ קלאָרע תורה, ווען גאָט וואָלט גערעדט קלאָרע דיבורים: איך וויל דאָס און דאָס, אַזוי און אַזוי דאַרף מען מקיים זיין מיינע מצוות. אָנשטאָט ער זאָל געבן אַן אומקלאָרע תורה, וואָס דאַרף אויפגעקלערט ווערן דורך אַן אומקלאָרער משנה, וואָס דאַרף אויפגע־קלערט ווערן דורך אַן אומקלאָרער גמרא, וואָס דאַרף אויפגעקלערט ווערן דורך תרפ״ט אלפים אומקלאָרע פירושים — האָט דאָך גאָט געקענט געבן אויפן באַרג

סיני אַ קלאָר־פאָרמולירטן, קלאָר־דעטאַלירטן שולחן ערוך און מען וואָלט זיך איינגעשפּאַרט די גאַנצע אַרבעט פון שטיין צוויי טויזנט יאָר דורכאַנאַנד און אויפפלאַנטערן פלאָנטערס. ווען דאָס פאָלק ישראל וואָלט באַקומען אויפן באַרג סיני אַ פאַרטיקן, גוט־רעדאַגירטן, דעטאַלירטן ריטיאַול־בוך, וואָלט די גאַנצע תורה שבעל פה, דער תלמוד, מיט די מפרשים און מפרשים אויף מפרשים און דער גאַנצער אומענדלעכער ים, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די רבנישע ליטעראַטור געווען אין גאַנצן אַן איבעריקע זאַך, ווייל איבער וואָס וואָלט זיך דאָ געווען צו פּשטלען? — מען וואָלט אויפגעמישט דעם געטלעכן שולחן ערוך מסיני און געזען וואָס עס שטייט דאָרט געשריבן. איז אָבער אַזוי נישט געווען. פון דער תורה וואָס גאָט האָט דיקטירט משהן, האָט מען קאָנקרעט זיך גאָר נישט געקענט דערוויסן. האָט מען געמוזט אָנהויבן דרשנען און דרינגען און טייטשן. און אַזוי איז עס געוואָרן וואָס צוליב אומקלאָרקייט איז פון איין תורה געוואָרן צוויי תורות, אַ געשריבענע און אַ גערעדטע. פינף הונדערט יאָר האָט מען געלערנט תורה שבעל פה אויף אויסנווייניק און נאָך דעם איז זי אויך גע־וואָרן אַ געשריבענע. און דאָס שרייבעריי האָט זיך ערשט אָנגעהויבן און האָט געדויערט הונדערטער און הונדערטער יאָרן. עס באַקומט זיך, אַז די גאַנצע אומגעהויער גרויסע תלמודישע ליטעראַטור איז געוואָרן פאַראורזאַכט דורך דעם וואָס דער רבונו של עולם האָט אויפן באַרג סיני נישט גערעדט קיין קלאָרע דיבורים און נישט געזאָגט גענוי וואָס ער וויל...

אָבער עס איז נישט אַזוי. די תורה שבעל פה און די גאַנצע גרויסע רבנישע ליטעראַטור איז געווען גוטע (תורה. אמתע תורה. תורה איז דאָס אין וואָס מ׳גלויבט, אַז ס׳איז תורה. דאָס יידישע פאָלק האָט געגלויבט אַז ביצה שנולדה און שור שנגח, ארבעה אבות נזיקין און שנים אוחזים איז תורה מן השמים, איז עס אַזוי געווען. אין דעם באַשטייט רעליגיע — אין גלויבן. אין וואָס מ׳גלויבט איז נישט וויכטיק. אָבי מ׳גלויבט.

וויבאַלד דאָס פאָלק האָט געגלויבט אַז די תורה איז אַ געטלעכע שאַפונג, איז שוין פון זיך אַליין געווען פאַרשטענדלעך, אַז יעדער אות, יעדעס וואָרט, יעדער אויסדרוק, האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע באַדייטונג און מען האָט עס געמוזט פאָרשן און זיך פאַרטיפן אין דעם און דערגרונטעווען זיין זינען. דאָס פון איין זייט. פון דער צווייטער זייט, ווי באַלד תורה איז מן השמים און ווי באַלד תורה איז אַ געטלעכע שאַפונג, האָט מען דאָך געמוזט מאַכן צוימען נישט איבערצו־טרעטן די געבאָטן פון דער תורה, האָט מען זיך דאָך געמוזט אָנהויבן דערווי־טערן פון די איבערטרעטונגען, און נישט בלויז האָט מען נישט געטאָרט דירעקט עובר זיין אויף דעם וואָס די תורה האָט פאַרבאָטן, נאָר מען האָט זיך געמוזט דערווייטערן פון פאַרבאָט. און וויבאַלד דערווייטערן, האָט עס נישט קיין שיעור. האָט מען אָנגעהויבן מאַכן סייגים צו די סייגים און גדרים צו די גדרים. אויף דעם איינעם אויסדרוק לא תעשה כל מלאכה ביום השבת, איז אויסגעוואַקסן

אַ גראָב־בייכיקע מסכת שבת, מיט אַן אַ שיער טייטשן און אינטערפּרעטאַציעס פון אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע פאַלן, וואָס מ׳דאַרף פאַרשטיין אונטערן וואָרט „מלאכה״. דאָס זעלבע איז געווען מיט עטלעכע אויסדרוקן אין דער סדרה משפּטים וועגן ענינים פון ציווילן רעכט, זיינען אויסגעוואַקסן אַזעלכע דריי ריזי־קע מסכתות ווי די דריי בבאָס; דאָס זעלבע מיט אַן אויסדרוק וועגן שבועה, איז אויסגעוואַקסן די מסכת שבועות, דאָס זעלבע וועגן נדר — די מסכת נדרים און דאָס זעלבע וועגן פאַמיליע־רעכט, איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנצער סדר נשים. דער ים התלמוד איז געוואָרן אַלץ ברייטער און ברייטער; דער ים התלמוד האָט זיך געהאַלטן אין איין אָנזאַמלען און אין איין אָנהויפן — שיכט אויף שיכט און פאַר־מאַציע אויף פאַרמאַציע. און אַלץ איז געווען פון זעלבן גראַד הייליקייט און געט־לעכקייט; אַלץ פון זעלבן גראַד וועלט־וויכטיקייט, וואָרום אַלץ האָט געשטאַמט פון גאָט אַליין, אַלץ איז געווען תורה מסיני. די צוויי תורות, די תורה שבכתב און די תורה שבעל פּה, האָבן זיך גוט געדינט. היות ווי די תורה שבכתב איז געווען אומקלאָר און אומדעפיגירט, האָט זי געגעבן דער תורה שבעל פּה אַ געלעגנהייט צו וואַקסן אָן אַ גרענעץ. וואָס ווייניקער אויפגעקלערט, אַלץ מער פלאַץ פאַר אויפקלערן, פאַר קלאָר מאַכן און קאָנקרעטיזירן, דאָס הייסט פאַר מאַכן תורה, פאַר לערנען תורה, פאַר וויקן זיך אין דער געטלעכער תורה, היילי־קער תורה, הימלשער תורה... ווען עס וואָלט חס ושלום אַלץ געווען קלאָר, וואָלט דאָך געוואָרן אויס מיט דער תורה, וואָלט דאָך נישט געווען אין וואָס זיך צו פאַרטיפן, וואָס צו דרשנען און וואָס צו לערנען. און וואָס וואָלטן ידן געטאָן אָן אַ תורה? וואָלט געוואָרן אויס יידן !...

דאָ איז פאָרגעקומען אַ צווייפאַכע אויסשפּרייטונג פון רעליגיעזן געביט. פון איין זייט איז אַלע מאָל ברייטער געוואָרן דער געביט פון מצוות און עבירות. אַלע מאָל זיינען צוגעקומען נייע מצוות מקיים צו זיין און נייע עבירות, פון וועלכע מ׳דאַרף זיך דערווייטערן. און פון דער צווייטער זייט איז ברייטער גע־וואָרן דער געביט פון לערנען. וואָס מער מ׳האָט געלערנט, אַלץ מער זיינען גע־וואָרן די מצוות און די דינים, און וואָס מער מצוות און דינים, אַלץ מער איז געווען צו לערנען. עס איז געווען אַן אַרבעט, וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט גע־ענדיקט און זיך נישט געקענט פאַרענדיקן...

און דאָס האָט נישט מיד געמאַכט און נישט דערשעפּט. פאַרקערט, דאָס האָט געבראַכט תענוג און גענוס. וואָרום וואָס קען נאָך ברענגען מער תענוג און געניוס, ווי וויקן זיך טאָג ווי נאַכט אין געטלעכער לערנונג? ווי רעדן תמיד און שטענדיק אין גאָטס וואָרט?...

און דאָס וואָס ס׳איז געווען מיט דער טעאָריע, דאָס איז געווען מיט דער פּראַקטיק. וואָס מער עס זיינען געוואַקסן די צאָל מצוות, אַלץ מער געלעגנהייט האָט זיך געשאַפן פאַרן ידן צו שטיין אין קאָנטאַקט מיט גאָט. און שטיין אין קאָנטאַקט מיט גאָט, האָט געמיינט זיך סובלימירן ביזן העכסטן גראַד...

די יִידישע רעליגיע איז קוואַנטיטאַטיוו געוואָרן אַזוי צעבליט און צעוואַקסן, אַזוי צעצוויַיגט און צעשפּרייט, און קוואַליטאַטיוו אַזוי פאַרענדערט און איבערגעביטן לויט איר אָנהויב, אַז ווען מ׳פאַרגלייכט זי ווי זי איז געווען אין איר פול־אַנטוויקלטן צושטאַנד, מיט אירע אורשפּרינגלעכע מקורים, קען מען זי בשום אופן נישט דערקענען. זי זעט אויס עפּעס גאָר אין גאַנצן אַן אַנדער רעליגיע. עס זיינען אין איר אַריינגעקומען אַזוי פיל נייע באַזישע עלעמענטן, וואָס זיינען גאָר אין גאַנצן נישט בנמצא אין אירע אורקוואַלן. און די וואָס זיינען יאָ בנמצא, האָבן געליטן אַזאַ טיפן און וועזנטלעכן מעטאָמאַרפאַזיס, אַז מ׳קען זאָגן, אַז זיי זיינען גאָר אין גאַנצן אַנדערע זאַכן.

דאָס אַלץ וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם גרונטשטיין, דעם הויפּט־אָנשפּאַר פון צוויי טויזנט יאָר יִידישע אמונה — די נשמה, יענע וועלט, שכר ועונש, גיהנום און גן־עדן, משיח און לעתיד לבוא — וועגן דעם אַלעמען איז נישטאָ די מינדסטע אָנדייטונג אין תורת משה. מ׳קען אַפילו נישט זאָגן געוויס ווען און פון וואַנען די דאָזיקע גלויבונגען האָבן זיך אַריינבאַקומען אין דער יִידישער רעליגיע און געוואָרן די דאָגמאַטישע יסודות אירע. אַפילו אין תלמוד גייען נאָך אָן דיסקוסיעס וועגן די דאָזיקע גלויבונגען און עס ווערן, ווי דער שטייגער איז אויס־געטייטשט פּסוקים, כדי זיי אַרויסצודרינגען. די יעניקע וואָס האַלטן נישט פון די תלמודישע פּסוקים־פאַרטייטשונגען, נאָר ווילן לייענען קלאָר און בפירוש וואָס אין פּסוק שטייט געשריבן, וועלן אין חומש קיין וואָרט נישט געפינען וועגן די דאָזיקע באַזישע דאָגמען פון דער יִידישער אמונה. און דאָס איז דאָך ביז גאָר מערקווירדיק. וואָס וואָלט פון דער יִידישער אמונה געוואָרן אָן גלויבן אין השארת הנפש און אָן גלויבן אין שכר ועונש אויף יענער וועלט — אָן גיהנום און אָן גן־עדן? עס וואָלט דאָך איינגעפאַלן דער גאַנצער גלויבנס־בנין! און וועגן דעם איז קיין וואָרט נישט דערמאָנט אין תורת משה... ווו האָט דאָס יִידישע פאָלק זיך איינגעשאַפּט דעם דאָזיקן גלויבן? וועלכער גאָט, אויף וועלכן סיני און וועלכער משה האָט דאָס אים געלערנט?

אָדער נעמען מיר אַ צווייטן באַזישן געביט פון דער יִידישער רעליגיע, דעם געביט פון תפילה. צי קען מען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַן אָרט תפילה האָט פאַרנומען אין יִידישן לעבן? דאָס איז דאָך געווען דער סאַמע עצם פון פרומ־קייט. אָן דאַוונען וואָלט פון דער יִידישער רעליגיע גאָר נישט געוואָרן. און פון דעסט וועגן איז אויך וועגן דעם גאָר נישטאָ אין תורת משה. עס באַקומט זיך, אַז די סאַמע יסודות פון יִידישן דת, האָט דאָס פאָלק זיך אַליין איינגעשאַפּט.

און אַפילו די יעניקע מצוות וואָס זיינען יאָ דירעקט אָנגעוווּנקען אין תורת משה, האָבן מיט דער צייט געליטן אַזאַ פאַרוואַנדלונג, אַז עס איז זיי גאָר נישט צו דערקענען. אויסער דער מצווה פון מילה, וועלכער דער תלמוד האָט נישט געקענט באַאַרבעטן און אויסברייטערן, זיינען אַלע אַנדערע מצוות געוואָרן אַזוי פאַרענדערט, האָבן געליטן אַזעלכע טיפע און וועזנטלעכע אומבייטן, אַז נאָך דעם

ווי זיי זיינען דורכגעגאַנגען דעם תלמודישן שמעלץ־פייער, זיינען זיי געוואָרן לחלוטין אַנדערע זאַכן. געגנוג, למשל, אַנצוווייזן וואָס עס איז געוואָרן פון דעם ביבלישן „לא תבשל גדי בחלב אמו“, וואָס איז אורשפּרינגלעך אַנטשטאַנען ווי אַ רעפליק צו אַ כנענישן כישוף־מנהג צו באַפרוכפּערן די ווייגגערטנער (פון די אויסגעגראָבענע שריפטן אין ראַס שאַמראַ). ווי אַזוי דערפון איז אַרויסגעקומען דער צעצווייגטער יידישער ריטואַל פון פליישיקס מיט מילכיקס, וואָס איז אַריין אין יידישן לעבן און ערום וועלכן עס האָבן זיך אַנגעזאַמלט בערג מיט רבנישער תורה. דאָס זעלביקע איז געוועזן מיטן געביט פון כשר און טריף; דאָס זעלביקע מיט שבת און יום־טוב; דאָס זעלביקע מיט תפילין און ציצית און מזוזה אאַ״וו. דער שבת פון חומש און דער אמתער יידישער שבת; דער פסח פון חומש און דער אמתער יידישער פסח; דער ראש־השנה און יום־כיפור פון חומש און דער אמתער ראש־השנה און יום־כיפור, זיינען צווישן זיך אַזוי ווייט און פאַרשיידן, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן גאָר אין גאַנצן פאַרשיידענע רעליגיעזע איינשטעלונגען.

דאָס פאָלק האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם דרך אין אמונה. דאָס וואָס האָט נישט אַפּעלירט צו זיין גייסט, דאָס האָט ער נישט אָנגענומען; דאָס איז אים געבליבן ווייט און פרעמד, האָט עס געמעגט שטיין בפירוש אין דער תורה. פאַרקערט, דאָס וואָס האָט יאָ אַפּעלירט צו אים, אין דעם האָט ער זיך אַנגעכאַפּט; דאָס האָט ער געפלעגט און קולטיווירט, דאָס האָט זיך פאַרוואָרצלט און דאָס איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין גלויבן.

דער איינציקער ווערט פון די רעליגיעזע זאַכן, איז זייער סוביעקטיווער באַטרעף, דאָס הייסט, דער פּסיכאָלאָגישער און עמאָטיווער שטראָם וואָס קומט־אַרויס פון מענטשן און גיסט זיך אין זיי אַריין. במילא, איז דער ווערט פון די רעליגיעזע זאַכן אין מענטשן, נישט אין די זאַכן. עס איז נישט וויכטיק אין וואָס די ווערטן זיינען אַריינגעגאָסן, נאָר עס זיינען וויכטיק די ווערטן אַן און פאַר זיך, ד״ה זייער עמאָטיווער און פּסיכאָלאָגישער באַטרעף.

מען פאַרשט די ביבלישע מעשיות און די ביבלישע געזעצן. אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט דער אמתער יידישער רעליגיע? דו לייענסט, למשל, ביי־כער פון געלערנטע לייט וועגן דער רעליגיע פון ישראל און געפינסט אין זיי נישט קיין וואָרט וועגן דער אמתער יידישער רעליגיע. טראַכסטו ביי זיך: וואָס פאַר אַ שייכות האָבן די דאָזיקע ביכער מיט יידישער רעליגיע? סיידן מ'זאָל זאָגן אַז דאָס וואָרט „ישראל“ איז איין זאַך, און יידן זיינען אַן אַנדער זאַך. אַ בוך וואָס פאַרנעמט זיך מיטן פאַרשן די ביבל, פאַרנעמט זיך נישט מיטן פאַרשן די יידישע רעליגיע. צווישן דער ביבל און דער יידישער רעליגיע, ליגט אַ תהום. פון דער ביבל ביז דעם שולחן ערוך, זיינען פאַרגעקומען אַזעלכע טיפע פאַרוואַנדלונגען, אַז זיי זיינען געוואָרן גאָר אין גאַנצן פאַרשיידענע רעליגיעס. פונעם קוקפּונקט פון אַ בית־המדרש־ייד, איז דער ביבליזם דורכויס אַ גוייִשע זאַך...

קאַפּיטל 10

דער יידישער קאָמפּלעקס

דער ייִד האָט געגלייבט, אַז ער, גאָט און די וועלט, שטעלן מיט זיך פאָר אַ געשלאָסענע איינהייט. דער ייִד עקסיסטירט פאַר גאָטס וועגן און גאָט עקסיסטירט פאַרן ייִד׳ס וועגן, און די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, כדי דער ייִד זאָל קענען דינען גאָט, לערנען זיין תורה און מקיים זיין זיינע מצוות: „אורייתא, קודשא בריך הוא וישראל חד הוא״. וואָרעם אויב נישט אַזוי, אויב דער ייִד און די תורה און די מצוות זיינען נישט דאָס וויכטיקסטע, טאָ צו וואָס איז די גאַנצע וועלט באַשאַפן געוואָרן? דער דאָזיקער געפיל איז געווען אַזוי טיף איינגעקריצט אין ייִדס האַרץ, איז געווען אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין זיין גייסט, אַז מ׳האָט אים בשום אופן נישט געקענט אַרויסרייסן פון אים. דאָס איז געווען דער ייִד אַליין. ער האָט דעם דאָזיקן געפיל איינגעזויגן אין זיך מיט דער מאַמעס מילך און ער האָט אים באַגלייט ביז זיין לעצטן אָטעמצוג. נאָר אַ דאַנק אָט דעם געפיל פון וועלט־וויכטיקייט, האָט דער ייִד געקענט עקסיסטירן אין דעם פיינטלעכן אַרום. אָט דער דאָזיקער געפיל האָט אים געשטאַרקט קעגן די כסדרדיקע אַטאַקעס און אָנגריפן קעגן אים. דער גוי האָט אים בלויז געקענט מאַטעריעל שאָדטן און פיזיש ווייטאָן. גייסטיק האָט ער נישט געגרייכט צו אים.

ייִדן האָבן געגלייבט, אַז זיי זיינען אַ הייליק און אויסדערוויילט פאָלק. דער גאַנצער חומש איז פול מיט דעם. אָנהייבנדיק פון ספר „שמות״ ביז „דברים״, האַלט זיך די דאָזיקע דערקלערונג אין איין איבערחזרן. „און אַצינד, אויב איר וועט זיך צוהערן צו מיין קול און איר וועט היטן מיין בונד, וועט איר זיין מיין ליבלינג פון צווישן אַלע אומות, וואָרעם צו מיר געהערט די גאַנצע ערד. און איר וועט זיין אַ קעניגרייך פון כהנים און אַ הייליק פאָלק״ (שמות י״ט, 5—6). „און גאָט האָט גערעדט צו משהן אַזוי צו זאָגן: רייד צו דער גאַנער עדה פון די קינדער פון ישראל און זאָלסט צו זיי זאָגן: הייליק זאָלט איר זיין, וואָרעם איך יהוה, אייער גאָט, בין הייליק״ (ויקרא י״ט, 1). און ווייטער: „און איר זאָלט מיר זיין הייליק, וואָרעם איך, יהוה, בין הייליק און איך האָב אייך אָפּגעשיידט פון די פעלקער צו געהערן צו מיר״ (ויקרא כ׳, 26). „כדי איר זאָלט געדענקען און טאָן אַלע מיינע געבאָטן און זיין הייליק צו אייער גאָט״ (במדבר ט״ו, 40). „וואָרעם אַ הייליק פאָלק ביסטו ביי יהוה, דיין גאָט. דיך האָט יהוה, דיין גאָט, אויסדערווילט

אים צו זיין אַן אייגן פאָלק פון אַלע פעלקער וואָס אויפן געזיכט פון דער ערד. נישט ווייל איר זייט מער פון אַלע פעלקער האָט גאָט געגלוסט צו אייך און אייך אויסדערוויילט, וואָרעם איר זייט דאָס ווינציקסטע פון אַלע פעלקער, נאָר ווייל גאָט האָט אייך ליב און ווייל ער היט־אָפּ די שבועה, וואָס ער האָט געשווירן אייערע עלטערן" (דברים, ו', 8—6). „און גאָט האָט דיך היינט אויסדערוויילט אים צו זיין פאַר אַן אייגן פאָלק און דיך צו שטעלן העכער איבער אַלע פעלקער וואָס ער האָט געמאַכט, פאַר אַ לויב און פאַר אַ נאָמען און פאַר אַ שיינקייט, און כדי זאָלסט זיין אַ הייליק פאָלק צו יהוה, דיין גאָט, אַזוי ווי ער האָט גערעדט" (דברים כ"ו, 18—19).

ערשט ווען די תורה איז געווען גרויס און ברייט ווי דער ים; ווען די מצוות זיינען געווען אַזוי פיל, נישט איבערצוציילן; ווען דער ייד איז פונעם אויפשטיין ביזן לייגן זיך געווען אַרומגערינגלט מיט גאָטס לערע און גאָטס געבאָטן, האָט באַקומען זינען דער עם־סגולה, דער ממלכת־כהנים וגוי־קדוש — דער זעלבסט־לויב, די זעלבסט־פאַרהערלעכונג און זעלבסט־דערהויבונג ביז וועלט־וויכטיקייט. דאָס צוטוליען זיך צו גאָט און דאָס אידענטיפיצירן זיך מיט אים: „קדושים תהיו, כי קדוש אני". דאָס אַלץ האָט באַדאַרפט האָבן אַ ברייטן אויסווירקונג־געביט, האָט באַדאַרפט האָבן אַ ברייט פעלד פון לערע און האַנדלונג, אין וואָס זיך אויסצודריקן. איז געווען די תורה, וואָס איז געווען אומדערשעפּלעך; זיינען געווען די מצוות, וואָס זיינען געווען נישט איבערצוציילן. די הייליקע תורה האָט הייליק געמאַכט דאָס פאָלק ישראל, און דאָס פאָלק ישראל האָט געשאַפן אַלץ נייע הייליקע תורה און מצוות. דאָ איז פאָרגעקומען אַ קעגנזייטיקע באַווירקונג פון סובלימאַציע. דאָס אַריינברענגען געטלעכן זינען און תוך אין די אַלץ נייע און נייע לערעס און טאַטן, האָט געווירקט אַלץ מער און מער אויסצובברייטערן זייער געביט, און די אויסברייטערונג פון דער תורה און מצוות, האָט כסדר און כסדר סטימולירט די קוואַלן פון זעלבסט־פאַרגעטלעכונג, זעלבסט־ פאַרהייליקונג און זעלבסט־דערהויבונג.

דער ייד איז געווען אַרומגערינגלט מיט תורה, תפילה און מצוות ווי מיט אַ לופט־הילע. פונעם אויפשטיין ביזן לייגן זיך, האָט ער זיך באַוועגט אינערהאַלב אַ רעליגיעזער אַטמאָספער. אויף יעדן שריט און טריט האָט ער געהאַט מקיים צו זיין אַ מצווה, צו מאַכן אַ ברכה, צו זאָגן אַ תפילה און אַ לויב און אַ געבעט צום רבונו־של־עולם. אַזוי ווי דער ייד האָט נאָר געעפנט די אויגן, האָט שוין געוואַרט אויף אים דאָס דאַווענען און דאָס לערנען און דאָס תפילין־לייגן און זיך איינהילן אין טלית.

אין געבעט וואָס האָט באַגלייט דאָס איינהילן זיך אין טלית, האָט זיך צווישן אַנדערן געזאָגט: „אַזוי ווי איך היל־איין מיין גוף אין ציצית, אַזוי זאָלסטו איינהילן מיין נשמה און רמ"ח אברים און שס"ה גידים אין דעם ליכט פון ציצית, וואָס באַטרעפט תרי"ג, און אַזוי ווי איך דעק מיך צו מיטן טלית אויף דער וועלט,

אַזוי זאָל איך זוכה זיין צו אַ מלבוש פון די לערערס און צו אַ שיינעם טלית אויף יענער־וועלט, אין גן־עדן. און דורך דער מצווה פון ציצית זאָל מיין זעל און מיין גייסט און מיין נשמה און מיין תפילה ניצול ווערן פון די נישט־גוטע, און דער טלית זאָל אויסשפרייטן זיינע פליגלען אויף זיי און זאָל זיי ראַטעווען, ווי דער אָדלער וואָס שוועבט איבער דער נעסט פון זיינע „קליינע" אאַ"וו. און באַלד נאָך דעם איז געקומען די ברכה מיט שם און מלכות „להתעטף בציצית".

נאָכן אָנטאָן דעם טלית, איז געקומען דאָס תפילין־לייגן. אין געבעט בעתן תפילין־לייגן, האָט זיך צווישן אַנדערן געזאָגט: „...און ער האָט אונדז אָנגעזאָגט צו לייגן אויפן האַנט, צום אָנדענק פון אויסגעשטרעקטן אָרעם, און ווייל זי איז קעגן האַרץ, מיט דעם צו פאַרשקלאַפן די תאוות פון די מחשבות פון אונדזער האַרץ צו זיין דינסט, געבענטשט זאָל זיין זיין נאָמען. און אויפן קאָפּ, קעגן מוח, כדי די נשמה וואָס איז אין מיין מוח, צוזאַמען מיט מיינע איבעריקע חושים און כוחות, זאָלן זיין פאַרקנעכט צו זיין דינסט, געבענטשט זאָל זיין זיין נאָמען. און די מצווה פון תפילין זאָל ווירקן איך זאָל האָבן אַ לאַנג לעבן און אַ שפע פון הייליקייט און הייליקע מחשבות. איך זאָל נישט טראַכטן אין קיין זינד און עס זאָל מיר נישט איבעררייזן און נישט רייצן דער יצר־הרע, נאָר ער זאָל אונדז לאָזן דינען גאָט ווי אונדזער האַרץ גלוסט" אאַ"וו.

דער קאָנטאַקט צווישן יידן און גאָט האָט זיך קיין מאָל נישט איבערגעריסן. גאָט האָט אים באַגלייט אויף שריט און טריט. און אַלע זיינע מעשים און האַנדלונגען זיינען געווען דורכגענומען מיט אַ רעליגיעזן גייסט. שוין נישט ריידנדיק וועגן דער גרויסער צאָל יידן וואָס זיינען געזעסן יומם ולילה על התורה ועל עבודה, דאָס הייסט, האָבן זיך ס'גאַנצע לעבן געווייקט אין פרומקייט, נאָר אַפילו די יעניקע יידן, וואָס האָבן זיך געמוזט ווידמען וואָכעדיקע ענינים, האָבן אויך שטענדיק געהאַט צו טאָן מיט רעליגיע. איז דער ייד געגאַנגען עסן, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ באַרג מיט דינים, וואָס זיינען מיט דעם געווען פאַרבונדן: די דינים פון נטילת־ידים — מיט וואָס פאַר אַ כלי זיך צו וואַשן, וויפל וואַסער, ווי צו זאָגן דעם „שאו ידיכם", ווי צו מאַכן די „המוציא". נאָך דעם, די דינים פון כשרות: כשר עסן, כשר געקעכץ, כשר געשיר, כשר פלייש, דאָס לעצטע האָט געמוזט דורכמאַכן אַ גאַנצע פּראָצעדור, ביז דער ייד האָט דערפון געקענט געניסן. דערצו זיינען צוגעקומען אַ גאַנצע רייע ברכות אויף פאַרשיידענע שפּייזן. און נאָך דעם — דער „ברכת־המזון". דאָס אָפּעסן אַ מאָלצייט איז פאַרן יידן געווען אַ גאַנצער גאָטדינסט. אַפילו אויף אַ טרונק וואַסער האָט ער געמוזט מאַכן אַ ברכה. האָט ער געגעסן אַ פרוכט — אַ ברכה; האָט ער געגעסן אַ קיכל — האָט ער געמוזט מאַכן אַ ברכה און זאָגן אַ לאַנגן „על המחיה". איז ער געגאַנגען אויף בקיות, האָט ער ווייטער געהאַט צו זאָגן. מיט איין וואָרט — כסדר און נאָך אַנאַנד נאָר זאָגן און טאָן מצוות. האָט ער אָנגעטאָן אַ בגד — האָט ער געמוזט זיין כשר און נישט זיין קיין שעטנז. מיט זיין אָנטועכץ האָט ער געמוזט דינען גאָט און גיין

אַן אַרבע־כּנפֿות מיט כשרע ציצית; מיט זיין האָר־וווקס האָט ער געמוזט דינען גאָט און זיך פֿאַרלאָזן אַ באָרד מיט פּיאות; זיין קערפּער האָט געמוזט זיין גע־יידישט. וואַכעדיק האָט ער געמוזט צודעקן דעם קאָפּ מיט אַ היטל, שלאָפֿנדיק האָט ער געמוזט צודעקן דעם קאָפּ מיט אַ יאַרמעלקע. די יידישקייט איז אים נאָכגעגאַנגען אַלע 24 שעה אין מעת־לעת, פֿונעם אויפֿשטיין ביזן לייגן זיך, און האָט אים אויף קיין איין מינוט נישט אָפּגעלאָזט. נאָך האָט ער נישט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן דאָס אינדערפֿריִעדיקע דאַוונען, און שוין האָט ער באַדאַרפֿט גיין דאַווּ־נען מנחה און מעריב און זיך ווייטער וואַשן, ווייטער מאַכן ברכות, ווייטער לייע־נען קריאת־שמע, אָן אַן אָפּשטעל און אָן אַ סוף.

וואָס שייך דעם ענין דאַוונען, האָט עס יעדער געמאַכט לויט דעם ס'אַראַ סאָרט ייד ער איז געווען. יידן, געפֿיל־מענטשן, האָבן אין דאַוונען אַריינגעלייגט אַ סך עמאָטיווע רעגונג און דאָס דאַוונען איז ביי זיי געווען אַן אמתער האַרץ־אויס־גוס פֿאַרן רבונו־של־עולם, אַ געזאַנג און אַ לויב און אַ געבעט צום פֿאָטער אין הימל און אַ גרויסע פּאָעטישע איבערלעבונג, וואָס האָט געלייטערט און דער־הויבן און בעסער און שענער געמאַכט. פֿאַרן פּשוטן ייד, איז דאָס דאַוונען געווען אַ מעכאַנישע זאַך. מיטן געדאַנק און געפֿיל איז ער געווען ווייט פֿון דעם אינ־האַלט פֿון די ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט. דאָך איז דאָס זאָגן אַליין געווען אַ טעטיקייט, וואָס האָט געהאַט אַ רעליגיעזן ווערט. אַפֿילו דער ייד וואָס איז גע־שטאַנען אין טלית און תּפֿילין און האָט שנעל אָפּגעכאַפּט דאָס דאַוונען, טראַכטנ־דיק בשעת־מעשה וועגן זיינע געשעפֿטן, האָט דאָך געהאַט דאָס געפֿיל און באַ־וווסטזיין, אַז ער דערפֿילט אַ רעליגיעזע פֿונקציע. האָט דאָס אַליין שוין באַוואָר־טיקט זיין טאַט. רעליגיע איז נישט קיין גלייכווערטיקע דערשיינונג פֿאַר אַלע מענטשן, נאָר האָט פֿאַר יעדן איינעם אַן אַנדער ווערט, לויט דעם ווער און וואָס ער איז. יעדער איינער פֿילט־אָן רעליגיע מיט זיין אייגענעם עמאָטיוון אינהאַלט. מער וויפֿל מ'האָט אין זיך, קען מען נישט געבן. געפּילפּולע יידן, האַרציקע יידן, האָבן געגעבן געפּילפּולע, האַרציקע תּפֿילות. ביי פּשוטע יידן, איז דאָס דאַוונען געווען אַ מלאכה, אָבער אַ רעליגיעזע מלאכה...

עס קען זיך אויסווייזן, אַז דאָס זיין אַזוי באַליגט און באַלאַסט מיט מצוות און געבאָטן, האָט אויף דעם ייד געשווערט און געדריקט, איז עס נישט אַזוי. דער גייסטיקער געניס פֿון האָבן כּסדר צו טאָן מיט מצוות, איז געווען פּילפּאַכיק גרע־סער איידער די קליינע פֿיזישע אָנשטרענגונג פֿון זיי דורכצופֿירן. דורך דעם האָט דער ייד געגעבן כּסדרדיקן זינען זיין לעבן; דורך דעם האָט ער כּסדר אָנגעפֿילט מיט העכערן אינהאַלט זיין עקסיסטענץ. ניין, די שווערע יידישע רעליגיע, די רעליגיע מיט די בערג דינים און פֿאַרשריפֿטן און באַגרענעצונגען, וואָס האָבן קאָנטראָלירט און רעגלאַמענטירט זיין יעדן קער און ווענד, איז פֿאַרן ייד לחלוטין נישט שווער געווען. פֿאַרקערט. די דאָזיקע צוימען און פֿענטעס האָבן אים פֿאַר־שאַפֿט געניס; ער האָט זיך געלאָזט צוימען און פֿענטען; עס איז אים גוט געווען

אַזוי. וואָרעם דורך דעם איז ער געווען אין כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט גאָט, דורך דעם האָט ער כסדר געדינט דעם השם־יתברך. איז וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט אין אַנבליק פֿון אַזאַ וויכטיקער פֿונקציע אַ קליינע פּיזישע אָנשטרענגונג, אַ קליינע קערפּערלעכע אומבאַקוועמלעכקייט? ניין, וואָס מער דינים, וואָס מער מצוות, וואָס מער לערנען און דאַווענען און עול־תורה, אַלץ בעסער איז אים געווען, אַלץ זיסער איז געווען דעם ייִדס גייסטיק לעבן.

אַוודאי איז אין רעליגיע וויכטיק די כוונה, דאָס האַרץ, דאָס געפֿיל, די פֿאַר־טיפֿונג — „רחמנא לבא בעי". אָבער גיי וואַרט ביז דער פּשוטער ייִד, דער ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר, וואָס איז טאָג ווי נאַכט פֿאַרהאָרעוועט און פֿאַרשמייעט און פֿאַר־זונקען ביז איבערן קאָפּ אין שווערן עול־פּרנסה, גיי וואַרט ביז וואַנען ער וועט קריגן רעליגיעזע אינספּיראַציע צו דאַווענען און צו טאָן מצוות. צו־לאַנג וואָלט דערויף אויסגעקומען צו וואַרטן. פֿאַר אים האָט מען געמוזט מאַכן אַ רעליגיע פֿון זאָגן און טאָן; אַ רעליגיע פֿון טאָטן, וועלכע ער זאָל קענען מקיים זײַן, אָן מחשבות און אָן געפֿילן. עס קען זיך אויסווייזן, אַז דאָס האָט קיין ווערט נישט. מ׳האָט גע־זאָגט: „מצוות אנשים מלומדה". אָבער עס איז נישט אַזוי. עס האָט יאָ געהאַט אַ ווערט. דאָס בלויזע דערפֿילן מעכאַניש דעם גרויסן, דעם גוואַלדיקן סכום דינים פֿון שולחן־ערוך, האָט דעם ייִד פֿאַרגייסטיקט. האָט ער געמעגט נישט מכוון זײַן בײַם לייגן טלית און תפֿילין; האָט ער געמעגט נישט מכוון זײַן בײַם אָנטאָן די ציצית; האָט ער געמעגט נישט מכוון זײַן בײַם קושן די מזוזה, בײַם פֿאַרלאָזן זיך באָרד־און־פּיאות, בײַם אָפּהיטן די דינים פֿון כשרות און שבת און יום־טוב און בײַם גאַנצן באַרג דינים. דאָס בלויזע טאָן, דאָס בלויזע מקיים זײַן למעשה וואָס אין שולחן־ערוך שטייט געשריבן, האָט אים שוין געמאַכט פֿאַר אַ פֿרומען ייִד, דאָס הייסט, פֿאַר אַזעלכן וואָס איז מקיים גאָטס געבאָטן און האָט דאָס רעכט צו טראָגן דעם נאָמען ייִד. אַזוי איז אויך געווען מיט זײַן דאַווענען. עס קען זיך זײַן זייער אמת, אַז דער עיקר פֿון תפֿילה איז די כוונה, דאָס וויסן וואָס מ׳רעדט און וואָס מ׳זאָגט, דאָס ווענדן דאָס האַרץ צו גאָט. אָבער ווי באַלד דאָס איז נישט דערגרייכלעך, איז דאָס בלויזע זאָגן, דאָס בלויזע דאַווענען מיטן מויל, אַפֿילו מ׳איז מיט דער מחשבה אין קראָם צי אויפֿן מאַרק — אויך אַ רעליגיעזער טאַט.

שוין די ייִדישע הלבשה צוזאַמען מיט באָרד־און־פּיאות, האָט געמאַכט דעם ייִד זיך פֿילן ווי אַ ייִד. די ספּעציעלע ייִדישע הלבשה, וואָס די גויִים האָבן אויף אים אַרויפֿגעצוווּנגען, כּדי אים צו דערנידעריקן, האָט זיך בײַם ייִדן מיט דער צײַט פֿאַרוואַנדלט אין פֿרום־ייִדישער קליידונג, מיט וועלכער זיי האָבן זיך מער נישט געקענט שיידן. אָנטאָן אַ גויִישן מלבוש, האָט דעם פֿרומען ייִד פֿאַרשאַפֿט לײַדן; ער האָט זיך געפֿילט פֿאַראומווערדיקט און אומרייִן, ער האָט געפֿילט ווי מ׳וואָלט געשענדט זײַן צלם אלהים. זײַן ייִדישע הלבשה איז געוואָרן אַ טייל פֿון אים.

די ייִדישע רעליגיע איז איבערהויפּט געווען אַ רעליגיע פֿון טאָטן; בערג מיט

טאַטן; טאַטן אַרום און אַרום, פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע — עשהס און לא תעשהס. די דאָזיקע טאַטן, ד״ה, די בלויזע מעכאַנישע האַנדלונגען, זיינען געווען סובלי־מירט, פאַרהייליקט, פאַרהימלט; האָבן געטראָגן אויף זיך אַ געטלעכן חותם; זיי־נען געווען באַפעלן פון גאָט אַליין דעם שאַפער פון דער וועלט, און מיטן בלויזן טאָן זיי, האָט מען זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט גאָט, פאַרבונדן זיך מיט אים, באַהעפט זיך מיט אים און זיך דערהויבן הימל־הויך, געוואָרן וועלט־וויכטיק, וואָ־רעם די וועלט איז געשאַפן געוואָרן פאַרן ייד וועגן, די וועלט איז געשאַפן געוואָרן פון וועגן דער יידישער תורה און יידן זיינען גאָטס באַליבטע קינדער: „חביבין ישראל שנקרא בנים למקום, שנאמר בנים אתם ליי׳ אלהיכם״, און ווי באַלד גאָטס באַליבטע קינדער, איז דאָך שוין פון זיך אַליין פאַרשטענדלעך, אַז מ׳איז דער בחיר־היצירה, ווי אין מדרש שטייט געשריבן: „השמים והארץ לא נברא אלא בשביל ישראל״ און „ אם לא בריתי, יומם ולילה, חוקי שמיים וארץ לא שמתי״. אַלץ איז פון ייד וועגן. דאָס איז געווען דעם יידס טיפסטע און אינטימסטע אי־בערצייגונג; דאָס איז געווען אַן אָרגאַנישער געפיל אין אים. דער דאָזיקער גע־פיל איז געווען איינגעשניטן טיף אין זיין לייב, אין זיין פליישׂ און אין זיין גייסט און קיינער און גאָר נישט האָט אים געקענט פון דאָרט אויסמעקן; דאָס איז גע־ווען זיין פּסיכישער תוך און עצם. מיט דעם האָט דער ייד געאָטעמט און עקסיס־טירט. דאָס איז געווען ער אַליין. ער האָט אויפגעהערט אַזוי צו פילן, נאָר ווען ער האָט אויפגעהערט צו לעבן. אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט, איז דער דאָזיקער געפיל געווען אומאָפּטיילבאַר פון אים. דער דאָזיקער געפיל איז געוואָרן זיין נאַ־טור, מיט וועלכער ער האָט זיך נישט געקענט שיידן. מען האָט דעם ייד געקענט טויטן, אָבער נישט מאַכן אים פאַר אויס ייד...

קאַפּיטל 11

שבת און יום־טוב

אַ באַזונדערע ראָלע האָט געשפּילט אין ייִדישן לעבן שבת און יום־טוב. אום שבת און יום־טוב איז דער ייִד דערהויבן געוואָרן צו אַ העכערער מדרגה. אַ נייַער גייסט האָט זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזט. ער איז געוואָרן שענער און בעסער, פייַנער און איידעלער.

די גייסטיקע פאַרוואַנדלונג וואָס דער ייִד האָט דורכגעמאַכט אין טאָג פון שבת־קודש, איז ביז גאָר באַלערנדיק. דאָס ווייַזט אונדז ווי גרויס עס איז דער כוח פון דער רעליגיעזער סוגעסטיע. אונטער דער ווירקונג פון גלויבן קענען אין מענטשן אויפטויכן אַזעלכע גייסטיקע כוחות, אַזעלכע געפיל־קאָמפּלעקסן, וואָס פאַרוואַנדלען אים ממש אין אַן אַנדער מענטש, ווי ער איז עס געווײַנטלעך. ער שייַנט־אויף, ער לייַכט־אויף. גוטע געפילן, ריינע געפילן נעמען זיך וועקן אין אים און ער ווערט גייסטיק נתעלה. זייַן האַרץ ווערט ריינער און זייַן געמיט ווערט לויטערער. דער וואָכעדיקער, גרויער, פּראָזאַישער, פּראַקטישער מענטש, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גייסט־מענטש, אין אַ פּאָעטישן, געפילפולן רוחניות־מענטש. גייט אַוועק דער שבת, הערט־אויף די שבת־סוגעסטיע און דער מענטש נידערט צוריק אַראָפּ צו זייַן וואָכעדיקער מדרגה.

דער ביבלישער שבת איז געווען אַ פשוטער רו־טאָג פאַרן מענטש און פאַר דער בהמה; פאַרן האַר און פאַרן קנעכט. ווי הימל־ווייַט דערפון איז געווען דער אמתער ייִדישער שבת־קודש. דאָ האָט זיך שוין בשום אופן נישט געהאַנדלט אין קיין פשוטן רו־טאָג, נאָר אין אַ טאָג פון קדושה, פון איבערלעכער דערהויבונג. אַ נייַער גייסט האָט דורכגעדרונגען דעם ייִד אין טאָג פון הייליקן שבת. אום שבת האָט זיך אויפן ייִד אַראָפּגעלאָזט אַ נייַע באַזעלונג, אַ נשמה־יתירה, אַ זעלישע לויטערקייט.

ווען און ווי אַזוי ס׳איז פאַרגעקומען די פאַרגייסטיקונג פון שבת, דאָס קען מען גענוי נישט וויסן. מסתמא איז עס פאָרגעקומען זייער לאַנגזאַם און בהדרגה־דיק. אָבער דאָס — ווען, פאַר וואָס און ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען די פאַרהייליקונג און פאַרגייסטיקונג פון שבת, איז אַן ענין פאַר זיך. דער פאַקט בלייַבט אַ פאַקט, אַז אַזוי איז עס געווען. אין שבתדיקן טאָג איז דער ייִד געוואָרן אַן אַנדער מענטש ווי ער איז דאָס געווען אַ גאַנצע וואָך. פאַרן נישט־גלויביקן איז לחלוטין

פרעמד די דאָזיקע דערשיינונג. ביי אים קען נישט געמאָלט זיין אזא טיפער זע־לישער אומבייט פון איין טאָג אויפן צווייטן. ער לעבט שטענדיק א וואָכעדיקן לעבן. בלויז אונטערן דרוק פון גלויבן, קענען אין מענטשן דערוואַכן נייע קאָמ־פלעקסן געפילן, וואָס טראַנספאָרמירן אים אין אַן אַנדערן וועזן.

מיטן אָנקום פון שבת האָט דער ייד דורכגעמאַכט אַן אמתן פסיכישן מעטאַ־מאָרפאָז. ער איז געוואָרן גייסטרייכער און מאָראַליש שענער. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ גאַנצער ריי אויסערלעכע שינויים: אין שבתדיקע בגדים, אין שבתדיקע מאכלים, אין אַן אויפגערוימטער שטוב, אין אָנגעצונדענע ליכט אאַז״וו. דאָס אַלץ איז געווען דער אויסדרוק פון שבתדיקן גייסט וואָס האָט באַ־הערשט. אין אַ וואָכן־טאָג וואָלטן די אַלע זאַכן גאָר נישט אויפגעטאָן. די שבת־דיקע קאַפּאָטע און די אָנגעצונדענע ליכט, וואָלטן אין אַ וואָכן־טאָג אַפילו קיין סימן פון קיין שבתדיקייט נישט אָנגעווייעט. בלויז דער שבת האָט געהאַט אין זיך דעם כוח צו פאַרגייסטיקן און דערהויבן דעם יידן. אַלץ אַרום יידן איז גע־וואָרן שבתדיק סובלימירט. דער ערלעכער, אויפריכטיקער גלויבן, האָט ספּאָנ־טאַן אַרויסגערופן די גייסט־פאַרוואַנדלונג. פרייטיק בין השמשות, ווען דער ייד האָט געוווּסט, אַז דער שבת קודש קומט אָן, האָט ער דערפילט דערוואַכן אין זיך דעם גייסט פון הייליקן שבת. דער דאָזיקער גייסט האָט אָנגעשטעקט דעם גאַנצן אַרום. אויף דער יידישער שטוב האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שבתדיקע מנוחה, אַ רויִקייט און געמיטלעכקייט, אַ לייטזעליקייט און גייסטיקע שלוה. די שבת־דיקע מנוחה האָט אָנגעשטעקט און אַרומגעהילט אַלץ און אַלעמען. אַפילו די נאַטור האָט אין שבתדיקן טאָג אויסגעזען אַנדערש ווי אין דער וואָכן. ס'איז געווען שבת אויף דער וועלט.

צי האָט דען יענער פּרימיטיווער ייד, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אויפגע־שריבן דעם לא תעשה כל מלאכה ביום השבת, געקענט האָבן אַ אָנונג וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע גייסט־אינסטיטוציע ער גרינדעט? וויפל גליקזעליקייט, גייסטיקן געניוס, נשמה־פרייד אָט דער שבת־טאָג וועט ברענגען דעם יידן אין משך פון דורות און דורות? — ניין, ער האָט נישט געקענט האָבן דעם מינדסטן אָנונג דערפון.

די יידישע רעליגיע אין איר פונאַנדערבלי, איז געוואָרן גאָר אין גאַנצן אַן אַנדער זאַך ווי זי איז עס געווען אין איר פּרימיטיווער ביבלישער צייט. דער שבת פון די עשרת הדברות, וואָס האָט געהייסן רוען: „דו און דיין זון און דיין טאָכטער (פאַר וואָס נישט די ווייב?) און דיין קנעכט און דיין דינסט און דיין אָקס און דיין אייזל וכ״ו, האָט נישט געהאַט די מינדסטע שייכות מיטן אמתן יידישן שבת. יענע איז געווען אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישע נאָרמע פון אַ נאָמאַדן־שבט און דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ גייסט־אינסטיטוציע פון ברייטסטן פאַרנעם.

און דאָס וואָס ס'איז געווען מיטן שבת, איז אויך געווען מיט די יום־טובים,

אויך די ייִדישע יום־טובים האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ טיפע פאַרוואַנדלונג זינט זייער ביבלישן אורשפרונג, אַז עס איז זיי גאָר נישט צו דערקענען.

נעמען מיר די ערשטע יום־טובים פון ייִדישן יאָר, די ימים־נוראים, ראש־השנה און יום־כיפור. וואָס פאַר אַ שייכות האָבן די ראש־השנה און יום־כיפור וואָס מיר קאָנען, מיט דעם ראש־השנה און יום־כיפור פון חומש? — קיין שייכות נישט. עס זיינען אַריינגעקומען אין ראש־השנה און יום־כיפור אַזוי פיל נייע עלעמענטן, פון וועלכע עס איז נישטאָ די מינדסטע אינסינואַציע אין חומש, אין חומש איז דאָך ראש־השנה אַפילו נישט ראש־השנה. דאָס איינציקע וואָס ווערט דערמאָנט פון ראש־השנה, איז דער יום תרועה. פון אַלעם איבעריקן איז אין חומש אַפילו קיין שפור נישטאָ. פרעגט זיך: ווער האָט געשאַפן און ווי זיינען געשאַפן געוואָרן די ימים־נוראים? פון עמאָטיוו־רעליגיעזן שטאַנדפונקט זיינען די ימים־נוראים די טיפסטע און שטאַרקסטע ייִדישע פייער־טעג און מיר ווייסן אַפילו נישט פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען. ווער האָט פון זיי געמאַכט אַ יום הדין? ווער האָט עס צוגעטראַכט די געשיכטע מיטן הימלישן טריבונאַל, אַז אין ראש־השנה „שרייבט מען" און „אין יום־כיפור חתמעט מען" און אַז מען דאַרף תשובה טאָן און ווערן באַזונדערס גוט און פרום?

אָבער ווי וויכטיק עס זאָל נישט זיין זיך צו דערוויסן ווי אַזוי די ימים־נוראים האָבן זיך אַנטוויקלט און פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען, איז די פסיכאָ־לאָגישע זייט דאָס וויכטיקסטע. דאָס וויכטיקסטע אין רעליגיע זיינען די געפילן און עמאָציעס, וואָס קומען אין איר צום אויסדרוק. אונטער רעליגיע זעען מיר אין מענטשן אַזאַ גוואַלדיקע געפיל־שפע, וואָס עס וואָלט קיים געווען צו גלויבן, אַז דער מענטש איז פעיִק אַזוי שטאַרק און טיף צו פילן. אונטער דער גלויבנס־סוגעסטיע זעען מיר ביז דער לעצטער טיף דעם מענטשנס עמאָטיווע קאַפּאַצי־טעט. ביים וועלטלעכן מענטשן זיינען נישטאָ אַזעלכע מעכטיקע רעגונגען, וואָס זאָל אים צווינגען אַרויסצוברענגען זיין געפיל־פעיִקייט ביז לעצט. אין קעגנ־טייל ביים רעליגיעזן מענטשן זיינען זיי יאָ דאָ. אין רעליגיע זיינען דאָ אַזעלכע מעכטיקע געפיל־סטימולן, וואָס צווינגען דעם מענטשן זיך עמאָטיוו צו רעאַליזירן ביזן לעצטן גראַד. אַ טיפּישער ביישפיל דערפון איז דער ייִדישער שבת און יום־טוב בכלל און די ייִדישע ימים־נוראים בפרט. וואָס דער ייִד האָט געפילט אין די פאַרכטיקע טעג, איז דער העכסטער אויסדרוק פון עמאָטיוון לעבן פון מענטשן. איבערהויפט איז עס געווען אום יום־כיפור צו כל־נדרי. אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָט די עמאָטיווע שפאַנונג, די טיפע, דערשיטערלעכע צענומענקייט, דערגרייכט דעם קלימאַקס. עס איז געווען אי מורא, אי הכנעה, אי תשובה־געפיל, אי גוטסקייט און מענטשן־ליבע. אָט די אַלע געפילן האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איינעם און דערציטערט דעם ייִדן. דאָס איז געווען דער שטאַרקסטער מאָמענט אין רעליגיעזן לעבן פון ייִדישן מענטשן.

אָבער דאָס איז בלויז געווען דער הויכפונקט. אָנגעהויבן האָט זיך דער

פעריאָד פון די ימים־נוראים־שטימונגען אַ סך פריִער. אַזוי גלייך ווי מ׳האָט געבענטשט ראש־חודש אלול און אָנגעהויבן בלאָזן שופר, האָט מען דערפילט אָנוויַיען אַן אַנדער שטימונג, אַ תשובה־שטימונג. מען איז אַריינגעטראָטן אין דער ימים־נוראימדיקער אַטמאָספער. עס איז פאָרגעקומען אַ איַנערלעכער איבערבײַט. מען איז געוואָרן פרימער, ערנסטער. מען האָט דערפילט דעם הויך פון די אָנקומענדיקע פאָרכטיקע טעג, טעג פון הימלשן דין און משפט. עס זיינען טאַקע געווען וואָכעדיקע טעג, אָבער פאָרט נישט די זעלבע טעג וואָס אַ גאַנץ יאָר. עפּעס האָט געגומען דריקן אויפן געמיט. מ׳האָט געפילט אַז עס קומען אָן טעג, ווען מ׳וועט דאַרפן אָפּגעבן חשבון פאַר די מעשים פון אַ גאַנץ יאָר און דאָס האָט געוויגן און אַרויסגערופן הרהורי־תשובה. די פרומקייט האָט אויפגעוואַכט און די רעליגיאָזיטעט איז געוואָרן שאַרפער. בכלל איז דאָס איַנערלעכע לעבן געוואָרן מער געשפּאַנט. מ׳איז געוואָרן מער סענסיטיוו און סענטימענטאַל.

און אַז די פאָרכטיקע טעג זיינען געקומען, האָט דער גראַד פרומקייט דער־גרייכט דעם העכסטן פונקט. מ׳האָט געדאַוונט און מתפלל געווען און תשובה געטאָן און געמאַכט די הייסטע האַרץ־אויסגוסן און זיך געקלאַפּט על חטא. נאָכן קלאַפּן זיך על חטא און נאָכן וויינען און בעטן און נאָך דער תשובה און חרטה, איז געקומען די אויסלייטערונג. ס׳איז געוואָרן גוט אויפן האַרצן און גרינג אויפן געמיט. מ׳האָט זיך געפילט ריין. גאָט האָט מוחל געווען און פאַרגעבן די זינד. אַ פרידלעכקייט און גליקזעליקייט האָט אָנגעפילט דאָס האַרץ.

די ייִדישע ימים־נוראים זיינען דער סאַמע רעליגיעזסטער יום־טוב פון צווישן אַלע רעליגיעזע יום־טובים פון אַלע גלויבנס. עס איז דאָך געווען לאָגיש, אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן ספּעציעלע טעג, ווען גאָט משפט די מענטשן. דער יסוד פון רעליגיע איז דאָך די השגחה פּרטית, אַז גאָט קוקט זיך צו צום מענטשנס מעשים. האָבן דאָך געמוזט איַינגעשטעלט ווערן טעג פון דין וחשבון, טעג ווען מ׳פירט אונטער סך הכלען און ווען מ׳טראָגט אַרויס אורטיילן. אַזעלכע טעג צווינגען צו חשבון הנפש, צו תשובה און חרטה, צו פאַרטיפונג אין זיך, צו איבערשאַצן די אייגענע מעשים, צו זעלבסט־אַריינבליק, וואָס דאָס רופט אַרויס אַ מאָראַלישע אויפרודערונג און צעטרייסלונג, אָט ווי עס איז געווען ביי ייִדן אין משך פון די תשובה־טעג, טעג פון זעלבסט־אַנאַליז און זעלבסט־דערקענונג; טעג פון שטרעבונג זיך צו לייטערן און מאָראַליש זיך אויסצובעסערן. עס איז בפירוש נישט פאַרשטענדלעך פאַר וואָס אַנדערע רעליגיעס האָבן נישט איַינ־געפירט קיין יערלעכע טעג פון דין און משפט און מאָרלישע באַלאַנסן, און נאָר בלויז די ייִדישע האָט עס געטאָן.

די ימים־נוראים זיינען געווען די טעג פון די טיפסטע איבערלעבונגען אין דעם געפיל־רייכן ייִדישן רעליגיעזן לעבן. אין קיין שום אַנדער יום־טוב האָט מען נישט אַריינגעטאָן אַזוי פיל ערנסטע שטימונג, אַזוי פיל האַרץ און נשמה

ווי אין די ימים־נוראים. קיין שום אַנדער יום־טוב האָט מען זיך נישט איבער־געגעבן מיט אַזוי פיל הייליקן ציטער און געפיל־דערשיטערונג ווי זיי.

און דאָ בעט זיך אונטערצושטרייכן נאָך אַ מאָמענט. די ימים־נוראים זיינען די איינציקע יידישע ימים־טובים, וואָס צו זייער נאַציאָנאַל־יידישן כאַראַקטער, איז צוגעגעבן אויך אַ אוניווערסאַלער שטריך. די תפילות פון ראש־השנה און יום־כיפור פאַרמאָגן אוניווערסאַלע מאָטיוון. אָט האָט מען מתפלל געווען, אַז „גאָט זאָל אַרויסטאָן זיין פורכט אויף אַלע זיינע ווערק און זיין מורא אויף אַלץ וואָס ער האָט געשאַפן און עס זאָלן זיך בוקן צו אים אַלע באַשעפענישן און אַלע זאָלן מאַכן איין בונד צו טאָן זיין ווילן מיטן גאַנצן האַרצן". מ'האָט געבעטן, אַז: „זאָלסט (גאָט) קעניגן אויף דער גאַנצער וועלט מיט דיין כבוד און זיך דערהויבן איבער דער גאַנצער ערד אין דיין גלאָר און דערשיינען אין דער פורכ־טיקער גרויסקייט פון דיין מאַכט איבער די באַוווינער פון גאַר דער ערדפלאַך, און אַלץ וואָס איז געמאַכט, זאָל וויסן אַז דו ביסט זיין מאַכער, און יעדע באַשע־פעניש, אַז דו ביסט זיין שאַפער. און אַלץ וואָס האָט אַ נשמה אין זיין נאָז, זאָל וויסן, אַז יהוה, דער גאָט פון ישראל איז דער קעניג און זיין קעניגרייך געוועל־טיקט איבער אַלץ".

און אָט נאָך אַ טייל פון אַ תפילה:

„...און אויף די מדינות ווערט אין אים (אין יום־הדין) געזאָגט: וועלכע צו שווערד און וועלכע צו פרידן, וועלכע צו הונגער און וועלכע צו זעט. און די באַשעפענישן ווערן אין אים געדאַכט, זיי צו דערמאָנען צום לעבן און צום טויט. אין וועמען ווערט נישט געדאַכט אין אַזאַ טאָג? וואָרום די דערמאָנונג פון יעדער באַשעפעניש קומט פאַר דיר, די מעשים פון אַ מענטשן און זיין אויפירונג און די כיטרעקייטן פון די מענטשלעכע טריט; די מענטשלעכע מחשבות און זיינע אונטערגעדאַנקען און די אימפולסן פון די מענטשלעכע טאַטן. ווייל איז דעם מענטשן וואָס פאַרגעסט נישט אין דיר און קלאַמערט זיך אין דיר, וואָרעם אַלע וואָס זוכן דיך ווערן נישט געשטרויכלט און ווערן נישט פאַרשעמט די וואָס שיצן זיך אין דיר, וואָרום די דערמאָנונג פון אַלע מעשים קומט פאַר דיר און דו פאָרשט אַלעמענס האַנדלונגען".

ווי עס איז צו זען, טראָגן די דאָזיקע תפילות אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער. גאָט הערשט איבער דער גאַנצער וועלט און האָט אין זינען אַלע באַשעפענישן, אַלע לענדער און פעלקער, און נישט בלויז יידן.

פון דעסט וועגן מעג מען זיך דערלויבן צו צווייפלען, צי די פּראַקטיק שטימט מיט דער טעאָריע, צי די יידן האָבן טאַקע געגלויבט אַז אויך די גויים ווערן געמשפט אין ראש־השנה יום־כיפור און מ'שרייבט זיי אָן זייער צעטל. ווען אַ ייד וואָלט געזען ווי אַזוי מ'ווינטשט אַ גוי לשנה טובה תכתבו, וואָלט ער עס אָנגענומען פאַר אַ ווילדן אַבסורד. סטייטש עס שטייט דאָך בפירוש אין מחזור: ובריות בו יפקדו להזכירם לחיים ולמות, און אַ גוי איז דאָך אויך גאָטס באַ־

שעפּעניש? סטייטש עס שטייט דאָך בפּירוש ועל המדינות בו יאמר איזו לחרב ואיזו לשלום, איזו לרעב ואיזו לשבע און די מדינות זיינען דאָך באַזעצט מיט גוים און בלויז מיט אַ ביסעלע ייִדן? איז דער תירוץ: מאַלע וואָס עס שטייט געשריבן, עס שטייען אַזוי פיל גוטע זאַכן געשריבן... און חוץ דעם קען מען פּאַרטייטשן, אַז דאָס וואָרט בריות מיינט מען ייִדן, און דאָס וואָרט מדינות מיינט אויך ייִדן — די ייִדן וואָס וווינען אין די מדינות, און דער מלוך על כל העולם בכבודך מיינט אויך ייִדן, וואָרום די גאַנצע וועלט קערט צו ייִדן. מ'קען דאָך נישט זאָגן, אַז די גוים, יעדער גוי באַזונדער, ווערט געמשפּט ראש־השנה יום־כיפּור...

דער יודעאָצענטריזם פון דער ייִדישער רעליגיע, איז אין די טעג פון ראש־השנה יום־כיפּור געקומען צום העכסטן אויסדרוק. יעדער ייִד, יעדער ייִדישער יחיד האָט געהאַט דעם פולן איינדרוק, אַז די העכסטע וועלט־אויטאָריטעטן, לאָזן שטיין די גאַנצע וועלט־ווירטשאַפט און פאַרנעמען זיך נאָר מיט אים אַליין — מ'רעווידירט זיינע מעשים, מ'קוקט איבער זיין אויפירונג, מ'קאָנטראָלירט זיין יעדן שריט און טריט און מ'באַשטימט זיין פּערזענלעכן גורל פאַרן גאַנצן יאָר...

**
*

פּסח. — סיי אין איר דאָגמאַטישן און סיי אין איר ריטואַלן טייל, זיינען אין דער ייִדישער שולחן־ערוך רעליגיע אַריינגעקומען אַזעלכע נייע עלעמענטן, פון וועלכע עס איז אין איר ביבלישער פאַזע גאָר נישט צו געפינען. מיר האָבן געזען ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט די ניי־יאָר יום־טובים ראש־השנה־יום־כיפּור, פון וועמענס הויפּט־כאַראַקטעריסטיק אַלע טעג פון דין און משפּט עס איז אין חומש אַפילו קיין וואָרט נישט פאַראַן. מירן איצט איבערגיין וואַרפן אַ בליק אויפן צווייטן ייִדישן יום־טוב לויט זיין וויכטיקייט — פּסח. אויך דאָ איז דער אמתער ייִדישער יום־טוב, ווי ער איז פּראַקטיצירט געוואָרן, הימל־ווייט פון דעם יום־טוב פּסח ווי ער איז לויטן חומש. אָט איז דער סדר לויטן חומש: „איר זאָלט עסן דאָס פלייש (פון קרבן פּסח) אין דער דאָזיקער נאַכט געבראָטן אויפן פייער. און מיט מצות און מיט מרור זאָלט איר עס עסן... און אַזוי זאָלט איר עס עסן: אייערע לענדן אָנגעגורט, אייערע שיך אויף די פיס און אייער שטעקן איר האַנט. און איר זאָלט עס עסן אין איילעניש (בחפּזון), וואָרום עס איז פּסח צו גאָט“.

ווי טיף פאַרשידן און דיאַמעטראַל־קעגנזעצלעך דער אמתער ייִדישער סדר איז געווען דערפון. דער ייִדישער סדר האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פּראַכט און גלאַנץ, מיט זיין פייערלעכקייט, מיט זיין אויפגעלייגטקייט און געמיטלעכקייט. עס איז געווען דער פולער היפּוך פון אָנגעגורטע לענדן און אַ וואַנדערשטעקן אין האַנט, דער פולער היפּוך פון בחפּזונדיקייט און איילעניש. די הסב־בעט און דער בחפּזון, דאָס זיינען צוויי מאָמענטן וואָס לייקענען זיך אָפּ און שליסן זיך

אויס איינע די אַנדערע. וואָס ווייזט עס? דאָס ווייזט, אַז ווען דאָס פאָלק וויל פייערן אַ רויִקן און געמיטלעכן און פריילעכן פסח און וויל עס זאָל זיין גוט און ליכטיק און אָנגענעם, לאָזט ער איבער דעם פסוק פון דער תורה און טוט וואָס ער וויל: ער פאַרבייט די אָנגעגורטע לענדן מיטן שטעקן אין האַנט אויף אַ פייערלעכן גלאַנצפולער סעודה.

נישט פון דער הגדה, נישט פון דער סעודה, נישט פון די כוסות, נישט פון די קשיות, נישט פון דעם גאַנצן פראַכט און גלאַנץ מיט וועלכן דער סדר צייכנט זיך אויס, איז אין חומש קיין וואָרט נישטאָ. דאָס פאָלק האָט געוואָלט אַז דער זמן חרותנו זאָל זיין אַ פייערלעכער יום־טוב און ער איז אַזעלכער געוואָרן. נו, געוויס, אַ זכר לקרבן האָט מען געמאַכט. מען האָט צוגעבראָטן אַ ביינדל און אַרויפגעלייגט אויפן גלאַנצפולן סדר־טיש און יוצא. דאָס זעלבע האָט מען גע־טאָן מיטן זכר ווי אַזוי די מיצרים האָבן פאַרביטערט דאָס לעבן פון די יידן — האָט מען געגעסן אַ שטיקל מרור...

***

פורים. — מ׳ווייסט אין גאַנצן נישט פון וואַנען דער פורים האָט זיך דער־נומען. נישטאָ קיין היסטאָרישער באַווייז, וואָס זאָל באַשטעטיקן די מעשה פון פורים. און פון דעסט וועגן האָט זיך דער פורים אַזוי שטאַרק אָנגענומען און פאַרוואָרצלט אין יידישן לעבן, ווי די דערציילונגען פון דער מגילה וואָלט געווען די זיכערסטע זאַך אויף דער וועלט. דאָס איז געווען דערפאַר וואָס דער פורים האָט אַנטשפּראָכן די פסיכאָלאָגיע פון יידן. דער נס־פורים האָט אַזוי שטאַרק צוגעטראָפן די אינטימע יידישע באַגערן, אַז יידן פלעגן ממש איבערלעבן די פורים־געשעעניש פאַר יעדעס מאָל פון דאָס ניי...

דעם פאַרפאָלגטן און געדריקטן יידן, איז גוט געווען צו הערן די מעשה פון קעניג אחשורוש, וואָס האָט געקיניגט פון הודו ביז כוש, איבער הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות; ווי אַזוי ער האָט זיך פאַרליבט אין דער שיינער יידישקע אסתר; ווי אַזוי זי האָט זיך איינגעשטעלט פאַר איר פאָלק און ווי אַזוי דער קעניג איז גרייט געווען זיך צו טיילן מיט איר ביז אַ האַלבן קעניגרייך, אַבי איר צופרידנצושטעלן; ווי אַזוי זי האָט נאָך דעם אָנגעמסרט אויפן שלעכטסטוער פון איר פאָלק; ווי אַזוי דער קעניג אַן אויפגערעגטער פרעגט איר: ווער איז דער יעניקער וואָס האָט געוואַגט אַזעלכעס צו טאָן? און אסתר ענטפערט אים: דאָס איז דער רשע און דער פיינט, דער דאָזיקער שלעכטער המן; ווי אַזוי המן האָט געהאַט אַ ביטערן סוף, ער און זיינע צען זין.

דאָס דאָזיקע מעשה־ביכל, וואָס איז אַריין אין ספר־הספרים און וואָס איז פאַרגעלייענט געוואָרן צוויי מאָל פון אַ ספּעציעלער מגילה אין יום־טוב פורים אין אַלע יידישע שילן אין משך פון אַ סך הונדערטער יאָרן, האָט איינגענומען דאָס פאָלק. דאָס פאָלק האָט עס פאַרהייליקט און פאַראייגנט און געוואָרן צו דעם

אַזוי צוגעזאָגטן — כאָטש עס שטייט אין דעם אַפילו קיין איין מאָל נישט דערמאָנט גאָטס נאָמען — ווייל דאָס האָט דערקוויקט זיין ליידנדיק ייִדיש האַרץ. ס׳איז אים ביז גאָר ווילגעפעלן, וואָס אַ ייִדישע טאָכטער האָט מנצח געווען אַלע גוייִשע שיינהייטן פון דער גרויסער אימפּעריע און נאָר זי איז געגומען געוואָרן צום קעניג (ער האָט שוין באַדאי פאַרקוקט די עבירה). צווייטנס איז אים געפעלן געוואָרן אסתרס ייִדישער פּאַטריאָטיזם און ייִדיש האַרץ. נישט אַלע ייִדישע שיינהייטן וואָלטן מסכים געווען זיך אַנצונעמען פאַר זייער גערודפט פאָלק, די גוטע און שטאָלצע אסתר האָט עס יאָ געטאָן און דערפאַר איז זי דעם ייִדן איינגעבאַקן אין האַרץ, געווען ביז גאָר ליב און טייער. אויך איז דעם ייִדן זייער געפעלן געוואָרן די שטאָלצע האַלטונג פון מרדכי הצדיק לגבי המן הרשע — לא קם ולא זע. אָבער איבער אַלץ איז דעם ייִדן געפעלן געוואָרן דער סוף פון דער מעשה — המנס ביטערע מפּלה. דערפון, פון דערלעבן די מפּלה פון אַ מעכטיקן שונא וואָס האָט באַדראָט דעם ייִדנס עקסיסטענץ, האָט אויפגעצאַפּלט און אויפגעציטערט דאָס ייִדישע האַרץ. דאָס איז געווען דער שטאַרקסטער ייִדישער באַגער. קיין זאַך האָט דעם ייִדן נישט פאַרשאַפט אַזאַ טיפע פרייד ווי דאָס דערלעבן אַ נקמה אין אַ מעכטיקן שונא. דורות לייִדן און פּיין האָבן אַרויסגעשריגן פון דעם דאָזיקן פרייד־געפיל וואָס איז געקומען ווען אַ צורר־היהודים איז באַגראָבן געוואָרן.

מגילת־אסתר איז דאָס ייִדישע נאַציאָנאַלע מעשה־ביכל, וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן און אַריינגענומען געוואָרן צווישן די רעליגיעזע טעקסטן, צוליב דער גרויסער ליבע וואָס דאָס פאָלק האָט דערצו געפילט. מ׳קען זאָגן, אַז דאָס איז די מער באַליבטע שריפט פון גאַנצן תנ״ך.

אויסער דעם האָט דער יום־טוב פּורים געהאַט נאָך עלעמענטן וואָס האָבן שטאַרק אויסגענומען ביים ייִדישן עולם. דאָס איז געווען די מצווה אַ הוליע צו טאָן. דער שווערער ערנסט וואָס האָט געדריקט אַ גאַנץ יאָר דאָס ייִדישע לעבן, איז אויף אַ טאָג לויזער געוואָרן. מ׳האָט זיך געפילט אַנטשפּאַנט, מ׳האָט געקענט פרייער אָפּאָטעמען. אין דעם טאָג האָט מען געקענט אַ לעב־טאָן און נוהג זיין קלות. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די אַלערליי פּורים־שפּילן, אין פאַרשטעלן זיך אין אַנשיכורן זיך און אין מאַכן זיך פריילעך.

צו וואָס האָט מען געדאַרפט באַווייזן, אַז דער נס־פּורים איז געווען היסטאָריש־אמת, ווען דאָס פאָלק האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט אַז ס׳זאָל זיין אמת?! צו וואָס דאַרף מען דעם היסטאָרישן יסוד, אַז ס׳איז דאָ אַזוי פיל פּסיכאָלאָגישער יסוד?!...

**
*

און אַז די פּסיכאָלאָגיע איז שטאַרקער פאַר דער היסטאָריע, לערנט אונדז נאָך אַ פאַל פון ייִדישן יום־טובים־לוח. דאָס איז דער פאַל חנוכה.

זיין בעסער היסטאָריש דאָקומענטירט ווי עס איז דער דאָזיקער יום־טוב, קען שוין נישט זיין. און פון דעסט וועגן איז חנוכה געבליבן אַ וואָכעדיקער יום־טוב. דוכט זיך אַזאַ וויכטיקע און היסטאָריש־אויטענטיש געשעעניש און דאָך אַזוי ווינציק יום־טוב, מ׳פטרט אים אָפּ מיטן אָנצינדן װעלעכע ליכטלעך. פאַר וואָס? זאָל זיין אַז אַזאַ וויכטיקע געשעעניש ווי דאָס איז מנצח זיין אַ שונא וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו צעשטערן דעם יידישן דת און דאָס אָפּריייניקן דעם בית־המקדש פון עבודה זרה, איז געווען נישט גענוג חשוב אַז מ׳זאָל אים פאַרוואַנדלען אין אַן אמתן יום־טוב? סיידן מ׳זאָל זאָגן, אַז די רעליגיעזע אויטאָריטעטן האָבן נישט סימפּאַטיזירט מיט קיין מיליטערישע אַקציעס און האָבן נישט דערלאָזט, אַז היסטאָרישע געשעענישן, וואָס זיינען אַרויסגעדרונגען פון מיליטערישע נצחונות זאָלן פאַראייביקט ווערן ווי יום־טובים. די יידישע יום־טובים זיינען באַזירט אָדער אויף אַ געבאָט פון דער תורה, אָדער אויף אַ נס. אַ יום־טוב וואָס זאָל זיין אַ רעזולטאַט פון מענטשלעכע אויפטועך, פון זעלנערשער גבורה אויפן שלאַכטפעלד, איז געווען פסול. דאָס ביסעלע וואָס מען פייערט אין חנוכה מיטן אָנצינדן די ליכטלעך, פייערט מען עס צוליבן נס וואָס האָט געטראָפן מיטן קריגעלע בוימל. דאָס קריגעלע האָט געהאַט גענוג בוימל בלויז אויף איין נאַכט און עס האָט געברענט אַכט נעכט. צינדט מען דערפאַר אָן אַכט חנוכה ליכטלעך כדי צו פייערן דעם דאָזיקע נס. נישט לכבוד דעם נצחון איבער אַנטיאָכעס הרשע וואָס האָט געוואָלט צווינגען די יידן צו שמד, איז איינגעשטעלט געוואָרן חנוכה, נאָר לכבוד דעם בוימל־נס...

***

אויך שמחת־תורה איז פון זיך אַליין אויפגעקומען, מ׳ווייסט נישט ווען און מ׳ווייסט נישט ווו. נישט נאָר איז וועגן דעם קיין וואָרט נישטאָ אין חומש, נאָר אפילו אין דער גמרא איז עס נישט דערמאָנט. שמחת־תורה זאָל האָבן אויפגעקומען ערשט אין דער צייט פון די גאונים. און דאָך איז דער דאָזיקער יום־טוב פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם פריילעכסטן יום־טוב ביי יידן. קינד און קייט, יונג און אַלט, מענער און פרויען, האָבן זיך געפרייט מיט דער תורה. — ששו ושמחו בשמחת תורה, איז געווען די לאָזונג. מ׳האָט צוגעטראַכט אַ ספּעציעלן צערעמאָניאַל פון גיין מיט הקפות. מ׳איז מיט די ספר תורות אַרומגעגאַנגען אַרום בעלעמער און געזאָגט ספּעציעלע תפילות. אַלע בתי תפילה זיינען געווען העל־באַלויכטן און פול מיט אַ יום־טובדיקן עולם, איינגעשלאָסן די יוגנט, יינגלעך מיט מיידלעך און קינדער מיט שמחת־תורה פענער. אַלע זיינען געווען האָפערדיק און אין אַ געהויבענער שטימונג. מ׳האָט געקושט די ספר תורות און זיך געפרייט מיטן יום־טוב פון דער תורה. מאַנסלייט האָבן גענומען אַ ביסל משקה און מ׳איז געוואָרן גאָר אויפגעלייגט. די גאַנצע יידישע עדה איז אין טאָג פון שמחת־תורה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פייערנדיקן געזעמל. מ׳האָט געזונגען און געטאַנצט אין די גאַסן און זיך געפרייט אין פייערטאָג פון דער תורה.

**
*

בדרך כלל האָט דער יום־טוב אַריינגעבראַכט אָפּפרישונג אין דעם גרויען און מאַטעריעל־שווערן יידישן לעבן. די אָרעמקייט, די דחקות און די נויט פון אַ גאַנץ יאָר, איז געוואָרן געלינדערט און אָפּגעווייכט דורך דער פרייד פון די יום־טובדיקע טעג. די יום־טובדיקע טעג האָבן אַריינגעבראַכט וואַרעמקייט, האַרצי־קייט אַפילו אין דער אָרעמסטער יידישער שטוב. די יום־טוב פרייד האָט דער־קוויקט דאָס פאַרשאַמכטע יידישע האַרץ. אום יום־טוב האָט מען אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שווערן ביטערן עול הפרנסה. מען האָט זיך אָנגעטאָן די יום־טובדיקע קאַפּאָטע, אויפגערוימט די שטוב, געגאַנגען אין שיל אַריין דאַוונען דעם יום־טוב־דיקן דאַוונען און מ'איז אַריין אין אַן אַטמאָספער פון יום־טוב. אַ שטילע פרייד און אויפגערוימטקייט האָט זיך צעליגט אין יידנס האַרץ. אַ זיסער תענוג האָט אים דורכגענומען און ער האָט געפילט ווי עס לאָזט זיך אויף אים אַראָפּ אַ אינערלעכע גוטסקייט און גליקזעליקייט. אום שבת האָט דער ייד געפילט מנוחה און פרידלעכקייט; אום יום־טוב — אַ פרייד און אַן אויפגעלייגטקייט. נאָך די לאַנגע און שווערע שאָטנס פון די וואָכנטעג, זיינען געקומען די העלע אויפשטראַ־לונגען פון די יום־טוב־טעג.

אין די יום־טוב־טעג איז דער ייד נתעלה געוואָרן. אַ יום־טובדיקע נשמה איז אַריין אין אים, אַ נשמה אַ ריינע, אַ ציכטיקע, אַן אויפגערוימטע. דאָס האָט מען געפילט אין די יום־טובדיקע תפילות. אַלץ איז געווען דערהויבן און פאַטע־טיש. אום יום־טוב האָט דער ייד באַזונדערס געפילט זיין אויסדערוויילטקייט און העכערקייט און האָט עס געגעבן אויסדרוק אין אַזעלכע תפילות ווי אתה בחרתנו און אַ יום־טובדיקן קידוש: „געבענטשט ביסטו יהוה אונדזער גאָט, קעניג פון דער וועלט, וואָס דו האָסט אונדז אויסדערווילט פון אַלע פעלקער און אונדז אַרויסגעהויבן פון אַלע שפּראַכן און אונדז געהייליקט מיט זיינע מצוות און דו האָסט אונדז געגעבן, יהוה אונדזער גאָט, מיט ליבע, פייערטעג זיך צו פרייען, יום־טובים און פעסטצייטן זיך לוסטיק צו מאַכן. וואָרעם אונדז האָסטו אויסערדער־ווילט און אונדז האָסטו געהייליקט פון אַלע פעלקער און דיינע הייליקע פייער־טעג מיט פרייד און לוסטיקייט האָסטו אונדז פאַראַרבט, געבענטשט ביסטו גאָט וואָס הייליקט די יידן און די פעסטצייטן“.

דאָס איז געווען דער לייטמאָטיוו פון דער יידישער יום־טובדיקייט מיט דעם איז געווען איבערפולט זיין גייסט און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן אין די דאָזיקע טעג האָט ער דערויף אַרויפגעלייגט דעם חותם פון געלייטערטער שמחה. אַלץ איז געווען אָנגעפולט מיט לירישער שטימונג און עונג רוחני.

די יידישע וואָך און דער יידישער יאָר זיינען געווען אַזוי פאַרטיילט, אַז די האָבן זיך כסדר אויסגעגלייכט. דער שבת האָט באַלויכטן די זעקס טונקעלע וואָכן־טעג און די יום־טובים האָבן באַלויכטן די לאַנגע וואָכעדיקע חדשים. נאָך האָט מען נישט באַוויזן זיך צו דערווייטערן פון איין יום־טוב און באַלד האָט זיך שוין

אָנגערוקט אַ צווייטער. דאָס האָט פאַרלייכטערט דעם יידנס שווערע „לעבנס־נסיעה״. יעדער יאָר־סעזאָן האָט געהאַט זיין ספּעציעלן קאָלאָריט. די ווינטערדיקע סדרהס, למשל, זיינען געווען אַסאָציִירט מיט פרעסט, שנייען, זאַווערוכעס, און די זומערדיקע סדרהס מיט אַ ליבן, וואַרעמען דרויסן, מיט בלויע הימלען און גרינע לאָנקעס. דער ווינטערדיקער ברכי נפשי איז געווען אַסאָציִירט מיט טריבע, קאַלטע שבת־פאַרנאַכטן, און דער זומערדיקער פּרק, מיט הייסע שבת־בייטאָגן, בליִענדיקע פעלדער און זומער־אויבסט. ס׳איז געווען אַ פילקאָלירדיק און פילפאַרביק לעבן. אַלע מאָל אַ נייע פאַרב, אַלע מאָל אַ נייער קאָליר. אָט איז ל״ג בעומר און אָט איז שבועות; אָט איז די ניין טעג און אָט איז תשעה באב און אָט שוין ראש חודש אלול. דאָס האָט צוגעגעבן עמאָטיוון אינהאַלט.

אויך דער ערב יום־טוב איז פול געווען מיט עמאָטיוון אינהאַלט. עטלעכע וואָכן פאַר פּסח האָט מען זיך שוין אָנגעהויבן גרייטן צום גרויסן יום־טוב און מ׳איז געווען פאַרנומען, פאַרפּאָרעט און פאַרשמייעט. אָט איז געווען דאָס מצות־באַקן, איינשטעלן וויין, אויפנייען זיך אַ מלבוש; אויסרייניקן די שטוב, לופטערן, שייערן, קאַשערן, וואַשן, רוימען, מיט איין וואָרט: זיך גרייטן צום יום־טוב. דאָס האָט אַרויסגערופן אינטערעס און פאַרשאַפט פאַרגעניגן. דאָס זעלבע איז געווען ערב די ימים־נוראים און די סליחות־טעג. די סליחות־טעג — וואָס פאַר אַן עמאָציאָנעלן אוצר די דאָזיקע טעג האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט. דאָס קלאַפּן פרי פאַרטאָג אין די טירן און דאָס רופן יידן סליחות־זאָגן. וואָס פאַראַ זיסע אויפטרייסלונג דאָס פלעגט אַרויסרופן. מיט וואָס פאַראַ הייליקן ציטער יידן פלעגן זיך אויפרייסן פון געשמאַקן שלאָף און לויפן מיט טלית און תפילין אין שיל אַריין צו די סליחות. די טיפע אויפרודערונג וואָס דאָס האָט אַרויסגערופן אין יידנס נשמה, און מיט וואָס פאַראַ אויפריכטיקער חרטה פלעגט דער ייד זאָגן די סליחות! — די שטאַרקסטע געפילן און איבערלעבונגען האָט דאָס אַלץ אַרויסגערופן!...

קאַפּיטל 12

אַלגעמיינער בליק

ווען דער ייִד וואָלט נישט געגלויבט אַזוי שטאַרק און טיף אין גאָט וואָלט ער שוין פון לאַנג געהאַט אונטערגעגאַנגען. ער וואָלט בשום אופן נישט געקענט איבערטראָגן און איבערהאַלטן די שרעקלעכע און אומהויפהערלעכע ליידן. נאָר דערפאַר וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק און טיף געגלויבט אין גאָט, האָט ער גע־קענט בלייבן לעבן. די ייִדישע רעליגיע האָט אויפגעהאַלטן און געראַטעוועט דעם ייִדן. דאָס וואָס דער ייִד האָט זיך כסדר, טאָג ווי נאַכט געוויקט אין רעליגיע; דאָס וואָס ער איז אויף יעדן שריט און טריט געווען אַרומגערינגלט מיט מצוות, מיט תורה און מיט תפילה; דאָס וואָס זיין רעליגיע האָט אים געגעבן אַן ענטפער אויף אַלע פּרעגן פון זיין שווער לעבן — דאָס האָט געהאַלטן געזונט זיין גייסט און זיין קערפּער. ער האָט געלעבט אין דחקות און אין נויט און איז דאָך געווען צופרידן און לעבנס־לוסטיק. נישט געווען קיין זעלבסטמאָרדן ביי ייִדן, נישט געווען קיין שיכרות, קיין רעזיגנאַציע, נאָר ס׳איז געווען אריכת־ימים. ייִדישע שטעט און שטעטלעך זיינען פול געווען מיט אַלטע לייט, זיידעס און באָבעס. פאַר וואָס? ווייל דער ייִד האָט געלעבט אין כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט גאָט. זיין רעליגיע האָט אים געשטאַרקט, זיין רעליגיע האָט אים גענערט. ער האָט גע־לעבט אין אָרעמקייט און אין מאַטעריעלער נויט? — דערפאַר האָט ער אַ סך גע־דאַוונט און געלערנט און געזאָגט תהילים.

די ייִדישע רעליגיע איז דער בעסטער באַווייז, ווי גרויס עס איז דער כוח פון גייסט. מען דאַרף נאָר מיט אַן אמת גלויבן, מען דאַרף נאָר זיין גאַנץ מיט זיך אַליין, מען דאַרף נאָר זיין שלום מיט זיך, ווי מען קען פירן אַ גוט און צו־פרידן לעבן מיט אַ מינימום מאַטעריעלע מיטלען — אַ שטיקל ברויט מיט וואַסער די נשמה צו דערהאַלטן, אַ ווינקל ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, אַ ברעקל שטאָף צוצודעקן די נאַקעטקייט און מ׳קען שוין זיין צופרידן. גליק און לעבנס־פרייד קומט נישט פון קיין מאַטעריעל רייכטום, נאָר פון אינערלעכער האַרמאָניע, פון אינערלעכער רו. מ׳קען לעבן אין אויסערלעכן רייכטום און ווילטיק, און דאָך זיין אומגליקלעך, צעפרעסן ווערן פון אינערלעכע פיינען, פון גייסטיקן געראַנגל מיט זיך אַליין, פון ספקות און אומעט, פון עלנט און פאַרצווייפלונג. נישט קיין לוקסוס־פּאַלאַצן, נישט קיין הויפנס גאָלד, נישט אַלע אוצרות פון דער וועלט,

קענען לינדערן גייסטיקע ליידן און היילן וויטיקן פון דער נשמה. אינערלעכע רו, אינערלעכע האַרמאָניע — דאָס איז עס וואָס גיט דעם מענטשן אַ געזונט און קרעפטיק לעבן. און דאָס האָט רעליגיע געגעבן דעם ייִדן. גאָט איז געווען דער ענטפער אויף אַלע אינטימסטע באַגערן וואָס אַנטשטייען אין דער מענטשלעכער נשמה. גאָט איז געווען אַ היילונג צו אַלע קראַנקע הערצער, צו אַלע זוכעניש און אומרוען פון גייסט. וואָס מאַכט דען קראַנק דאָס מענטשלעכע האַרץ? וואָס מאַכט דען אומרויִק דעם מענטשלעכן גייסט? וואָס פאַראורזאַכט אינערלעכע פּיין און ליידן? — דאָס נישט האָבן קיין אַנהאַלט אין לעבן. דער מענטש וויל אַז זיין לעבן, זיין עקסיסטענץ, זיין „זיין״, זאָל האָבן אַ זינען און אַ צוועק. אַן גאָט איז דער מענטש עלנט און פאַריתומט. ער האָט נישט פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן אין אַ נויט און פאַר וועמען דאָס האַרץ אויסצוגיסן ווען עס ווערט פול. ער האָט נישט ווער עס זאָל אים באַדויערן אין זיינע ליידן און ווער עס זאָל אים באַגריסן אין זיינע פריידן. קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אים, ווען ער פאַלט און קיינער העלפט אים נישט אויפשטיין. קיינער באַדויערט אים נישט אין אַן עת צרה און קיינער פילט אים נישט מיט, ווען עס טוט אים וויי. קיינעם האַרט נישט זיין פּיין. קיינעם קימערט נישט זיינע מפּלות און קיינער טרייסט אים נישט אין זיינע אומגליקן. אַליין איז דער מענטש אויף דער וועלט; אַליין דאַרף ער שלעפּן דעם שווערן יאָך פון זיין לעבן; אַליין דאַרף ער טראָגן די שווערע משא פון ליידן און יסורים, ביז זיין לעבן קומט צו ענדע. שווער, אומגעהויער שווער איז פאַרן מענטשן דער באַוווסטזיין פון אַזאַ זינלאָזן לעבן און ציללאָזער עקסיסטענץ. לעבן בלייבט דאַן רעדוצירט צו אַ שפּיל פון ליידן און יסורים, וואָס דער סוף דערפון איז טויט, נישט־זיין.

מיט גאָט איז דעם מענטשן גוט און היימלעך אויף דער וועלט. ער פילט זיך געשיצט און אָפּגעהיט. ער פילט זיך אונטער אַ געטרייער אויפזיכט און אַ זיכערער שמירה. ער פילט אַז מ׳גיט אויף אים אַכטונג און מ׳קוקט אים נאָך. ער האָט צו וועמען זיך צו ווענדן אין זיינע ליידן און ווער עס זאָל אים אויסהערן ווען עס טוט אים וויי. אין יעדן שווערן מאָמענט פון זיין לעבן, ווענדט ער די אויגן צום הימל און עפנט אויף זיין האַרץ פאַר גאָט. רעדט זיך אויס פאַר אים ווי פאַר אַ געטרייען פאָטער און איז זיכער אַז זיינע רייד זיינען פאַרנומען געוואָרן. דאָס ברענגט דעם מענטשן באַרויִקונג, טרייסט און דערלייכטערונג.

דער מענטשלעכער איך וויל כסדרדיקער אַנערקענונג און באַיאָונג, און קריגן אין לעבן קריגט ער נעגאַציע און פאַרניינונג. דאָס פאַרשאַפט ליידן, דאָס צעברעכט און מאַכט קראַנק. די ליבע צו אונדזער איך, איז דער שטאַרקסטער און אינטימסטער געפיל אין אונדז. נישטאָ נאָך איין געפיל וואָס זאָל זיין אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין אונדז, אַזוי טיף אַריינגעקנאָטן און אַריינגעוועבט אין יעדן צעל פון אונדזער וועזן. זי פילט אונדז אויס און רינגלט אונדז אַרום. זי באַשטימט אונדזער דענקען און ריכטעט אונדזער פילן. נישטאָ קיין איינציקע מחשבה, וועל־

כע זי זאָל נישט באַאײנפלוסן. זי איז די געהײמע קראַפט וואָס באַוועגט אונדזער גאַנץ גײסטיק לעבן. זי נערט אונדזערע חלומות און טרוימען. זי שפּײזט אונדזערע האָפענונגען און שטרעבונגען. זי שטויסט אונדז צו קאַמף און אונטערנעמונג. זי איז דער קוואַל פון אונדזער פרייד און טרויער, ענטוזיאַזם און אַנטוישונג.

דורך גאָט קריגט די מענטשלעכע זעלבסטליבע אַ טיפע פאַרענטפערונג. דורך פאַרבינדן זיך איך מיט גאָט, קריגט זײַן לעבן אַ זינען. פאַר דעם וואָס גלויבט אויפריכטיק אין גאָט, איז גאָט אַן ענטפער אויף אַלע זײַנע פראַגן. אַלע זוכעניש, אַלע אינערלעכע אומרוען און אַלע ספקות, ווערן פאַרענטפערט מיט גאָט. גאָט האָט אויפגעהויבן דעם זוכנדיקן מענטשן צו זײַן אײגענער הויך און אַזוי אַרום געגעבן אַ זינען זײַן עקסיסטענץ. די אײדעלע גײסטער וואָס האָבן געזוכט העכערע ווערטן אין לעבן, האָט זײ גאָט געגעבן די העכערע ווערטן. די דענקער־ און דיכטער־נשמות, וואָס האָבן געבענקט און זיך געצויגן צו ליכט, איז גאָט געווען פאַר זײ דאָס אויסגעבענקטע ליכט, און פאַר דעם פּשוטן מענטשן, איז גאָט געווען זײַן שטאַרקסטער אָנשפּאַר און אָנלען. צו גאָט איז מען געלאָפן אין יעדן שווערן מאָמענט; פאַר גאָט האָט מען זיך שטענדיק געקענט פאַרטרויען; צו אים איז מען געלאָפן אין אַ נויט; פאַר אים האָט מען געקענט אויסגיסן דאָס שווערע האַרץ. גאָט האָט שטענדיק אויסגעהערט, געטרייסט, געגלעט און געצערטלט. מיט גאָט איז מען קײן מאָל נישט געווען עלנט און אײנזאַם. גאָט איז געווען אַ הײלונג צו אַלע קראַנקע הערצער. יעדער האָט געפונען אין גאָט דאָס וואָס ער האָט געזוכט און וואָס ער האָט געדאַרפט.

וואָס מער רעליגיע איז געווען עקסטענטיוו, אַלץ מער שאַנסן האָט זי געגעבן דעם גלויביקן צו זײַן פאַרבונדן מיט גאָט. דאָס איז געווען דער פאַל מיט דער ייִדישער רעליגיע. זי איז געווען טאָטאַל, אינטעגראַל, האָט אַרומגענומען אַלע געביטן פון לעבן און זיך אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן לעבנס־דויער. עס איז געווען אַ רעליגיע וואָס האָט באַגלייט דעם אינדיווידום פון געבוירן ביזן שטאַרבן. יעדער קער און ווענד איז געווען סובלימירט. דער ייִד האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן זײַנס באַוועגט אינערהאַלב אַ רעליגיעזער אַטמאָספער און דאָס האָט פאַרגרינגערט זײַן לעבנס־יאָך.

דערצו זײַנען צוגעקומען נאָך גלויבנס־עלעמענטן, וואָס האָבן פאַרלײַכטערט דעם יאָך פון זײַן לעבן. דער ייִד האָט געגלויבט, אַז אַלץ געשעט לויט גאָטס רצון. אויב ער איז אָרעם און דער צווייטער איז רײַך, ווײַל גאָט אַזוי; אויב ער איז קראַנק, לײַדט און לעבט אין דחקות און דער צווייטער איז געזונט, גליקלעך און לעבט אין ווילטיק, האָט עס גאָט אַזוי געמאַכט. אַ ייִד מוז אָננעמען פאַר ליב אַלץ וואָס עס קומט אויף אים, מוז אַלץ מקבל באַהבה זײַן, וואָרעם „אַלץ קומט פון זײַן ליבן נאָמען“. אַליין טוט זיך גאָר נישט און מ'דאַרף נעמען די לײַדן פון לעבן מיט רעזיגנאַציע און הכנעה, וואָרום ס'איז אַ „גאָט־זאַך“. אַלץ איז אַ „גאָט־זאַך“ און אַרויסטרעטן קעגן דעם ווילן און באַשטימונג פון גאָט, האָט קײן

זינען נישט. חוץ דעם האָט נאָך דער פרומער ייִד געגלויבט אין שכר ועונש — אַז יעדער גוטער און פרומער טאַט וועט באַלוינט ווערן אויף יענער וועלט. קיין שום מצווה וועט נישט בלייבן אומבאַלוינט און קיין שום עבירה וועט נישט בלייבן אומבאַשטראָפט. אויב אַ ייִד מאַטערט זיך און ליידט אויף דער וועלט, וועט אים זיין גוט אויף יענער וועלט. אַלץ איינס איז דאָס לעבן אויף דער וועלט נישט מער ווי אַ חיי שעה און דאָס לעבן אויף יענער וועלט איז אַ חיי עולם. נישט כדאי צופיל צו זאָרגן פאַר די באַקוועמלעכקייטן און הנאהס פון גוף, בעסער זאָרגן פאַר דער נשמה. זיין אַן אָפּגעהיטענער ייִד; מקיים זיין וואָס מער מצוות, היטן גאָטס געבאָטן, לערנען תורה, היטן תפילה בזמנה, זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים און זיין באַהעפט מיט השם יתברך. וואָס נאָך האָט אַ ייִד באַדאַרפט !...

אינהאַלט

ערשטער עסיי

כאַראַקטער און אַנשויונג

קאַפּיטל 1 — די וועלט און די דענקער — — — — — — — — — — — 7

קאַפּיטל 2 — לעבנס־פילאָסאָפיע — — — — — — — — — — — — — 48

קאַפּיטל 3 — די ראָלע פון געפיל אין אונדזער אַלטעגלעכן לעבן — — — — 74

קאַפּיטל 4 — דער בייט פון אונדזערע אידעען אין אָרט און צייט — — — 87

קאַפּיטל 5 — די ראָלע פון עגאָטישן מאָמענט אין דער אויפהאַלטונג פון אונדזערע אידעען — — — — — — — — — — — — — — — 103

קאַפּיטל 6 — פאָלקס־כאַראַקטער און פאָלקס־געניוס — — — — — — — — 113

צווייטער עסיי

געטער געבורט

קאַפּיטל 1 — די פאָר־רעליגיע פאַזע — — — — — — — — — — — — — 123

קאַפּיטל 2 — מיטאָס־שאַפנדיקער געדאַנק — — — — — — — — — — — 133

קאַפּיטל 3 — פרימיטיווע רעליגיע — — — — — — — — — — — — — 154

קאַפּיטל 4 — רעליגיע אין אַלטערטום — — — — — — — — — — — — 171

קאַפּיטל 5 — גלויבן און אַגנאָסטיציזם — — — — — — — — — — — — 186

דריטער עסיי

ייד און גאָט

קאַפּיטל 1 — די מאָנאָטעיִסטישע אידעע — — — — — — — — — — — — — — 199

קאַפּיטל 2 — השפּעות פון דער מדבר — — — — — — — — — — — — — — — 205

קאַפּיטל 3 — ווען איז אַקטועל געוואָרן די תורת משה? — — — — — — — 210

קאַפּיטל 4 — עם סגולה און עם קשה עורף — — — — — — — — — — — — 213

קאַפּיטל 5 — יעקב און עשו — — — — — — — — — — — — — — — — — — 217

קאַפּיטל 6 — יידן, די צעשטערערס פון געץ — — — — — — — — — — — — 221

קאַפּיטל 7 — נביאים און נבואה — — — — — — — — — — — — — — — — 225

קאַפּיטל 8 — תהילים — 232

קאַפּיטל 9 — די רעליגיע פון דער ביבל און די רעליגיע פון שולחן ערוך 237

קאַפּיטל 10— דער יידישער קאָמפּלעקס — — — — — — — — — — — — — — 243

קאַפּיטל 11— שבת און יום־טוב — — — — — — — — — — — — — — — — — 249

קאַפּיטל 12— אַלגעמיינער בליק — — — — — — — — — — — — — — — — — 260

פאַרלאַג פון קולטור-קאָנגרעס

דובנאָוו ש.: וועלט-געשיכטע פון יידישן פאָלק 1—10

" " געשיכטע פון חסידיזם 1—3

" " דאָס בוך פון מיין לעבן 1—3

ראַווידאָוויטש ש.: שריפטן

ציִנבערג י., ד"ר: געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן I—X

ניגער ש.: י. ל. פרץ

" " קריטיק און קריטיקער

ראַפּאָפּאָרט י.: תנ"ך-אימפּראָוויזאַציעס (אויספאַרקויפט)

" " זוימען אין ווינט

אַשענדאָרף י.: לעצטע שריפטן

דאָס טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק

סוסקאָוויטש ש.: די צוויי קוואַלן פון מאָראַל

שאַצקי י., ד"ר: אליהו בחור

ראָזשאַנסקי ש.: יעקב דינעזאָן

אַלמי א.: ספּינאָזאַ קאָנטראַ ספּינאָזאַ

„אינאייגנעם" — **זאַמלביכער** 1—2

י. ל. פרץ: 10 לידער (מיט נאָטן)

באָלעסלאַוו לעווין: יידישע דעראָבערער און מאַרטירער אין לאַטיין-אַמעריקע

ח. וואָלף: דריי עסייען

NUESTRAS EDICIONES EN IDISCH

Simón Dubnow: HISTORIA UNIVERSAL DEL PUEBLO JUDÍO (10 tomos)

Simón Dubnow: EL LIBRO DE MI VIDA (en 3 tomos)

Simón Dubnow: HISTORIA DEL JASIDISMO (3 tomos)

Dr. I. Zinberg: HISTORIA DE LA LITERATURA JUDÍA (10 tomos)

Simón Rawidowicz: ESCRITOS

S. Niger: I. L. PERETZ

S. Niger: CRÍTICA Y CRÍTICOS

O. Rapoport: IMPROVISACIONES BÍBLICAS

O. Rapoport: ENSAYOS Y MEMORIAS

Israel Aszendorf: OBRAS PÓSTUMAS

Ana Frank: DIARIO

Salomón Suskovich: LAS DOS FUENTES DE LA MORAL

Dr. Jacobo Shatzky: ELIE BOCHUR (ELÍAS LEVITA)

Samuel Rollansky: JACOB DINESON

A. Almi: ESPINOSA CONTRA ESPINOSA

"Ineinem": ESCRITOS (2 tomos)

I. L. Peretz: 10 POESÍAS Y MÚSICA

Lewin Boleslao: MARTIRES Y CONQUISTADORES JUDÍOS EN LATINOAMÉRICA

J. Wolf: TRES ENSAYOS

© 1969 by

Asociación Pro-Cultura Judía

Buenos Aires

Queda hecho el depósito que previene la ley 11.723

IMPRESO EN LA ARGENTINA

PRINTED IN ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir el día 10 de junio de 1969, en los Talleres Gráficos ZLOTOPIORO HNOS. S. R. L., San Luis 3149, Buenos Aires, República Argentina.

J. WOLF

TRES ENSAYOS

(DRAI ESEIEN)

★

ASOCIACION PRO-CULTURA JUDIA
Ayacucho 483 Buenos Aires